STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03715

SHOLEM ALEYKHEM'S VERKE

Sholem Aleichem

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלום עליכם׳ס ווערקע

ערצעהלונגען און מאנאלאגען

זעקסטער באנד

טאגעבלאטט׳ס פרעמיום אויסגאבע

נויארק

תרע״ב—1912.

אינהאַלט

— פון —

זעקסטען באנד

1) דער דייטש.

2) יוסף.

3) נישטאָ קיין נייעס.

4) פינף און זיעבציג טויזענד.

5) פעסעלע דעם רבינ'ס.

6) עולם הבאָ.

7) די יורשים.

8) וואָס איז חנוכה?

9) צו דער סעודה.

10) הונדערט איינס.

11) די ערשטע קאָמונע.

12) מיט'ן עטאַפּ.

13) ס'אָ ליגען.

14) שמואליק.

15) די ערב פסח'דיגע עמיגראַציע.

16) יעדער פאַר אונז.

17) דער איינגסטער פון די מלכים.

דער דייטש

דער דייטש

בין איך אליין ווי איך האב אייך געזאגט, א דראזשנער, פון דראזשנע הייסט דאס, א קליין שטעדטיל אין פאדאליער גובערניע, גאר א קליין שטעדטיל; היינט איז שוין דראזשנע כלומר׳שט א שטאדט מיט א באהן מיט א סטאנציע מיט א וואקזאל... אז דראזשנע איז געווארען א סטאנציע האט אונז די גאנצע וועלט מקנא געווען, א קלייניגקייט א באהן! מע האט געמיינט דאס וועט ווערען א מחיה, א מקום פרנסה, מע וועט זשעברען פולע זשמע־ניעס מיט געלד, מע וועט גליקליך ווערען! יודען זענען זיך צונויפגעפאהרען פון די דערפער ארום אין שטאדט אריין; בעלי בתים האבען גענומען איבער־בויען די הייזער, שטעלען נייע קלייטען; די טאקסע פון פלייש האט מען געהעכערט; מע האט שוין אנגעהויבען קלערען מכח א נייעם שוחט, מכח נאך א בית המדרש און מכח אפנעמען געלד אויף צו פערברייטערען דאס אלטע בית עולם — בקצור ס׳איז געווארען „לידוּדים". א ווערטעל? א באהן, א סטאנציע, א וואקזאל! בעלי עגלות האבען זיך אפילו תחילת א ביסעל געבונ־טעוועט, געווען שטארק ניט צופריעדען פונ׳ם עסק, נאר ווער פרעגט זיי? מע האט אויסגעלייגט רעלסען, ארויפגעבראכט וואגאנעס, אנידערגעשטעלט א וואקזאל, אויפגעהאנגען א גלעקעל, צוגעשלאגען א ברעטיל: „סטאנ־ציא דראזשנא" — און רעדט צו דער וואנד!

אז ס׳האט אנגעהויבען געהן די באהן, רופט זיך אן צו מיר מיינע: „וואס רעכענסט דו צו טהון, יונהלי?" (יונה רופט מען מיך). „וואס זאל איך, זאג איך, טהון? דאס וואס אלע יודען טהוען; אלע דראזשנער יודען דרעהען זיך ביי דער באהן, וועל איך מיך אויך דרעהען ביי דער באהן!.." און האב

„שלום-עליכם", באנד II, 8.

פרעמיע ט. ב.

גענומען דאָס שטעקעל און בין אַרוים אויפ'ן וואָגזאַל און בין געוואָרען מיט נאַט ווייניגער הילף אַ „פּראַוויטעל“. וואָס הייסט אַ פּראַוויטעל? אַ פּראַוויטעל הייסט: יענער האַנדעלט אַ וואַגאָן תבואה און בעדאַרף דעם וואַגאָן תבואה אַנגרוזען און אָפּשיקען, איז דערויף געשטעלט געוואָרען אַ „פּראַוויטעל“. נאָר אַזוי ווי כמעט אַלע דראַזשנער יודען זענען געוואָרען פּראַוויטעלעס, איז נישט גוט, מיטשעט מען זיך, דרעהט מען זיך; אַמאָל קויפט מען ביים גוי אַ זעקעל תבואה, און מע פערקויפט דאָס מיד ליד; איז אָדער מע פאַרדיענט, אָדער מע דערלייגט; און אַמאָל טהוט מען אַ חאַפּ פון דער זייט אַ מעקלעריי, אַבי סע לאָזט זיך, אַ דאָס, אַ יענץ — שלעכט, ניטאָ וואָס צו טהון! אַי ס'איז פריהער אויך נישט געווען וואָס צו טהון? איז חאָטש ניט געווען קיין באַהן, איז דער פאַרדרוס, ווי זאָגט איהר, ניט געווען אַזוי גרויס; צו וואָס האָט אונז געטויגט די סטאַנציע מיט'ן וואָגזאַל מיט'ן גלעקיל, מיט'ן גאַנצען טאַרעראַם?

טרעפט זיך אַ מעשה — איך שטעה מיר אַזוי איינמאָל אויפ'ן וואָגזאַל אַביסעל פערזאָרגט און בעגלייט אַרוים דעם „פּאָטשטאָווע פּאָיעזד“, ס'איז שוין נאָכ'ן דריטען קלינג, דער לאָקאָמאָטיוו האָט שוין גוט אָנגעפּייפט און פונ'ם קומען זעצט אַ רויך, איך טהו אַ קוק אויף דער פּלאַצפאָרמע שטעהט אַ פּריצל, אַ הויכס און אַ דאַרס מיט קעסטעלדיגע הויזען, מיט אַ הויכען קאַפּעלוש און מיט אַ סך טשעמאָדאַנעס; ער שטעהט אויסגעצויגען דעם האַלז און קוקט זיך אַרום ווי אַ זינדיגער מענש אויף אַלע זייטען. „אָט דאָס פּריצל קעהר עפּיס באַדאַרפען האָבען“ — טראַכט איך מיר און פיהל, עס האָט מיך ווי עמיצער אַ טאָרע געטהון פון אונטען: „יהודי, געה צו צו איהם און טהו איהם אַ פרעג, אפשר דאַרף ער עפּיס?“ און אַזוי ווי איך האָב מיר נור געריהרט פון אָרט, אַז ער טהוט זיך ניט צו מיר אַלאָז, הויבט אויף דעם קאַפּעלוש און מאַכט צו מיר אויף דייטש, ציהט אויס מיט אַ נגון:

— גוט מאָ—יען, מיין העררו!

— אַ גוט יאָהר זאָל אייך זיין! — זאָג איך צו איהם אויף דייטש און אַ ביסעל אויף יודיש, און דאָס איבעריגע מיט די הענד. און איך פרעג איהם פון וואַנען ער פאָהרט? מאַכט ער צו מיר: ציי חיים איך ניט עפּיס אַ רעכטע קוואַרטיר, אַ „שטאַנציאָן“ פין זיינעטוועגען?

— אַוודאי! — זאָג איך — פאַר וואָס זאָל איך ניט ווייסען? און איך דאַרצען טראַכט איך מיר: „אַי—וואַ! אַ אין עבדה וואָס ס'איז ביי מיר ניט

קיין אכסניה. ס'זאל אבער זיין ביי מיר אין אכסניה, וואלט איך דאך איהם פארפיהרט צו זיך, ס'איז א וואהלער דייטש, מע וואלט געקאנט ארום איהם עפּיס פארדינען"... און באלד פליהט מיר דורך צוריק א מחשבה: „טפש! עס שטערט דען אנגעצייכענט ביי דיר אויפ'ן שטערן, אז ס'איז ביי דיר ניט קיין אכסניה? עלעהיי לאז זיך דיר דאכטען, אז ס'איז ביי דיר יא אנ'אכסניה!"
און איך רוף מיך אן צו איהם אביסעל אויף יודיש, אביסעל אויף דייטש און דאס איבעריגע דערמאך איך מיט די הענד:

— אויב זיי וואולען מיין האהר, לאזען זיי הייסען נעמען א בעל עגלה, וועל איך זיי טהון דערפיהרען אויף דער בעסטער אכסניה, שטאנציאן הייסט דאס פערוויסארט!

דערהערט פון מיר אזעלכע דבורים, ווערט דער דייטש מלא גדולה און מאכט צו מיר, בעוויזט מיט דער האנד אויפ'ן מויל:

— האבען זיי וואס צו עסען? שפייזען?

— די בעסטע שפייזען! — זאג איך צו איהם — זיי וועלען אם ירצה השם האבען האנאווע (הנאה) הערר דייטש, ווארום מיין פלונית, מיין פרוי הייסט עס, איז א וועלטענע באלאבאסטא (בעל-הבית'טע); איהר באקען און איהר קאכען האט א שם, איהרע פיש מעג עסען דער מלכות, דער קעניג אחשורש הייסט דאס...

— יא וואהל! — מאכט ער צו מיר מיט א שמחה און די אויגען בשעת מעשה לויכטען איהם און דאס גאנצע פנים שיינט איהם ווי די זון.

„א חכם א דייטש!" — טראכט איך מיר און מאך ניט קיין לאנגע מחזקות און בעשטעל א בויד און איך פארפיהר איהם גלייך צו מיר אהיים.

נעקומען אהיים, געב איך איבער באלד מיין ווייב אלסדינג, אז גאט האט מיר צוגעשיקט אנ'אורח א דייטש גאר אנ'אנטיק; נאר א יודינע פערשטעהט דען עפּיס? הויבט זי דאך אן מסתמא מיך באגראבען, ווארום איך האב אנגעטראפען פונקט אויף דער בייזער שעה, ווען מען ראמט אין שטוב: „וואס פאר אורחים, וואס פאר געסט פלוצים אין מיטען דרינען?.." „יודינע בלא, זאג איך צו איהר, דבר ניט אויף אונזער צונג מחמת דער אדון איז מבין בלשון אשכנז!" הערט זי מיך עפּיס, אז זי האלט סאמע אין מיטען ראמען? קערט זי מיט'ן בעזעם גלייך אין פנים אריין און וואַרטשעט. זי וואַרטשעט און איך מיט'ן דייטש שטעהען ביי דער טהיר, ניט אהין ניט אהער, קוים מיט צרות איך האב איהר איינגערעדט, אז ס'איז ניט קיין אומזיסטער אורח, ס'איז — פאר געלד, און מע קאן נאך אדרבה ארום איהם עפּיס חאפּען,

אפלעקען א ביינדיל... ווענט איהר שוין פארטיג? אז איך האב זי שוין גוט איבערגערעדט, מאכט זי צו מיר: „וואו זשע וועל איך איהם באלייגען — אין דער ערד?“ — „שטיל זאל זיין — זאג איך צו איהר — נארישע יודענע, מע זאגט דאך דיר זאלסט ניט דבר'ן, ווארום דער אדון איז מבין כל דבור!“ ערשט דערמאלט האט זי פארשטאנען וואס מע מיינט, און מיר האבען איהם אבגעטרעטען אונזער אלקער, און מיין ווייב האט גענומען אין איין כהרף עין צובלאזען דעם סאמאוואר און געשטעלט זיך קאכען וועטשערע. תחילת, אז מיין דייטש האט דערזעהען דעם אלקער האט ער אפילו אביסעל פארדרעהט מיט דער נאז, ווי איינער רעדט: „עס האלט געמעגט זיין אביסעל בעסער!“ נאר וואס פארשטעהט קיר״ה דייטש? אבי מע האט נאר אריינגעטראגען דעם סאמאוואר, פערפארעט טיי און דערצו האט ער ארויסגענומען א גוט פלעשיל ראם און געמאכט א שנאפס (און מיר אויך געגעבען א שנעפסיל), איז שוין געווארען רעכט און ער האט זיך צולייגט מיט די טשעמאדאנעס ווי ביי זיין טאטען אין ווייגארטען, און מיר זענען געווארען חבר.

נאך דער טיי מאך איך מיט איהם א רעד, אהין אהער, וואס טהוט ער היע? מיט וואס האנדעלט ער? טאמער דארף ער עפיס קויפען, פארקויפען? לאזט זיך אויס, אז דארפען דארף ער גארנישט, עפיס מאשינעס, זאגט ער, בעדארפען דורכגעהן, ווייס איך, א נעכטיגער טאג, און בשעת מעשה חאפט ער אלע מאל א קוק אין אויבען אריין און פרעגט זיך נאך אלע מינוט צי ס'איז נאך נישט פארטיג דאס עסען? „אפנים, זאג איך צו איהם, הערר דייטש, זיי האלטען גוט פון דער אכילה!“ ענטפערט ער דאך מיר מסתמא פדרוך, ווארום א דייטש פערשטעהט דען וואס מע רעדט צו איהם? אזוי לאנג אזוי ברייט ביז מע האט איהם געגרייט צו טיש און דערלאנגט די וועטשערע — א פרישע יויך א מהיה'דיגע מיט מאנדלען, מיט א גאנץ עוף מיט מאנעגרייפלעך און מיט מערעלעך און מיט פעטרישקע און מיט... מיט... מיט... (מיינע, אז זי וויל נאר, קאן זי!) „ברוכים היושבים!“ זאג איך צו איהם און ער ענטפערט מיר נישט קיין חצי דבור, זיך צוגעחאפט צום עוף ווי נאך א תענית. „ברוכים-היושבים-קומט-ניט-עסען-עסט-געזונד!“ מאך איך צו איהם ווידער א מאל און ער זופט די יויך געשמאק, ער זאל דאס אפילו ענטפערען דאס צווייטע ווארט, חאטש זאגען א דאנק, — ווער? וואס? „א גראבער נפש, טראכט איך מיר, און א גרויסער זולל וסובא'ניק!“

הכלל ער האט אפגעגעסען, פערדרויכערט א לאנגע פיפקע און זיצט און שמייכעלט. איך זעה מיין דייטש קוקט זיך ארום אויף אלע זייטען, זוכט א פנים

אנגעשפארט אויף דעם קאפ אנגעשפארען און די אויגען ביי איהם קלעפען זיך, טראכטען מכח נאכטלעגער. האב איך א וויגק געטהון צו מיינער: „וואו מאכט מען איהם א נעלעגער?" זאגט צו מיר מיינע: „וואס הייסט וואו? טאקי אין מיין בעט". און זי מאכט נישט קיין לאנגע שהיות און געהט צו צום בעט און הויבט איהם אן מאכען א נעלעגער, פאנאנדערגעשלאגען דאס בעטגעוואנד, ווי עס געהער צו זיין (מיינע אז זי וויל קאן זי) — איך טהו א קוק — מיין דייטש איז עפיס נישט צופריעדען, עס געפעהלט איהם ניט אפנים, וואס סע פליהען פעדערן, מחמת ער פארדרעהט מיט דער נאז און הויבט אן ניסען מיט סכנת נפשות. מאך איך צו איהם: „וואכסען זאלט איהר, הערר דייטש!" מיינט איהר אז ער ענטפערט מיר: א דאנק? ווער — וואס? א גראבער נפש, טראכט איך מיר, און א ווילדער מענש. מיינע האט איהם געמאכט א געלעגער ביז דער סטעליע, סע מעג ליגען דער קיסר, (מיינע אז זי וויל נאר, קאן זי!) א גאנצע „העסע-בעט", און מיר האבען זיך מיט איהם גאנץ פיין אבגעזעגענט, געווינשט איהם א גוטע נאכט און געגאנגען שלאפען.

תחילת, אז מיר האבען זיך געלעגט שלאפען, הער איך מיין דייטש שלאפט קיין עין הרע גאנץ געשמאק, חראפעט מיט א מאדנע שטימע, סאפעט ווי א לאקאמאטיוו, פייפט און חארכעלט ווי א געקוילעטער אקס, און פלוצים חאפט ער זיך אויף און קרעכצט און איקעט און פארשקעט און קראצט זיך און שפייט און וואָרטשעט, און קערט זיך איבער אויף דער אנדערער זייט, טהוט א ביסעל א חראפע און א סאפע און א פייף און א חארכעל און חאפט זיך ווידער אויף מיט א קרעכץ און מיט א ניאוי און מיט א פארשקע און מיט א קראצען זיך און מיט א שפייען און מיט א וואָרטשען, און אט אזוי עטליכע מאל, ביז ער שפרינגט אראפ פונ'ם געלעגער און איך הער ווי עס פליהט דאס בעטגעוואנד אין דער ערד אריין, איין קישען נאכ'ן אנדערען מיט א מין כעס און מיט משונה מאדנע ווילדע ווערטער: „צום טייוועל! סאקראמענטא! דאננערדר וועטערדר!" איך לויף צו, איך טהו א קוק דורך א שפארינקע אין דער טיר — מייט דייטש שטעהט אויף דער ערד אדם נאקעט, ווארפט דאס בעטגעוואנד פונ'ם בעט, שפייט קלעק און שעלט זיך אויף זיין שפראך, מע זאל נאר בעהיט ווערען. „וואס איז די מעשה, זאג איך הערר דייטש?" און עפען אויף די טהיר, ווערט ער מלא רציחה און פאלט אן אויף מיר מיט קלאקעס, וויל מיך דורס זיין, חאפט מיך פאר א האנד און פיהרט מיך צו צום פענסטער און ווייזט מיר ווי ס'האט איהם צוביסען דאס גאנצע לייב און טרייבט מיך ארויס און פארמאכט די טיר. „א משוגענער דייטש, — רוף איך

מיך אָן צו מיינער — און אַ גרויסער מפּיק! ס'האָט זיך איהם אויסגעוויזען, זאָג איך, אַז עס בייסט איהם, איז הימעל עפֿען זיך!..״ „ווי קומט דאָס? ס'איז מיר אַ חדוש! — זאָגט מיינע — ערשט אויף פסח געריינינגט דאָס בעטגעוואַנד און געפּאַרעט דאָס בעט מיט קאַראַסין״...

אין דער פֿריה, איך האָב געמיינט מיין דייטש וועט דאָ חערען ברוגז און וועט אַנטלויפֿען פֿון אונז וואו דער שוואַרצער פּעפּער וואַכסט, צום סוף — ווער וואָס? ווידער אַ „גוט מאָ—יען״ און ווידער געשמייכעלט, און ווידער געפּיפּקעט מיט דער פּיפּקע, און ווידער געהייסען זיך קאָכען עסען, און דערווייל צו דער טיי געהייסען זיך אָפּקאָכען ווייכע אייער, מאָצינקעס, וויפיל מיינט איהר אייער? כמעט אַ צעהנדליג! און צום עסען גענומען אַ רעכטען שנאַפּס און מיר אַ שנעפּסיל און הי — געלעבט: געקומען ביינאַכט — ווידער די אייגענע שפּיעל: פֿריהער געחראַפּעט, געפּייפֿט און געסאָפּעט און געהאָרכעלט, און נאָכדעם געקרעכצט און געאויקעט, געפּאָרשקעט און געקראַצט זיך און געשפּיגען און געוואָרטשעט, און אויפֿגעחאַפּט זיך און אַראָפּגעוואָרפֿען דאָס גאַנצע בעטגעוואַנד און געשפּיגען קלעק און געביזערט זיך און געשאָלטען אויף זיין לשון. „צום טייוועל! סאַקראַמענטאָ! דאָננערדר וועטערדר!..״ און אויפֿגעשטאַנען אין דער פֿריה ווידער „גוט מאָ—יען״, ווידער געפּיפּקעט מיט דער פּיפּקע, און ווידער געשמייכעלט, און ווידער גענעסען, און ווידער גמאַכט אַ שנאַפּס און מיר אַ שנעפּסיל — אַזוי עטליכע טעג כסדר, ביז ס'איז געקומען די צייט, די מאַשינעס זענען למזל דורכגעגאַנגען און ער האָט באַדאַרפֿט אַוועקפֿאָהרען.

אַז ס'איז געקומען די צייט פֿון זיין אַוועקפֿאָהרען און דער דייטש האָט גענומען זיך פּאַקעווען אין וועג אַריין, מאַכט ער צו מיר, איך זאָל איהם דערלאַנגען אַ רעכענונג. זאָג איך: „וואָס האָבען מיר זיך דאָ צו רעכענען? ס'איז, זאָג איך, אַ קורצער חשבון, העררדייטש, עס קומט פֿון אייך פּינקט אַ כפּי־הייער...״ שטעלט ער אויס אַ פּאָר אויגען, ווי איינער רעדט: „הא? איך פֿערשטעה ניט!..״ מאַך איך צו איהם אויף דייטש: „זיי וועלען מוחל זיין באַצאָהלען אַ פֿינפֿאונדצוואַנציגער, פֿינף און צוואַנציג קערבלעך, רובעל הייסט דאָס!״ און בעוויז איהם אויף די פֿינגער צעהען און פֿינף. מיינט איהר דאָך אַז ער ווערד נתפּעל? הם מלהזכיר! ער פּיפּקעט מיט דער פּיפּקע און שמייכעלט און זאָגט צו מיר, אַז ער וואָלט נאָר וועלען וויסען פֿאַר וואָס קומט פֿון איהם פֿינף און צוואַנציג רובעל? און ער נעמט אַ שטיפֿטעל מיט

אַ שטיקעל פּאַפּיער און בעט מיך, איך זאָל איהם אויסרעכענען יעדער זאַך בעזונדער. „ביזט טאַקי אַוודאי אַ חכם אַ דייטש — טראַכט איך מיר — נאָר שׂכל האָב איך מעהר פֿון דיר; וואָס איך האָב אין פּיאַטע פֿאַרמאַכסט דו ניט אין קאָפּ...“ „שטעלט זייט מוחל, זאָג איך צו איהם, העררר דייטש, פֿאַר דער אַכסניה, שטאַנציאָן הייסט דאָס, זעכס טעג, זעכס מאָל אָנדערהאַלבען, איז ניין קאַרבען; זעכס מאָל צוויי, איז צוועלף סאַמאָוואַרען, צוועלף האַלבע גילדען איז ניינציג קאָפּיקעס; זעכס מאָל כמעט צעהן אייער אין דער פֿריה און צעהן אייער אויף דער נאַכט, איז 120, צוויי שאָק אייער, אַ קערביל אַ שאָק, איז צוויי קאַרבען, זעכס יויכען, זעכס עופֿות, צו פֿינף גילדען אַן עוף, אַ חוץ גרייפּליך, מאַנדלען, פּעטרישקע, דאָס, יענץ, לאָקש, בוידעם, ציבעלי, איז אַ גלייכער חשבון זעכס קאַרבען; זעכס נעכט, זעכס לאָמפּען — זעכציג קאָפּיקעס. שנאַפּס האָט איהר געטרונקען איינענעם — צוויי קאַרבען, קיין טיי און צוקער האָט איהר ניט גענומען — אַ קערבעל, איז דריי קאַרבען, קיין ווין האָט איהר ניט באַגערט — איין קאַרב, איז פֿיער קאַרבען; קיין ביער איז ניט געווען — זיבעציג קאָפּיקעס. האָט איהר אינאיינעם אַ קימאָלן אַזוי גרויס ווי כמעט פֿינף קאַרבען. נאָר בכדי ס׳זאָל אויסקומען צו אַ גלייכען חשבון, שטעלט פֿינף מיט פֿופֿציג. נו, רב דייטש, איז אינאיינעם ניט קיין פֿינף און צוואַנציגער?“ אַזוי מאַך איך צו איהם גאַנץ ערנסט, און איהר מיינט ער האָט מיר געזאָגט אַ קרום וואָרט? הס ושלום! געפּיפּקעט מיט דער פּיפּקע און געשמייכעלט און אַרויסגענומען אַ כף־הייער און אַ וואָרף געטהון, ווי מע וואַרפֿט אַרויס אַ דרייערל, זיך גאַנץ פֿיין אָבגעזעגנט און אַוועק מיט׳ן באַהן. „וואָס זאָגסט דו עפּיס מיין ווייב, אויף אַזאַ מין דייטש?“ — „גאָט זאָל צושיקען, זאָגט זי, אַלע וואָך אַזעלכע דייטשען, וואָלט געווען דוקא נישקשה׳דיג...“

דער דייטש איז אַוועקגעפֿאָהרען. ס׳איז נישט אַוועקגעגאַנגען קיין דריי טעג, קומט צוגעהן דער בריפֿטרעגער און דערלאַנגט מיר אַ בריעף, נאָר ער הייסט זיך פֿריהער בעצאָהלען 14 קאָפּיקעס. פֿאַר וואָס איז 14 קאָפּיקעס? — מע האָט פֿערגעסען, זאָגט ער, אָנקלעפּען אַ מאַרקע. בעצאָהלט די 14 קאָפּיקעס און אויפגעעפֿענט דעם בריעף — אויף דייטש געשריבען, איך פֿערשטעה ניט אַ וואָרט! איך הויב מיך אָן אַרומטראָגען מיט׳ן בריעף צו דעם, צו יענעם, קיינער קאָן ניט לייענען קיין דייטש; אַנ׳אומגליק! אויסגעלאָפֿען דאָס גאַנצע שטעדטעל, קוים מיט צרות געפֿונען אַ פּראָוויזאָר פֿון דער אַפּטייק, וואָס קאָן לייענען דייטש, האָט ער מיר דאָס בריוועל איבערגעלייענט און פֿאַרטייטשט, אַז דאָס שרייבט צו מיר איינער אַ דייטש און דאַנקט מיר זעהר פֿאַר

דער וואהלער רוהיגער שטאַנציאָן וואָס ער האָט בײַ מיר געהאַט און פֿאַר אונזער גאַסטפֿרײַנדליכקייט מיט אונזער ליעבהאַרציגקייט, וואָס ער וועט דאָס אייביג נישט פֿערגעסען... מהכא תיתי! — קלער איך מיר — זעהר שען, אַז דו ביזט צופֿריעדען טהוט מיר הנאה. און צו מײַנער רוף איך מיך אָן: „וואָס זאָגסטו דו אויף דעם דײַטש, קיין עין הרע נישט קיין קליינער נאַר?“ — „גאָט זאָל צו שיקען, זאָגט זי, אַלע וואָך אַזעלכע נאַראָנים, וואָלט געווען דוקא נישקשה׳דיג“...

עס געהט אַוועק נאָך אַ וואָך, איך קום צוגעהן פֿונ׳ם וואָגזאַל, טראָגט מיר מײַנע אַ קעגען אַ בריעף און זאָגט, אַז דער בריעפֿטרעגער האָט זיך געהייסען דערצאָהלען 28 קאָפּיקעס. „וואָס עפּיס 28 קאָפּיקעס?“ — „אַזוי זאָגט זי — וואָרום ער האָט אַנדערש ניט געוואָלט“. איך עפֿען אויף דעם בריעף — ווידער אויף דײַטש. איך לויף אַוועק צו מײַן פּראָוויזאָר און בעט איהם ער זאָל מיר איבערלייענען דעם בריעף; לייענט ער מיר, אַז דער זעלבער דײַטש איז נאָר וואָס איבערגעפֿאָהרען די גרעניץ און אַזוי ווי ער פֿאָהרט אַהיים צו זײַן פֿאָטערלאַנד, דאַנקט ער מיר זעהר פֿאַר דער וואהלער רוהיגער שטאַנציאָן וואָס ער האָט בײַ מיר געהאַט און פֿאַר אונזער גאַסטפֿרײַנדליכקייט מיט אונזער ליעבהאַרציגקייט, וואָס ער קאָן דאָס אונז אייביג ניט פֿערגעסען!.. מײַנע צרות אויף זײַן קאָפּ — טראַכט איך מיר, און קום אַהיים, פֿרעגט מיך מײַנע: „וואָס איז פֿאַר אַ בריעף?“ זאָג איך: „ווידער אַמאָל פֿונ׳ם דײַטש! ער קאָן אונז נאָר ניט, זאָג איך, פֿערגעסען די טובה דער משוגע׳נער דײַטש!“ — „אַז גאָט, זאָגט זי, זאָל צו שיקען אַלע וואָך אַזעלכע משוגע׳נע דײַטשען, וואָלט דוקא געווען נישקשה׳דיג“...

עס געהען אַוועק נאָך צוויי וואָכען, ברײַנגט מען מיר פֿון דער פּאָסט אַ גאַנץ גרויסען בריעף און ער הייסט זיך דערצאָהלען 56 קאָפּיקעס; וויל איך דאָך ניט; זאָגט צו מיר דער בריעפֿטרעגער: ווי איהר ווילט זיך! און נעמט דעם בריעף צוריק. טהוט זיך מיר אָבער באַנג, עס ווילט זיך זעהר וויסען פֿון וואַנט איז דער בריעף, טאָמער עפּיס אַ נייטיגע זאַך? באַצאָהלט 56 קאָפּיקעס, איך עפֿען אויף דעם פּאַקעט, איך טהו אַ קוק — ווידער אויף דײַטש. געה איך שוין מסתמא גלײַך צו מײַן פּראָוויזאָר און בעט איהם ער זאָל מיר מוחל זײַן, וואָס איך דול איהם אַלע מאָל דעם ספּאָדיק, וואָס זאָל איך טהון, אַז איך בין געשטראָפֿט, איך קאָן ניט לייענען קיין דײַטש! נעמט ער דער פּראָוויזאָר און לייענט מיר אַ גאַנצע מגילה, ווידער פֿונ׳ם דײַטש, אַזוי ווי ער איז שוין איצטער געקומען אַהיים און האָט זיך געזעהען מיט זײַן געליעבטער

פֿאַמיליע, מיט זיין „פֿרוי“ און קינדער, האָט ער זיי דערצעהלט אַלס דינג, ווי אַזוי ער איז געקומען צו אונז קיין דראַזשנע און ווי אַזוי ער האָט זיך בעגעגענט מיט מיר אויפ׳ן וואָגזאַל און ווי אַזוי איך האָב איהם פֿערפֿיהרט צו זיך אַהיים, געגעבען איהם אַזאַ וואהלע, אַזאַ רוהיגע שטאַנציאָן, לכן דאַנקט ער אונז זעהר און זעהר פֿאַר אונזער גאַסטפֿריינדליכקייט און פֿאַר אונזער ליעבהאַרציגקייט, וואָס ער ווערט דאָס אונז ניט פֿערגעסען אייביג ווייל ער וועט לעבען. „טפֿו זאָל ער ווערען!“ זאָג איך און בטל אויס צו איהם אַלע בייזע וויסטע חלומות, און מיינער וויל איך שוין גאָר ניט דערצעהלען פֿונ׳ם בריעף און מאַך זיך שוין גאָר ניט וויסענדיג.

עס געהט אַוועק נאָך דריי וואָכען קומט מיר אָן פֿון דער פּאָסט אַ „פּאָוויעסטקע“ אויף אַ רובל מיט 12 קאָפּיקעס. „וואָס איז דאָס פֿאַר אַ רובל מיט 12?“ פֿרעגט מיך מיינע. „לאָז מיך אַזוי וויסען, זאָג איך, ביז!“ און לויף אַוועק אויף דער פּאָסט און הויב זיך אָן נאָכפֿרעגען, פֿון וואַנען האָב איך עס אַ רובל מיט 12? זאָגט מען מיר, אַז ניט איך האָב אַ רובל מיט 12, אַדרבה, דאָס דאַרף איך גאָר בעצאָהלען אַ רובל מיט 12. „פֿאַר וואָס איז?“ — „פֿאַר אַ בריעף“ — זאָגט מען מיר. „פֿאַר וואָסער אַ בריעף, זאָג איך — אפשר פֿונ׳ם דייטש?“ — ענטפֿערט מען מיר ניט!... מילא, עס העלפֿט עפּיס טענות? איך האָב בעצאָהלט אַ רובל מיט 12 און האָב אָפּגענומען דעם בריעף, — אַ גאַנצען פּאַקעט. איך עפֿען אויף דעם בריעף — ווידער פֿון איהם. פֿון דייטש! איך קום צום פּראָוויזאָר: „האָט קיין פֿאַראיבעל ניט, זאָג איך, פּאַני, איך האָב שוין, זאָג איך, ווידער, אַנ׳אומגליק אַ דייטשען בריעף“. דער פּראָוויזאָר, אויך נישט קיין קליינער טפש, וואַרפֿט אַוועק אַלע אַרבייט און לייענט מיר ווידער אַ גאַנצע מגילה, אַלץ פֿונ׳ם דאָזיגען דייטש, ימח שמו זאָל ער ווערען! וואָס שרייבט ער? ער שרייבט: אַזוי ווי ס׳איז ביי איהם היינט אַ „פֿייערטאָג“, אַ יום-טוב הייסט דאָס, עס זיצען ביי איהם געסט. די גאַנצע משפּחה האָט זיך צו איהם צונויפֿגעקליבען, האָט ער זיי דערצעהלט די גאַנצע געשיכטע פֿון א׳ ביז ת׳, ווי אַזוי ער איז געקומען צופֿאָהר׳ן אין אַ קליין שטעדטיל קיין דראַזשנע, ווי אַזוי ער איז געבליעבען דעמאָלט אין וואָגזאַל אַליין אין אַ פֿרעמד לאַנד, נישט צו פֿערשטעהן אונזער שפּראַך, ווי אַזוי ער האָט זיך מיט מיר בעגעגענט און ווי אַזוי איך האָב איהם פֿאַרפֿיהרט צו זיך, אָפּגעגעבען איהם אַזאַ וואהלע, אַזאַ רוהיגע „שטאַנציאָן“, ווי אַזוי מיר האָבען איהם פֿריינדליך אויפֿגענומען, אָפּגעטרעטען איהם דעם בעסטען חדר, געגעבען איהם עסען און טרינקען און אַזוי גוטהאַרציג און אָרנטליך בעהאַנדעלט, לכן קאָן ער זיך מיט

איינהאלטען און מוז אונז נאך אמאל אפדאנקען פאר אונזער גאסטפריינדליכקייט און גוטהארציגקייט, וואס ער קאן דאס אונז ניט פערגעסען אייביג און אייביג — א צולהכעסניק אט דער דייטש, טראכט איך מיר — מעהר קיין בריעף וועל איך שוין פון דער פאסט ניט אבנעמען, עס מעג זיין מיט געלד!

עס געהט אוועק נאך א חודש, נאך צוויי — נישטא מעהר קיין בריעף, אניעק! איך האב שוין כמעט אנגעהויבען צו פערגעסען אינים דייטש, פלוצים קומט מיר אן פון דער באהן א פאוועסטקע אויף א פאסילקע פון א פינפאונצוואנציגער, וואס קאן דאס זיין א פאסילקע אויף א פינפאונצוואנציגער? קלער איך מיר און ברעך מיר דעם קאפ און מיינע וייבע און ברעכט זיך דעם מח און מיר קאנען גישט צוקלערען גאר נישט. פאלט מיר איין א געדאנק: אזוי ווי איך האב פריינד אין אמעריקא, קעהר דאס זיין מסתמא פון זיי עפיס א מתנה, א שיפסקארטע, אדער א בילעט, אדער א לאטאריעצעטעל. און בין נישט פויל און קום אויף דער באהן און וויל ארויסנעהמען די פאסילקע, זאגט מען מיר איך זאל מוחל זיין בעצאהלען צוויי רובל מיט 24 קאפיקעס, וועט מען מיר ארויסגעבען די פאסילקע. העלפט זיך ניט, מוז מען קריגען צוויי רובל מיט 24 קאפיקעס און בעצאהלען און ארויסנעהמען די פאסילקע. אפגענומען די פאסילקע וועהר א שען קעסטעלע, גוט פארפאקט, קום איך צולויפען אהיים, און הויב אן צופאקעווען דאס קעסטעלי, פאלט נישט ארויס פון דארטען קיין פארטרעט? מיר טהוען א קוק אויפ'ן פארטרעט — וואס ס'האט זיך מיר געחלומ'ט יענע נאכט און היינטיגע נאכט און א גאנץ יאהר! — ס'איז ער, דער דייטש דער שלים-מזל, מיט'ן לאנגען האלז און מיט'ן הויכען ספאדיק און מיט דער פיפקע אין מויל! צום פארטרעט איז געלעגען צוגעלייגט א בריוועלע, אויף דייטש געוויינטליך, ווידער די איינענע מעשה מסתמא: דאס דאנקט ער אונז אפ פאר דער ש ט א נ צ י א ן און פאר אונזער גאסטפריינדליכקייט און ליעבהארציגקייט, וואס ער קאן דאס אייביג און אייביג ניט פערגעסען; אניאיינגעגעסענער דייטש קאן! ברענגען זאל ער!.. מאלט אייך, וואס מיר ביידע האבען בשעת מעשה אנגעווינשען און אנגעבענשט זאל איהם אנגעהן חאטש האלב, רבונו של עולם!

ס'איז אוועקגעגאנגען נאך עטליכע חדשים — אניעק, אוים דייטש! דאנקען גאט, פטור געווארען פון א שלאק, אין דער ערד מיט'ן קאפ! איך האב מיך פשוט מחיה געווען!.. זענט איהר שוין פערטיג? דארט זשע אוים, ס'איז נאך נישט קיין סוף. אנימעלטען קומט מיר אן פלוצים ביי נאכט א דעפעש, איך זאל למען השם קומען צופאהרען קיין אדעס און וואס גיכער צו איינעם

אַ מענשען, אַ סוחר מיט'ן נאָמען גאָרגעלשטיין, ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אין האָטעל „וויקטאָריע“ און בעדאַרף מיך זעהר נייטיג האָבען מכח אַ געשעפט. „אַדעס? גאָרגעלשטיין? האָטעל וויקטאָריע? אַ געשעפט? וואָס זאָל דאָס בעַדייטען?“ אַזוי זאָג איך צו מיינער... הייבט דאָך מיך מסתמא מיינע אָן צו טרייבען, איך זאָל פאָהרען, ווארום „אַ קשיא אויף אַ מעשה, אפשר איז דאָס, זאָגט זי, טאַקי אַ נייטיגע זאַך? אפשר אַ קאָמיסיע, אפשר תבואה?..“ נאָר ס'איז גרינג אויסצורעדען — פאָהרען קיין אָדעס! אַ פאָהר קיין אָדעס קאָסט עפּיס הוצאות! נאָר ווי באַלד געשעפט איז עפּיס אַ תרוץ? בקיצור איך האָב געקריגען עטליכע קערבליך, האָב מיך אויפגעזעצט אויפ'ן באַהן און פאָהר קיין אָדעס. געקומען קיין אָדעס, הויב איך זיך אָן פאַנאַנדערפרעגען וואו איז דאָ ערגיץ האָטעל וויקטאָריע? איך האָב מיך דערפרעגט צו האָטעל וויקטאָריע. „נישט פאַראַן דאָ ביי אייך, זאָג איך, איינער אַ גאָרגעלשטיין?“ פאַראַן, זאָגט מען מיר, אַ גאָרגעלשטיין; נאָר וואָס דען? ער איז איצט נישטאָ אין נומער; איך זאָל זיך מטריח זיין צעהען אַ זייגער אויף דער נאַכט. איך קום צו געהן צעהען אַ זייגער אויף דער נאַכט — נישטאָ גאָרגעלשטיין, איך זאָל קומען צעהען אַ זייגער אין דער פריה וועל איך איהם טרעפען. איך קום צעהען אין דער פריה — וואו איז גאָרגעלשטיין? נישטאָ גאָרגעלשטיין, ער איז נאָר וואָס געוועזען און זעהר געבעטען, אַז ס'וועט קומען דער יוד פון דראַושנע זאָל מען איהם זאָגען ער זאָל מוחל זיין קומען אָדער דריי בייטאָג אָדער צעהען אויפדערנאַכט. איך קום דריי בייטאָג, איך קום צעהען ביי דער נאַכט — נישטאָ קיין גאָרגעלשטיין! וואָס טויג אייך, איך האָב זיך אָפּגעוואַלגערט אין אַדעס זעכס טאָג מיט זעכס נעכט, געגעסען צרות, מכות געשלאָפען, קוים מיט ווערים, מיט אַנגסטען, איך האָב זיך דערוואַרט אויף דעם גאָרגעלשטיין. דער דאָזיגער גאָרגעלשטיין ווייזט אויס אַ לייטישער מענש מיט אַ שענער באָרד אַ שוואַרצער, ער האָט מיך זעהר פיין אויפגענומען, מיך געבעטען זיצען. „דאָס ווענט איהר — מאַכט ער צו מיר האַלב יודיש האַלב דייטש — דער יוד פון דראַושנע?“ — „דאָס בין איך — זאָג איך — דער יוד פון דראַושנע, וואָס איז דען?“ — „ביי אייך האָט געהאַלטען פאַר אַ יאָהרען ווינטער שטאַנציאָן איינער אַ דייטש?“ — „ביי מיר — זאָג איך — וואָס איז דען?“ — „גאָרנישט — מאַכט ער — אָט דער דייטש איז מיינער אַ שותף ביידי מאַשינעס. איך האָב פון איהם אַ בריעף פון לאָנדאָן, שרייבט ער מיר, אַז איהר וועט זיין ביי מיר אין אַדעס, זאָל איך אייך למען השם איבערגעבען פון איהם זעהר אַ פריינדליכען גרוס און אייך אָפּדאַנקען פאַר אייער וואָהלער רוהיגער שטאַנציאָן, וואָס ער האָט ביי אייך געהאַט

און פֿאַר אייער גאָט־פֿריינדליכקייט און גוטהאַרציגקייט און מיט אייער עהר־ליך אָרענטליך בעהאַנדלען איהם, וואָס ער קאָן דאָס אייך בשום אופן קיינ־מאָל, קיינמאָל ניט פֿערגעסען, ווייל ער וועט לעבען!.........

אַניאומגליק האָט זיך אויף מיר גענומען! איך רעכען אם ירצה השם נאָך יום־טוב, אַז נאָט וועט שיינקען דאָס לעבען אַריבערפֿעקלען זיך פֿון דראַושנע ערגיין אין אַנאַנדער שטאָדט, אַנטלויפֿען וואו די אויגען וועלען מיך טראָגען, צו אַלדע שוואַרצע יאָהר — אַבי פּטור ווערען פֿונם שלים־מזל, פֿונם דאָזיגען דייטש, ימח שמו וזכרו זאָל ער ווערען!!..

יוסף

יוסף.

(ערצעהלונג פון א דושענטעלמען).

איבערדערצעהלט וואָרט=אין=וואָרט

איהר מעגט אַייך לאַכען פון מיר, איהר קאָנט אַייך מאַכען פון מיר אַ פעליעטאָן, אפילו אַ בוך אויב איהר ווילט, — איך האָב פאַר אַייך קיין מורא ניט, זאָג איך אַייך פריהער, וואָרום איך בין, ווי איהר קוקט מיך אָן, ניט פון די שרעקענדיגע; איך שרעק מיך ניט איבער פאַר קיין שרייבער, איך ווער נישט בטל פאַר קיין דאָקטאָר, פאַל נישט אַראָב ביי זיך פאַר קיין אַדוואָקאַט און הויב נישט אָן נתפעל צו ווערען, אַז מען זאָגט מיר יענער שטודירט אויף אינזשינער: איך האָב אויך אַמאָל געשטודירט, איך בין אַליין אויך געווען אַמאָל אַ גימנאַזיסט, אמת, איך האָב די גימנאַזיע ניט געענדיגט איבער אַ מעשה מיט אַ מיידעל; עס האָט זיך אין מיר פערליעבט אַ מיידעל (אַ שענער יונג בין איך געווען פון תמיד!) זי האָט געזאָגט, דאָס מיידעל הייסט עס, אַז טאָמער נעהם איך זי ניט, נעהמט זי איין סם, און איך האָב זי אַזוי געוואָלט נעהמען, ווי איהר האָט זי געוואָלט נעהמען, זי איז ביי מיר געווען נישט קיין בת־יחידה, פערשטעהט איהר מיך... ס'איז אָבער פערגאַנגען ביי אונז צו ווייט, האָט זיך אַריינגעמישט אַ ברודער איהרער, אַ פראָוויזאָר פון אַן אַפּטייק, און האָט געזאָגט, אַז טאָמער סם'ט זיך אַוועק די שוועסטער זיינע — גיעסט ער מיך אָפּ ער ווייסט שוין מיט וואָס... און איך האָב זי געמוזט נעהמען, זיך אָבגעמוטשעט מיט איהר אַ יאָהר דריי. זי האָט פערלאַנגט פון מיר נאָר צוויי זאַכען: איך זאָל זיין אין דערהיים און נישט קוקען אויף פרעמדע... איהר האָט עפּעס ליעב אַזאַ געשעפט? וואָס זאָל איך טהון, אַז גאָט האָט מיך פאָרט בעשאַפען מיט אַזאַ פּנים, אַז

אַלע מיידלעך מיט אַלע ווייבלעך זענען נאָך מיר די כפּרה. איהר מיינט וואָס?.. חלילה!.. גאָרנישט, מען האָט מיך ליעב, — און אַ סוף. וואו איך קום, וואו איך פאָהר, בעפאַלט מען מיך ווי די ביענען, שרכנים עסען מיר אָפּ דעם קאָפּ, באַשר וואָס? אַזוי ווי איך בין אַ יונגערמאַן אַ הײַנטיגער, און אַ שענער יונג, אַ געזונדער, מיט אַ שטיקעל נאָמען, און אַ היבשער פאַרדינער. און אַ קערביל איז ביי מיר בלאָטע, אי טאָמאו פאַראָבנע, לכן ווילען זיי מיך אָפּגילטען! לאָז איך זיך מסתמא נישט: „טשעפּעט זיך אָפּ, זאָג איך, איך האָב מיך שוין איינמאָל אָפּגעבריהט!“... טענה'ן זיי מיט מיר: „וואָס וועט אייך אַרען אַז איהר וועט אָנקוקען נאָך אַ מיידעל?“ ט, ווער זאָגט זיך אָפּ פון אַזאַ זאַך? קוק איך דערווייל אָן מיידלעך און מיידלעך קוקען אָן מיך, שלאָגען זיך איינס פאַר דאָס אַנדערע, הענגען זיך, ווי איהר זעהט מיך לעבען, הענגען זיך אויף מיר! אַלע ווילען מיך, אָבער אַלע! וואָס זשע קומט מיר אַרויס וואָס זיי ווילען מיך, אַז איך וויל זיי ניט? אַז די וואָס איך וויל — חיים קיינער ניט, נאָר איך אַליין!.. און דאָס איז מיין קרענק, און דאָס וויל איך אייך טאַקי דערצעהלען, און אין איין וועגס טאַקי בעטען אייך, אַז צווישען אונז זאָל דאָס בלייבען, נישט מחמת מיר, איך האָב דאָך אייך געזאָגט אַז פאַר „באַשרייבען“ האָב איך קיין מורא ניט, נאָר גלאַט צו וואָס דאַרף מען עס?.. אָט דאָס האָט איהר אייך, הייסט עס, אַ הקדמה, אַצונד וועל איך אייך דערצעהלען די מעשה אַליין.

דאָס פערשטעהט איהר שוין אַליין מסתמא, אַז איך וועל אייך ניט זאָגען ווער זי איז און וואָס זי איז און פון וואַנען זי איז. אַ נקבה איז זי, אַ מיידעל, און דוקא אַ שיין מיידעל, און דוקא איין אָרעמס, אַ יתומה געבליבען; זיצט מיט דער מוטער, אַ יונגע אַלמנה, אויך אַ שענע; האַלט אַ יודישע רעסטאָראַציע, כּשר. און איך, דאַרפט איהר וויסען, כאָטש איך בין, ווי איהר זעהט מיך, אַ יונגערמאַן אַ הײַנטיגער, און אַ שענער פאַרדינער און אַ קערבעל איז בלאָטע, אי מאָמאו פאַראָבנע... פונדעסטוועגען עס איך דוקא כּשר, נישט מחמת איך בין אַזאַ צדיק און האָב חלילה מורא פאַר דעם וואָס קוויטשעט, נאָר פּשוט איך היט מיר אָפּ דעם מאָגען, איז איינס; און צווייטענס זענען די יודישע עסענס טאַקי מעהר בעשטעמט אויך... אַלזאָ האַלט זי אַ רעסטאָראַציע, די אַלמנה הייסט עס, און קאָכט אַליין און באַקט אַליין; און „זי“, די טאָכטער הייסט עס, דערלאַנגט אַליין צום טיש. נאָר ווי אַזוי קאָכט מען דאָרטען! זי אַזוי דערלאַנגט מען דאָרטען! עס זינגט, זאָג איך אייך, סע פינקעלט און סע שעמערירט! דאָרט צו עסען איז אַ פּע-

געניגען, נישט אַזוי דאָס עסען אַליין, ווי דאָס אָנקוקען די מוטער מיט דער טאָכטער, איינע שענער פֿאַר דער אַנדערער. איהר וואָלט אָנקוקען אַ ווײַבעל! שטעהט ביים אויבען, קאָכט און באַקט, און ווערט אויס אַזוי פֿריש, אַזוי זויבער! אַ פּנים — געפֿאַלענער שניי! הענד — גאָלד און זילבער! אויגען — פֿייער פֿלאַם! איך בין אייך מבטיח, אַז מען קאָן זיך נאָך אין איהר אויך פֿערליבען!.. היינט שטעלט אייך פֿאָר איהר'ס אַ טעכטערעל... איך ווייס ניט צי זענט איהר קלאָר אין די ענינים, איך שמועס פֿון „הלכות מיידעל“, שמועס איך... אַ פּנימ'על — בלוט און מילך, בעקלעך צוויי — נאָר פּאַמ־פּעשקעלעך, אויגען — קאַרשען צוויי, האָר — זייד, ציינדלען — פּערל, אַ האַלז — אַלבאַסטער, אַ הענטעל — אויף אויסצוקושען יעדעס גליעד, דאָס אויבער־שטע ליפּעל קוקט אַרויף ווי ביי אַ קליין קינד, — האָט איהר געזעהען אַ מאָל? איך זאָג אייך: אַלעס, אַלעס איז געטאָקט, געשניצט, טאַקי עפּיס נאָר אַ מין מאָדעל אויף אויסצושטעלען, ווי איינער רעדט: „נאַט, קוקט און ווערט צעפּיקט!..“ דערצו פֿערמאָגט זי איהר אייגענס אַ געלעכטערעל מיט חנ'גריבעליך אין די בעקעליך, וואָס דאָס אַליין איז שוין ווערט דאָס גאַנצע געלד, וואָרום אַז זי לאַכט, לאַכט אַלסדינג: איהר לאַכט, און דער טיש לאַכט, און די בענקליך לאַכען, און די ווענד לאַכען — דאָס גאַנצע לעבען לאַכט! אָט אַזאַ מין געלעכטערעל איז דאָס. נו, אדרבה, געהט קוקט אַזעלכס אָן און האָט דאָס פֿײַנד!...

הכלל, וואָס זאָל איך אייך לאַנג ציהען, איך האָב כמעט פֿונ'ם ערשטען מיטאָג אָן געפֿיהלט, אַז איך בין אַ געקאָכטער; פּשוט אָבגעקאָכט — און שוין! חאָטש ביי מיר אַ מיידעל, בעדאַרפֿט איהר שוין אַליין פֿער־שטעהן, איז עפּעס ניט אַזאַ אַי־אַי־אַי... און יענע מעשיות: „ליעבע“, „ראָמאַן“, פֿון דעם האָב איך קיינמאָל ניט געהאַלטען. גאָרנישט, אַזוי, מהכתיתי, פֿאַר וואָס ניט?... נאָר געהן שיסען זיך צוליעב דעם — פֿע! דאָס פּאַסט פֿאַר אַ גימנאַזיסטעל פֿון זעכסטען קלאַס, נישט, ווי זאָגט איהר, פֿאַר קיין מאַנספערשוין...

דערפֿיהלט אַז איך בין אַ געקאָכטער, האָב איך גענומען אַ נעהם די מוטער אויף אַ זייט, נישט ווי עס רופט זיך אָן: „געבעטען אַ האַנד“... ניין! איך בין נישט פֿון די חאַפּענדיגע... נאָר גאָר ניט, ווי זאָגט איהר, אַ טאַפּ אין וואָגען שאַדט ניט... און האָב גענומען מיט איהר אַ רעד אַריין: „וואָס און ווען, אַהין־אַהער, ווי האַלט איהר מיט דער טאָכטער?“... זאָגט זי: „ווי זאָל איך מיט איהר האַלטען?“ זאָג איך: „איך שמועס פֿון

תכלית, שטומם איך"... „אודאי, זאגט זי, דארף מען זיך זארגען פאר איהר תכלית? זי איז שוין, זאגט זי, א פערזארגטע"... ווי זי האט אויסגערעדט די דאזיגע ווערטער, האט דאס מיך געגעבען עפיס ווי א שטאך אין הארצען אריין: „וואס הייסט, זאג איך, זי איז א פערזארגטע?" „איהר זעהט דאך, מאכט זי צו מיר, וואס פאר א זארגעדיגע נשמה דאס איז!"... און אקוראט צו די דאזיגע ווערטער קומט אן מסתמא „זי" אליין, די טאכטער הייסט עס, און אז זי קומט אן ווערט ליכטיג אין אלע ווינקעלעך.

— מאמע, נישט געוועזן נאך יוסף? — זאגט זי צו דער מוטער — און דעם נאמען „יוסף" טהוט זי א רעד-אויס עפעס מיט א מאדנעם מין געזאנג. מיט אזא מין געזאנג רעדט אויס נאר א כלה דעם נאמען פון איהר חתן... אזוי מיין איך, דאס הייסט איך בין איבערצייגט אז ס'איז אזוי. און נישט נאר יענס מזל, וואס איך דערצעהל אייך; אלע מאל ווען זי האט געגעבען א רעד-ארויס דעם נאמען „יוסף", איז דאס אויסגעקומען ביי איהר עפיס ווי מיט א מין געזאנג: „יו—סף". איהר פערשטעהט? דאס איז ניט גלאט „יוסף", דאס איז „יו—סף"!...

קורץ, אומעדום און אלע מאל האב איך נאר געהערט „יוסף" און „יוסף". האט מען זיך געזעצט עסען, איז דאס ערשטעווארט געוועזן: „זאו איז יוסף?"... „יוסף וועט היינט ניט זיין"... „יוסף האט געזאגט"... „יוסף האט געשריבען"... „יוסף איז געקומען"... „יוסף האט גענומען"... „יוסף האט געגעבען"... יוסף—יוסף, יוסף—יוסף! איך וואלט שוין וועלען אנקוקען אט דעם „יוסף'ן", זעהן וואס פאר א פנים ער האט!...

פערשטעהט זיך פון זיך זעלבער, אז איך האב אט דעם „יוסף'ן" פיינד געקראגען ווי א שפין, חאטש וואס קעהר ער זיך אן מיט מיר? ווייס איך! עפיס א יונגעל דארטען, אודאי א „חברה-מאן" פון די „חברה-לייט", אדער פון די „יענקעלעך" ווי „זי" פלעגט זיי אנרופען מיט איהר געלעכטעריל. „די יענקעליך" — דער נאמען איז פאר זיי, זאג איך אייך, ווי אנגעמאסטען. דאס זענען טאקי נישט מעהר ווי יענקעלעך, עפיס מאדנע קליינע מענשעלעך, צום מיינסטען פון דעם סארט מענשעלעך, וואס טראגען לאנגע האר און שווארצע העמדלעך — אקוראט דאס, וואס איך האב פיינד... האט קיין פאראיבעל ניט, איהר אליין, דאכט מיר, טראגט אויך לאנגע האר מיט א שווארץ העמדעל, און אויב איהר מיינט אז ס'איז שען האט איהר מחילה א טעות. איך זאל האבען די ברכות, וואס זי „סמאקינג" מיט א ווייסען זשילעט איז שענער... איך, אז איך דער:

אַ שוואַרץ העמדעל, שטעלט זיך מיר פֿאָר, איך בעט איבער אייער כבוד, אויסגעריבענע הויזען... איהר מיינט אפשר איך האָב זיי עס ניט געזאָגט? געזאָגט! איך בין אַ מענש איין אָפֿענטליכער, בײַ מיר איז נישטאָ קיין חנפה׳טען און קיין אונטערלעקען זיך. האָט איהר עפּיס אויף מיר צו זאָגען? קאָנט איהר מיר זאָגען גלײַך אין די אויגען, איך האָב נאָר פֿײַנד אַז מען זאָגט מיר, אַז איך בין אַ „בורזשוי“. איך, פֿאַר׳ן וואָרט „בורזשוי“ קאָן געבען אַ פֿאָהר אַרײַן אין באַק אַרײַן!... וואָס פֿאַר אַ „בורזשוי“ בין איך? איך בין אַ מענש גלײַך מיט אַלע. איך פֿערשטעה אַלסדינג און ווייס אַלסדינג, וואָרום איך לייען אַלע ביכלעך, מיט אַלע היינטיגע נײַע גאַזעטען לייען איך גלײַך מיט אַלעמען, הײַנט וואָס בין איך פֿאַר אַ בורזשוי? דערפֿאַר וואָס איך טראָג אַ „סמאָקינג“ מיט אַ ווײַסען זשילעט און איהר אַ שוואַרץ העמדעל? איך מיין ניט אײַך, איך מיין אָט אַ יענע „יענקעלעך“, מיט אַ יענעם יוסף׳ן וואָס איך דערצעהל אײַך... איך האָב מיט זיי געהאַט עטליכע מאָל ביים טיש אַזעלכע מיני געשפּרעכען, וואָס פֿון זיי האָב איך גאַנץ גוט אַרויסגעזעהען, אַז זיי האָבען מיך אַזוי ליעב פּונקט ווי איך זיי, אַ האַרץ, ווי זאָגט איהר, פֿיהלט אַ האַרץ. נאָר גאָר נישט, געהן אַרויס־זאָגען זיי וואָס איך טראָג בײַ זיך אינוועניג, בין איך אויך ניט מחויב, און אגב האָב איך מיך טאַקי צו זיי אַביסעל צוגעלאָנטשעט, געוואָלט אײַנקויפֿען זיך אין חברה, נישט אַזוי צוליעב זיי, ווי צוליעב דעם „יוסף׳ן“, און נישט אַזוי צוליעב דעם „יוסף׳ן“ ווי צוליעב „איהר“! מיך האָט פֿערדראָסען, פֿערשטעהט איהר מיך, וואָס זי לאָזט איהם נישט אַרויס פֿונים מויל, און איך האָב מיר געגעבען דאָס וואָרט: איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל, שטיינער פֿונים הימעל זאָלען פֿאַלען, די וועלט זאָל זיך קעהרען — איך מוז מיך בעקאָנען מיט דעם דאָזיגען פּאַרשוין! און איך האָב אויסגעפֿיהרט מיינס. בײַ מיר, אַז איך וויל עפּיס דערגעהן אַ זאַך, איז גאָר נישטאָ קיין תירוץ. פֿון געלד שמועסט מען ניט. איך בין דאָך אַ יונגערמאַן, ווי איך האָב אײַך שוין געזאָגט, אַ סוחר און אַ שענער פֿערדיענער און אַ קערביל איז בלאָטע, אי טאָמאַו פּאַדאָבנע...

פֿערשטעהט זיך פֿון זיך אַליין, אַז אײַנקויפֿען זיך אין חברה איז מיר געווען נישט אַזוי גרינג ווי איהר מיינט, איך בין מיר געגאַנגען ...ליכע, טריט בײַ טריט. תחלת האָב איך אָנגעהויבען טהון אַ וואָרף אַרײַן אַ ...אַזוי מן הצד, מיט אַ זיפֿץ, אַ קרעכץ אויף צרות הכלל, געבען אָנצו...ערעניש. אַז אויף אַזעלכע זאַכען שפּילט בײַ מיר געלד קיין

ראָלע, אַז מען בעדאַרף אַרויסוואַרפען אַ קערבעל מוז מען אַרויסוואַרפען. איהר פערשטעהט וואָס הייסט „אַרויסוואַרפען“ אַ קערבעל? איינער „נעהמט אַרויס“ אַ קערבעל, דער אַנדערער „וואַרפט“ אַרויס אַ קערבעל. ס'איז אַ חלוק: „אַרויסוואַרפען“ ווערט אָנגערופען: געגעבען אַ חאַפּ-אַרויס דאָס ביטעלע און אַ נעהם-אַרויס די מטבע — איזוואָלטיע, — נאַט אייך הייסט עס, — נישט געצעהלט! אָט אַזוי האָב איך ליעב; נישט אַלע מאָל, פערשטעהט זיך, נאָר דעמאָלט ווען מען דאַרף... דעמאָלט ווען מען דאַרף געבען אַ וואָרף-אַרויס אַ פינפאונצוואַנציגער, צי אַ פיפציגער, צי אפילו אַ הונדערטער, טאָר די האַנד ניט ציטערען. למשל, איהר זיצט מיט אַ קאָמפּאַניע און צאָהלט פאַר אַ מיטאָג אָדער פאַר אַ וועטשערע און מען דערלאַנגט אייך אַ חשבון, בעדאַרפט איהר נאָר געבען אַ חאַפּ אַ קוק אויף דער אונטערשטע שורה און רעדען בעת מעשה פון עפּיס אַנדערש; און אַז מען ברייגנט אייך אויסגאָב בעדאַרפט איהר נישט צעהלען ווי אַ מאַרקיודינע פאַר ציבעלעס, נאָר געבען אַ נעהם און אַ לעג אַריין אין קעשענע — און שוין! דאָס לעבען איז, פערשטעהט איהר מיך, אַ „חדר“, וואָס מען דאַרף איהם דורכגעהן, דורכמאַכען; לעבען דאַרף מען קענען! איך מעג זאָגען אויף זיך, אַז איך קאָן לעבען, ווארום איך ווייס וואו אַיין און וואו אויס, וואו מען דאַרף און וואו מען דאַרף נישט. איהר קאָנט זיין זיכער אַז איך וועל נישט איבערזאַלצען קיין מאָל, און אויף מיר וועט איהר נישט דערקענען קיין מאָל, צי בין איך מילכיג צי בין איך פליישיג? איהר זאָלט מיך געוועז זעהען דעמאָלט צווישען די „יענקעלעך“, וואָלט איהר געווים מיינען אַז איך בין אַ „יענקעלע“ גלייך מיט אַלע „יענקעלעך“, דאָס הייסט קיין לאַנגע האָר האָב איך מיר נישט פערלאָזט, און קיין „העמדעל“ האָב איך נישט אָנגעטהון; איך בין געגאַנגען דעם זעלבען סמאָקינג מיט'ן זעלבען ווייסען זשילעט וואָס איצט; נאָר וואָס דען? איך האָב מיך אינטערעסירט מיט אַלץ וואָס זיי אינטערעסירט, און האָב גערעדט פון דעם וואָס זיי רעדען: „פּראָלעטאַריאַט“... „בעבעל“... „מאַרקס“... „רעאַגירען“... וכדומה אַזעלכע ווערטער האָבען זיך געגעבען אַלע מאָל אַ שאָט ביי מיר פונ'ם אַרבעל, — און מערקווירדיג! וואָס מעהר איך האָב מיך צו זיי געלאָנטשעט, אַזוי מעהר האָבען זיי זיך פון מיר דערווייטערט. בעת איך פלעג אָנהויבען שיטען מיט יענע ווערטער „פּראָלעטאַריאַט“... „בעבעל“... „מאַרקס“... „רעאַגירען“... האָב איך בעמערקט, אַז די „יענקעלעך“ ווערען שטיל, קוקען עפּיס משונה איינס אויף דאָס אַנדערע, רייניגען זיך בעת מעשה

די ציִהן... און נאָך מעהר! געלד האָבען זיי ביי מיר חוקא גענומען אַלע מאָל, אַלע מאָנטאָג און דאָנערשטאָג, דאַרפט איהר וויסען, איז ביי זיי געוועזען קאָנצערטען, און אַלע מאָל בין איך געוועזען דער ערשטער אויפ'ן פּייער: — דער „דזשענטעלמען" וועט מסתמא היינט אויך נעהמען אַ בילעט ערשטע ריידע פאַר אַ דרייערל?

דער „דזשענטעלמען", — קיין אַנדער נאָמען האָב איך ביי זיי ניט געהאַט — האָט געמוזט נעהמען אַלע מאָנטאָג און דאָנערשטאָג אַ בילעט פאַר אַ דרייערל, אַ ברירה האָט ער געהאַט? דערפאַר אָבער אַז דער „דזשענטעלמען" פלעגט אַריינקומען בעת די „יענקעלעך" האָבען געהאַלטען אין מיטען אַ שמועס, פלעג ווערען שטיל, שאַ, גלייך ווי מען האָט גאָר ניט גערעדט קיין מאָל. שטומע מענשען!... פערשטעהט זיך פון זיך זעלבער, אַז דעם „דזשענטעלמען" האָט דאָס געברענט און געבראָטען, נאָר וואָס האָט ער געקענט מאַכען? איך האָב דאָך אייך געזאָגט, אַז ווי באַלד איך וויל עפּיס-דערגעהן, איז ביי מיר נישט פאַרהאַן קיין טייער. אַזוי לאַנג אַזוי ברייט, איך האָב מיך אַריינגעלאָנטשעט צו חברה, חאָטש אויף אַזוי פיעל, אַז מען האָט מיר ערלויבט צו זיין ביי זיי אויף אַ „דיסקוסיע", — דאָרט, האָט מען מיר געזאָגט, וועט „יוסף" האַלטען אַ רעדע... קאָנט איהר פערשטעהן מיין שמחה, אַז איך האָב דערלעבט אַזאַ זאַך; איך וועל זוכה זיין זעהען אָט דעם „יוסף'ן" און וועל איהם הערען רעדען!...

וואו וועט זיין די דיסקוסיע און ווען וועט זי זיין — דאָס האָט מען מכּוּת געקאָנט ביי זיי וויסען. איך האָב זיי גאָר ניט געוואָלט פרעגען אַפילו: איך האָב געוואוסט, אַז מען וועט מסתמא קומען און מען וועט מיר זאָגען. ביי די „יענקעלעך", דאַרפט איהר וויסען, געהט אַלסדינג צו בסוד. אויף זייער לשון ווערט עס אָנגערופען „קאָנספּערייּשען", איך געדענק דאָס דאָזיגע וואָרט אויף אויסווענינ. איך האָב עס פערשריבען ביי זיך אין ביכעל. איך, אַז איך דערהער אַ שען וואָרט, טהו איך עס באַלד אַ נעהם און אַ שרייב אַריין צו זיך אין ביכעל. אויב עס וועט צונוץ קומען, אָדער ניין — ווייס איך ניט; נאָר שאַדען אודאי ניט.

הכּלל איינמאָל אין אַ שענעם זומערטאָג, שבּת איז דאָס געוועזען, טהוען אַ קום אַריין צו מיר צוויי „יענקעלעך", מיט שוואַרצע העמדלעך געוויינטליך, און טהוען מיך אַ רוף אַרויס: „קומט"! „וואָהין?" „וואָס געהט'ס אייך אָן? קומט מיט אונז"... העלפט נישט, מוז מען געהן.... און מיר האָבען זיך געטהון אַ לאָז הער-וויים אונטער דער שטאָדט אַרויס און

טאַקי אין וואַלד אַריין, און בשעת געהן בעגעגנען מיר אַלע מאָל אַיין אַנדער „יענקעלע“ זיצען אונטער אַ בוים, קוקט כלומרשט קיין צפון-זייט און טהוט אַ מורקע אַרויס: „רעכטס!“ אָדער: „לינקס“... זאָגען אַז איך האָב מורא געהאַט איז אַ נאַרישקייט; וואָס האָט מען מורא צו האָבען פאַר אַ יודען? נאָר גלאַט ס'איז מיר עפּיס ניט אָנגעשטאַנען די מעשה, וואָס איך, אַ יונגערמאַן אַ סוחר, מיט אַ שטיקעל נאָמען, און אַ שענער פּערדיענער, און אַ קערבעל איז בלאָטע, אַי טאָמאַו פאַראָבנע, זאָל מיך לאָזען פיהרען פון יונגלעך, „יענקעלעך“! איהר פערשטעהט?...

האָס טויג אייך, מיר זענען געגאַנגען און געגאַנגען, געגאַנגען און געגאַנגען, ווי זאָגט איהר, וואַלד איין וואַלד אויס, אַזוי לאַנג אַזוי ברייט, ביז מיר האָבען זיך דערשלאָגען צו אַ גרויסען הויכען באַרג, און ערשט אַז מיר האָבען אַרויפגעקלעטערט אויף דעם דאָזיגען באַרג, געגעבען זיך אַ לאָז באַרג אַראָב, האָב איך דערזעהן פאַר זיך אַ שוואַרצע מחנה קעפּ. דאָס זענען געזעסען אויף דער ערד חברה „יענקעלעך“ בחורים'לעך אין שוואַרצע העמדלעך, מיידלעך אין בלוזקעס, און גלאַט יונגעלייט, אָבער אַ גוזמא! איך האָב מורא אויב ניט אַ דריי טויזענד שטיק און אפשר נאָך מעהר, און שטיל — האָטש אַ פליג פליה דורך! שטיל אויף די שפּיץ פינגער זענען מיר צוגעגאַנגען צו דער מחנה קעפּ, זיך געגעבען אַ ···ן אַנידער אויף דער ערד, און איך האָב גענומען אייַנקוקען זיך, וואו איז דאָ ערגיץ דער „יוסף“? און איך האָב דערזעהען.... שטעלט אייך פאָר וועמען? איך האָב דערזעהען אַ בעקאַנטען פּאַרשוין, טאַקי איינעם פון די „יענקעלעך“, וואָס האָבען אין איינעם מיט מיר געגעסען ביי דער אלמנה אין דער רעסטאָראַציע!... אָט האָסט דו דיר!

דער ערשטער געדאַנק מיינער איז געווען: „סך הכל?... אָט דאָס איז נאָר?.. אָט דאָס איז ער אָט דער „יוסף“?.. און איך האָב געמיינט, אַז ער איז מי יודע וואָס! מיט הערנער!!“... איך וועל אייך זאָגען דעם רעכטען אמת, ער האָט מיר כמעט הנאה געטהון; ניין, טאַקי שטאַרק הנאה געטהון, וואָס ס'האָט זיך אַזוי אויסגעלאָזט... איך האָב געמאַכט אַ פערגלייכונג צווישען „איהם“ מיט מיר, נישט מחמת איך האַלט מיך פאַר אַזאַ גרויסען פּאַרשוין, וואָס זאָל ניט זיין שוין קיין שענערעס פאַר מיר. איך בין ניט געןנאַרט, איך ווייס אַז ס'איז פאַרהאַן שענערע פון מיר אויך, נאָר וועדליג „ער“... איהר פערשטעהט? איך וועל אייך איהם אויסמאָלען אַקוראַט, ווי אַזוי איך האָב איהם דערזעהען די ערשטע מינוט: צוגעשפּאַרט צו אַ בוים

איז געשטאַנען אַ קליינס, אַ בלייכס, אַנ׳אויסגעדאַרטס, אַנ׳איינגעטריקענטס, מיט אַ שמאָל האַרץ, מיט ווייסע בלאַסע, איינגעפאַלענע בעקלעך, עטוואָס רויטליך, און פערברעמט מיט נאָך גאָר קליינע בלאָנדע הערלעך, נאָר אַ שטערן אַ הויכער, אַ ווייסער, אַ ברייטער, און אויגען אַ פּאָר גרויסע ווי ביי אַ קאַץ, נאָר ברענענדיגע, און אַ מויל — און סע רעדט! שטראָף מיך גאָט, אויב איך הויב עס אָן צו פערשטעהן נאָך עד היום, פון וואַנען האָט זיך עס גענומען אַזאַ כח ביי דעם דאָזיגען נפש אויף צו רעדען אַזוי הויך און אַזוי גיך און אַזוי פיעל און אַזוי לאַנג און מיט אַזאַ היץ און מיט אַזאַ ברען און מיט אַזאַ פייער! איך קאָן אייך זאָגען, אַז דאָס איז געווען ניט גלאַט גערעדט, ווי מענשען רעדען. דאָס איז געווען אָדער אַ שוואַרץ יאָהר, אָדער אַ מאַשינע אַזעלכע, וואָס מען האָט זי אָנגעדרעהט; אָדער פון אויבען איז געווען עפּיס אַזעלכעס, וואָס האָט געשאָטען מיט ווערטער, געגאָסען מיט פייער; אָדער דאָס האָט גאָר דער בוים גערעדט... עס האָט זיך מיר אויסגעדאַכט אַלע מאָל, אַז אָט־אָט הויבט זיך אויף אָט דער קליינער נפש מיט די איינגעפאַלענע רויטליכע בעקלעך און מיט די גרויסע אויגען און טהוט אַ פליה אַוועק אינאיינעם מיט די ווערטער אַהינצו ערגיץ אַרויף... ניין! זאָגט אייך וואָס איהר ווילט, איך האָב שוין געהערט אויף מיין לעבען די גרעסטע און די שענסטע אַדוואָקאַטען — אַזאַ מין רעדען האָב איך קיינמאָל נישט געהערט און וועל שוין דאַכט זיך קיינמאָל ניט הערען אויך...

וויפיעל דאָס רעדען זיינס האָט געדויערט ווייס איך ניט; איך האָב נישט געקוקט אויפ׳ן זייגער. איך האָב געקוקט אויף איהם און האָב געקוקט אויף דער מחנה קעמפּ, וואָס איז געזעסען אויף דער ערד און האָבען געשלונגען איטליכס וואָרט, ווי די הונגעריגע און ווי די דורשטיגע... נאָר ווער עס האָט ניט געזעהען בעת מעשה „זיי“, דער האָט נישט געזעהען קיין שענס אויף זיין לעבען! צווישען דער מחנה קעפּ האָב איך דערזעהען „זיי“ זיצען אויף דער ערד, די פיס אונטער זיך, די הענד צענויפגעלעגט אויפ׳ן האַרצען, דאָס פּנים לייכט, די בעקלעך פלאַמען, דאָס אויבערשטע ליפּעל קוקט אַרויף, און די שענע קאַרשען־אויגען שמייכלען און גלייך צו איהם, גלייך צו איהם!... למאי זאָל איך לייקענען? איך האָב אין דער מינוט מקנא געווען איהם נישט אַזוי אויף דעם כה פון זיין רעדען, נישט אַזוי אויף דעם כבוד מיט׳ן פּאַטשען בראַוואָ, וואָס מען האָט איהם געפּאַטשט נאָכדעם אַז ער האָט אויפגעהערט צו רעדען, — נישט אויף די זאַך האָב

איך איהם אַזוי ניט מקנא געווען, ווי אויף דעם קוקען, וואָס „זי“ האָט אויף איהם געקוקט! פאַר איין קוק אַזעלכען, פאַר איהרען, וואָלט איך אַוועקגעגעבען — איך ווייס אַליין ניט וואָס! דער דאָזיגער קוק האָט גערעדט ווערטער. עס האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז איך הער איהר קול, ווי זי זאָגט, מיט יענעם בעקאַנטען געזאַנג: „יו-סף“! איך האָב אייך דאָך געזאָגט שוין, אַז ביי מיר איז אַ מיידעל נישט קיין אַי-אַי-אַי! איך האָב שוין געזעהען מיידלעך, וואָרום איך בין אַ יונגערמאַן, קאָן מען זאָגען, נישט קיין מיאוסער, אַ היינטיגער, און אַ שענער פערדיענער, און אַ קערבעל איז בלאָטע, אַי טאַמאַו פּאַדאַבנע... נאָר אַזוי קוקען האָט אויף מיר נישט געקוקט מיין ווייב אַפילו אין די גוטע יאָהרען, בעת זי איז אויסגעגאַנגען נאָך מיינע טריט... איך בין אַ בעלן געווען מיט אַ כיון צוגעהן צו איהר נאָהענט, זיך אַוועקזעצען כמעט נעבען איהר, זיך דרעהען איהר פאַר די אויגען ווי אַ פליג, זשומען אין אויער אַריין ווי אַ קאָמאַר, — ווער? וואָס? אַ נעכטיגער טאָג — איהרע אויגען האָבען זיך ווי צוויי פּיאַווקעס איינגעזויגען אין זיינע אויגען, און זיינע אויגען — אין איהרע אויגען, און עס האָט זיך מיר אויסגעדאַכט אַז די צוויי, „ער“ און „זי“, זעהען קיינעם ניט פאַר זיך, נאָר איינס דאָס אַנדערע: ער „זי“ און זי „איהם“, און ווייטער דאַרפען זיי קיינעם ניט! חבוט הקבר, זאָג איך אייך, איז אַ נאָר ניט אַקעגען דעם, וואָס איך האָב בעת מעשה געפיהלט. אַ גיהנם האָט געקאָכט ביי מיר אין האַרצען, איך ווייס ניט אויף וועמען: אויף „איהר“, צי אויף „איהם“, צי אויף זיי ביידע, צי נאָר אויף זיך אַליין?... איך בין יענעם אויפדערנאַכט געקומען אַהיים מיט אַ מוראדיג קאָפּוועהטאָג און האָב מיך געלעגט שלאָפען מיט דער דעה, אַז, ווייל איך וועל לעבען, זאָל מיין פוס דאָרט ניט זיין, ביי יענער אלמנה הייסט עס. איך דאַרף זיי אַלע אויף 700 כפרות! וואָס דאַרף איך זיי? וואָס, ניט אַזוי?... און אַז איך בין אויפגעשטאַנען אין דערפריה, האָב איך קוים דערלעבט די מינוט די רגע ס'זאָל שוין ווערען זייגער צוויי, די צייט פון מיטאָג, און בין מסתמא גלייך אַוועק אַהין, און האָב דווקא געטראָפען ביים טיש די גאַנצע חברה „יענקעלעך“ וואָס תמיד, און „ער“ איז אויך געווען בתוכם. — איך ווייס נישט ווי אַזוי איהר; איך, אַז איך זעה אַן אַרטיסט, אָדער אַ מיניסטער, אָדער אַזוי אַ בערימטען מענשען, וואָס אַפילו מיר אַלע ווייסען גאַנץ גוט, אַז ער איז אַ מענש גלייך מיט אַלע מענשען, עסט גלייך מיט אַלעמען און טרינקט גלייך מיט אַלעמען, נאָר קוים זאָגט מען מיר, אַז דאָס איז אַן אַרטיסט אָדער אַ מיניסטער אָדער אַזוי

בעריזמטער מענש, דאכט זיך מיר שוין אויס, אז ער איז נישט גלייך מיט
אלעמען, אז עפיס ליגט אין איהם אזעלכס, וואס מען קען עס, ווי זאגט
איהר, נישט אנטאפען... אזוי איז געווען מיט מיר, אז איך האב דערזעהען
„איהם“ נאך דער דרשה; דאכט זיך דער אייגענער יענקעלע, וואס תמיד,
נאר פארט נישט דער. עפעס ליגט אין איהם אזעלכס. עפעס שטעהט אנ-
געצייכענט ביי איהם אויפ'ן פנים; וואס — ווייס איך אליין נישט; נאר איך
וואלט פאר דעם „עפיס“ אוועקגעגעבען מי יודע וויפיעל! נישט מחמת איך בע-
דארף עס האבען; אויף וואס בעדארף איך עס? אויף 99 כפרות! איך האב
עס נאר געוואלט צוליעב „איהר“, ווארום „זי“ איז נישט אפגעטראטען פון
„איהם“ אויף קיין מינוט, און אפילו דעמאלט ווען זי איז צוגעגאנגען צו
מיר און גערעדט מיט מיר, האט זי אויך אין זינען געהאט „איהם“, נית מיך.
איך בין, דארפט איהר וויסען א מבין אויף די זאכען. מיך קאסט עס גע-
נוג רבי געלד... עס האט זיך אנגעהויבען פאר מיר א נייער גיהנם: פריהער,
איידער איך האב געוואוסט ווער דער יוסף איז, האט זיך מיר געמאלט אין
מיין כח הדמיון א הויכער, א שענער, א געזונדער, א מאנספערשויך און איך
האב איהם נישט געקאנט ליידען, מקנא געווען און פיינט געהאט, ווי איהר
קאנט זיך נאר פארשטעלען. איצט, אז איך בין שוין געוואהר געווארען,
ווער דער מאנספערשוין איז, אז דאס איז גאר א „יענקעלע“ גלייך מיט אלע
„יענקעלעך“, האט מיך פערדראסען... איך ווייס נית אויף וועמען: צי אויף
„איהר“ וואס זי פערגעטערט איהם אזוי (און אז זי פערגעטערט איהם דאס
זעהט דאך א בלינדער אויך), צי אויף „איהם“, וואס גאט האט איהם גע-
געבען אזא כח הדבור, צי אויף זיך אליין האט מיך פערדראסען, למאי
האב איך נית אזא כח?.. נישט מחמת איך דארף עס אזוי נויטיג האבען,
צו וואס דארף איך עס? און נישט מחמת איך בין חלילה אהן א צונג.
מיינט נית! איך אז איך וויל רעדען — קאן איך! איך האב שוין א מאל גע-
רעדט אויף א „זאסעדאניע“ און דוקא אין „קופעטשעסקע קלוב“, זאגט דער
עולם, אז איך רעד נית שלעכט, נאר נית שלעכט!.. דער פערדראס וואס מיך
האט פערדראסען, קאן איך אייך מיט ווערטער נית ארויסגעבען; דאס דארף
מען פערשטעהן; ניין, דאס דארף מען פיהלען, מען בעדארף זיין אויף מיין
ארט, קומען אלע טאג אין דער רעסטאראציע, אנקוקען „זי“ מיט'ן ווייסען
פארטוכעל וואס סע שעמערירט, איהר שען ליכטיג פנים, וואס סע שיינט
און האב סע זינגט: הערען איהר זיס קול, וואס קוויקט, איהר געלעכטער
וואס צוגעהט זיך אין יעדען אבר, און בשעת מעשה זעהען „איהם“ און פיה-

פאַרשרײַטען" ? זאָגט ער צו מיר, האָסטער סיניט איז, זאָגט ער, אַבי אַ שטעלע. „שטעהן זאָלסט דו, זאָג איך, און געהאַקטע וואונדען, וואָס קאָנסט דו" ? „וואָס איך קאָן, זאָגט ער, איך קאָן אַלסדינג: איך קאָן אי חשבונ'ען, אי רעכענען, אי בוכהאַלטעריע, אי שרײַבען, אי פאַרשרײַבען"... וואו, זאָג איך, האָסטו דאָס אַלסדינג אויסגעלערנט זיך" ? „פון זיך אַליין", מאַכט ער צו מיר און נעמט אַרויס אַ בויגען פאַפיר און גיט מיר, איך זאָל בעוויַיזען רב זלמנ'ען זיין כתב. בקצור, וואָס טויג אייך, ער האָט מיר אַזוי לאַנג דערקוטשעט, ביז איך האָב איהם אויסגעבטלט אַלע ביזע חלומות און האָב זיך אוועקגעלאָזט קיין הייסין צו רב זלמן ראַדעמישלער, און דוקא ווי זאָגט ער, המן איזואַנאָוויטש, מיט די רגלים. געקומען קיין הייסין צו רב זלמנ'ען — לאָזט מען מיך ניט אַריין. וואָס איז די מעשה ? זאָגט מען מיר: אויב איך בין געקומען גלאַט אַזוי, האָט רב זלמן קיין צייט ניט, און איך דאַרף האָבען „פאָ דיעלו", זאָל איך מיר מטריח זיין אין קאַנטאָר אַריין. בין איך מיך מישב: פע, סע שטערט מיר ניט אָן די גאַנצע מעשה! וואָס איז דאָס פאַר אַ דבורים — ניטאָ קיין צייט ? פאָ-דיעלו ? קאַנטאָר ? ביי אונז, סעדעגערער, געהען נישט אָן אַזעלכע שטיק! גערעט, זאָג איך, זאָגט רב זלמנ'ען אַז איך, בעריל דער רויטער פון טעפליק, בין געקומען צו איהם מכוח זעהר אַ נויטיגען עניין און דוקא ניט פאָ דיעלו און דוקא באַלד, וואָרום איך האָב קיין צייט ניט"! זאָגט מען מיר: רב זלמן דאַווענט, ער האַלט פון פאָרענט. אויב אַזוי, זאָג איך, איז עפּיס אַנדערש! דאַווענען פון פאָרינט דאַווען איך אויך, האָטש אפילו אַז מען וויל שמועסען צוריק וואָס געהער זיך אָן איינם מיט'ן אַנדערען ? מע קאָן דאַווענען פון פאָרענט און אָבמאַכען בשעת מעשה טויזענד געשעפטען, נאָר ווי די מעשה איז — אַ נגיד איז ער דאָך, און פאַר אַ נגיד דאַרף מען האָבען דרך ארץ, אַ סימן ווען איך בין למשל אַ נגיד זאָלט פאַר מיר די גאַנצע וועלט געהאַט דרך ארץ... בקצור, איך זעץ מיך אַוועק און וואַרט. איך וואַרט אַ שעה און צוויי און דריי און דוקא אין דרויסען ביי דער טהיר — אַ מעשה אָהן אַ גיעק. איך זעה מענשען געהען אויף און אָב, דער אַריין דער אַרויס. פון קיך דערהייל טראָגט מיין סאַמאָוואַרען מיט כל המינים גוטע זאַכען... קלעהר איך מיר: ע, דאָס טויג דאָך אויף כפּרות! מע זאָל מיך אַזוי פיהרען אין באָד אַריין — דאָס שטערט מיר שוין ניט אָן, און בין מיך מישב, וואָס וועל איך וואַרטען אויף כבוד, אַנ'צאַפּען אויף די טהיר און אַריין גלייך אין שטוב אַריין און „שלום עליכם רב זלמן"! „עליכם שלום, פון וואַנען איז אַ יוד?" „פון טעפליק, זאָג איך, איהר

אַודאי בין איך יענע נאַכט ניט געשלאָפען: איך בין, פערשטעהט איהר מיך, געלעגען אין איינע אַנגסטען און נאָר געטראַכט: וואָס וועל איך איהם זאָגען אַ שטייגער? פון וואַנען זאָל איך אָנהויבען? און וואָס וועל איך טהון טאָמער טהוט ער מיר אַ זאָג:

— העֶרר דזשענטעלמען, וואָס האָט איהר אייך צו מישען אין פרעמדע עסקים? וואָס פאַר אַ מחותן זענט איהר. העֶרר דזשענטעלמען, מיט אַ מיידעל, וואָס איינער פון די „יענקעלעך“ רעכענט זי פאַר אַ כלה, שוין פון ווייס איך ווען?..

וואָס ענטפערט מען איהם דערויף? אָדער וואָס טהו איך, אַז ער נעהמט מיך אַ שטייגער פאַר׳ן קאַרק און טהוט מיך אַ שמייס אַראָפ פון אַלע טרעפ? דאָס הייסט קיין מורא האָב איך ניט, וואָס האָב איך פאַר איהם מורא? איך בין דאָך געקומען צו איהם מכוח איין עסק, ממה־נפשך: יאָ — יאָ, ניין — ניין; וואַרפען זיך איז ניטאָ פאַר וואָס!..

אָט אַזוי בין איך געלעגען אין מחשבות די גאַנצע נאַכט, און אויף מאָרגען האַלב צעהן דעם זייגער האָב איך שוין געקלעטערט צו איהם ער־געץ אין אַלדע שוואַרצע יאָהר אויף אַ בוידעם, אפשר דרייטהאַלבען הונדערט טרעפ, און האָב איהם אַקוראַט געטראָפען אין דערהיים מיט נאָך אַ פאָר „יענקעלעך“ וואָס אַז זיי האָבען מיך דערזעהן, האָבען זיי זיך עפּיס מאָדנע איבערגעקוקט איינס מיט׳ן אַנדערען, ווי איינער רעדט: „וואָס האָט דאָ צו טהון דער דזשענטעלמען?..“ נאָר מיין פויגעל האָט זיי געגעבען אַ ווינק זיי זאָלען נעהמען דעם וועג, און מיינע „יענקעלעך“ האָבען זיך דוקא געשטויסען וואָס מע מיינט, געטהון זיך אַ נעהם צו די היטלעך — און נעלם געוואָרען.

געבליבען מיט איהם אַליין, ווי זאָגט איהר, אונטער פיער אויגען, נעהם איך און טהו איהם אַ לעג אַוועק אַ דרשה: אַזוי און אַזוי, אַז איך בין אַליין, חאָטש איך בין אַ געשעפטסמאַן, אַ מענש מיט אַ שטיקעל נאָמען, און אַ שעֶ־נער פערדיענער, און אַ קערבעל איז בלאָטע, אי טאָמאָו פאַדאָבנע, פונדעסט־וועגען ווייס איך אַלסדינג וואָס אויף דער וועלט טהוט זיך, וואָרום איך בין, דאַרפט איהר וויסען, אַ היינטיגער, איך לייען אַלסדינג, אַלע נייע גאַ־זעטען און זשורנאַלען, און איך נעהם און טהו אַ שיט אויס אַלע מאָדנע ווערטער: „פראָלעטאַריאַט“, „בעבעל“... „מאַרקס“... „רעאַגירען“... „קאָנס־פיריישען“ וכדומה... אויסגעהערט, מאַכט ער צו מיר דוקא פראָסט און ווייך און אָהן שום הויכע ווערטער.

— מיט וואס זשע קאן איך איך דינען?

— מיט א קליינינקייט — זאג איך — מיט אן עצה.

— איך?.. אייך?.. אן עצה?..

אזוי מאכט ער צו מיר און טהוט א שטעל אוועק אויף מיר די פראסטע גרויע אויגען, ווי איינער רעדט: „ווי קום איך, אזא שנעק ווי איך בין, געבען עצות אזא דזשענטעלמען?.." איהר פערשטעהט? ס'איז איהם אליין געווען פריקרע, ווי זאגט איהר, איבער דער טבע. און מיר איז דאך אודאי געווען פריקרע, נאר וואס זאל איך טהון? איך האב דאך שוין אנגעהויבען, בע- דארף מען דערפיהרען, ווי זאגט איהר, צו א ברעג. און איך נעהם און טהו איהם א זאג-אויס, וואס מיך קוועטשט מיט א דערצעהל-אויס, וואס ביי מיר אויפ'ן הארצען טהוט זיך פון דער ערשטער מינוט, וואס איך האב „זי" דער- זעהען, ביז צו הייניגען טאג, ממש איך לעב נישט, דאס הייסט „זי" לאזט מיך נישט לעבען!.. איך בין דאס גאר נישט געוואהנט געווארען, זאג איך, אז איבער א מיידעל — זי מעג זיך זיין אפילו די בת-מלכה אליין, — זאל איך אזוי „רעאגירען", ווארום סך-הכל בין איך דאך גאר א יונגערמאן, חאטש א הייניגער, דאך א סוחר מיט א שטיקעל נאמען, און א שענער פערדינער, און א קערבעל איז בלאטע, אי טאמאו פאדאבנע...

!) אויסגעהערט, מאכט ער צו מיר ווידער אמאל פראסט און ווייך און אהן שום הויכע ווערטער:

— אויב איהר פרעגט ביי מיר אן עצה, האלט איך אייך זאגען, איהר זאלט רעדען מיט „איהר" אליין...

— נו, און איהר? זאג איך.

— איך וויל ניט — מאכט ער צו מיר און פערהאפט זיך באלד — איך קאן ניט, איך האב קיין צייט ניט פערנעהמען זיך מיט אזעלכע זאכען.

— ניין! — מאך איך צו איהם — ניט דאס מיין איך. איך פערלאנג נישט פון אייך, אז איהר זאלט מיט איהר רעדען. ווי קאן איך דאס פערלאנגען? איך פרעג אייך נאר, וואס וועט איהר זאגען דערויף?..

— וואס קאן איך — זאגט ער — דערויף זאגען? אויב איהר געפיהל צו אייך איז אזוי ווי אייער געפיהל צו איהר...

אזוי מאכט ער צו מיר פראסט און ווייך און אהן שום הויכע ווערטער, און נעהמט און טהוט א נעהם ארויס דעם זייגער, ווי איינער רעדט: „אונזער שמועס איז שוין באלד ווי געענדיגט"... די קונץ פון קוקען אויפ'ן זייגער, דארפט איהר וויסען, פערשטעה איך גאנץ גוט. איך, אז איך וויל יענעם פטור

ווערען, בין איך מיך אויך אזוי נוהג. דער חסרון איז וואס ניט יעדער שטויסט זיך וואס מען מיינט. איך, זעהט אידר, האב מיך דוקא יא אנגעשטויסען און האב מיר געגעבען א הויב אויף, געבעטען איהם אז די מעשה זאל בלייבען צווישען אונז, „קאנספידיישען" הייסט עס, און בין אוועק אהיים. וואס זאל איך אייך זאגען? דאס ווארט „פרעהליך" איז א הונד! „גליקליך"? — נאך אלץ נישט דאס! אויפ'ן זיבעציגסטען הימעל!!! ווייל איך האב ניט בעגעגענט האט זיך מיר, הערט אידר, געגליסט נאר ארומהאפען קושען. אלע און אלעס האבען בעקומען אין מיינע אויגען גאר א בעזונדער חן. פון יוסף'ן אליין שמועסט מען ניט: איך האב איהם יענעם טאג ליעב געקראגען ממש ווי איין אייגענעם ברודער. איך זאל מיך ניט שעמען וואלט איך מיך אומגעקעהרט איהם א קוש טהון, און איך זאל ניט מורא האבען, אז ער וועט זיך געפינען בעליידיגט, וואלט איך איהם אונטערגעטראגען א מתנה: א גאלדענעם זייגער מיט א שען קייטעל מיט א היבשען ברעלאק.

פאר גרויס שמחה בין איך גאר אוועק אין קלוב. איך, דארפט אידר וויסען טהו מיך א חאפ אריין אמאל אין קלוב אריין, ווי זאגט אידר „צווישען טאג און נאכט", נישט מחמת איך האב ליעב דאס שפיעל. איך אליין שפיעל ניט; נאר איך האב ליעב זעהען ווי יענער שפיעלט; און אמאל, זעלטען — זעלטען, געבען א „שמיר" אונטער אויף יענעמס קארט, איז איינס פון די צוויי: אדער מען נעהמט אוים, אדער מען ווערט בעגראבען. דאס מאל איז מיר דוקא געראטען, ס'איז מיר אוועקגעגאנגען דאס קערטעל זאג איך אייך, ווי קיינמאל נישט! איך האב אנגעשלאגען א שען קערבעל און האב געגעבען א רוף צונויף די חברה „באס אקעס" (אזוי הייסען ביי אונז אין קלוב די דאזיגע, וואס בלייבען אהן קליין־געלד) און האב געגעבען א שטעל אוועק א וועטשערע און דוקא מיט שאמפאניער נאך „רעדערער" און אז איך בין געקומען אהיים, — געוועז שוין גרויסער טאג — האב איך געטראפען ביי זיך אויפ'ן טיש א דעפעש, אז מען רופט מיך ארוים עקסטרא צוליעב זעהר א נויטיגען געשעפט. און דאס ווייסט אידר דאך מסתמא, אז „נאש־בראט", ווי באלד ער בעקומט א דעפעש מכוח געשעפט, איז א סוף, פארפאלען, ווי זאגט אידר, די קוה מיט'ן שטריקעל, א כפרה אלסדינג, מען הויבט זיך אויף און מען פאהרט.

אוועקגעפאהרען בין איך אייגענטליך אויף צוויי טאג און געזוימט האב איך מיך געוויינטליך דריי וואכען, און אז איך בין געקומען צוריק, האב איך דאך באלד געגעבען א לויף אוועק אין דער רעסטאראציע עסען, און

האָב געטראָפען דאָרטען איין איבערקערעניש: פון די „יענקעלעך" איז ניט געבליבען קיין האָר אפילו, און די וואָס זענען געבליבען, זענען אויך געווען נישט דאָס וואָס תמיד: עפּיס זענען זיי מיר געווען ווי צודרעהט, משונה צורידערט און צופלאָכטען, זיי האָבען אָבגעחאַפּט דאָס עסען, ווי זאָגט איהר, על רגל אַחת, און צוקראָכען זיך מיט אַראָבגעלאָזטע קעפּ, ווי די הינט נאָך אַ רעגען, דער אַהער און דער אַהין...

נאָר מעהר פון אַלעם האָט מיך געוואונדערט: וואו איז יוסף? פאַר וואָס זעהט מען ניט יוסף'ן? איך קוק מיך צו צו די „יענקעלעך" — עפּיס איז מען מיר מאָדנע האָפערדיג, עפּיס שטיקט מען זיך: שו-שו! שו-שו!... ס'איז ביי זיי ניט נאָר קאָנספּיריישען, ס'איז שוין, ווי זאָגט איהר, „קאָנ-ספּיריישען-שבקאָנספּיריישען"!... איך טהו מיך אַ קוק איין אין איהר — „זי" איז מיר אויך משונה שווייגענדיג, פערטראַכט און שטאַרק „קאָנספּיריי-שענדיג"... די שענע בעקלעך פלאַמען נישט, די קאַרשען-אויגען שמייכלען ניט, וואו זענען אַהינגעקומען די זון-גריבלעך וואָס בעטען זיך: נאַ, קוש מיך! עפּיס הערט מען נישט מעהר איהר געלעכטעריל, יענץ געלעכטעריל, וואָס אַז זי הויבט אָן צו לאַכען לאַכט מיט איהר אַלסדינג, איהר, און דער טיש, און די ביינקלעך, און די ווענד, און דאָס גאַנצע לעבען!...

דאָס פערשטעהט איהר דאָך מסתמא אַליין, אַז שטאַרק בענקען האָב איך נאָך דעם יוסף'ן נישט געביינקט... איך האָב מיר נאָר געבראָכען דעם קאָפּ: וואו דאַרף ער געקאָנט געלם ווערען? צי אויף אַ קורצע צייט, צי אויף שטענדיג? צי שחייבט ער בריוולעך, צי ניין? פרעגען ביי די „יענקעלעך" — ענטפערן זיי דען? זיי קוקען אַייך אין די אויגען אַריין, קאַלופּען בשעת-מעשה די צייהן און שווייגען, ווי איינער רעדט: „יונגער-מאַן, אַז איהר וועט וועלען אַלסדינג וויסען וועט איהר גיך אַלט ווערען"...

ערשט מיט אַמאָל אין אַ שענעם פרימאָרגען איך קום צוגעהן איין מאָל אין דער רעסטאָראַציע עסען, טרעף איך די „יענקעלעך" זיצען אַלע אַרום טיש, איינער לייענט פון אַ בלאַט און דער גאַנצער איבעריגער עולם האָרכט. אַ פּנים אַז דאָס מוז זיין פון יוסף'ן. פון וואַנען ווייס איך עס? פון „איהר". „זי" מיט'ן ווייסען פאַרטוכעל און מיט די קאַרשען-אויגען שטעהט ביי דער זייט, צונויפגעלייגט די הענד אויפ'ן האַרצען, דאָס פּנים לייכט, די בעקלעך פלאַמען, דאָס אויבערשטע ליפּעל קוקט אַרויף — פונקט ווי דע-מאָלט אין וואַלד... דער חילוק איז נאָר געווען, וואָס דעמאָלט האָבען די שענע קאַרשען-אויגען געקוקט אויף יוסף'ן, און איצט האָבען זיי געבלאָנזעט

ערגיץ אין דער לופטען, געזוכט א פנים אלץ איהם, אלץ יוסף'ן!... וואס טויג אייך, איך האב קוים דערלעבט זיי זאלען אוועקלייגען דאס בלאט, האב איך עס גענעבען איין עפען-אויף און א קוק אריין אינווייניג — און עס איז מיר מיט אמאל פערענטפערט געווארען אלע קשיות: מיין יוסף האט געהאלטען אין דער ארבייט!... איך האב אבער געוואוסט, אז ער וועט ניט גוט אבשניידען; אז ניט היינט מארגען, — אריין אין קרויט מוז ער... דעם שפיץ האט מען, געוויינטליך, נאך נישט געקאנט וויסען, נאר פערשטאנען האט מען אז א קניפ אין בעקעלע, ווי זאגט איהר, וועט מען איהם נישט געבען, קיין האניג וועט ער נישט לעקען און קיין בשמים וועט ער נישט שמעקען...

וואס ביי מיר איז געווען דעמאלט אויפ'ן הארצען קאן איך אייך נישט איבערגעבען; זאגען אז ס'זאל מיך שטארק ארען קאן איך נישט, ווארום ער איז מיר דאך פארט געשטאנען פאפעריק, ווי זאגט איהר, א ביין אין האלז... און ווידער איך זאל זאגען, אז עס האט מיך געפרייט, איז דאס אויך ניט אינגאנצען אמת, ווי זאגט איהר, מיט געפיהל, מע טאר דאך אזעלכס נישט ווינשען דעם ערגסטען שונא אפילו. אדרבה, איך האב איהם געווינשען מיט'ן גאנצען הארצען, מעגט איהר מיר זיכער גלויבען, אז גאט זאל איהם א נס טהון און מע זאל איהם... אינגאנצען הייסט עס אפריייני-גען — דאס קאן דאך ניט זיין; נאר אזוי עפיס א גרינגע שטראף... איהר פערשטעהט?...

ווי אין א טשאד, זאג איך אייך, בין איך ארומגעגאנגען די עטליכע טעג, זיך גאר קיין ארט נישט געקאנט געפינען. און אז איך בין געווארער געווארען, אז דער עסק האט זיך שוין ברוך השם געענדיגט און אז מארגען ווערט ארויסגעטראגען דער פסק, שוועהר איך אייך ביי מיין לעבען — ס'איז ביי מיר טייער — אז איך בין יענע נאכט ניט געשלאפען, ניט אנגע-הויבען שלאפען, זיך געקאטשעט פון איין זייט אויף דער אנדערער, און געמוזט סוף כל סוף אויפשטעהן, און האב מיך געפרובט געבען א קוק-אריין אין קלויב אריין, נישט אזוי צוליעב דער שפיעל, ווי איך האב גערע-כענט טאמער וועל איך קאנען פערגעסען חאטש אויף א מינוט... דאס הארץ איז מיר עפים געווען צו שוועהר, איך האב געפיהלט, כמעט געוואוסט אז ער האלט שמאל.

און כך הוה. איך קום אין דער געוויינטליכער צייט אין דער רעסטא-ראציע, בעגעגען איך פון דארט ארויסשפרינגען צווי „יענקעלעך", שטארק

צעפלאכטען, פארטארערעמט — סכנות נפשות! ארייגעקומען אינווייניג האב איך געטראפען א פאר פרעמדע מענשען עסען. צום טיש דערלאנגט שוין ניט „זי", נאר די מוטער, און די מוטער אליין איז עפיס אויך, ווי זאגט איהר, לא עליכם'דיג. איך וואלט געמעגט שווערען אז פערוויינט... בין איך נישט פויל אויף דער פען און נעהם און טהו זי ארויף אב אויף א זייט:

— וואו איז ערגיץ אייער טאכטער?

— ביי זיך — מאכט זי צו מיר און טהוט מיר א ווייז מיט די אויגען אהין אויף א קליין אלקירעל, וואס זעהט אויס ווי א שטייגעל מיט א טירעל.

די שפיעל וואס איך האב געשפיעלט מיט דער מוטער איז געווען, דארפט איהר וויסען, א מאדנע שפיעל. רעדען עפענטליך מכח אכטצעהן און דרייצעהן האב איך מיט איהר קיינמאל ניט גערעדט; נאר פארשטאנען האב איך, אז זי וויל דעם שדוך: א יונגערמאן א היינטיגער, מיט א שטיקעל נאמען, און א שענער פערדיענער, און א קערבעל איז בלאטע, אי טאמאו פאדאבנע — פאר וואס זאל זי ניט ווילען? אדרבה, איך האב איהר א פאר מאל געגעבען אנצוהערעניש, אז איך אינטערעסיר מיך מיט איהר טאכטער זעהר געשמאק! א סימן — איך קאן ניט ליידען, וואס זי דערלאנגט אליין צום טיש... טרעפט זשע, וואס ענטפערט זי מיר דערויף?

— איהר קאנט ניט ליידען וואס זי דערלאנגט? דערלאנגט מען אליין!...

אזוי טהוט זי צו מיר א זאג, די מוטער הייסט עס, און דערלאנגט זיך א שמיר ארויף מיט'ן נאקעטען עלענבויגען איבער'ן פנים, און געה טהו איהר עפיס!

וואו זשע האלט איך? — ביי'ם קליינעם אלקעריל. ווי אזוי און מיט וואס פאר איין אופן איך האב געטהון א געה אריין אין דעם קליינעם אלקעריל אריין? וואס זענען געווען די ערשטע ווערטער, וואס איך האב איהר געגעבען א זאג? -- פרעגט מיך בחרם אויב איך הויב אן געדענקען אפילו! איך געדענק נאר, אז איך האב זי געטראפען אינ'ם זילביגען ווייסען פאר-טוכעל וואס תמיד, זיצען ביי'ם פענסטער צונויפגעלייגט די הענד אויפ'ן הארצען, דאס פנים בלאס, די בעקלעך וויים, קיין טראפען בלוט ניטא, דאס אויבערשטע ליפעל קוקט ארויף, און די שענע קארשען-אויגען איבער-געצויגען ווי מיט א רויכעל, קוקען ערגיץ ווייט — ווייט, פערטראכט, און נישט קיין איינציגע טרעהר, נישט קיין סימן פון קיין טרעהר, נאר א שטילער, שטומער, טרויער, זעהט מען, ליעגט אויסגעגאסען אויפ'ן קוים-קוים אנגע-קנייטשטען ווייסען שטערען. איך שווער אייך ביי מיין לעבען, הערט איהר—

ס'איז ביי מיר טייער — זי איז אין דער דאָזיגער מינוט געווען אַזוי שיין, אַזוי געטליך, אַז איך בין גרייט געווען זיך געבען אַ טהו אַ וואַלגער פֿאַר איהרע פֿיס און אויסקושען איהר די טריט!... דערזעהען מיך, האָט זי זיך דוקא נישט איבערגעשראָקען, דוקא נישט געגעבען זיך קיין חאַפּ־אויף און דוקא נישט געפֿרעגט מיך וואָס איך דאַרף. איך האָב אַליין גענומען און געשטעלט אַוועק אַ ביינקעל און אַוועקגעזעצט זיך אַקעגען איהר און גענומען רעדען, רעדען, אָהן אַיין אויפֿהער, אָהן אַ ברעג. אַ קוואַל פֿון ווערטער האָט זיך ביי מיר געגעבען אַיין עפֿען אויף און איך האָב גערעדט און גערעדט און גערעדט. וואָס איך האָב גערעדט — זאָג איך דאָך אייך, אַז איך ווייס ניט. דער פּשט אַ פּנים איז געווען אַזוי: איך האָב איהר געוואָלט אויסרעדען דאָס האַרץ, טרייסטען זי, איהר געבען צו פֿערשטעהן, אַז זי טאָר ניט „רעאַגירען" אַזוי שטאַרק... אויף אונזער לשון הייסט עס: זי זאָל זיך נישט נעהמען אַזוי צום האַרצען, ווארום זי איז נאָך צו יונג, און צו פֿריש, און צו שיין... איך האָב איהר געדרונגען, אַז איהר גליק קאָן מען נאָך גאָר ניט וויסען... אָט למשל בין איך אַ יונגערמאַן אַ סוחר, אַ היינטיגער, מיט אַ שטיקעל נאָמען, און אַ שענער פֿערדיענער, און אַ קערבעל איז בלאָטע, אי טאָמאר פּאַדאָבנע... אַ סימן: לאָז זי מיר נאָר זאָגען איין וואָרט, אַז זי איז גרייט צו פֿערגעסען אַלסדינג וואָס ס'איז געווען ביז אַהער, גלייך ווי עס וואָלט גאָרניט געווען, גאָר ניט, קיין שום יוסף, מיט קיין שום „יענקעלעך" מיט קיין שום „קאָנספּירישען" אויף דער וועלט!...

הערט איהר? איך ווייס אַליין ניט פֿון וואַנען עס האָט זיך צו מיר גענומען אַזאַ כּח הדבור! און טאָמער מיינט איהר אַז זי האָט מיר עפּיס געענטפֿערט דערויף? אָסור! געזעסען און געקוקט און געקוקט... וואָס האָט געקאָנט בעדייטען דער דאָזיגער קוק? דער דאָזיגער קוק האָט געקאָנט בעדייטען: „איהר מיינט עס מיט אַיין אמת? עס גלויבט זיך מיר עפּיס ניט!..." אָדער: „איך וועל מיר איבערלייגען"... אָדער: „לאָזט מיך צורוה"... אָדער גאָר: „יוסף"... איהר פֿערשטעהט? — ניט „יוסף", נאָר: „יו—סף"! . . . . :

וואָס פֿאַר אַ פּנים איך האָב נאָכהער געהאַט ביי זיך אַליין אין די אויגען — מעגען שוין מיינע שונאים האָבען אַזאַ יאָהר!... איך האָב עטליכע טעג דורכאַנאַנד מיך געשעמט וויזען זיך פֿאַר די אויגען... און אַגב איז מיר אויפֿ'ן האַרצען געווען אַזוי וויסט, גלייך ווי איך אַליין וואָלט מיך פֿיהלען

די פאר א שטיקעל חיב אינ'ם אומגליק וואס זיי איז געשעהן... וויפיל איך האב מיך ניט געמוטשעט איך זאל איהם ארויסשלאגען פון די געדאנקען, פארגעסען איהם, אט דעם יוסף'ן — אוממעגליך!... איהר דארפט וויסען, אז איך פון חלומות האלט ניט, פאר מתים האב איך קיין מורא ניט, און אין כשוף גלויב איך ניט, נאר איך שווער אייך בנאמנות, ס'איז נישט אוועקגעגאנגען די נאכט ער זאל ניט קומען מיר צו חלום, יוסף הייסט עס, מיך ניט אויפוועקען און בעווייזען מיט דער האנד אויפ'ן האלז, אז ס'איז ביי איהם, ניט אין מיין מאס, ארום און ארום האלז א בלויען צייכען... ווי מיינט איהר, א חלום האט עפּיס א ממשות? איך וויים א פאקט, וואס האט זיך געטראפען אמאל מיט מיינעם א פעטער... נאר נארישקייטען! איך האלט נישט פון חלומות!... איך בין גלאט אזוי געווען צורעדט, פערלארען דעם אפעטיט צום עסען, אויפגעהערט שלאפען... פאר פחד מיינט איהר? ניין! נאר א בעקאנטער מענש, געזעסען מיט איהם וויפיל מאל ביי איין טיש — איהר פערשטעהט? האב איך מיך מישב געווען, ווי זאגט איהר, וואס ס'וועט זיין וועט זיין, — כ'האב מיך אנגענומען מיט הארץ און האב געטהון א גערה אוועק אהין, גלייך צו זיי אין דער רעסטאראציע אריין.

איך קום צוגעהן אין דער רעסטאראציע — וועך מיר רעסטאראציע? וואס מיר רעסטאראציע? עס הויבט זיך גאר ניט אן — אויסגעטריקענט דאס ארט אפילו! וואו איז אהינגעקומען די רעסטאראציע? — ארויסגעפאהרען שוין פון עטליכע טאג! „וואס הייסט ארויסגעפאהרען“? „ארויסגעפאהרען הייסט ארויסגעפאהרען“... איך טהו א קלונג אן אין הויף אריין, א לויף אריין צום בעל הבית: „וואו איז אהינגעקומען די רעסטאראציע? וואוהין איז זי אריבערגעפאהרען?“ א נעכטיגער טאג — קיינער ווייסט ניט, קיינער קאן מיר ניט זאגען וואוהין! הויב איך דאך אן מסתמא צו פייערען, ווי זאגט איהר, אריין אין דער אמביציע. און איך, אז איך טהו א קום אריין אין דער אמביציע, איז סכנות נפשות! איך בין ארומגעלאפען, שוועה איך אייך, ווי א משוגע'נער, אויסגעזוכט וואו די וועלט האט אן עק!... און די „יענקעלעך“? ווי אויף צו להכעיס איהר זאלט זאגען חאטש איין „יענקעלע“ אויף א רפואה!... בין איך אוועק אין פאליציי חוקר ודורש זיין, מאכען א „ספראווקע“ הייסט עס... געקומען אין פאליציע, טהוט מען מיך א נעהם אויף: „טשטא נאדא?“ זאג איך: „דאס און דאס, אזוי און אזוי, וואו איז אהינגעקומען די רעסטאראציע?...“ פרעגט מען מיך: „וואסער רעס-

טאראציע?" זאג איך: "דו און די". פרעגט מען מיך: "אויף וואס דארף איך זי?..." איהר פערשטעהט — זאל איך זיי געהן דערצעהלען אויף וואס איך דארף זי?!... שווייג איך דאך, פרעגען זיי מיך נאך אמאל און נאך אמאל, איך זאל זיי זאגען, "אויף וואס איך דארף זי?..." וואס טויג אייך, איך האב מיר געקויפט, ווי זאגט איהר, מפטיר... נו-נו, איך האב עס געהאט א לויפעניש! דער רוח האט מיך געטראגען!... חאטש, אז מען וויל צוריק, וואס איינענטליך האב איך געהאט מורא צו האבען, אז סך הכל בין איך דאך נאר א יונגערמאן א סוחר, מיט א שטיקעל נאמען, און א שענער פערדיענער, און א קערבעל איז בלאטע, אי טאמאו פאדאבנע. איך אין אזעלכע עסקים מיש מיך נישט! ווי זאגט איהר: "ניע יעווזשי טשעסנאקו— אז מען עסט ניט קיין קנאבעל הייסט עס..." נאר וואס דען? איך האב עס פיינט! איהר פערשטעהט? — איך האב עס פיינט און שוין!... איך האב מיך פערשאלטען, זאג איך אייך, דאס געביין. נא דיר א רעסטאראציע! נא דיר א מיידעל! נא דיר א יוסף!.. איך וואלט שוין אליין געוואלט זי פערגעסען און א סוף. איז אבער ווי אויף צו להכעיס קריכט זי מיר ניט ארויס פון קאפ! נאך עד היום שטעהט זי מיר פאר די אויגען מיט'ן ווייסען פארטוכעל וואס שעמערירט, מיט די שענע קארשען-אויגען, וואס קוויקען, מיט'ן קליינעם ליפעל וואס קוקט ארויף, מיט די חניגריבעלעך וואס בעטען זיך: נא קוש מיך, און מיט'ן געלעכטערעל וואס צעגעהט זיך אין איטליכס אבר... און אפט מאל מאכט זיך ביי נאכט, אז איך האלט אין רעכטען שלאף, הער איך איהר קול: "יו—סף!.." "יו—סף!" חאפ איך מיר אויף אין א קאלטען שוויים, ווארום קוים דערמאן איך מיך אן "איהר", אזוי קומט מיר באלד אויף די געדאנקען "ער"...

ועהט איהר? איך ווארט ניט ביז איהר וועט זיך געבען א טהו א געהם צום זייגער; איך ווייס אליין, אז אלסדינג אויף דער וועלט מוז האבען א סוף... האט נאר קיין פאראיבעל ניט, וואס איך האב ביי אייך צוגענומען אביסעל צופיעל צייט, און גיט מיר אייער האנד, אז אלסדינג וואס כ'האב אייך דא דערצעהלט וועט דאס בלייבען צווישען אונז ביידע, ווי זאגט איהר: קאנספידענציאל...

אדיע!

ניטא קיין נייעס.

נישטא קיין נייעס

(צוויי לשנה טובה בריוולעך).

א) וואס א שניידער פון אמעריקא שרייבט צו זיינעם א פריינד פון דערהיים.

ב) וואס א שניידער פון דערהיים שרייבט צו זיינעם א פריינד אין אמעריקא.

א.

מיי דיר פרענד 1) ישראליק!
לשנה טובה תכתבו ותחתמו דו מיט דיין וויף 2) מיט דיינע טשילדרען 3) איהר זאלט זיין אללרייט 4) מיט כל ישראל אמן. מיר האבען גרויס טראבעל 5) פון דעם וואס דו שרייבסט אונז ניט קיין לעטטער 6), ווארום זינט עס האבען זיך אנגעהויבען ביי אייך די רעוואלושאן מיט דער קאנסטיטושאן 7) די מעססעקרעס 8) געהען מיר ארום דיסאפוינטעט 9) ממש אהן קעפ. אויב דאס, וואס אונזערע פייפערס 10) שרייבען, איז ניט קיין בלאף 11), האט מען שוין בעדארפט אוועקלעגען ביי אייך א האלבע וועלט, אלע טאג הערען מיר פון אייך איין אנדער סענסיישאן 12). נעכטען האב איך געליינט א קייבל 13), אז מיסטער קרושעוואן, דעם פרעזידענט פון דער פערטער דומע, האט מען געהאנגען, — שרייב מיר צי ס'איז אמת. און פון דיינע ביזנעס 14) זאלסט דו מיר שרייבען, און צי דו ארבייטסט אין א שאפ 15) אדער דו ביזט א באס 16) פאר זיך? און וואס מאכט דיין חנה-ריקעל? און וואס טהוט הערשעל? און מיין קאזען 17) ליפא וואס מאכט? און יאסעל העניך'ס? און בענצי מיט רחל'ען?

---

[1]) מיין טייערער פריינד. [2]) ווייב. [3]) קינדער. [4]) אין בעסטען שטאנד. [5]) יסורים. [6]) בריעף. [7]) רעוואלוציע, קאנסטיטוציע. [8]) פאגראמען. [9]) צעטראגען. [10]) גאזעטען. [11]) גוזמא. [12]) איבעררעשונג. [13]) דעפעש. [14]) געשעפטען. [15]) קראם. [16]) בעל-הבית. [17]) געשוועסטערקינד.

45 פרעמיע ט. ב.

און זלאטקע? און מאטעל? און די איבעריגע אפרייטערעס 18) וואס מאכען? און צי טראכסט דו וועגען אריבערמופען 19) קיין אמעריקא? אלצדינג זאלסט דו מיר ארויסשרייבען אין דיין לעטער. און וועגען מיר וואס זאל איך דיר שרייבען, מיי דער פרענד? איך בין אללרייט און מיין וייף איז אללרייט און מיינע טשעלדערען זענען אללרייט. דאנקען גאט מיר מאכען דא אלע א לעבען. מיר ארבייטען שווער און ביטער, אבער מיר מאכען א לעבען. קיין געלד סייוועז 20) מיר ניט, נאר מיר פערנעהמען צוויי ראומס 21) מיט א קיטשען 22). א גאנצען טאג ארבייטען מיר און ביינאכט געהען מיר ארויס אויף פלעזשור 23), אדער אויף א מיטינג פון סאשעליסטען 24), אדער פון זאיאניסטען 25) אדער גאר אין א יודישען טעאטער. דאס גאנצע לעבען ווערט מען טאקע פערשווארצט, דערפאר זענען מיר אבער פריי, און איך קאן מיר זיין א מעמבער 26) אין וואס פאר א סאסייטי 27) איך וויל, און אז איך וויל ווער איך א סיטיזען 28) און ווער צוגעלאזען צו עלעקשאן 29). איין זאך געדהט אונז דא ניט אויין — די היים. א, בענקט זיך אהיים! מיין דזשענע (זי הייסט שוין מעהר ניט בלומע, נאר דזשענע) לאזט מיך ניט עטעמען. זי טרייבט מיך, מיר זאלען פאהרען קיין ראשען 30) אויף קבר אבות. זאלסט אנקוקען איצט מיין דזשענע, וואלסט דו זי ניט דערקענט. א ליידי 31) מיט א העט32) און מיט גלאווס 33), איך שיק דיר דא די פיקטשור 34) פון מיין דזשענע מיט מיין פעמעלי 35). וואס זאגסט דו אויף מיין עלטערן באי 36)? דאס איז מאטעל. מייק הייסט ער שוין אצונד. ער ארבייט אין א פעקטארי 37) און פערדיענט פון 10 ביז 12 דאלאר א וואך. ער זאל ניט געמבלען 38), וואלט ער נאר געווען אללרייט! דער אנדערער, דזשעק, איז געוועזן פריהער ביי דער ארבייט, היינט האט ער זיך צוגעלערנט א ביסעל ענגליש און איז א בוקקיפער39) אין א בארבערשאפ 40). דער דריטער ממזר, בענדזשעמען, דיענט אין א סאלון 41). קיין ווייזשעס 42) נעהמט ער ניט, נאר ער ברענגט אהיים אמאל 6 דאלאר און א מאל — 8. דער 4-טער דער באיטשיק וואס מיט'ן הינטעלע איז א גוטער לאפער 43), וויל ניט געהן אין סקוהל (שול), ליגעט טאג ווי נאכט אין סטריט 44) און שפיעלט אין באל 45). די מיידלעך

18) שניידערס. 19) איבערקלויבען זיך. 20) קלויבען. 21) חדרים. 22) קיך. 23) פערגינען. 24) סאציאליסטען. 25) ציוניסטען. 26) מיטגליעד. 27) געזעלשאפט. 28) בירגער. 29) וואהלען. 30) רוסלאנד. 31) מאדאם. 32) הוט. 33) הענטשקעס. 34) בילד. 35) פאמיליע. 36) יונג. 37) פאבריק. 38) שפיעלען אין קארטען. 39) בוכהאלטער. 40) פאריקמאכער. 41) שיינק. 42) געצאהלטס. 43) א דער רוח ווייסט וואס. 44) גאס. 45) מיאטש.

אלע ביי מיר זענען אויך אללרייט. זיי ארבייטען אין די שעפער 46) און האבען שוין געלד אין די ביינק. דער חסרון, וואס מען קוקט זיי ניט אן אין די אויגען. זיי גערען ווען זיי ווילען און וואוהין זיי ווילען און מיט וועמען זיי ווילען. אמעריקא איז א פריי לאנד. מען טאר ניט זאגען יעגעם קיין דעה, אפילו איין אייגענער טאכטער. אט צום ביישפיעל מיין עלטערע טאכטער, חיה האט זי געהייסען, אצינד הייסט זי שוין פרענסיס, האב איך מיט איהר געהאט א דזשאב 47)! זי האט זיך פערליעבט און חתונה געהאט אהן מיין וויסען פאר א פוסטען באי, פון די וואס בעלאנגען צו די פיקפאקעטס 48). ער איז אנטלאפען פון די האוז 49) אף רעפיודזש 50) און איהר האט ער דערצעהלט, אז ער איז א בעוואוסטער קלאדינגמאנופעקט-שורער 51) און א רעלעסטייטניק 52), לסוף האט זיך אויסגעלאזט, אז ער איז א ביגאמיסט 53). ער האט זיין אייגענס סך-הכל דריי ניט קיין געגט'ע ווייבער! איך האב געהאט געגוג טראבעל ביז איך בין זיינער פטור געווארען. איצט האט זי געהייראטעט א פושקארט-פעדלער 54) און איז אללרייט! די איבעריגע טעכטער מיינע זענען נאך ניט אויסגעגאנגען 55) און אז זיי וועלען אויסגעהן, וועלען זיי אויך ביי מיר ניט פרעגען. אמעריקא איז א פריי לאנד, יעדער אטענדעט 56) זיינע ביזנעס 57) ווי ער פערשטעהט. און דאטסמאל 58)! האב איך דיר ארויסגעשריבען, מיי דיר פרענד, אלצדינג וואס ביי מיר טהוט זיך, און איך בעט דיך דו זאלסט מיר למען השם באלד אבענטפערן, מיט א לעטטער אויך פון אלצדינג וואס ביי דיר טהוט זיך, און לאז גריסען איטליכען בעזונדער גאר פריינדליך, און ווינש אייך נאכאמאל א כתיבה וחתימה טובה — גוד באיי 59)! פון מיר דיין בעסט פרענד 60).

דזשייקאבס (אמאל געווען יענקעל).

ב.

טייערער פריינד יענקעלי!

דיין לשנה טובה-בריעף האב איך פאלושעט פונקט ערב ראש השנה, און דאנק דיר זעהר פאר דיין ליעבען בריעף און איך ווינש דיר דעם זעלבען **לשנה טובה תכתבו ותחתמו**. ניב נאט צו זעהען זיך

46) געוועלבען. 47) אנ'עסק. 48) גנבים. 49–50) איין אויסבעסערונגסאנשטאלט; 51) א פאבריקאנט פון קליידער. 52) האנדעלט מיט הייזער. 53) האט עטליכע ווייבער. 54) א פעדלער מיט א וועגעלע. 55) חתונה געהאט. 56) בעארבייטעט. 57) עסקים. 58) אנ'עק. 59) ווי געזונד. 60) בעסטער פריינד.

מיט פרעהליכע הערצער, אמן. אצונד קום איך דיר ענטפערן אויף דיין בריעף. ממה נפשך, שרייבסט דו שוין יא איין מאל אין צוויי יאהר א לשנה טובה=בריוועל, טא שרייב שוין ווי א מענש! ווער איז דאס אביאזאן צו פערשטעהן, וואס הייסט דאס: לעטטער, פייפער, פיקטשור, בלאף, וכדומה אזעלכע ווערטער? היינט שרייבסט דו, מען זאל דיר שרייבען. וואס זאל איך דיר שרייבען? נישטא קיין שום נייס. ס'איז איצטער דאנקען גאט שוין בלאהאפאלוטשנע ביי אונז. די נגידים מאכען גוט ווי אלע מאל, און ארימע לייט שטארבען פון הונגער ווי אומעטום. מיר, בעלי=מלאכות, זיצען אהן א שטאך ארבייט. פאר איין זאך זענען מיר ברוך השם אבגעזעטשעט — פאר א פאגראם. מיר האבען שוין פאר א פאגראם כלל קיין מורא ניט. מחמת ס'איז שוין געוועזען, און צוויי מאל אודך — דאס איז א זאך, וואס קאן זיך טרעפען נאר אין קישענעוו. דער פאגראם איז געוועזען ביי אונז אפילו שפעטליך, נאר דערפאר האבען מיר געהאט א פאגראם מיט אלע פלעטערלעך. בקצור, קיין סך שרייבען וויל איך דיר ניט און קאן ניט און האב ניט וואס צו שרייבען, איך קאן דיר נאר מעלדען, ליעבער יענקעל, איין זאך: איך לעב! איך האב זיך געזעגען מיט'ן מלאך=המות דריי מאל — נאר בלאטע! ווי זאגט געצי דער דאמסקער שניידער — געדענקסט איהם? מי ברעש ומי במגפה — אז ס'איז באשערט מוטשען זיך, שענקט גאט דאס לעבען... מיר האט נאר ווער געזעהן דאס הארץ פאר מיין ווייב און פאר מיינע קינדער, האב איך זיי אוועקגעשיקט לעזאזל, זיי האבען זיך גאנץ פיין פערקליבען צו א גוטען גוי אויפ'ן בוידעם אין זענען דארט אבגעלעגען בכבוד צוויי טעג מיט צוויי נעכט, חלילה נישט געגעסען, נישט געטרונקען, נישט געשלאפען, און ערשט העט אויפ'ן דריטען טאג, אז ס'איז שוין ניט געווען וואס צו ראבעווען און וועמען צו שלאגען, איז געווארען ביי אונז דאנקען גאט בלאהאפאלוטשנע, איז מען פאוואלינקע אראב פון די בוידעמער אלע בשלום, און עס האט ברוך השם פון אונזער סעמעיסטווע קיינעם ניט געשאדט, אחוץ ליפא, וואס איז געהרג'עט געווארען מיט ביידע זיהן, נח און מלך — גילדענע צוויי ארבייטער! און אחוץ משה הערשען, וואס מען האט איהם מחילה אראבגעלאזט פונ'ם בוידעם, און פעריל דבורה'ס האט מען שוין-שפעטער געפונען א טויטע, טאקע ביי זיי אין קעלער, און א ברעקיל קינד איהרעס (רייזעלע) האט מען געפונען ביי דער ברוסט... קרוגאם, שוין מיט קליינע קינדער, זענען פון אונזער סעמייסטווע, הייסט עס, געהרג'עט געווארען סך=הכל זיעבען... נאר ווי זאגט געצי: „גם זו לטובה“ — עס קאן נאך זיין ערגער; בעסער האט קיין

שיעור ניט... אויף הערשלען פרעגסט דו? זיי רוהיג. ער זיצט שוין העכער אַ האַלב יאָהר איינער אַליין אָהן אַ קנעלונג אין טורמע. פאַרוואָס? מסתמא הערפאַר, וואָס ער האָט געקוקט ווי כהנים דוכענען...

ס'איז אַ סברא, אַז מען וועט איהם געבען אַ פיינעם כבוד: אָדער מען וועט איהם הענגען, אָדער מען וועט איהם שיסען; דאָס וועט שוין זיין ווי זיין גליק וועט שפּיעלען, מחמת צו אַלסדינג, זאָגט געצי, בעדאַרף מען האָבען מזל. למשל, אָט איז יוסיל העניך'ס געשטאָרבען נאָך איידער מען האָט איהם געבראַכט אין טורמע אַריין... ווייטער איז ניטאָ קיין שום נייס דיר צו שרייבען; נו, און אויף נחמיה דעם סטאָלער'ס זוהן, לייב, פרעגסט דו גאָרניט? געדענקסט איהם? געוועזען אַ גאָרנישט מיט אַ גאָרנישט, אַ יאָ? „לייב-דרייב-אַבדעריק" — האָט מען איהם גערופען. היינט ליעגט ער ווי אַ גראַף אין פּעטראָפּאַוולאָווסקע קרעפּאָסט. זעהסט דו, אויף וועמען ס'איז יאָ אַ רחמנות נעביך? אויף זלאַטקען. זי, זאָגט מען, איז געריהרט פאַר צרות... אַ קלייניגקייט — פערליערען אין איין וואָך צוויי קינדער! און אברהם משה'ס זוהן איז שוין איצט אַודאי אין אַמעריקאַ. אַז דו וועסט איהם זעהען, זאָלסט דו איהם לאָזען געריסען און זאָגען, אַז זיין טאַטע איז אַ מאַלאָדיעץ: ער איז געשטאָרבען נאָך פאַר דער קאָנסטיטוציע! און מאָטעל אונזערער איז גלאַט פערפאַלען געוואָרען, מען ווייסט ניט וואו ער איז... עס זענען אָט אַזוי אַ סך איזטשעזנעט געוואָרען, מען ווייס ניט וואו זייער געביין איז אַהינגעקומען... אַ סך זענען זיך צולאָפען, אַ סך זענען גע'הרג'עט געוואָרען און אַ סך רודען זיך אויס אין די טורמעס, שפּאַציערען אַרום אין סיבירער שנייען, אַרבייטען מיט דער טאַטשקע—נאָר וועמען הערען זיי? חברה האָבען זיך איינגעשפּאַרט איין מאָל פאַר אַלע מאָל: אָדער קאָנסטיטוציע, אָדער אַ קרענק! קיין חכמות גערעט ניט אָן ביי אונז, בעל-מלאכות, ווי זאָגט געצי: „לא מעוקצך ולא מדובשך" — זיי מיר ניט קיין פעטער און נייה מיר ניט קיין שטיוועל. אַ מאָדנער מענש אָט דער געצי: איין זוהן האָט מען איהם אַוועקגעלעגט אין דער מלחמה, דער אַנדערער — זיצט, און אַליין איז ער אויך אויף צרות, גאָר קומט צו אַ גלייכווערטיל אָדער אַ פסוק, חאַפּט איהם אַוועק דער רוח!.. און ווייטער איז ניטאָ מעהר קיין נייס צו שרייבען, ס'איז דאַנקען גאָט בלאַהאָפּאָלוטשנע און מיר זענען אַלע ברוך השם אין בעסטען געזונד, אַחוץ וואָס חנה-ריקעל מיינע קלאָגט זיך נעביך אויפ'ן האַרצען... אַ ווערטיל אויסצורייידען — די פחדים, וואָס מען שטעהט דאָ אויס פון די עקספּראָפּריאַציעס. דו ווייסט אַודאי נישט, מיט וואָס מען עסט דאָס? וועל איך דיר בעשרייבען. מען קומט אַריין צו דיר אין שטוב אַריין מיט אַ פּאַר-

טיגער באָמבע, אָנגעפּיהלט דוקא ניט מיט מצה-מעל, נאָר מיט פּולווער און מיט צוועקעס, און מען זאָגט צו דיר: רוקן ווערך! (געצי רופט דאָס אָן: „שאו ידיכם!") און מען צושפּילעט דיר די קאַפּאָטע און מען נעהמט צו ביי דיר וואָס דו האָסט — און רוף מיך קנאַקניסעל! אַנימעלטען זענען אַריין צו מיר צוויי חברה-לייט, געזאָגט מיט מיר דעם פּסוק און צוגענומען ביי מיר די מאַשינע, און אַ בהמה האָב איך געהאַט, איז זי אַליין געפּגרט, און מיין ברכה איז נאָך אַ גרעסערע אביונטע ווי זי איז געווען, און אַלטערן געדט אויך האָב געגעבן צו אַ נגיד, און לייזערן האָט מען אַרויסגעשיקט ניט לאַנג פאַר אַ פּאַס. אַ מצוה — ווער איז איהם שולדיג? לאָז ער ניט זיין קיין מלמד! און מענדיל האָט זיך אויך שוין אויסגעפּיינט, גענומען און געשטאָרבען, אַ טייל זאָגען — פון דער טשאַכאָטקע, אַ טייל זאָגען — פון הונגער, און איך מיין, אַז פון ביידע זאַכען... און בנימינ'ס קדיש דיענט, און פון דער חאָלערא שמועסט מען ביי אונז גאַנץ געשמאַק. נאָך דאָס פעהלט אונז! — און ווייטער איז ניטאָ מעהר קיין שום נייס דיר צו שרייבען. און דאָס, וואָס דיין בלומע, אָהער ווי אַזוי הייסט זי היינט, דזשענע, וויל קומען צופאָהרען אויף קבר אָבות, איז ניט איצטער די צייט, יענקעל! לאָז איבער אויף איבער-אַ-יאָהר אם ירצה השם, ס'וועט ווערען ביי אונז אַביסעל שטילער, דער עולם וועט אויפהערען זיך קוילען איינס דאָס אַנדערע, וועט איהר דעמאָלט קומען צופאָהרען, וועלען מיר געהן אם ירצה השם איניאיינעם אויפ'ן פעלד, ס'איז אונז דאָרט צוגעקומען ברוך השם אַ שען ביסעל פריינד, פון בעקאַנטע שמועסט מען ניט; עס קומט נאָך צו היינט אויך אַלע טאָג! מעהר קיין נייס איז ניטאָ צו שרייבען, זיי געזונד און לאָז געריסען איטליכען בעזונדער גאָר פריינדליך. קיין אַמעריקאַ פאָהר איך ניט. דיין אַמעריקאַ הויבט מיר גיט אָן צו געפעלען. אַ לאַנד, וואָס אַ גאַזעט הייסט פייפער, וואָס פון בלומע ווערט דזשענע, און אַ חתן, האָט דריי ווייבער — פון אַזאַ לאַנד, האָב קיין פאַריבעל ניט, דאַרף מען לויפען! פון דיין בריעף זעה איך אַרויס, אַז ווען מיר האָבען דאָ די קאָנסטיטוציע, וואָס מיר מיינען, בעדאַרפען מיר שוין קיין שום אַמעריקאַ נישט. דעמאָלט האָבען מיר דאָ אַ בעסער אַמעריקאַ ווי איהר דאָרט... יענקעל! זאָלסט גאָר קיין יסורים ניט האָבען; אַזאַ שטיק גאָלד מיר, און אַזאַ מכה קרושעוואַנען, וואָס פאַר אַ קאָנסטיטוציע מיר וועלען אם ירצה השם האָבען!.. הלואי זאָל אונז גאָט אָנ'תתמעגען אַ גוט יאָה"ר, אונז דאָ און אייך דאָרטען!

פון מיר דיין פריינד ישראל.

פינף און זיעבציג טויזענד

פינף און זיבעציג טויזענד.

(א פּעקעל).

אידער זאָגט „פּעקליך?"... אַלץ הייסט ביי אייך „פּעקליך"!.. מיר דאַכט, אַז זינט גאָט האָט בעשאַפען די וועלט, און זינט יודען װענען אַ פאָלק האָט מען נאָך פון אַזאַ „פּעקיל" נישט געהערט און נישט געזעהען אין חלום אַפילו! אויב אידער האָט צייט רוקט זיך צו זייט מוחל און הערט מיך אויס מיט קאָפּ, וועל איך אייך דערצעהלען פון א' ביז ת' מיט אַלע ברעקליך און מיט אַלע פּישטשעווקעס אַ מעשה מיט פינף און זיבעציג טויזענד. איך פיהל אַז ס'איז מיר איינג אָט־אַ־דאָ־אָ, סע קוועטשט מיך, סע ברענט אין מיר אַ פייער, איך מוז, און מוז דאָס אַרויסגעבען פון זיך... אידער פערשטעהט צו ניין?... נאָר איין זאַך וועל איך פון אייך בעטען: אַז איך וועל זיך אָבשטעלען, אָדער פערקריכען קיין בויבעריק, זאָלט אידער מיר דערמאָנען וואו איך האַלט, ווארום פון דער חתונה אָן, פון די פינף און זיבעציג טויזענד הייסט דאָס, האָט מיר אָנגעהויבען ניט פייר אייך געדאַכט ושומען אינווייניג אין קאָפּ און סע מאַכט זיך מיר היינט אָפּט, אַז איך פערגעס, וואו איך האַלט... אידער פערשטעהט צו ניין?... זאָגט נאָר, האָט אידער נישט ביי זיך קיין פינף און זיבעציג טויזענד... טפו! מיין איך אַ ציגאַר טיטון?

קורץ און גוט וואו האַלט איך? ביי די פינף און זיבעציג טויזענד הייסט דאָס... היינטיגען ערשטען מאי האָב איך, ווי אידער זעהט מיך, געוואונען די פינף און זיבעציג טויזענד. דאַכט זיך אין פלוג וואָס איז דאָ פאַראַן צו האָרכען? קאַרג מענשען פאַראַן וואָס געווינען געלד? למאי אָט האָט איינער אַ ניקאָלאַיעווער זאָגט מען, אויסגענומען די רי"ש אלפים? צי אָט האָט אַני־אדעסער יונגערמאַנטשיק, אַ בוכהאַלטער פון אַ קאַנטאָר, געוואונען פערציג טויזענד קאַרבען — און שאַ, שטיל, פיין, שען, מהכתיתי... אמת אויף די

גרויסע געווינסען קוקט ארוים די גאנצע וועלט, הונדערט טויזענט און דרייסיג מיליאן מענשען זענען אונז מקנא. איהר פערשטעהט צי ניין? נאר די מעשה איז, וואס א געווינס צו א געווינס איז ניט גלייך, די מעשה מיט דעם געווינס איז א מעשה נפלא, א געקייטעלטע מעשה, א מעשה אויף א מעשה און א מעשה בתוך מעשה און א מעשה איבער א מעשה. מע בעדארף זיך, הערט איהר, גוט אונטערצוגארטלען מע זאל זי אויסהארכען ביזן סוף און פערשטעהן, וואס דא טהוט זיך.

קודם כל בעדארף איך מיך פאר אייך פארשטעלען ווער איך בין. איך וועל מיך פאר אייך ניט געהן בערימען, אז איך בין דער גרויסער למדן, מיט'ן גרויסען, עושר, מיט'ן גרויסען פילאזאף. איך בין, ווי איהר זעהט מיך, א יוד פון א גאנץ יאהר, — א יוד א בעל-הבית הייסט דאס, מיט איין אייגענער שטוב, מיט א שטיקעל נאמען און מיט א שטיק ווערדע ביי זיך אין שטעדטיל. איהר פערשטעהט צי ניין?... אמת אמאל האב איך געהאט געלד, טאקי גאר א סך געלד, וואס איז שייך צו זאגען א סך? בראדסקי האט אודאי א סך מעהר, נאר גאר נישט, עטליכע טויזענד קערבליך האב איך געהאט, האט זיך, ווי זאגט איהר, גאט ארומגעקוקט אויף מיר, עס האט זיך מיר פערגלוכט, פערשטעהט איהר מיך, מיט אמאל רייך ווערען, האב איך א האנדעל געטהון אין די הונגעריגע גובערניעס מיט ברויט און בין געבליבען, ווי מע זאגט, אהן א פיערער, א שטיקעל גליק חאטש וואס נישט דערונטער. מיינט איהר דאך מן הסתם, אז ווי באלד איך האב אנגעוואהרען דאס געלד בין איך געווארען חלילה ביי זיך געפאלען? קאנט איהר מיך נישט! איך בין פערשטעהט איהר, אזא נפש וואס געלד שפיעלט ביי מיר אזא ראלע ווי וואס זאל איך אייך זאגען? ווי אט דאס אש פונ'ם פאפיראס. לחלוטין גאר נישט, אבער טאקי גאלע גאר נישט, וואס איז שייך צו זאגען גאר נישט? געלד איז אודאי א גוטע זאך, נאר געהן זיך שלאגען איבער דעם, מפקיר זיין דאס לעבען — דאס נישט. שלעכט איז נאר, אז ס'איז נישטא דאס, וואס מע בעדארף, אז מען קען זיך ניט שטעלען ווי סע געהער צו זיין, אז מע קען נישט געבען די נדבה מיט דעם נדר, וואס איך וואלט וועלען געבען. איהר מעגט מיר זיכער גלויבען, אז איך זעה בשעת מע געהט צו צו יענעם בעל-הבית און מע מאנט ביי איהם א דרייעריל אויף דער שטאדט און ביי מיר נישט, עקט זיך מיר דאס חיות, איהר פערשטעהט צו ניין? איך וועל גיכער חאפען א פסק פונ'ם ווייב פאר וואס ס'איז נישטא אויף שבת, איידער אבזאגען אנ'ארעמאן בשעת עס באמבעלט זיך נאך א פערציגער אין בייטעלע, איהר פערשטעהט צו ניין?... אט

אזא מין משוגע׳נער בין איך! האט איהר ניט ביי זיך א פערציגער? טאי! מיין איך א שוועבעלע אויף צו פערוויכערען?...

קורץ און גוט וואו זשע האלט איך? האב איך אנגעוואהרען די עטליכע גילדען און בין געבליבען הייסט דאס אהן א פערציגער. אז איך האב אנגעוואהרען די עטליכע גילדען און בין געבליבען אהן א פערציגער, רוף איך מיך אן איין מאל אין א שענעם פריה מארגען צו מיין ווייב: „הערסט דו, צפורה, וואס איך וועל דיר זאגען? מיר זענען רייך“. מאכט זי צו מיר: — וואס הייסט מיר זענען רייך? זאג איך: „מיר האבען שוין נישט א פערציגער!“ איז דאך עס א יודינע, הויבט זי דאך אן מסתמא צו ליארעמען: — וועה איז מיר, ווייסט איז מיר, פינסטער איז מיר, א שלאק איז מיר, יעקב יוסל, וואס רעדסט דו, וואו איז דיין געלד?.. שא, שא! זאג איך, וואס פילדערסטו אזוי? וואו שטעהט דאס געשריעבען אז ס׳איז מיין געלד? ד׳ נתן וד׳ לקח, אדער ווי זאגט איהר: נע בילא או מיקיטע הראשי אי נע בודע! וואו שטעהט דאס, זאג איך, געשריבען, אז יעקב יוסיל בעדארף זיצען אין פיער דירות און האלטען צוויי דיענסטען און ארויסגעהן מיט דער שענער שבת׳דיגע קאפאטע? למאי, זאג איך, אט איז פאראן יודען וואס געהען אויס, פון הונגער, נא, אם כן שטארבען זיי דען? אז מען זאל וועלען, זאג איך, געהען מיט דעם גאנג למאי דאס יעניץ, וואלט די וועלט קיין קיום ניט געהאט“... און נאך כדומה אזעלכע ווערטער מיט משלים האב איך איהר געבראכט, און זי, מיין חייב הייסט דאס, האט פערשטאנען, אז איך בין גערעכט, איהר פער־שטעהט צי ניין?... דאס בעדארפט איהר וויסען, אז איך האב, מיין אייגענם א ווייב, וואס איך בעדארף מיך מיט איהר כלל ניט שעמען, זי פערשטעהט אני־עסק; לאנג טענה׳ן בעדארף מען נישט, זי האט באלד אויפגעהערט צו פילדערן און צו ליארעמען און האט נאך אדרבה גענומען מיר אויסרעדען דאס הארץ, אז מסתמא איז דאס א באשערטע זאך, אז גאט איז א פאטער, ער וועט מסתמא אויספיהרען.... און טאקי ניש־לאנג געטראכט, גענומען און פער־דונגען די דירה א שכן, אליין זיך בעזעצט אין איין שטיבעל מיט א קיך, די דינסטען מחילה אבגעשאפט, דאס ווייב זאל מאריך ימים זיין האט פער־קאטשעט די ארבעל און זיך אליין אוועקגעשטעלט ביי׳ם אויווען און איך האב מיך אליין אויפגערופען חמישי: „יעמוד רב יעקב יוסיל קבצן!“ זיך פער־שריעבען, ווי זאגט איהר, פאר אנ׳ארעמאן. וואס איז שייך זאגען אנ׳ארעמאן? פאראן מאלט אייך גרעסערע ארעמע־לייט פון מיר, פארט, ווי זאגט איהר, א שטיקעל נחלה, א שטוב וואס מען קאן צידען פון איהר די פרנסה. דער

חסרון איז נאָר וואָס ס׳איז פיער וואָכען אין חודש. אין אַ חודש זאָל מעהר ניט זיין ווי צוויי וואָכען וואָלט מען מיט דער הוצאָה אפשר אויסגעקומען אַקוראַט, און אַזוי בלייבען איבער צוויי וואָכען אויף׳ן אַנדערען חודש איז נישט גוט, וואָס זאָלט איהר קלערען! נאָר גאָרנישט, ווי זאָגט איהר: מיט צרות ווערט מען געוואָהנט; ס׳איז גאָר נישטאָ קיין בעסערס און קיין רוהיגערס זאָג איך אייך, ווי אַ גאָרעמאַן, מען איז פטור פערשטעהט איהר מיך, פון קאָפּדרעהעניש, פון צאָהלעניש, לייעניש, באָרגעניש, לויפעניש, עולם התהו! איז דאָך אָבער פאַראַן אַ גאָט אויף דער וועלט, זאָגט ער: „וואָס טויג דיר, יעקב יוסיל, לעבען בערוהט אָהן צרות? אַ בילעט האָסט דו? נאַ דיר פינף און זיבעציג טויזענד און ווער פערשוואַרצט!“... איהר פערשטעהט צי ניין?... האָט איהר נישט בײַ זיך קיין בילעט, טפו, מיין איך אַ פּאַפּיראָס טיטון?...

קורץ און גוט, וואו זשע האַלט איך? ביי׳ם בילעט הייסט דאָס. אַ בילעט? אָט אַזוי אָ האָט זיך מסתמא אַ יוד אַ בילעט און נעמט אויס די פינף און זיבעציג טויזענד? וואַרט צו אַ קאַפּעטשקע! ערשטענס אויף וואָס האַלט אַ יוד אַ בילעט? ער זאָל איהם קענען פערזעצען און נעהמען געלד, גנעה זשע, דו שוטה יעקב יוסיל, טראָג אַריין דעם בילעט אין אַ באַנק און נעם געלד! איז דער תירוץ: ראשית איז נישטאָ בײַ אונז אין שטעדטיל קיין ביינק, און והשנית, וואָס איז מיר די באַנק? אַ באַנק קאָן דען ניט אָנזעצען אַז זי וויל?... די וועלט איז ניט הפקר, מע חאַפּט נישט פון די הענד, און ווער דאַרף עס מיין בילעט? איהר פערשטעהט צי ניין? אַזוי האָב איך מיר בשעת מעשה געטראַכט, און אפשר האָב איך בשעת מעשה גאָר ניט געטראַכט, און האָב מיך מישב געווען, איך האָב אַ שכן, וואָס זיצט ביי מיר אין דער דירה טאַקי, אַ יונגערמאַן, אַ בעל-הלואה, זעהר אַ פיינער יונגערמאַן, אַ יונגערמאַן וואָס קאָן שען לערנען, אַ לייטישער יונגערמאַן — פאַר וואָס זאָל איך ניט אָבלייגען דעם בילעט ביי איהם? לאָז ער מיר נאָר געבען אויף איהם צוויי הונדערטער וועל איך אודאי נעמען, פאַר וואָס זאָל איך ניט נעמען? בין איך אַריינגעגאַנגען צו מיין שכן, בירנבוים הייסט ער, און רוף מיך אָן צו איהם: „פּאַני בירנבוים, אפשר וועט איהר מיר געבען צוויי הונדערט קערבליך אויף מיין בילעט?“ מאַכט ער: איך וועל אייך געבען צוויי הונדערט קערבליך אויף אייער בילעט. זאָג איך: „וויפיעל וועט איהר מיר רעכענען פּראָצענט?“ זאָגט ער: וויפיעל זאָל איך אייך רעכענען פּראָצענט? זאָג איך: איך ווייס וויפיעל איהר זאָלט מיר רעכענען פּראָצענט? רעכענט מיר באַנקאָווע פּראָצענט“. מאַכט ער: איך וועל אייך רעכענען באַנקאָווע פּראָצענט... בקצור

5*

מיר האבען זיך אויסגעגלייכט מיט'ן פראצענט און איך האב איהם אוועק־געגעבען דעם בילעט אויף פינף חדשים און האב גענומען די צוויי הונדערט קערבליך. איהר פערשטעהט צי ניין? געה זשע, דו שוטה, יעקב יוסיל, און נעם ארויס ביי איהם א צעטיל, אז דו האסט ביי איהם אזא און אזא בילעט פון אזא און אזא סעריע מיט אזא און אזא נומער! ניין, געהט ער, בירנבוים הייסט דאס, און נעמט אדרבה ביי מיר ארויס א צעטיל, אז איך האב ביי איהם אנטליהען אויף פינף חדשים צוויי הונדערט קארבען אויף אט אזא און אזא בילעט מיט אזא און אזא נומער מיט אזא און אזא סעריע; און באם איך צאהל איהם ניט אב צום זמן די צוויי הונדערט קערבליך, איז אזא און אזא בילעט מיט אזא און אזא נומער און מיט אזא און אזא סעריע זיין בילעט און איך האב צו איהם קיין טענות ניט... איהר פערשטעהט צי ניין? וואס האב איך מיר בשעת מעשה געקלעהרט? איך האב מיר געקלעהרט: וואס האב איך דא מורא? ממה־נפשך עס וועט קומען צום זמן און איך וועל אויס־קויפען דעם בילעט איז דאך אודאי גוט; אלא ניט, וועל איך איהם בעצאה־לען די עסקא וואס איהם קומט, וועט ער מיר ווארטען, פאר וואס זאל ער מיר ניט ווארטען? וואס ארט דאס איהם, אבי עסקא! איהר פערשטעהט צי ניין?

כך הוה. ס'איז געקומען צום זמן, האב איך דאך מסתמא דעם בילעט נישט אויסגעקויפט; ס'איז אוועקגעגאנגען די פינף חדשים מיט נאך פינף חדשים, אט אזוי פאוואלינקע האט זיך אוועקגעצויגען צוויי יאהר מיט פינף חדשים; פראצענט געוויינטליך, צאהל איך איהם, דאס הייסט אמאל געצאהלט און אמאל ניט געצאהלט, וואס האב איך מורא? ער וועט פערקויפען מיין בילעט? ער וועט ניט פערקויפען מיין בילעט! למאי זאל ער פערקויפען מיין בילעט? אזוי האב איך מיר בשעת מעשה געטראכט און אפשר האב איך בשעת מעשה גאר ניט געטראכט... און די צייט דערווייל איז נישט גוט, קיין געשעפטען איז ניטא, וואכען זענען אין הודש אלץ איבעריגע, מע מוט־שעט זיך, וואס זאל מען טהון? אבי, ווי זאגט איהר, יאהרען, קיין צרות איז מען ניט זשעדנע... ביז היינטיגען פאר פסח...

היינטיגען פאר פסח האט מיר גאט צוגעשיקט א געשעפטיל, איך האב געהאנדעלט עטליכע וואגאן הירזש, ס'איז געווארען חשוב הירזש, האב איך פערקויפט די־הירזש און האב דוקא פערדיענט אויף די הירזש דאנקען גאט שענע עטליכע קערבליך און האב געהאט א פסח, מעגט איהר מיר גלויבען, אז בראדסקי, בראדסקי איז גאר נישט אקעגען מיר! א קלייניגקייט א מענש א ז

ניט שולדיג קיינעם אַ פּרוטה ניט און פערמאָגט נאָך זיין אייגענס אַ פּאָר הונדערט קערבליך אויך, הײַנט ווער איז צו מיר גלײַך, איהר פערשטעהט צי ניין? נעם זשע, דו שוטה, יעקב יוסיל, טראָג אַרײַן בירנבוים'ן די צוויי הונדערטער און קויף אויס דעם בילעט! ניין, בין איך מיך מישב וואָס האָב איך קיין צײַט ניט? בירנבוים וועט ניט אַנטלויפען מיט'ן בילעט, איך וועל נאָך צײַט האָבען אויסקויפען דעם בילעט נאָך פּסח, אָדער אַ ניט וועל איך אײַנצאָהלען פּראָצענט וויפיעל סע קומט און אַרויסנעמען אַ קוויטיל אויפ'ן בילעט. אַזוי האָב איך מיר בשעת מעשה געטראַכט און אפשר האָב איך בשעת מעשה גאָר ניט געטראַכט. איהר פערשטעהט צי ניין? און בין אַוועקגעגאַנגען און האָב פאַר'ן געלד געהאַנדעלט זעק, און האָב אָבגעלייגט די זעק אין איין אַמבאַר, האָט גאָט געטהון אַ נס מע האָט אָבגעשלאָגען דעם שלאָס פונ'ם אַמבאַר — ס'איז געוועזן הײַנטיגען נאָך פּסח איז דאָס געוועזן, פונקט דעם דרײַסיגסטען אַפּריל, די נאַכט וואָס אַקעגען 1 מאַי, ווען סע שפּיעלט דער בילעט, און מע האָט אַוועקגע'גנב'עט די זעק, און איך בין ווײַטער געבליבען אָהן אַ פערציגער.

— צפּורה, זאָג איך צו מײַן ווײַב, ווייסט דו וואָס איך וועל דיר דערצעהלען אַ נײַעס? מיר זענען שוין ווידער רײַך.

— וואָס הייסט, זאָגט זי, מיר זענען רײַך?

— מיר האָבען שוין ניט, זאָג איך, איין זאַק אַפילו.

— וואָס הייסט, זאָגט זי, וואו זענען אַהינגעקומען די זעק?

— מען האָט זיי, זאָג איך, הײַנטיגע נאַכט אַרויסגעטראָגען פונ'ם אַמבאַר.

הויבט זי דאָך אָן מסתמא צו ליאַרעמען און צו פילדערען, ווי דער שטיינער איז פון אַ יודענע; רוף איך זיך אָן צו איהר:

— שאַ-שאַ, צפּורה, שרײַ ניט אַזוי, ביזט ניט איינע בײַ גאָט; עלעהיי, זאָג איך, לאָז זיך דיר דאַכטען, אַז ס'איז פאַרברענט געוואָרען די שטוב און מיר זענען אַרויס נאַקעט הויל ווי די מאַמע האָט אונז געהאַט, וואָלט דיר דעמאָלט געווען בעסער?

— סאַ גוטער משל! זאָגט זי — דעריבער בעדאַרף מען אַוועק'גנב'ענען די זעק?

— וואָס געהער זיך אָן, זאָג איך, דאָס מיט דעם? אָט וועסט דו געדענקען מײַן וואָרט, זאָג איך, עס וועלען זיך געפינען די זעק...

— פֿון וואַנען, זאָגט זי, וועלען זיי זיך צו דיר נעהמען? די גנבים וועלען דיר אונטערוואַרפֿען די גנבה׳שע זעק דערפֿאַר וואָס דו הייסט יעקב יוסיל?.. זיי האָבען אַ פּנים מעהר נישט וואָס צו טהון?..

— עָ, ביזט אַ נאַרר! זאָג איך, וואָס נאָט קאָן טהון קאָן אַ מענש גאָר נישט צוטראַכטען אַפֿילו...

כּי דוה. די זעק זענען דאָך מסתמא געווען פֿאַרפֿאַלען ווי אין וואַסער אַריין; ווער מיר זעק? וואָס מיר זעק? איך בין נאָר אַרומגעפֿלויגען ווי אַ משוגע־נער, געהאַט צו טהון מיט פּאָליציע, געזוכט אין אַלע ווינקעליך, געגישטערט אין אַלע מיזעגלעכער, נאָר ווער? וואָס? געה זוך דעם פֿאַראַיאָהריגען שניי. דעם נעכטיגען טאָג! איהר פֿערשטעהט צי ניין? דער קאָפּ איז אין דער ערד, דאָס האַרץ איז ניכטער, אין מויל איז טרוקען, אויף דער נשמה איז וויסט און פֿינסטער, שטעה איך מיר אַזוי אין מאַרק ביי אונז אויף דער בערזע, ביי דער אַפּטייק הייסט עס, און עס פֿליהט מיר דורך אַ מחשבה אין קאָפּ, ס׳איז געווען אין דער פֿריה אַרום זייגער 12 איז דאָס געווען: „סטייטש, ס׳איז דאָך עפּיס היינט אַ יום הדין, 1 מאַי, דער בילעט שפּיעלט, אַ קשיא אויף גאָט? מיר האָבען אַ גרויסען גאָט און אַ שטאַרקען! ער קאָן דאָך מיך, אויב ער וויל נאָר, בעגליקען מיך מיט מיין גאַנצער משפּחה!..“ און דאָ דער־מאָן איך מיר אָן די גע׳גנבה׳טע זעק, פֿערגעס איך אַז ס׳איז 1 מאַי און אַז איך האָב אַ בילעט וואָס שפּיעלט און לאָז מיך ווידער אַמאָל זוכען די זעק, עפּיס האָט זיך געפֿונען אַ שטיקעל סליד פֿון די זעק, און אַזוי דעם גאַנצען טאָג מיט דער גאַנצער נאַכט, ביז אויף מאָרגען דעם 2־טען מאַי. אַליין בין איך פֿער־טערעראַמט, אַ גאַנץ מעת־לעת אין מויל נישט געהאַט, שוין זייגער איינס, דאָס האַרץ געהט מיר אונטער, איהר פֿערשטעהט צי ניין? איך קום אַהיים פֿאַלט גאָך אָן אויף מיר דאָס ווייב:

— טאָמער וואָלסט דו געגאַנגען זיך וואַשען און עפּיס נעמען אין מויל אַריין? טאָמער וואָלט שוין געווען גענוג זעק? דיינע זעק ליגען מיר שוין אָט אַ דאָ אָ! חאַפּט דער רוח די זעק! מע בעדאַרף זיך טאַקי נעמען דאָס לעבען פֿון די זעק? אַזוי ווי מיט די זעק אַזוי איז אָהן די זעק! נאַ דיר אַ ני׳עסק מיט זעק! זעק־זעק! זעק־זעק!

— ווייסט דו וואָס מיין ווייב, זאָג איך צו איהר, טאָמער וואָלט שוין געווען גענוג זעק? סע זעקט מיר שוין אַזוי אויך גוט אין קאָפּ, קומסט דו צו־געהן און זאלצסט מיר אויף די וואונדען: זעק־זעק! זעק־זעק!.. איהר פֿער־

שטעהט צו ניין? אפשר געפינט זיך ביי אייך נאך א זאק — טפו! מיין איך נאך א פאפיראס?

קורץ און גוט, וואו זשע האלט איך? ביי די זעק היינט דאס. מילא פארפאלען די זעק. וואס זאל מען טהון? די נשמה אויסשפייען קאן מען ניט. איך וואש מיך און זעץ מיך צום טיש — ווער וואס? עס קריכט ניט אין מויל אריין.

— וואס איז מיט דיר, יעקב יוסיל, פרעגט מיך מיין ווייב זאל לעבען — ווער איז דיר איבערגעגאנגען דעם וועג היינטיגען טאג?

— איך ווייס אליין ניט, וואס מיר איז, זאג איך, און ווארף אוועק אין מיטען עסען און לייג מיך צו אביסעל אויף דער סאפע. אזוי ווי איך לייג מיר אזוי טראגט מען מיר אריין דאס בלאט פון דער פאסט. נעם זשע, דו שוטה יעקב יוסיל, און טהו א קוק אין בלאט, ס'איז היינט דער צווייטער מאי, אפשר האט דיין בילעט עפיס געוואונען! ווער? וואס? פרעגט מיך בחרם צו ס'איז היינט דער 2 מאי צו ס'איז היינט 22 יוני צו גאר ראש חודש קרעמעניץ! איהר פערשטעהט צי ניין? און נעם דאס בלאט און הויב אן צו לייענען געוויינטליך פון מה טובו. בקצור איך לייג מיר אזוי און לייען אלעדליי נייעסען, געשאסען — געהאנגען, געשטאכען — געקוילעט, די אייננלענדער מיט די בורען — עס קריכט מיר מסתמא אין איין אויהער אריין פונ'ם אנדערען ארויס, וואס מיר ענגלענדער, ווער מיר בורען, אז ביי מיר האט מען אוועקגע'גנב'עט די זעק? א כפרה אלע ענגלענדער מיט אלע בורען פאר מיינע זעק! אזוי האב איך מיר בשעת מעשה געטראכט און אפשר האב איך בשעת מעשה נישט געטראכט גאר ניט, און מיש מיר דאס בלאט פון איין זייט אויף דער אנדערער, פון דער אנדערער אויף דער דריטער — איך טהו א קוק: טיראזש!.. פליהט מיר דורך פלוצים א מחשבה: אפשר האט מיין בילעט אויסגענומען האטש ת"ק קערבליך? אצונד וואלט דאס מיר צו מיינע זעק דוקא געווען צוגעפאסט ווי געוואונשען. און איך נעם און קוק איבער פון אונטען ארויף אלע ת"ק'ער — נישטא; טויזענדער נישטא; פינף טויזענדער, אכט-טויזענדער, צעהענטויזענדער אודאי ניט! אזוי לאנג אזוי ברייט ביז איך בין געקומען צו די פינף און זיבעציג טויזענד. און אז איך בין געקומען צו די פינף און זיבעציג טויזענד, האט מיר עפיס מיט אמאל זיך א ווארף געטהון אין די אויגען און א זעץ געטהון אין קאפ: סעריע 2289 נומער 12! איך וואלט געמעגט שווערען אז ס'איז מיין נומער! נאר ווייס איך! ווי קומט צו מיר שלים מזל אזא גרוים געווינס! איך קוק

זיך גוט איין אין די ציפערס — רבונו של עולם! ס׳איז פארט מיין נומער! איך וויל אויפשטעהן — קאן איך ניט, איך בין ווי צוגעוואקסען געווארען צו דער סאפקע, איך וויל א געשריי טהון: צפורה! קאן איך ניט; די צונג איז מיר עפיס מיט א מאל ווי צוגעוואקסען געווארען צום גומען. איך האב זיך אנגענומען מיט אלע כחות, בין אויפגעשטאנען, צוגעגאנגען צום טיש-קעסטיל, א קוק געטהון ביי זיך אין בוך. יא, ווי איך בין א יוד: סעריע 2289 נומער 12!..

— צפורה — זאג איך צו מיין ווייב און די הענד ציטערען מיר און די ציין אין מויל קלאפפען — דו ווייסט? עס האבען זיך געפונען די גנבה׳שע זעק... קוקט זי מיך אן ווי א משוגענעם.

— וואס רעדסט דו? דו ווייסט וואס דו רעדסט?

— איך זאג דיר, מאך איך צו איהר — גאט האט אונז אומגעקעהרט אונזערע זעק בכפל כפלים און מיט פראצענט... אונזער ביליעט האט אויסגענומען און מיר האבען געוואונען, זאג איך, א פולע היטעל מיט געלד!

— דו זאגסט דאס ערנסט, יעקב יוסיל, צי דו לאכסט פון מיר?

— וואס הייסט, זאג איך, איך לאך, איך זאג דאס גאנץ ערענסט, אונז קומט מזל טוב, מיר האבען געוואונען געלד!

— וויפיעל ז׳שע האבען מיר געוואונען? — מאכט זי צו מיר און קוקט מיר גלייך אין די אויגען אריין, ווי איינער רעדט: „אנו, לאז דאס נאר זיין א ליגען, וועסט דו זיך פון מיר ניטשט נארען!“

— א שטייגער כדומה למשל, וויפיעל האסט דו א השגה זאלען מיר געווינען?

— איך וויים — זאגט זי, עטליכע הונדערט קערבליך מסתמא?

— פאר וואס ניט, זאג איך, עטליכע טויזענד?

— וויפיעל הייסט עטליכע טויזענד, זאגט זי, פינף? צי זעכס, צי אפשר טאקי אלע זיבען?..

— אויף מעהר, זאג איך, האסט דו א פנים קיין השגה ניט?

— צעהנטויזענד? זאגט זי.

— האב שכל, זאג איך, נעם א ביסעל העכער!

— פיפצעהן טויזענד?

— העכער!

— נציג? פינף און צוואנציג?

— נאך העכער!

— יעקב יוסיל, זאגט זי, זאג, מוטשע ניט!

— צפורה — זאג איך און נעם זי אן ביי דער האנד און קוועטש זי — מיר האבען געוואונען איין עושר מיט געלד! א גאנצען גביר האבען מיר געוואונען! אזוי פיעל געלד וואס עס האט זיך דיר קיינמאל ניט פארגעשטעלט אין חלום אפילו!

— נו, זאג זשע, זאג, וויפיעל האבען מיר געוואונען, יעקב יוסיל, ציה נישט ביי עדר נשמה!

— מיר האבען געוואונען — זאג איך, א פוטעקע, א סך געלד, איין אוצר, א סומע פון פינף און זיעבעציג טויזענד קארבען! דו הערסט, צפורה? פינף און זיעבעציג טויזענד!

— געלויבט בין דו גאט — זאגט זי און חאפט זיך אויף און הויבט אן ארומלויפען איבער'ן שטוב און ברעכען די הענד, געבענשט זאל זיין דער נאמען דיינער, וואס דו האסט זיך ארומגעקוקט אויף אונז אויך אמאל און האסט אונז בעגליקט! א דאנק דיר גאטעניו, א דאנק דיר!.. האסט דו נאר גוט אכטונג געגעבען, יעקב יוסיל, האט חלילה קיין טעות ניט? געלויבט ביזט דו גאט, דערבארעמדיגער פאטער, הארציגער געטרייער! די גאנצע משפחה ועט זיך מחיה זיין, גוטע פריינד וועלען זיך פרעהען, שונאים וועלען צופיקעט ווערען, א קלייניגקייט אזוי פיעל געלד קיין עין הרע, וויפיעל זאגסט דו, יעקב יוסיל, פינף און זיבעציג טויזענד?

— פינף און זיבעציג טויזענד! — זאג איך — גיב מיר, צפורה די קאפאטע, לאם איך געהן.

— וואהין וועסט דו געהן?

— וואס הייסט וואהין זאל איך געהן? צו בירנבוים'ן בעדארף איך ארייגעהן, דער בילעט ליגט דאך ביי איהם פערזעצט... און קיין צעטיל האב איך פון איהם ניט...

אז איך האב איהר אויסגערעדט די דאזיגע ווערטער, איז זי געווארען אלערליי קאלירען, מיין ווייב הייסט דאס, און נעמט מיך אן פאר ביידע הענד און רופט זיך אן צו מיר:

— יעקב יוסיל, ווי גאט איז דיר ליעב, געה נישט גלייך, בעטראכט זיך פריהער, וואס דו טהוסט און וואהין דו געהסט און ווי אזוי דו זאלסט מיט איהם רעדען, פערגעס ניט, ס'איז פינף און זיבעציג טויזענד!

— דו רעדסט ווי א יודענע — זאג איך, און אז פינף און זיבעצי טויזענד איז וואס? וואס בין איך עפּיס א יונגעלי?

62

— פאלג מיך — זאגט זי — יעקב יוסיל, בעטראכט זיך פריהער, האלט זיך אנ'עצה מיט א גוטען פריינד, גיה נישט גלייך אהין, איך וועל דיך ניט לאזען!

קורץ און גוט איהר ווייסט דאך אז א ווייב שפאט זיך איין פיהרט זי אוים — איהרס. מיר האבען אריינגערופען א גוטען פריינד, דערצעהלט איהם די גאנצע געשיכטע. אויסגעהערט די מעשה, מאכט ער אז זי איז גערעכט, מיין ווייב הייסט דאס, ווארום פינף און זיבעציג טויזענד איז ניט קיין שפילעכיל, דערווייל ליגט דער בילעט ביי יענעם און קיין צעטעל אויף איהם איז נישטא, געלד איז א יצר הרע. א קשיא אויף א מעשה, טאמער קומט איהם אן א שלעכטע מחשבה, ס'איז פינף און זיבעציג טויזענד!

איהר פערשטעהט צי ניין? וואס זאל איך אייך זאגען, זיי האבען מיך אריינגעווארפען אין אזא מרה שחורה, אז איך האב שוין אליין אויך אנגע־הויבען מורא האבען און איבערקלעהרען מי יודע וואס... א, ווי אזוי זשע טהוט מען דא? ס'איז געבליבען איך זאל נעהמען מיט זיך צוויי הונדערט קערבליך (געלד איז געווארען מיט דער רגע, ווארום אז מען געווינט פינף און זיבעציג טויזענד ווערט מען שוין א בטוח) און איך זאל מיט נעמען מיט זיך א מענשען, דער מענש זאל דערווייל שטעהען אונטער דער טהיר און איך זאל מאכען מיט מיין בירנבוים'ן א שמועס, בעצאהלען איהם זיין חוב מיט פראצענט און אויסקויפען דעם בילעט. איז דאך ממה נפשך, וועט ער אפגעבען דעם בילעט איז דאך אודאי גוט; אלא ניט, וועל איך חאטש האבען איין עדות... איהר פערשטעהט צי ניין? „דאס איז אבער אלסדינג גוט — טראכט איך מיר — אויב ער ווייסט נאך ניט, אז דער בילעט האט געוואונען די פינף און זיבעציג טויזענד. וואס טהוט מען אבער, אז ער האט אויך א בלאט און האט אויך געזעהען אז דער נומער האט געוואונען די פינף און זיבעציג טויזענד? און וואס טהו איך, אז ער זאגט, א שטיינער ווי יענע יודענע מיט'ן טעפיל: „ערשטענס האב איך אייך שוין לאנג אפגעגעבען אייער בילעט, צווייטענס איז אייער נומער גאר ניט דער נומער, און דריטענס האב איך ביי אייך קיין מאל קיין בילעט ניט גענומען!?” איהר פערשטעהט צי ניין? סיידען אפשר גאט האט א נס געטהון ער ווייסט נאך ניט פון קיין געווינס?

— געדענק זשע, יעקב יוסיל, ס'איז נישט קיין קלייניגקייט, דו געהסט איצטער אויף פינף און זיבעציג טויזענד! מע זאל ביי דיר נישט דערקענען אויפ'ן פנים קיין סימן, קיין זכר פון קיין פינף און זיבעציג טויזענד; און

וואָס סע זאָל זיך מיט דיר נישט טרעפֿען, זאָלסט דו געדענקען, אַז דאָס לעבען איז טייערער פֿון פֿינף און זיבעציג מאָל פֿינף און זיבעציג טויזענד!

אַזוי מאַכט צו מיר מיין ווייב זאָל געזונד זיין און נעמט מיך אָן פֿאַר ביידע הענד און זאָגט מיר איך זאָל איהר געבען דאָס וואָרט, דאָס הייליגע וואָרט, אַז איך זאָל זיין רוהיג... רוהיג? איהר פֿערשטעהט, גאָר זיי רוהיג, אַז דאָס האַרץ קאָכט אין מיר און די געדאַנקען שלאָגען און איך קאָן מיר נישט מוחל זיין: „סטייטש, סטייטש. יעקב יוסיל שוטה, נעמסט און גיסט אַוועק אַ בילייעט פֿון פֿינף און זיבעציג טויזענד אַ בירנבוים'ן, אַ ווילד פֿרעמדען און נעמסט נישט אַרוים ביי יענעם קיין צעטעל, קיין איינגעטונקטע פֿען! איהר פֿערשטעהט צי ניין?... געפֿינט זיך נישט ביי אייך קיין איינגעטונקטע פֿען? טפֿו! מיין איך קיין פּאַפּיראָס טיטון?..

קורץ און גוט וואו זשע האַלט איך? ביי בירנבוים'ן הייסט דאָס. „שוין וואָלט געווען, טראַכט איך מיר, ווען מיין בירנבוים זאָל האָבען געהאַט לאַנג דורכגעקוקט דאָס בלאַט און ווייסט שוין פֿון די פֿינף און זיבעציג טויזענד גלייך מיט מיר און אפשר נאָך פֿריהער פֿון מיר און איך קום צו איהם און זאָג איהם: „גאָט העלף אייך, פּאַני בירנבוים... גוט יאָהר. וואָס וועט איהר עפּיס זאָגען... וואו איז מיין בילייעט פּאַני?... וואָסער בילייעט?... דער בילייעט סעריע 2289 נומער 12, וואָס איך האָב ביי אייך פֿערזעצט... קוקט ער מיך אָן ווי אַ תם"... אַט אַזעלכע מחשבות פֿליהען מיר דורך אין קאָפּ און אין האַרצען ווערט מיר אייננ, אין האַלז שטיקט מיך. נישטאָ קיין „דעחאַניע", קיין פּיצעל אָטהעם! צום סוף וואָס לאָזט זיך אוים? איך קום צו בירנבוים'ן; וואו איז בירנבוים? ער שלאָפֿט... ער שלאָפֿט? איז דאָך אַ סימן אַז ער ווייסט נאָך נישט פֿון קיין פּותר און פֿון קיין חלום, געלויבט ביזט דו גאָט!.. איך קום אַריין צו איהם אין שטוב אַריין, טרעף איך דאָס ווייב זיינס, פֿייגעלי רופֿט מען זי, אין קעך. ס'איז אַ רויך און אַ היטץ און אַ טוואַן ביזן האַלז.

— ברוך הבא, אַ גאַסט, רב יעקב יוסיל! מאַכט צו מיר פֿייגעלי און בעט מיך אַריין אין שטוב אַריין און בעזעצט מיך גאַנץ אויבענאָן און פֿרעגט וואָס איז די מעשה וואָס מע זעהט מיך נישט.

— איך ווייס פֿאַר וואָס מע זעהט מיך נישט? איך ווייס אַליין נישט! — זאָג איך און קוק איהר בשעת מעשה אין די אויגען אַריין און טראַכט מיר: „זי ווייסט שוין, צי זי ווייסט נאָך נישט? דאַכט זיך אַז זי ווייסט נאָך נישט?... און אפשר ווייסט זי שוין?"...

— וואָס זשע מאַכט איהר עפּיס, רב יעקב יוסיל?

— וואָס זאָל איך מאַכען? — זאָג איך — מסתמא האָט איהר געהערט פון מיין „פּעקיל"?

— פון וואָסער „פּעקיל"?

— סטייטש, איהר האָט גאָר ניט געהערט — זאָג איך — די מעשה מיט די זעק וואָס מע האָט ביי מיר אַוועק-גע'גנב'עט?

— אָט דאָס איז דאָס „פּעקיל"? — מאַכט זי — דאָס איז דאָך שוין אַן אַלטע מעשה! איך האָב געמיינט עפּיס אַ נייעס.

„עפּיס אַ נייעס?"... „צי מיינט זי ניט די פינף און זיבעציג טויזענד?" — אַזוי טראַכט איך מיר און קוק איהר גלייך אין די אויגען אַריין און קאָן ביי איהר אין די אויגען נישט איבערלייענען גאָר ניט, גאָלע גאָר ניט, קיין פּיצעל ניט אפילו!

— אפשר וועט איהר טרינקען אַ גלעזיל טיי, רב יעקב יוסיל, וועל איך הייסען צעבלאָזען דעם סאַמאָוואַר ביז מיין מאַן וועט אויפשטעהן.

— אַ גלעזיל טיי? מהכתיתי, פאַר וואָס ניט? — מאַך איך צו איהר און דאָס האַרץ געהט מיר אונטער, קיין „דעחאַניע" איז נישטאָ, קיין פּיצעל אָטהעם, אין מויל איז טרוקען, אין שטוב הייס, דער שווייס רינט, און זי, פייגעלי הייסט דאָס, רעדט צו מיר, לאָם איך אַזוי וויסען אַ בייזע וועטשערע מיט אייך אינאיינעם, ווי איך ווייס וואָס זי רעדט, אַז דער קאָפּ איז מיר גאָר דאַרטען, אין יענעם אַלקיר, וואו בירנבוים ליגט און שלאָפט און חראָפּעט אַזוי געשמאַק, איהר פערשטעהט צי ניין?

— פאַר וואָס טרינקט איהר ניט? — מאַכט זי צו מיר, פייגעל הייסט דאָס.

— וואָס דען טהו איך? — זאָג איך און דרעה מיט'ן ל פעלע אין גלאָז.

— איהר דרעהט מיט'ן לעפעלע, — זאָגט זי — שוין אַ שעה כסדר אַ טרינקען טרינקט איהר נישט.

— אַ דאַנק — זאָג איך — איך טרינק נישט קיין קאַלטע, מיין איך ק הייסע טיי, איך האָב ליעב, זאָג איך, אַז די טיי שטעהט זיך אָב און ווער גוט הייס, מיין איך גוט קאַלט, דאָס הייסט זי ווערט גוט אָבגעהיצט, מ איך אָבגעקיהלט...

— עפּיס זענט איהר מיר זעהר צוטראָגען, רב יעקב יוסיל! — מאַ זי צו מיר — איהר זענט אַזוי צוטראָגען, אַז איהר ווייסט גאָר נישט וואָס איז

רעדט. שוין זשע בעדאַרף מען זיין אַזוי צוטראַגען, אַז מע גנבעט אַוועק די זעק? גאָט וועט העלפען, די זעק וועלען זיך נאָך געפינען. איך האָב געהערט, מע זאָגט, ס'איז פאַראַן אַ סליד... שאַ מיין מאַן ריהרט זיך שוין, ער שטעהט שוין אויף, אָט געהט ער.

„געלויבט ביזט דו גאָט!" — טראַכט איך מיר.

אַרויסגעקומען איז מיין חברה-מאַן אַ פערשלאָפענער מיט אַ זיידען יאַרמעלקעלע אויפ'ן קאָפּ, זיך געריבען די אויגען און געקוקט אויף מיר פון צפון זייט.

— וואָס מאַכט אַ ייד, רב יעקב יוסיל?

די ערשטע מחשבה מיינע איז געווען: „ער וויסט? צי ער וויסט ניט? דאַכט זיך אַז ער וויסט ניט? און אפשר יאָ?"

— וואָס זאָל מען מאַכען? — זאָג איך — איהר האָט דאָך געהערט מיין אומגליק פון די זעק?

— די מעשה האָט שוין אַ באָרד, דערצעהלט אונז עפּיס נייעס... געפינט זיך ניט ביי דיר, פייגעלע, אַביסיל איינגעמאַכטס, ס'איז מיר פאַס-קודנע אין מויל פונ'ם שלאָף — מאַכט בירנבוים און פערקרימט זיך.

„נו, ווי באַלד עס ווילט זיך איהם איינגעמאַכטס, איז אַ סימן, אַז ער וויסט נאָך גאָר נישט ניט" — אַזוי קלעהר איך מיר און איך פערבינד מיט איהם אַ שמועס דער רוח וויסט פון וואָס, עס קלעבט זיך ניט אַ וואָרט צו אַ וואָרט; אינווייניג אין בויך געגנזעלט מיך, אין האַלז שטיקט מיך, איך פיהל אַז עס ווקט זיך מיר דאָס חיות, אָט פאַל איך אום, אָט הויב איך אָן צו שרייען אויף אַ קול: „גוואַלד, יודישע קינדער, פינף און זיבעציג טויזענד!" איהר פערשטעהט צי ניין?... ביז גאָט האָט רחמנות געהאַט איך בין אַרויף אויף אַ שמועס מכח פראָצענט.

— איך קאָן אייך, פאַני בירנבוים, געבען אַביסיל פראָצענט, זאָג איך, דאָס הייסט איך קאָן אייך בעצאָהלען דאָס פראָצענט וואָס אייך קומט אויפ'ן בילעט.

— אָך, מהכתיתי, מיט'ן גרעסטען כבוד, מאַכט ער און פערזוכט אַ לעפעלע איינגעמאַכטס.

— וויפיעל זשע וועט אייך קומען, זאָג איך, פראָצענט הייסט דאָס?

— איהר ווילט וויסען, מאַכט ער, אַ חשבון, צי איהר ווילט טאַקי צאָהלען געלד?

— ניין, זאָג איך, איך מיין טאַקי הייסט דאָס צאָהלען געלד ממש.

— פייגעלי, אנו, גיב נאר אהער דעם בוך...

דערהערט די דאזיגע ווערטער בין איך פון טוידט לעבעדיג געווארען: „ער ווייסט נעביך ניט פון וואס צו זאגען!"...

בעצאהלט דאס פראצענט רוף איך זיך אן צו איהם:

— פערשרייבט זשע טאקי, זייט מוחל, פאני בירנבוים, ביי אייך אין בוך הייסט דאס, אז איהר האט מקבל געווען ביי מיר פראצענט פאר מיין בילעט סעריע 2289 נומער 12.

— פערשרייב, מאכט ער, פייגעלי, פארן בילעט — סעריע 2289 נומער 12.

„ער הויבט נישט אן צו וויסען!" קלעהר איך מיר און פערבינד מיט איהם א שמועס מכח'ן בילעט, אז עס לוינט גאר ניט צו האבען א בילעט און צאהלען פאר איהם פראצענט און וואס וועט זיין מיט'ן בילעט אויף וויטער?...

— אקעגען וואס הייסט דאס זאגט איהר דאס? — מאכט ער צו מיר און טהוט א קוק אויף מיר מיט איין איינעל פון צפון זייט.

פונ'ם דאזיגען קוק האט זיך מיר אבגעריסען אין הארצען, ס'איז מיר נישט געפעלען דער קוק, איהר פערשטעהט צי ניין? נאר איך האב מיך באלד פערהאפט און האב א זאג געטהון:

— פערשטעהט איהר, פאני בירנבוים, איך זאג דאס אקעגען דעם וואס סע פאלט הוצאות אויפ'ן בילעט, איהר וואלט, כ'לעבען, גענומען נעמען ביי מיר אויף וויטער מיט א פראצענט ווינציגער, פארט, ווי זאגט איהר, אלטע בּאקאנטע און נאהענטע שכנים.

— ניין, זאגט ער, אלסדינג יא, נאר דאס ניט. ווילט איהר אזוי איז רעכט, א ניט בעצאהלט מיר מיין געלד און פערזעצט אייך איהם ערגיץ אנדערש.

— טאקי הייגט? — זאג איך און דאס הארץ קלאפט מיר ווי א האמער: טיק-טיק-טאק! טיק-טיק-טאק!

— אפילו באלד! — מאכט ער.

— נאט זשע אייך אייער געלד — זאג איך און נעם און לייג איהם אנידער זיינע צוויי הונדערטער און דאס הארץ אט-אט שפרינגט דאס ארויס!

— נעם געלד! — מאכט ער צו פייגעלין און אליין בייגט ער זיך אן צו דער גלאז טיי און פערבייסט מיט א לעפעלע איינגעמאכטס. נאכ'ן לעפעלע נעמט ער נאך א לעפעלע, און נאך יענעם לעפעלע נאך א לעפעלע און נאך

67

אַ לעפֿעלע. איך וואָלט [illegible]ין וועלן דערלעבן זעהען אַ בילעט און צום סוף עסט ער גאָר אײַנגעמאַכטס! מיך קאָסט יעדער מינוט יעדער רגע בלוט און געזונד! מע קען אָבער קיין חזיר ניט זיין, יענער האָט ליעב אײַנגעמאַכטס לאָז איהם וואהל בעקומען, טרײַבען יענעם האַלז און אַקען פּאַסט אויך נישט, מוז מען זיצען אין געהאַקטע וואונדען און וואַרטען ביז ער וועט מאַכען אַיין עק מיט'ן אײַנגעמאַכטס. איהר פֿערשטעהט צי ניין?... געפֿינט זיך ניט בײַ אַיך אַביסיל אײַנגעמאַכטס — טפֿו! מיין איך אַ פּאַפּיראָס טיטון?

קורץ און גוט וואו זשע האַלט איך? מײַן חברה־מאַן עסט אײַנ־געמאַכטס. אָבגעגעסען דעם אײַנגעמאַכטס און אָבגעווישט די ליפּען, רופֿט ער זיך אָן צו מיר:

— רב יעקב יוסיל, געלד האָב איך בײַ אַיך אָבגענומען, פּראָצענט האָט איהר מיר בעצאָהלט, אַצינד בעדאַרף איך אַיך הײַסט דאָס געבען אײַער ביליעט?

— אַ פּנים האָט דאָס? מאַך איך כלומר'שט קאַלט בלוטיג און פֿאַל שיער חלשות פֿאַר פֿרייד.

— דער חסרון אָבער — מאַכט ער — איך קאָן אַיך הײַנט דעם ביליעט נישט געבען.

ווי ער האָט מיר אויסגערעדט די דאָזיגע ווערטער האָב איך דער־פֿיהלט אַז עס האָט זיך מיר עפּיס אַ ריס געטהון אינווייניג אין האַרצען, איך בין מיט אַמאָל אַראָבגעפֿאַלען פֿונ'ם זיבעטען הימעל גלײַך אויף דער ערד. ווי אַזוי איך האָב מיך געהאַלטען אויף די פֿיס — פֿערשטעה איך ניט.

— וואָס איז די מעשה, פּאַני בירנבוים, פֿאַר וואָס קאָנט איהר מיר ניט געבען מײַן ביליעט.

— דערפֿאַר — זאָגט ער — וואָס איך האָב איהם נישט בײַ זיך.

— וואָס הײַסט — זאָג איך — איהר האָט איהם נישט בײַ זיך?

— ער ליגט בײַ מיר — זאָגט ער — אויף מײַן רעכענונג אין באַנק.

דיזע ווערטער די דאָזיגע דבורים איז מיר געוואָרען אַביסעלע גרינגער אויף דער נשמה, און איך האָב מיך פֿערטראַכט.

— וואָס האָט איהר זיך, מאַכט ער צו מיר, אַזוי פֿערטראַכט?

— גאָר נישט, זאָג איך, איך שטעה און טראַכט ווי אַזוי קומט די קאַץ איבער'ן וואַסער?

— גאַנץ פּשוט — מאַכט ער — איך פֿאָהר מאָרגען אין שטאָדט אַרײַן, ברײַנג איך אַיך דעם ביליעט.

68

— אויך געפועל'ט! — זאג איך און הויב מיך אויף און געזעגען זיך אב און לאז מיך געהן כלומר'שט צו דער טהיר און קעהר מיך אום באלד צוריק.

— געפעלט אייך בעסער, פאני בירנבוים, וואס פאר א שטיק סוחר איך בין? דאס געלד האב איך אייך אבגעגעבען, פראצענט אבגעצאהלט, דער בילייעט ליגט ביי אייך, גיט זשע מיר חאטש א קוויטעל אויפ'ן בילייעט

— אויף וואס נוצט אייך א קוויטעל? — מאכט ער — איך בין ביי אייך גישט קיין בטוח אויף צוויי הונדערט קערבליך אהן א קוויטעל?

— און אפשר זענט איהר אויך גערעכט? — זאג איך און לאז מיך געהן צו דער טהיר און קעהר מיך אום ווידער אמאל צוריק.

— ניין — זאג איך צו איהם — עס פאסט עפים נישט, ס'איז ניט מעשה סוחר, אז מע האט ביי יענעם א בילייעט, בעדארף מען האבען א קוויטעל... פאלגט מיך, פאני בירנבוים, גיט מיר א קוויטעל. פאר וואס זאלט איהר מיר ניט געבען קיין קוויטעל?

פלוצים הויבט זיך אויף מיין בירנבוים, געהט אוועק צו זיך אין אלקיר אריין אונטערען פארהאנג און טהוט א רוף פייגעלען צו זיך.

— פאני! — רוף איך זיך אן צו איהם — איך וויים אויף וואס איהר רופט צו זיך פייגעלען. איהר ווילט איהר הייסען, זי זאל שיקען די דיענסט קויפען דאס בלאט, ס'איז היינט דער 2 מאי, ווילט איהר א קוק טהון, צי האט דער בילייעט נישט געווינען קיין געלד. למאי זאלט איהר זיך אומזיסט מטריח זיין? איך וועל אייך בעסער אליין אנזאגען די בשורה, אז מיין בילייעט האט דאנקען גאט געווינען שען געלד!

מיין פערשוין איז געווארען אלערליי קאלירען.

— טאקי באמת? זאגט ער — לאז אייך גאט העלפען! וויפיל זשע האט ער געוואונען?

— ער האט געוואונען — זאג איך — היבשלעך, אויף אלע יודישע קינדער געזאגט געווארען און דערפאר טאקי, וויל איך ביי אייך א קוויטעל, איהר פערשטעהט צו ניין?

— איך זאג דאך אייך — מאכט ער - לאז אייך גאט העלפען אפילו די רי"ש אלפים, איך פערגין אייך, גלויבט מיר, מיט'ן גאנצען הארצען! פארט וויפיל האט דער בילייעט געוואונען? וואס האט איהר מורא אויסצוזאגען?

— פאני בירנבוים! — זאג איך — וואס טויגען אונז לאנגע מחזקות מיט איבעריגע רעד? דער בילייעט האט געוואונען פינף און זיבעציג טויזענד קארבען און ער ליגט ביי אייך, פראצענט האב איך אייך בעצאהלט, דאס

נעלד האָב איך אײַך אָבגעגעבען, גיט מיר אָב מײַן בילעט! איהר זאָגט, איהר האָט ניט דעם בילעט, ער ליעגט אין באַנק, גיט מיר אַרויס אַ קוויטעל און אײַן עק לאָז דאָס האָבען!

וואָס טויג אײַך, בײַ מײַן פּאַרשוין האָבען זיך מיט אַמאָל איבערגע-קעהרט די אויגען און דאָס פּנים איז איהם געוואָרען אָנגעצונדען. איך האָב אַרויסגעזעהען, אַז ס'איז מיט איהם נישט פריידליך, רוף איך איהם אָב אויף אַ זײַט און נעם איהם אָהן בײַ די הענד און זאָג צו איהם:

— ליבער פריינד! האָט רחמנות אויף מיר און אויף זיך, זאָגט וואָס ווילט איהר. מיר וועלען דורכקומען, מוטשעט מיך נעט, איך שטעה קוים אויף די פיס, זאָגט וויפיל ווילט איהר און גיט מיר אַרויס אַ קוויטעל אויפ'ן בי-ליעט; ס'איז נאַריש, איך וועל אָהן אַ קוויטעל פון דאַנען ניט אַוועקגעהן, ווארום ס'איז פינף און זיבעציג טויזענד קאַרבען!

— וואָס זאָל איך אײַך זאָגען? — מאַכט ער און די אויגען ברענען בײַ איהם ווי פייער — מיר וועלען זיך פערלאָזען אויף מענשען, וואָס מענשען וועלען זאָגען אַזוי וועט זײַן.

— וואָס טויג אונז — זאָג איך — מענשען? לאָמיר בעסער אַליין זײַן מענשען. פאָלגט מיך, בירנבוים, ווי גאָט איז אײַך ליעב, זאָגט וואָס ווילט איהר, לאָמיר נישט דערלאָזען צו קיין לײַטיש געלעכטער און צו סקאַנדאַלען.

— נאָר מענשען! — זאָגט ער — וואָס מענשען וועלען זאָגען, אַזוי וועל איך טהון...

איך האָב אַרויסגעזעהען, אַז איך וועל מיט איהם גאָר ניט מאַכען, האָב איך אויפגעעפענט די טהיר און רוף מיך אָן צו מײַן פּאַרשוין, דעם עדות הייסט דאָס: „זיידיל! אַצונד קענסט דו געהן!“ מײַן זיידיל האָט געחאַפּט די פיס אויף די פּלייצעס און איז אַוועק און האָט אויסגעפויקט איבער דער גאַנ-צער שטאָדט, אַז יעקב יוסילס בילעט האָט אויסגענומען פינף און זיבע-ציג טויזענד און אַז דער בילעט ליגט בײַ בירנבוימ'ען און בירנבוים גיט דעם בילעט נישט אַרויס!.. איהר פערשטעהט צו ניין?.. מעהר האָט מען נישט בעדאַרפט האָבען, עס איז ניט אַוועקגעגאַנגען קיין האַלבע שעה איז די שטוב בײַ בירנבוימ'ן געוואָרען פול, די גאַס פערפלייצט, עס איז געוואָרען אַ רעש, אַ טומעל, אַ הו-האַ: בילעט... יעקב יוסיל... בירנבוים... פינף און זיבעציג טויזענד... חברה האָבען זיך אָנגענומען מײַן קריוודע, עס האָבען זיך געפונען אַזעלכע וואָס האָבען געקלאַפּט אין טיש, אַנדערע האָבען צוגעזאָגט געבען פּעטש, ברעכען ביינער, צוטראָגען די שטוב אויף פּיץ-פּיצליך, גאָר

נישט אויף קאַטאָוועס, ביז ס'איז געבליבען אַז מע פֿערלאָזט זיך אינגאַנצען אויפֿ'ן נגיד. ווי אַזוי דער גביר וועט פּסק'נען אַזוי וועט זיין. — און מיר האָבען זיך געלאָזט גאַנץ קהל הייסט דאָס צום גביר.

אונזער גביר, דאַרפֿט איהר וויסען, איז אַ מענש אַ שטילער אַ לייטישער און אַן אָרענטליכער מאַן ביז גאָר. בסך-הכל האָט ער גאָר פֿיינט אַזעלכע מעשיות מיט בורות'ען, נאָר אַז גאַנץ קהל איז אַריינגעפֿאַלען צו איהם מיט אַ גוואַלד: „ראַטעוועט!" אַניט צוטראָגט מען איהם די שטוב! האָט ער קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט און האָט געמוזט איבערנעהמען אויף זיך די חתונה און מיר האָבען זיך צושריבען, אַז מיר פֿערלאָזען זיך אינגאַנצען אויף איהם און טאַקי אויף זיין נאָמען האָט נעבעך בירנבוים איבערגעשריבען דעם בילעט, און ס'איז געבליבען אַז אם ירצה השם מאָרגען אָדער איבערמאָרגען פֿאָהרען מיר אַלע אין שטאָדט אַריין אַרויסנעמען דעם בילעט פֿון באַנק. און וויפֿיעל דער גביר וועט הייסען בעצאָהלען בירנבוים'ען אַזוי פֿיעל וועל איך בעצאָהלען. איהר פֿערשטעהט צו ניין?.. נאָר איהר מיינט דאָך מסתמא, אַז דערמיט האָט דאָס איין עק? טע — טע — טע! אָט דאָ הויבט זיך ערשט אָן די רעכטע חתונה. איך האָב, פֿערשטעהט איהר מיך, אַ שותּף צו מיין בילעט, וואו האָט איהר געזעהען אַ ייד זאָל האָבען אַליין אַ גאַנצען בילעט? ווער איז מיין שותּף? מיין שותּף איז טאַקי מיינער אַן אייגענער ברודער, העניך הייסט ער, און זיצען זיצט ער אין אַ קליין שטעדטיל ניט ווייט פֿון אונז, און דורך איהם הייסט דאָס האָב איך טאַקי דעם דאָזיגען בילעט פֿערזעצט ביי דעם דאָזיגען בירנבוים, דאָס הייסט פֿערקעהרט מיין איך, דורך מיר הייסט דאָס האָט ער, דער ברודער מיינער, פֿערזעצט דעם דאָזיגען בילעט ביי דעם דאָזיגען בירנבוים... איהר פֿערשטעהט צו ניין? נאָר דרינען איז אַ גאַנצע מעשה, וואָס איך מוז אייך דערצעהלען אַקוראַט איהר זאָלט פֿערשטעהן.

קורץ און גוט וואו זשע האַלט איך? ביי מיין ברודער העניך הייסט דאָס. מילא האָב איך מיין אייגענעם אַ ברודער העניך ביז 120 יאָהר, וואָס זאָל איך אייך זאָגען? ס'איז דאָך ניט שיין צו רעדען אויף אַיין אייגענעם ברודער, ווי זאָגט איהר: „שנייץ די נאָז און שמיר דאָס פּנים"; נאָר גאָרנישט, חאַטאַ פּאָקרישקע... מיר האַלטען עפּיס ניט איינס פֿון דאָס אַנדערע, איהר פֿערשטעהט צי ניין?.. וואָס איך האָב מאָלט אייך געטהון פֿון זיינעטוועגען זאָל דאָס מיר אַקעגען קומען. איך מעג מיך בערימען, אַז איך האָב איהם געשטעלט אויף די פֿיס, פֿריהער גאָט נאָכדעם איך האָב איהם געמאַכט

פאר א לייט. איך בעדארף מיך פאר אייך ניט אויסשטעלען, איהר פערשטעהט צי ניין?... איז דאכט זיך מיר, אז ער שיקט מיר אריין א בילעט און בעט מיך איך זאל דעם בילעט פערקויפען, אדער פערזעצען און קריגען אויף איהם צוויי הונדערטער און ארויסשיקען איהם דאס געלד, — מעג איך דאס טהון צי ניין?.. אי פרעגט איהם בחרם וואס בילעט? ווער בילעט? נעה האב אין זינען דעם בילעט, סטראכיר איהם, פראצענט צאהל, וואס געהט דאס איהם אן א שטייגער? און אז גאט האט געהאלפען דער בילעט האט געוואונען, — ווער האט זיך געשלאגען קאפ אן וואנט מיט בירנבוימען? ווער האט שיער דעם שלאג בעקומען, איידער ער איז ארויף מיט איהם אויף א שטיקעל דרך? און לסוף אז ס'איז געקומען צו עפים טענה'ט ער, דער ברודער מיינער: „ווער האט דיך געבעטען דו זאלסט חלש'ן פאר מיין בילעט?..“ איהר הערט דבורים? געפעלט אייך א שטייגער אזא מין טענה פון א גראבען יונג?.. האט דאך דאס מיך געוועהנטליך גוט פערדראסען און פערבראטען ביים הארצען: „ע, אז דו ביזט יא אזא גראבער נפש, וואו שטעהט דאס געשריבען אז דער בילעט איז דיינער?“ — וועמענס דען, זאגט ער, בילעט איז דאס? „וועמענס ער איז איז ער, זאג איך, לעת עתה בעדארף מען פאהרען דעם בילעט ארויסראטעווען פון פרעמדע ידים, ווארום ס'איז ניט קיין שפיעלכעל, זאג איך, ס'איז פינף און זיבעציג טויזענד קארבען!..“ איהר פערשטעהט צי ניין?.. נו, וואס קומט מיר דערפאר? בעדארף מען מיר מאכען סקאנדאלען? קלאפען אין טיש אריין? ברעכען ביינקליך?.. הערט איהר, אז די וועלט זאגט, אז פון א הזירשען עק קאן מען קיין שטריימעל ניט מאכען, איז טאקי א פנים אנ'אמת... איך האב מיך מישב געווען, וואס וועל איך דא מיט מיין ברודער הארי'קען זיך אומזיסט, הונדערט זעכס און דרייסיג מיליאן מענשען זענען אונז מקנא אויפ'ן געווינס צום סוף קריגען מיר זיך אייגענע ברידער, מיין בילעט, דיין בילעט — פע, חלשות! מע בעדארף זעהען קודם כל בעוואהרענען דעם בילעט, דאס איז דאכט מיר אביסעל בילכער. הא? וואס זאגט איהר? ניט אזוי?.. נו, נעה טענה מיט א פראסטען מענשען? איך מיין טאקי מיין ברודער העניך מיין איך, גאט זאל מיך ניט שטראפען פאר די רעד... ווארום ווען ער זאגט מיר פריהער, דואס איהם קוועטשט, ווען ער דערצעהלט מיר פריהער אז דאס איז נישט גלאט אזוי א בילעט ווי אלע בילעטען, אז דאס איז א מעשה מיט א ביינדיל, וואלט איך דאך געוואוסט וואס איך האב צו טהון!.. ערשט ווען האט זיך מיין ברודער העניך

72

אויסגעקוועטשט מיט'ן ביינדיל ? — העט — העט שפּעטער, אַז דער בּיליעט איז שוין לאַנג אַריבּער אויפ'ן גבירים נאָמען און דער סלעדאָוואַטעל האָט אויפ'ן דאָזיגען בּיליעט הייסט דאָס אַנידערגעלעגט מחילה אַנ'אַרעסט טאַקי אין בּאַנק, און אונז האָט מען גענומען איטליכען בּעזונדער צום סמיך, דאָס הייסט דער סליעדאָוואַטעל האָט אונז געשיקט בּעטען צו זיך מיר זאָלען זיך מטריח זיין איהם דערצעהלען אַקוראַט די מעשה מיט'ן בּיליעט: פון וואַנען האָט זיך, זאָגט ער, גענומען צו מיר דער דאָזיגער בּיליעט ? און וואָס פאַר אַ מחותן, זאָגט ער, איז דאָ בּירנבּוים ? און וואָס געהער זיך, זאָגט ער, אָן אַהער דער גביר ? — אַ גאַנצע חתונה ! איהר פערשטעהט צי ניין ?.. אַי וואָס געהער זיך אָן אַהער דער סליעדאָוואַטעל ? צו וואָס דאַרף ער וויסען די דאָזיגע אַלע מעשיות ?.. הערסט דו, אָט דאָס איז דאָך טאַקי די רעכטע מעשה מיט'ן בּיינדיל ! דאָס איז אַ מין בּיינדיל, הערט איהר, וואָס ניט אַהער ניט אַהין, מיט אַזאַ בּיינדיל קאָן מען זיך דערווערגען !.. איהר ווילט וויסען פון וואַנען האָט זיך גענומען דאָס דאָזיגע בּיינדיל ? דאָס דאָזיגע בּיינדיל האָט זיך גענומען פון עפּיס אַ מאָנאַך, אַ גלח, איהר פערשטעהט צי ניין ?.. עפּיס אַ מאָנאַך, אַ גלח פאַראַן דאָרטען, וואו מיין ברודער הענין זיצט, האַנדעלט מיט איהם דער ברודער מיינער אויפ'ן וואָרט שוין פון כמה וכמה יאָהרען, ליידט בּיי איהם געלד און פערקויפט איהם סחורה, און זיי לעבען צווישען זיך ווי די בּעסטע גוטע פריינד, איהר פערשטעהט צי ניין ?..

ויהי היום טרעפט זיך אַ מעשה, אַזוי דערצעהלט דער גלח און געה גלויב איהם אויף זיינע הייליגע נאמנות, דער אָחי מיינער קומט צו איהם צו געהן און זאָגט איהם: „פּאַטערל, איך בּעדאַרף האָבּען אַ גמילת חסד אַ פּער הונדערטער. ס'איז בּיי מיר ירידי!..“ מאַכט צו איהם דער כומר:

— וואו זאָל איך דיר נעהמען, אַז איך האָב קיין געלד ניט ?

— ס'איז קיין שום תירוץ ניט, — זאָגט צו איהם דער אָחי מיינער — איך בּעדאַרף האָבּען צוויי הונדערט קאַרבּען ווי אין לעבּען אַריין !

— אַ מאָדנער יוד דו בּיזט ! — זאָגט צו איהם דער כומר — איך זאָג דאָך דיר, אַז קיין געלד האָב איך ניט; אַ בּיליעט אויב דו ווילסט אַ ווינ־רעשנע קאָן איך דער לייהען און דו געה קריג דיר אויף איהם געלד...

איהר פערשטעהט צי ניין ? אָט דאָס איז טאַקי דער דאָזיגער בּיליעט, וואָס האָט געוואונען הייסט דאָס די פינף און זיבּעציג טויזענד; אַזוי זאָגט דער גלח הייסט דאָס, און געה גלויב איהם אויף זיינע הייליגע נאמנות. אַצונד, אַז דער בּיליעט האָט געוואונען, — קומט דאָך מסתמא דער גלח צו־

לויפען צו מיין ברודער און זאגט איהם אזוי און אזוי, דער בילעט האט
דאנקען גאט געוואונען היבשליך געלד... מאכט צו איהם דער אחי מיינער:
יא, מע זאגט אז ער האט געוואונען געלד... מאכט צו איהם דער כומר: „נו,
וואס זשע וועט זיין?“ מאכט צו איהם דער אחי מיינער: וואס זאל זיין?..
בקצור אהין אהער, מילא ווערטליך אהן א זייט, ער זאגט איהם דאס, ער
ענטפערט איהם יענץ; ער פרעגט איהם פדרוך, ענטפערט ער איהם בורעם;
קיין שווארץ אויף ווייס, אויף פאפיר איהר פערשטעהט צו גיין, האבען זיי
ביידע ניט; מילא מיין אחי האט חאטש א בילעט, און דער כומר וואס האט?
עגמת נפש האט ער!.. וואס טויג אייך פאיז געבליבען — ער בעט ביי איהם,
דער גלח הייסט דאס, חאטש עטליכע טויזענד קערבליך. נעם זשע, דו גראָ-
בער מענש. דו העניך איינער, פערשטופ איהם דאס מויל מיט עטליכע
טויזענד קערבליך, און לאז זיך יענער נישט טשעפען! טענהיט, אבער
דער אחי מיינער: פאר וואס קומט איהם? דער בילעט איז דאך מיינער, איך
זאל אזוי האבען, זאגט ער, אלדעס גוטס, ווי איך האב איהם אוועקגעקויפט
ביי איהם שוין א מעשה פון חריי יאהר!.. וואלט אפשר אפגעלאפען גלאט;
איז דאך אבער אונזערע יודעליך וואלען זיין געזונד! און דאס שטעדטעל
אליין איז א גוט שטעדטעל, אפשר האט איהר געהערט פון דעם? „פישי-
יאבעדע“ הייסט דאס, דאס שטעדטעל, כשמה כן היא, א שטאדט פון יאבער-
ניקעס, מוסרים, פערברענט זאל זי ווערען אין א זומער טאג! וואס טויג אייך
מע איז אוועק צום גלח און מע האט איהם אויפגעקלערט, אז ער קאן דא
מאכען נימל. און מע האט איהם ארויפגעפיהרט ער זאל ניט מאכען קיין לאנגע
שיהות. פאהרען אין דער גרויסער שטאדט אריין גלייך צום פראקוראר
און איינגעבען אזוי און אזוי, אז יודען הייסט דאס האבען ביי איהם אויס-
געגארט א בילעט, און דער בילעט האט געוואונען פינף און זיבעציג טוי-
זענד און מען גיט איהם נישט אפ דעם בילעט... איהר פערשטעהט צו
גיין? וואס טויג אייך, דער גלח האט זיך דוקא ניט געפוילט אונהאט גע-
טהון אלסדינג וואס מען דארף, נאך מעהר ווי מע בעדארף, און מען האט
אויפין בילעט מחילה אנידערגעלעגט אנארעסט און סע פערבינדט זיך פאר-
וואלינקע א גאנצער עסק טאקי נאר נישט אויף קאטאוועס... אט האסט דו
דיר אזוי מין שלאק טאמער איז קארג! נא דיר נאר א ביינדיל, א גלח!..
מיין אחי האט שוין אפילו מיט איהם נאכדעם געענדיגט פאר צעהנטויזענד,
נאכדעם פאר פופצעהנטויזענד קארבען, האט דער גלח חרטה נקריגען. מע
האט איהם אזוי צודרעהט, פערשטעדט איהר, אז ער ווייסט שוין אליין ניט

וואס ער זאל וועלען... אט דאס האט איהר אייך די מעשה מיט'ן ביינדיל, איהר פערשטעהט צי ניין?..

קורץ און גוט וואו זשע האלט איך? ביים ביינדיל הייסט דאס. גאט האט אונז באשערט א רייכט ביינדיל, וואס זאלט איהר קלעהרען, נישט איינצושלינגען און נישט אויסצושפייען; נישט אהער און נישט אהין. איז דאך אבער פאראן א גאט אויף דער וועלט, א גרויסער גאט ווי זאגט איהר, וואס מיט איין האנד שטראפט ער מיט דער אנדערער היילט ער, האבען זיך גע־פונען מענשען, גוטע ברידער, מחותנים, גוטע פריינד, און גלאט מענשען, מען האט זיך אריינגעלעגט אין דער־מיט, געדרעהט, געפרובט אויף אלע זייטען הין און צוריק, פין מיין ברודער צום גלח, פינ'ם גלח צו מיין ברודער, פון מיר צו בירנבוים'ען, פין בירנבוים'ען צו מיר און פון אונז ביידען צו מיין ברודער, און פון אונז אלע דריי — ווידער צום גלח, א דרעהעניש, א לוי־פעניש, א געפאהרעריי, א גערעדעריי, א געשפארעריי, — בקצור מע האט אונז קוים מיט צרות מיט לייד אויסגעגלייכט. וואס אויסגעגלייכט? ווי אזוי אויס־געגלייכט? — פרעגט נישט, אבי אויסגעגלייכט; ווי זאגט איהר: פין קריווע קאכט מען וועטשערע, אדער ווי מיין אחי האט געזאגט אז מען האט איהם צונויפגעפיהרט מיט'ן גלח:

— וואשע פרעפאדאביע — זאגט ער — יאק נע פסק טא פסאקען, נעחאי בודע יחלוקו...

— נעחאי בודע יחלוקו! — זאגט איהם דער גלח — אלע טי העניך מאשעניק!.. ׀

— להיים, פאטער'ל, זא וואשע זדאראוויע — זאגט צו איהם מיין אחי און טראגט איהם אונטער א גלעזעל און מיר אלע נעהמען צו גלעזלעך און מען טרינקט אויס און מע צוקישט זיך, פיין, שען, צופריעדען... שייך זאגען צו פריעדען? ווי קאן מען זיין צופריעדען, אז איטליכער פון אונז האט געהאט כמעט ביי זיך אין האנד די פינף און זיבעציג טויזענד און האט זיי ארויסגעלאזט אויפ'ן ווינט — פפוי! איהר ווילט וויסען ווי אזוי? נאט אייך א פראסטען חשבון: מילא פון מיר שמועסט מען ניט, האב איך ניט פינף און זיבעציג טויזענד, א שענע ריינע כפרה! נאר איך פרעג אייך וואס וואלט געטהון א שטייגער מיין ברודער העניך, ווען איך זאל איהם ניט גע־וועזן געבען קיין דעפעש אז אונזער בילעט האט אויסגענומען די פינף און זיבעציג טויזענד? איין אנדערער אויף מיין ארט, אז ער דערזעהט אזא גע־וויגט, ווייסט ער וואס ער טהוט? ער ווישט אפ די ליפען און מאכט א שוויינ:

75

וואָס מיר ברודער? ווער מיר העניך? וואָרום לאָז זיך איהם דאַכטען, אַז איך האָב גאָר פערקויפט דעם בילעט? אָדער עלעהיי איך האָב איהם פערזעצט ביי בירנבוים'ן און האָב איהם ניט אויסגעקויפט צו דער צייט, און אַ צעטיל פון מיר האָט דאָך בירנבוים, אַז איך האָב איינגעלייגט ביי איהם אַזאַ און אַזאַ בילעט פון אַזאַ און אַזאַ סעריע און באָם איך קויף ניט אויס צו דער צייט, איז אַזאַ און אַזאַ בילעט פון אַזאַ און אַזאַ סעריע — איהר פערשטעהט צי ניין?.. נאָר וואָס דען, אַז ס'איז מיר גאָר נישט געקומען אויף דעם מחשבה, איך זאָל אַזוי ריין זיין פון שלעכטס, וואָרום ווי איהר זעהט מיך אָט אָ בין איך אַזאַ יוד וואָס קאַטאָרי געלד שפּילט ביי מיר גאָר אַ קליינע ראָליע! וואָס איז דען אייגענטליך געלד? געלד איז בלאָטע, אַבי גאָט העלפט, ווי מיין ווייב זאָגט, מע איז געזונד און מע האָט אַלסדינג וואָס מע בעדאַרף... נאָר גאָרנישט, פאַרדראָסיג איז דאָס, פאָרט ווי זאָגט איהר פינף און זיבעציג טויזענד! איהר פערשטעהט צי ניין?..

אַצונד נעמט בירנבוים'ען. בירנבוים איז דאָך טאַקי גאָט די נשמה שולדיג; ער האָט דאָך טאַקי נעבאַך אַרויסגעלאָזט די פינף און זיבעציג טויזענד ממש פון די הענד! גלאַט ער איז איין ערליכער, אַ לעצט אָרענטליכער יונגערמאַן און וויל ניט נהנה זיין פון אַ פרעמדען בילעט, ער וויל נאָר מע זאָל אַ פרעג טהון מענשען, וואָס מענשען וועלען זאָגען, איהר פערשטעהט צי ניין? וויטער וואָלט דאָך געווען, ווי זאָגט איהר, אַ כשר'ער טאָפּ מיט אַ כשר לעפעל, וואָרום ער האָט דאָך טאַקי פון מיר אַ צעטיל, אַז איך קויף נישט אויס ביי איהם דעם בילעט צו דער צייט איז אַזאַ און אַזאַ בילעט פון אַזאַ און אַזאַ סעריע — איהר פערשטעהט צי ניין? נעמט דער דאָזיגער בילעט און געווינט פונקט די פינף און זיבעציג טויזענד? נו פרעג איך אייך, קאָן נישט די גאַל צוזעצט ווערען?.. האָט איהר שוין הייסט דאָס צוויי אומגליקליכע נפשות אויף דער וועלט, וואָס האָבען כמעט פון קעשענע פערלאָרען צו פינף און זיבעציג טויזענד קאַרבען — וואָס? ניט אַזוי?..

דער דריטער אומגליקליכער נפש איז מיין ברודער העניך נעבעך. ער גערט גלאַט אַרום ווי אַ גזל, אַ געקוילעטער האָהן, און ס'איז טאַקי אַ ביטערער רחמנות אויף איהם, וואָס ער נעמט אַזוי ווינציג געלד, וואָרום ער איז דאָך טאַקי געוואָהנט געוואָרען אַלע יאָהר און אפשר צוויי מאָל אין יאָהר, אַז בילעטען שפּילען, אויסנעמען פינף און זיבעציג טויזענד, נישט ווינציגער! גערט ער אַרום און שרייט: „וואָס האָבען זיי צו מיר? וואָס האָבען זיי

מיך? אלעמען געב געלד! דעם גלח געב, דעם ברודער געב, בירנבוים'ן געב — זיי ווילען מיך מאכען פאר א קבצן" — איהר פערשטעהט צי ניין?.

דער פערטער, דער גלח הייסט דאס, איז דאך אודאי איין אומגליקליכער גלח; ער שווערט און מע מוז איהם גלויבען, אויף זיינע הייליגע נאמנות, אז ער פערשטעהט ניט, פאר וואס יודען טהיילען זיך מיט זיין געלד? מילא דעניך, זאגט ער מעג זיך טאקי זיין א מאשעניק און סע קומט איהם אודאי געהן אין חדר אריין, ער איז אבער פארט א היימישער מענש און א גוטער ברודער... אבער דאס גאנצע איבריגע „קהל", זאגט ער, וואס פאר א מחותנים איז „קהל" צו מיין בילעט?! איהר פערשטעהט צי ניין? געה רעד מיט א גלח און געב איהם צו פערשטעהן, וואס הייסט ערענטליך, אז דער איז א ברודער וואס האט געהאט ביד צונעמען איינגאנצען אזוי, אז קיין האהן זאל אפילו נישט קרייהען, און דער איז א לעצט ערענטליכער יונגערמאן וואס האט פון מיר א צעטיל, אז אזא און אזא בילעט פון אזא און אזא סעריע — איהר פערשטעהט צי ניין? ער מיינט דען עפיס, בירנבוים הייסט דאס? ער מאנט דען געלד? ער האט דען עפיס טענות? חס וחלילה! ער וויל נאר מע זאל א פרעג טהון מענשען, וואס מענשען וועלען זאגען, א מענש וואס האט זיך איינגעליעבט אין מענשען, א מענשליכער מענש — איהר פערשטעהט צי ניין..

הכלל פיער מענטשען האבען געוואונען הייסט דאס צו פינף און זיבעציג טויזענד אויף א חלק, און פיער מענשען האבען פערלאהרען צו פינף און זיבעציג טויזענד, פיער אומגליקליכע געקוילעטע מענטשען!... נאר גארנישט, אויסגעגלייכט זיך איז פארפאלען, מסתמא איז דאך עס א באשערטע זאך... וואס זשע בלייבט איבער צו טהון אצינד? אצינד בעדארף מען הייסט דאס נעמען און זיך צוטיילען מיט'ן בילעט, דאס הייסט מע בעדארף געהן אלע פיער אין באנק אריין, ארויסנעמען דעם בילעט, אבנעמען דאס געווינס, אבגעבען איטליכען זיינס און זאגען מזל-טוב און טרינקען מאהריטש, איא? האט זשע צייט אביסעל, פאוואלינקע נישט געחאפט. ערשטענס ליגט דאך אויפ'ן בילעט עפיס א חתימה פונ'ם סליעדאוואטעל, בעדארף מען דאך קודם כל בעפרייען הייסט דאס דעם בילעט, וויל דער גלח נישט בעפרייען דעם בילעט ביז מע וועט איהם נישט בעוואהרענען מיט זיין חלק, איהר פערשטעהט צי ניין?... ווי אזוי זשע בעוואהרענט מען איהם מיט זיין חלק? בעדארף מען דאס בילעט הייסט דאס אראבנעמען פונ'ם גבירי'ם חשבון און איבערלייגען איהם אויף מיין ברודער העניך'ס און אויפ'ן גלח'ס נאמען,

ווייל דער גביר נישט הערען ניט וועהען. באשר ער טענה'ט, דער גביר הייסט דאָס און איז דוקא געריכט:

— וואָס בין איך פאַר אַ מחותן צו אַ פרעמדען בילעט? ווי קאָן איך הייסען איבערגעבען אַ פרעמדען בילעט פון פינף און זיבעציג טויזענד, וואָס סע ליגט אויף איהם אַנ'אַרעסט, אַז איך ווייס ניט וועמענס בילעט דאָס איז? פריהער איז ער געווען בירנבוים'ס מיט יעקב יוסילים, הײַנט הער איך אַז ער איז גאָר אַ הענעך'ס מיט אַ נלח'ס, שפּעטער וועלען זיך אַלע מאָל אַרויסבעווייזען נייע בעלי-בתים, נייע הענעך'ס מיט נייע גלחים, וואָס וועל איך טהון אַז זיי וועלען נאָכדעם מאָנען ביי מיר איטליכער בעזונדער צו פינף און זיבעציג טויזענד? וואו וועל איך נעמען, קינדערליך, אַזוי פיעל געלד אויף צו בעצאָהלען? איך בין דאָך ניט בראָדסקי!

איהר פערשטעהט צי ניין? האָט זיך אָנגעהויבען אַנ'עסק מיט אַהוואָקאַטען, און אַדוואָקאַטען זענען דאָך פונקט ווי די דאָקטוירים: וואָס איינער זאָגט, זאָגט דער אַנדערער קאַפּויר; געלד נעמען זיי אַלע און געבען עצות, איטליכער אַנ'אַנדערע עצה. איין אַדוואָקאַט זאָגט, אַז דער גביר מעג זעהר שען איבערגעבען דעם בילעט וועמען ער וויל... און דער אַנדערער זאָגט: ער טאָר ניט בשום אופן איבערגעבען דעם בילעט... קומט דער דריטער און זאָגט אַז ער מוז איבערגעבען, אַ ניט קאָן ער האָבען אויף זיך אַ „פּעקיל“, למאי ער ניט ניט איבער... קומט נאָך אַנ'אַדוואָקאַט און זאָגט: לאָז זיך דער גביר גלאַט אַזוי אָבזאָגען פונ'ם בילעט וועט דאָס זיין ווי געווינשען... קומט נאָך איינער און זאָגט הם מלהזכיר! באם ער זאָגט זיך אָב פונ'ם בילעט, דער גביר הייסט דאָס, בלייבט דער בילעט הייגנען אין דער לופטען, קאָן ער נאָכדעם האָבען אויף זיך אַ רעכט „פּעקיל“!.. קומט נאָך אַנ'אַדוואָקאַט און זאָגט: אדרבה, טאָמער זאָגט ער זיך ניט אָב, האָט ער ערשט אויף זיך אַ „פּעקיל“!.. קומט אַ נייער אַדוואָקאַט און זאָגט אַ נייעם דין, דער גביר, זאָגט ער, מעג זיך יאָ אָבזאָגען, ניט אָבזאָגען, ער וועט סאַי ווי סאַי האָבען אויף זיך אַ „פּעקיל“... איהר פערשטעהט צי ניין? נאָר מיר דאַכט אַז ער האָט שוין אויף זיך אַ גוט „פּעקיל“, וואָרום אַחוץ וואָס מע דולט איהם אַלע מינוט דעם ספּאָדיק, פאָהרט ער נעבעך אַלע וואָך אין דער גרויסער שטאָדט אַריין, אונזער גביר הייסט דאָס, פון איין אַדוואָקאַט צום אַנדערען, צאָהלט געלד און בעט מע זאָל אויף איהם רחמנות האָבען, געבען איין עצה, ווי אַזוי ער זאָל פּטור ווערען פון דער דאָזיגער באָמבע? ס'איז אַ גאָט'ס אַ רחמנות זאָג איך אייך און אַ חרפּה אַ בזיון פאַר לייטען,

78

מע מעהמט אַ מענשען, אַנעהרליכען, אַ שטילען מענשען, וואָס טשעפּעט ניט קיין פליג אויף דער וואַנט, און מע היינגט איהם אָן אַזאַ באָמבע, אַ לונג און לעבער אויף דער נאָז און האַלט זיך געזונדערהייט!... טאָמער ווייסט איהר פאַר וואָס? פאַר ווען? פאַר וואָס קומט איהם אַזאַ באָמבע? דערפאַר וואָס מענשען האָבען זיך אַריינגעלייגט, געוואָלט אַ יודען אַ טובה טהון, איהר פערשטעהט צי ניין?... האָט איהר ניט ביי זיך נאָך אַ באָמבע? — טפו! מיין איך נאָך אַ פאַפּיראָס?

קדיץ און גוט וואו זשע האַלט איך? ביי דער באָמבע הייסט דאָס, וואָס מע האָט אָנגעהאַנגען אונזער גביר... ווילט איהר דאָך מסתמא וויסען, וואָס הערט זיך מיט דער באָמבע? גאָר ניט, די באָמבע איז אַ באָמבע! לעת־עתה היינגט זי נאָך אין דער לופטען... דער גביר הערצקעט זיך אַלע וואָך הין און צוריק אין דער גרויסער שטאָדט אַריין צו די אַדוואָקאַטען, די אַדוואָקאַטען נעמען געלד און געבען עצות, דער אַזוי, דער אַנדערער אָט אַזוי, און דער דריטער ניט אַזוי און ניט אַזוי, נאָר פונקט קאַפּויר, ווי געוויינטליך.. וואָס דער סוף דערפון וועט זיין, ווייסט נאָר איין גאָט אין הימעל, וואָרום קיין מענשליכער פערשטאַנד קאָן דאָס גאָרניט משיג זיין, וואָס דערפון קאָן אַרויס, וואָרום טאָמער דערגעהט דאָס חלילה צו אַ משפט, ווייסט מען ניט מיט וואָס עס קאָן זיך ענדיגען... איהר פערשטעהט צי ניין? דערוויילע חער ליגט בייען איילען אין דער אדמה? יעקב יוסיל! אַז די שטאָדט, — וואָס זאָג איך די שטאָדט? — די גאַנצע וועלט האָט מיט מיר צו טהון! איטליכער טייט אויף מיר מיט די פינגער: „אָן געהען די פינף און זיבעציג טויזענד!"... פון געשעפט איז מען אָבגעריסען; אין קעשענע איז ניטאָ אַ דרייערל, נאָך ערגער ווי פרידער; מיין וויב שעמט זיך אַרויסצוקומען אין מאַרק אַריין; מע רופט זי די „נייע נגידית"... מיך האָט מען דעם ערשטען שבת אין שול מכבד געוועזען מיט „ששי" גאָר אויף איין אַנדער אופן. מען האָט שוין אפילו געמאַכט אַ חשבון פון די פינף און זיבעציג טויזענד, וויפיל איך בעדאַרף געבען אויף דער שטאָדט, וויפיל איך זאָל צעטיילען אָרעמע קרובים, און וואָס איך וועל טהון מיט'ן איבעריגען. דער האָט געזאָגט, אַז איך וועל מסתמא ווערען אַ בעל הלואה; און דער האָט געדרונגען אַז גיכער וועל איך האַנדלען מיט ברויט, אַזוי ווי איך האָב אַמאָל געהאַנדעלט: און דער האָט אויסגעוויזען אַז דאָס בעסטע איז פאַר מיר אַ קאַנטאָר; מיט אַ קאַנטאָר, זאָגען זיי, מאַך איך די בעסטע געשעפטען ביי אונז אין שטאָדט, וואָרום וואָסער קאַנטאָר, ביי אונז — פערמאָגט דען מיט אַמאָל אַ קאַפּיטאַל פון 75,000? מע מיינט

מעות מזומנים מײנט מען טאַקי װאָס מזומנים הײסט! איהר פֿערשטעהט צי נײן? װאָרום בײַ אונז אין שטעדטיל זענען די יודען גרויסע אפּיקורסים; קײנער גלויבט גאָר נישט, אַז ס'איז ערגיץ פֿאַראַן במזומנים מעהר װי אַ פֿינפֿאונצװאַנציגער אײן אײנענער... אונזער שטעדטיל, דאַרפֿט איהר װיסען, איז אויך אַ רעכט שטעדטיל, דער רוח האָט דאָס ניט גענומען! דאָס איז אַ שטעדטיל, פֿערשטעהט איהר מיך, פֿון די שטעדטליך, װאָס מע פֿרעגט אויף זײ!... פֿאַראַן לײדיגגעהערס גענוג, װאָס האָבען ניט װאָס צו טהון, געהט מען אַרום פֿון שמונין צו בונין און מע רעדט אָב פֿון דער גאַנצער װעלט. קײן אײגענע געשעפֿטען איז נישטאָ, האָט מען אין זינען יענעמס. מע קלויבט זיך צונויף אין מאַרק בײַ דער אַפּטײק, אויף דער „בערזע" הײסט דאָס, און מע האַלט אין אײן שאַצען יענעמס עסקים, מע האָט מורא טאָמער פֿערדיענט יענער; און אַז יענער דערלײגט איז מען זיך מחיה, עס קומט צו אַ שטיק געזונד... הײַנט פֿערשטעהט איהר, װאָס פֿאַר אַ חמאַרע עס האָט זיך אָנגערוקט אויף דער שטאָדט, אַז מע האָט דערהערט פֿון די פֿינף און זיבעציג טויזענד! פֿון יענעם טאָג אָן מאַכט זיך זײ שוין נישט צו דאָס מויל פֿון אין דער פֿריה ביז בײַ נאַכט. מע װערטעלט זיך און מע שטעכט זיך. אײנער דעם אַנדערן עסט אוים די גאַל, קריכט אַרײַן מיט די פֿים אין האַרצען.

— פֿאַר װאָס האָט איהר בעסער נישט אויסגענומען די פֿינף און זיבעציג טויזענד? זײ װאָלטען דאָך אײך איצטער שטאַרק צוניטץ גע-קומען!...

— למאי אַיהר ניט? איהר בעדאַרפֿט זײ אַ סך נײטיגער פֿון מיר!...

בכדי עס זאָל דעם איבריגען עולם פֿערדריסען האָט אײנער אַ בעל-חשבון אויסגערעכענט, אַז איך בין דער גרעסטער גביר אין שטאָדט; עס איז אַ פּראָסטער חשבון — זאָגט ער: פֿינף און זיבעציג טויזענד האָב איך גע-װינען, אַ קערבעל זעכס-זיבען טויזענד בעטרעפֿט די דירה מײַנע — האָט איהר אַ קײמילן פֿון פֿינף און אַכטציג קרוב צו מאָה אלף קאַרבען. נו, און אַ יוד װאָס פֿאַרמאָגט הונדערט טויזענד קאַרבען מעג מען דאַכט זיך אויף איהם זאָגען אַז ער פֿאַרמאָגט צװײ, װאָרום אַז מען שאַטצט אַ יודען אין רי"ש אלפים פֿערמאָגט ער דאָך קײן הונדערט טויזענד אויך ניט! אַלואָ בין איך הײסט דאָס אַ יוד פֿון רי"ש אלפים דאָס הײסט דער גרעסטער גביר אין שטאָדט; אַיי ס'איז פֿערהאַן נאָך גרעסערע גבירים פֿון מיר? איז דער תירוץ: פֿון װאַנען װײסט מען? װער איז געװען בײַ זײ אין קעשענע און װער האָט געציילט זײער געלד? אפשר זענען זײ נאָך דעראונטער? איהר פֿערשטעהט צי נײן?...

אַ סך מענשען האָט דאָס טאַקי אָנגעריהרט ביז דער ביין, זיי האָבען נעבאַך נישט געקאָנט דאָס איבערטראָגען, ווי נעמט דאָס מיט אַמאָל אַ געמיינער יוד, פלוצלינג אינמיטען דרינען און ווערט, אָהן קאָפּוועהטיג, אַ גביר פון פינף און זיבעציג טויזענד!... פאַראַן ביי אונז איינער, איין אַלטער בחור, אַ רייכער און אַ קאַרגער, האָבען חברה אומיסטען אונטערגעשיקט אַ שליח, איינעם אַ „מענדיל באָרד“, ער זאָל איהם אָנזאָגען די גוטע בשורה, אַז יעקב יוסיל האָט געוואונען די פינף און זיבעציג טויזענד, איז איהם געוואָרען, ניט פאַר אייך געדאַכט, אַזוי שלעכט, אַז מע האָט געמיינט ס'איז איין עק פונ'ם יונגען מאַן! אַ ביטערער רחמנות, ער איז נעבעך עטליכע טאָג כסדר אַרומגעגאַנגען אָהן אַ קאָפּ! און אַצינד אַז ער האָט דערהערט די געשיכטע מיט מיין ברודער העניך און די מעשה מיט'ן ביינדיל איז איהם צוגעקומען אַ שטיק געזונד: לאָז שוין בעסער זיין, זאָגט ער, דעם גלח; פאַר וואָס קומט אַ יודען אַזוי פיעל געלד?... איהר פערשטעהט צי ניין?... נאָר איהר מיינט, אַז איינענע פערגינען שוין? אַזוי לאַנג שמייסט מען זיי! זיי זאָלען קאָנען דערטרינקען אין אַ לעפיל וואַסער!... מאָלט אייך, ווען עס פאַלט אַריין צי מיר טאַקי די פינף און זיבעציג טויזענד, וואָלט געווען אַנדערע ווערטער; דעמאָלט וואָלט'ען מסתמא אַלע הנאָה געהאַט: אי איינענע, אי פרעמדע. נאָר אַז עס האָט זיך שוין געמאַכט אַזוי איז שוין ווידער אַנדערע ווערטער... נישקשה, די משפחה מעג זיך נייען אַ ביטעל, ביי מיין ברודער העניך וועט מען זיך צופיהרען די הענד; ער איז אַ רעכטער נדבן מיין העניך זאָל געזונד זיין; ער אַז ער וועט אָנהויבען געבען „נתינות“ וועט זיין וואָס צו זעהען. ס'איז אַ סברה, אַז ער האָט שוין אַסיגנירט פון פינף און זעכציג ביז צוויי און זיבעציג רובל אויף חתונה מאַכען איין אָרעמע שוועסטער; און דעם אַלטען טאַטען האָט ער מנדר געווען אַ גאַנצען הונדערטער אַ האַרטען; לאָז ער וויסען הייסט דאָס דער אַלטער טאַטע, אַז זיין זוהן האָט אויסגענומען די פינף און זיבעציג טויזענד, איהר פערשטעהט צי ניין?... דאָס זענען די היימישע קרובים; און די וואָס פון דערווייטען האָבען זיך גלאַט אַ לאָז געטהון צו מיר פון דער גאָרער וועלט, דער מיט אַזאַ „פעקיל“, און דער מיט אַזאַ „פעקיל“... אַ סך האָבען אויף דעם חשבון אָנגעהויבען טהון שדוכים, חתונה מאַכען קינדער. איינינע האָבען זיך געגט צוליעב דעם, וואָס זיי װעלען נאָכדעם קאָנען גרויכען צו עפּיס גרעסערס... מילא איז דאָס חאָטש קרובים; ווי זאָגט איהר פון איינענע מוז מען ליידען, איהר פערשטעהט צי ניין? אָבער פון פרעמדע, פון ווילד פרעמדע וואָס בין איך נאָך מחויב צו טראָגען? פאַר וואָס קומט דאָס מיר? פאַר וועמענס זינד?..

וואו איך האָב ערגיץ אַ שונא, הערט איהר, ווינש איך איהם אַזאַ געווינס פון פינף און זיבעציג טויזענד; איהר מעגט מיר גלויבען בנאמנות אַז דאָס אָפּגעבען מזל-טוב וואָס איטליכער גיט מיר אָפּ, מיט דעם אונטערשמייכלען זיך, מיט די חנופהליך פון איטליכען בעזונדער — בין איך שוין ניט אימשטאַנד אַריבער צוטראָגען! מענשען וואָס איך קען זיי ניט און ווייס זיי נישט קומען צו מיר צוגעהן זיך מיט מיר אַנעצה האַלטען.

— מיר האָבען געהערט, זאָגען זיי, פון אייך, רב יעקב יוסיל, מיר האָבען שוין לאַנג פון אייך געהערט, אַז איהר זענט אַ קלוגער מענש. מיינט נישט, זאָגען זיי, אַז מיר מיינען עפּיס דערמיט אַ מיין, וואָס נאָט האָט אייך בעגליקט די פינף און זיבעציג טויזענד, חלילה וחס! גלאַט אַזוי, זאָגען זיי, מיר זענען געקומען צו אייך אַביסעל אויסרעדען זיך דאָס האַרץ...

איהר פערשטעהט צי ניין?.. איינער איז געקומען צו מיר עפּעס פון אַ מאָדנער שטאָדט, איך האָב שוין פערגעסען ווי זי הייסט, פון אַ ווייטער מדינה, וואָס מיין זיידענס באָבע איז דאָרט קיין מאָל נישט געוועזען. עס עפענט זיך די טהיר, עס קומט אַריין פלוצים אַ יוד, לייגט אָפּ דאָס פעקיל.

— שלום עליכם!

— עליכם שלום! פון וואַנען איז אַ יוד?

— פון אויסריַיסען. דאָס זענט איהר דער רב יעקב יוסיל?

— דאָס בין איך יעקב יוסיל. וואָס ווילט איהר זאָגען גוטס?

— זענט איהר דאָס טאַקי אַליין הייסט עס אָט דער רב יעקב יוסיל וואָס האָט אויסגענומען די פינף און זיעבציג טויזענד? דאָס בין איך אומיסטען, זאָגט ער, געקומען צו פאָהרען אַהער, דאָס הייסט איך פאָהר במילא פערביי, האָב איך דערהערט די מעשה מיט די פינף און זיבעציג טויזענד האָב איך מיך מישב געוועזען: טאַ, לאָם איך אַראָפּפאָהרען אַהער אויף אַ טאָג; איך וויל אָנקוקען מיט מיינע אויגען דעם דאָזיגען גליקליכען וואָס האָט געוואונען די פינף און זיבעציג טויזענד, ס'איז ניט קיין קלייניגקייט, ס'איז פינף און זיבעציג טויזענד!..

איהר פערשטעהט צי ניין? גאָה דערצעהל איטליכען בעזונדער אַ מעשה מיט אַ בירנבוים וואָס וויל מענשען, און מיט אַ ברודער וואָס הייסט העניך, און מיט אַ ביינדיל, און מיט אַ גביר, און מיט אַ באָמבע, און מיט אַדוואָקאַטען, און מיט רוחות, און מיט שדים!.. איך זאָל האָבען, הערט איהר, די גליקליכע יאָהר, וואָס ס'איז פריהער פאַר די פינף און זיעבציג טויזענד געוועזען בעסער ווי אצונד נאָך די פינף און זיבעציג טויזענד און רוהיגער אַודאי! איך

וועל איך זאָגען דעם אמת, איך בין שוין איצטער ניט זיכער מיט'ן לעבען אויך; אָט בין איך געוועזען ניט לאַנג אין דער גרויסער שטאָדט ביי די אַד־וואָקאַטען דאָרטען, האָט מיך איינער אַ חברה מאַן פערנאַרט צו זיך אַהיים אויף פּאָדאָל, כלומרשט אויף טיי; איך קום צו איהם אויף פּאָדאָל, ביי נאַכט איז דאָס געוועזען, טרעף איך דאָרטען נאָך איינעם אַ חברה־מאַן, אַ יודען מיט דוקא אַ שעהנער באָרד, זיצען איבער אַ ספר, גיט ער מיר אָב שלום, שטעהט אויף פערדזיכערען אַ פּאַפּיראָס, פערלעשט די לאָמפּ און מיר בלייבען אין דער פינסטער... איהר פערשטעהט צי ניין? עס וואָלט כדאי געוועזען, כ'לעבען, ס'זאָל ניט זיין אַזוי שפּעט און איהר זאָלט זיך אַזוי ניט חאַפּען אין וועגען אַריין, אייך דערצעהלען די דאָזיגע מעשה אויך, און אויף יענער מעשה זיצט נאָך אַ מעשה, אָדער ווי זאָגט איהר: אויף אַ בלאָטער אַ פּרישטש און אויף אַ מכה אַ בלאָטער, איהר פערשטעהט צי ניין?..

קורץ און גוט וואו זשע האַלט איך היינט עס? ביי'ם סוף פון דער מעשה. אַ סוף מיינט איהר? האָט צייט אַ ביסעל, נישט געחאַפּט, ס'איז ערשט אַנ'אָנהויב; וואָס זאָג איך אַנ'אָנהויב? עס הויבט נאָך גאָר נישט אָן צו זיין קיין אָנהויב אַפילו! און ווער איז שולדיג? איך אַליין טאַקי! שייך זאָגען איך בין שולדיג? וואָס בין איך שולדיג? איך ווייס? איך בין דאָך נישט מעהר ווי אַ מענש, ווי זאָגט איהר אַ בשר ודם, נאָר אַז ס'איז באַשערט אַנ־אומגליק העלפט זיך עפּיס? וואָס בין איך שולדיג למשל אַז איך... נאָר שאַ! מע טאָר נישט חאַפּען די פיש פאַר די לאָקשען, מיין איך פאַרקעהרט די לאָק־שען פאַר די פיש; לאָם איך אייך בעסער דערצעהלען פּאַוואָלינקע, נישט געחאַפּט די גאַנצע מעשה פונ'ם אָנהויב, דאָס היינסט ניט פונ'ם אָנהויב, נאָר פונ'ם לעצטען אָנהויב, דאָס היינסט פון דעם וואָס איהר מיינט אַז ס'איז שוין דער סוף... על כל פנים אַז גאָט האָט געהאָלפען, מיר האָבען זיך דערמאָלט אויב איהר געדענקט, מיט צרות מיט אַנגסטען איינגעטיילט מיט'ן ביליעט היינסט דאָס. איטליכען בעזונדער זיין חלק, געוויינטליך נישט אַזוי גיך טהוט זיך עס ווי סע רעדט זיך, מע האָט זיך גענוג אָנגערעדט, אָנגעהאַריקעט מיט איטליכען בעזונדער, אַז דער גלח טענה'ט פאַר וואָס קומט אונז געלד, מיר און בירנבוים'ען, אונז ביידען היינסט עס, און מיין ברודער העניך איז אַ בעלן איך זאָל מיר פערלאָזען אויף זיין יושר און אויף זיין גוטען ווילען און אויף זיין השגה, און מיין חברה'מאַן, בירנבוים היינסט עס שרייט, אַז ער וויל גאָר נישט, ער וויל נאָר מענשען, האָרכען וואָס מענשען וועלען זאָגען, איהר פערשטעהט צי ניין? האָבען זיך אַריינגעמישט אין דעם דאָזיגען עסק

מעקלערס, און דוקא דריי מיט אמאל; צוגעהארעוועט, אויסגעגלייכט, אניעק, א סוף, און ס'איז געבליבען, אויב איהר געדענקט, וואס זשע הייסט דאס איז געבליבען? ס'איז געבליבען אז מיר זאלען זיך צונויפקלייבען אלע פיער, הייסט עס, אוועקפאהרען אין דער גרויסער שטאדט אריין, ארויסנעמען דעם בילעט, אפנעמען דאס ביסעל מינץ, צעטיילען זיך מיט די חלקים, נא דיר, גיב מיר — און א גוטען טאג מיט דער קאפאטע! יא, ווען זשע איז דאס געווארען? נאפשיקלאד אז ס'איז פאראן א בילעט, אבער אז ס'איז קיין בילעט נישטא? שייך זאגען ס'איז קיין בילעט נישטא! א בילעט איז פאראן א בילעט, נאר, אויב איהר געדענקט, וואו ליגט ער דער בילעט? פארצוויאקעוועט אין א באנק ערגיץ אויף א פרעמדען נאמען און פון אויבען אויפ'ן בילעט הייסט עס, אויב איהר געדענקט ליגט, איך בעט אייער כבוד, אנ'ארעסט פונ'ם סליעדאוואטעל — גיה נעם ארויס אזא בילעט! וואס זשע טהוט מען? בעדארף מען קודם כל, אויב איהר געדענקט, זעהען מע זאל צורייבען דעם עסק, לאז דערווייל הייסט עס ווערען אויס עסק, וועט מען שוין נאכדעם זעהען וואס מע האט צו טהון, איהר פערשטעהט צי ניין? ווער זשע בעדארף צורייבען דעם עסק סע זאל ווערען אויס עסק? פערשטעהט זיך אז דער גלח? זאגט אבער דער גלח, אויב איהר געדענקט, לאז מען איהם פריהער באווארענען, דאס הייסט איבערגעבען דעם בילעט אויף זיין נאמען, וועט ער זעהען מע זאל צורייבען דעם עסק. איז ער דאכט זיך אויך גערעכט? ווער זשע בעדארף דאס איבערגעבען דעם בילעט אויף זיין נאמען, אז ער זאל צורייבען דעם עסק? פערשטעהט זיך אז דער גביר אונזערער. קומען מיר מסתמא צו אונזער גביר און בעטען איהם ער זאל זיין אזוי גוט און איבערגעבען דעם בילעט וועט מען צורייבען דעם עסק. טענה'ט דער גביר ווידער די אייגענע טענה, אויב איהר געדענקט, און איז אויך גערעכט: וואס האט איהר צו מיר? — זאגט ער — וואס האט איהר מיר אנגעהאנגען א פרעמדען עסק? טענה'ן מיר: גערעכט זענט איהר טאקי; נאר וואס זאלען מיר טהון, אז אהן אייך קאן מען ניט צורייבען דעם עסק? זאגט ער: אם כן וואס בין איך שולדיג? צורייבט אייך יא דעם עסק און צורייבט אייך ניט דעם עסק, וואס איז מיין עסק? איהר פערשטעהט צי ניין?.. האט איהר ניט ביי זיך אנ'עסק — טפו! מיין איך א פאפיראס?..

קורץ און גוט, וואו זשע האלט איך הייסט דאס? ביי צורייבען דעם עסק. עצות אהער עצות אהין, ס'איז געבליבען — לאדען זיך. און ווי באלד לאדען זיך בעדארף מען פרעגען אנ'אדוואקאט. און ווי באלד פרעגען

ביי איין אדוואקאט בעדארף מען פאהרען אין שטאדט אריין. הויבט זיך אן: ביי וואסער אדוואקאט זאל מען פרעגען? זאגט דער מע זאל פרעגען ביי דעם אדוואקאט, און יענער זאגט מע זאל פרעגען ביי יענעם אדוואקאט, פרעגט מען דאך מסתמא ביי ביידע אדוואקאטען, א ברירה האט מען? זאגט דאך מסתמא דער אדוואקאט פונקט דעם היפך וואס יענער אדוואקאט, זאגט דער דריטער אדוואקאט בוידעם; איז דאך ביטער, גערט מען צו א פירטען אדוואקאט, — בקצור איך בעדארף אייך דערצעהלען וואס אדוואקאטען זענען? אדוואקאטען און דאקטוירים דאס איז איין מכה; אדוואקאטען און דאקטוירים זענען לכתחילה בעשאפען געווארען זיי זאלען זאגען איינס דאס אנדערע אויף צו להכעיס, וואס יענער זאגט בעדארף דער זאגען פונקט קאפויר, ווי להבדיל דער תרגום. איך האב א גוטען ברודער, זאגט ער: וואס איז דען אייגענטליך דער תרגום? דער תרגום זאגט ער איז א צולהכעיס׳ניק; דער תרגום דארף זאגען לאקירדע, למשל, אז דער חומש זאגט „ויאמר“ קומט דער תרגום און זאגט „ואמר“; און אז דער חומש זאגט „לאמר“, איז דאכט מיר, וואס קאן דאס דיר שאדען, רב תרגום, אז ס׳וועט שטעהן לאמר? ניין, לוינט איהם נישט! נאר ל-מי-מר! — און גיה טהו איהם עפיס! איהר פערשטעהט צו ניין?... אז אנ׳אדוואקאט זאגט, אז מיר אלע פיער, זאלען איינגעבען א פאפיר אויף דער באנק און אויפ׳ן גביר למאי זיי געבען אונז ניט ארוים דעם ביליעט. דאכט זיך א גלייכער איינפאל, הא? קומט דער אנדערער אדוואקאט און זאגט: אז איינגעבען בעדארפען נאר צוויי, איך און בירנבוים, מיר ביידע הייסט עס, און נאר אויפ׳ן גביר אליין, למאי ער הייסט ניט די באנק זי זאל איבערגעבען דעם ביליעט; דאכט זיך אויך נישט קרום, הא, וואס זאגט איהר? זאגט אבער דער דריטער אדוואקאט, וואס פאר א מחותן בין איך מיט דער באנק? די באנק קען מיך? זי האט געהאט מיט מיר עסקים? איינגעבען לאז בירנבוים אליין און נישט אויף דער באנק נאר אויפ׳ן גביר אליין, וואָרום וואס איז שולדיג די באנק, אז ער אליין, בירנבוים הייסט עס, האט ערשט ניט לאנג געהייסען די באנק זי זאל אריבער טראגען דעם ביליעט פון זיין חשבון על חשבון הגביר. דאכט זיך גערעדט ווי א מענש, הא? קומט נאך איין אדוואקאט און דרינגט, אז איינגעבען בעדארף ניט איך און ניט בירנבוים, איינגעבען בעדארף נאר דער גלח מיט מיין ברודער, הענין הייסט עס! דאכט זיך ס׳איז אויך מיט א גאנג, הא? קומט איין אנדער אדוואקאט און פאלט גאר אויף אזא מין המצאה: מע בעדארף זיך, זאגט ער, גאר ניט לאדען, ווארום לאמיר זעהען, פון וואנען, זאגט ער, האט זיך גענומען אין באנק

א בילעט אויפ'ן גביר'ס נאמען? בירנבוים האט איהם אריינגעטראגען. האט בירנבוים גענומען א בילעט? ביי יעקב יוסלין, ביי מיר הייסט עס? וואו האב איך איהם גענומען? ביי מיין ברודער, הענוך הייסט דאס. ביי וועמען האט איהם גענומען מיין ברודער, הענוך הייסט עס? אנטליהען, מיין איך גע־קויפט ביים גלח. ער זאגט געקויפט, דער גלח זאגט געליהען, וואס מאכט דאס אויס, א פארפאלענער עסק; על כן, זאגט ער, לאז דער גלח מאנען דעם בילעט ביי מיין ברודער הענוך, מיין ברודער הענוך ביי מיר, איך ביי בירנבוים'ן און בירנבוים ביי וועמען? בירנבוים ביי דער באנק. אי די באנק טענה'ט דאך זי קען שוין נישט בירנבוים'ן, זי קען נאר דעם גביר; טא לאז בירנבוים מאנען ביים גביר און דער גביר לאז מאנען ביי דער באנק, אי דער גביר האט מורא טאמער — וואס? טומער לאדט מען איהם? איז פאראן, זאגט ער, אנעצה: לאז בירנבוים ארויסגעבען א צעטיל, קוויטירען הייסט עס דעם גביר, איך זאל קוויטירען בירנבוים'ן, און מיין ברודער הענוך זאל קווי־טירען מיך, און דער גלח זאל קוויטירען מיין ברודער הענוך. נו, ווי געפעלט אייך אנאיינפאל? וואס קאן שוין זיין גלייכער דערפון? געפינט זיך נאך אנאדוואקאט א חכם און פרעגט א קלאין קשיא: שאט, פון וואנען ווייסען מיר, זאגט ער, אז דער בילעט געפינט זיך שוין מיט'ן גלח? טאמער ליגט ערגיץ בעהאלטען אויף א בוידעם נאך א נפש, וואס וועט אויפשטעהן מארגען, וועט ברענגען עדות מיט פאפירען, און וועט טענה'ן: דער בילעט איז מיינער; קינדער וואו איז מיין בילעט?! וואס זשע וועט זיין? וועט ער מאנען שוין נישט קיין בילעט נאר פינף און זיבעציג טויזענד! ביי וועמען? נישט ביי קיינעם, נאר ביים גביר: אי דער גביר האט א צעטיל פון בירנבוים'ן, בירנ־בוים פון מיר, איך פון מיין ברודער הענוך, מיין ברודער הענוך פונ'ם גלח? לאז דער גביר געהן, זאגט ער, כאפען לאדען בירנבוים'ן, בירנבוים מיך, איך מיין ברודער הענוך, מיין ברודער הענוך דעם גלח, פונקט די אייגענע מעשה וואס מיט'ן חד גדיא: ציגעלע־קעצעלע, קעצעלע־הינטעלע, הינטעלע־שטעקעלע, שטעקעלע־פייעריל, פייעריל־וואסעריל, וואסעריל־אקסעלע, אקסע־לע־שוחטל — איהר פערשטעהט צי ניין?... איז שוין ווידער שלעכט! וואס זשע טהוט מען? בעדארף מען געהן צו א נייעם אדוואקאט, צו קאפערניקאווען אליין, און פון קאפערניקאווען צו נאך א גרעסערען אדוואקאט, צום „גאלדענעם־חייזער"; וואס טויג אייך, מיר האבען נישט דורכגעלאזט קיין איין אדוואקאט. מיר האבען זיך מיט זיי, מיט די דאזיגע אדוואקאטען הייסט עס אזוי פאר אדוואקאטעט דעם קאפ, אז וואו מיר זענען געשטאנען און וואו מיר זענען

געגאַנגען האָט מען געהערט נאָר אַדוואָקאַט און אַדוואָקאַט און אַדוואָקאַט. האָט איהר נישט בײַ זיך אַיין אַדוואָקאַט — טפֿו! מײַן איך אַ פּאַפּיראָס?..

קורץ און גוט, וואו זשע האַלט איך הייסט עס? בײַ די אַדוואָקאַטען. נאָט האָט געהאָלפֿען די אַדוואָקאַטען האָבען געפֿונען אַן עצה, פֿאַרט אַדוואָקאַטען! וואָס זשע איז די עצה? די עצה איז אַזאַ מין עצה: אַז איך און בירנבוים, מיר ביידע הייסט עס, זאָלען קודם כל פֿריהער פֿאַר אַלע היומ׳ם איינגעבען אַ פּאַפּיר, צושרייבען זיך בײַ׳ם נאָטאַריוס הייסט עס, אַז מיר וועגען ניט שייך צום בילעט כלל וכלל, קיין שום מחותנים נישט הייסט עס, און אַז דעם דאָזיגען בילעט האָט מיר צוגעשיקט מײַן ברודער העניך, וואָס ער האָט איהם גענומען. געקויפֿט הייסט עס, בײַ׳ם גלח, אויף צו פֿערזעצען, און איך האָב איהם פֿערזעצט בײַ בירנבוים׳ן און גענומען אויף איהם רי״ש קערבליך, ווי די מעשה איז געווען, דאָס הייסט דעם רעכטען, דעם ריינעם, דעם אמת׳ן אמת! דאַכט זיך פּראָסט און פּשוט, אָהן שפּיצליך, אָהן חכמות און אָהן איבעריגע הסברות, וואָס קאָן זיין בעסער ווי דער אמת? איז אָבער קיינער דערויף פֿריהער נישט געפֿאַלען, איהר פֿערשטעהט צי ניין?... נאָ׳ שאַט, איהר וועט נאָך ניט פֿאַרטיג. וואָס הייסט מיר וועלען נעמען, איך און בירנבוים, מיר ביידע הייסט עס, און וועלען אַרויסגעבען אויף זיך אַזאַ בײַטש? און וואָס וועט זיין מיט אונזערע חלקים? וואָס וועלען מיר טהון אַז מע וועט אונז נאָכדעם זאָגען ישקני?... זיך געהן פֿערלאָזען אויף מײַן ברודערס יושר און אויפֿ׳ן גלח׳ס נאמנות? אַי מיר האָבען זיך צושרייבען מיט זיי אויף פּאַפּיר און געטרונקען לחיים? בלאָטע! אַ בויגען פּאַפּיר קאָסט אַ גראָשען און לחיים קען מען טרונקען אַלע טאָג, אַבי ס׳איז נאָר פֿאַראַן, ווי זאָגט איהר, אַביסעל בראָנפֿען. וואָס זשע האָבען מיר געוואָלט, איך און בירנבוים, מיר ביידע הייסט עס? אַ באַוואָרעניש, מע זאָל אונז באַוואָרענען אונזערס, וואָס אונז קומט... איהר פֿערשטעהט צי ניין?... אָט דאָ האָט זיך ערשט אָנגעהויבען די רעכטע חתונה: באַוואָרענישען? פֿאַר וואָס קומט זיי באַוואָרענישען? גענוג זיי נעמען אומזיסט געלד געב זיי נאָך באַוואָרענישען! האָט דאָך עס אונז אָנגענומען בײַ׳ם האַרצען: „סטייטש, פֿאַר אונזער עהרליכקייט, איהר זאַלכע און אַזעלכע, גענוג מע טהוט אייך אַזאַ טובה, מען האָלט דאָך געקאָנט צונעמען בײַ אייך אינגאַנצען, די פֿינף און זיבעציג טויזענד אַז קיין האָהן זאָל אפילו ניט קרייען, דאָט איהר נאָך טענות!?... — קומט איין, הייסט דאָס, אַ דאַנק, אַ קניפּ אין בעקיל?... אַזוי זאָגט דער ברודער מײַנער, העניך הייסט דאָס; האָט דאָך עס מיך פֿערדראָסען, אַ וואָרט פֿאַר אַ וואָרט, פּיטש-פּאַטש, ווי געוויינטליך

87 ..

צווישען ברידער — הקצור, געפועלט מע וועט אונז שוין געבען א באווארע־ניש. וואס פאר א באווארעניש? קוויטליך? א קוויטעל איז א סוכה׳שער. וועכסעליך? איין עבירה וועכסיל פאפיר. וואס דען? מזומן געלד, ווי מיין באבע עליה=השלום פלעגט זאגען: „דאס בעסטע מילכיגס איז א שטיקעל פליישׁ". וואו זשע קריגט מען מזומן געלד, אז קיין מזומן געלד איז היינטיגע צייטען נישטא ביי קיינעם, שייך זאגען ביי קיינעם? פאראן געלד, און א סך, נאר ביי די בראצקים. „הכלל, ס׳איז פיסטע דבורים, ביז מע וועט ניט לייגען קיין באווארעניש וועל איך ניט חתמ׳ענען!" וואס פאר א באווארעניש? „וואס פאר א באווארעניש איהר ווילט, אבי א באווארעניש, די וועלט זאל פון מיר נאכדעם נישט לאכען, זאגען אז יעקב יוסיל איז געוועזן א בהמה", איהר פערשטעהט צי ניין?... דאס איז אייך איין מאל אוועק. און מיין חברה=מאן, בירנבוים הייסט עס, האט זיך טאקי גענומען פשוט ווידער אמאל צו דער אלטער טענה: מענטשען!... באשר, זאגט ער, אזוי ווי ער ניט איצטער, זאגט ער, ארויס פון זיך אזא מין געשריפטס א רעציפיס, הייסט עס אויף אייביג, לכן וויל ער מע זאל זיך מיט איהם פערלאזען אויף מענשען, וואס מענשען וועלען זאגען אזוי וועט זיין. „ווידער אמאל מענשען? זאג איך, מע האט דאך איין מאל געענדיגט, וואס טויג אייך מענשען?" — פערשטעהט איהר מיך, זאגט ער, בירנבוים הייסט עס, איך וויל מע זאל א פרעג טהון מענשען, אפשר וועלען מענשען געפינען אז סע קומט מיר גארניט, למאי זשע זאל איך נעמען אומזיסט געלד?... איהר פערשטעהט צי ניין?... איך שריי באווארעניש און ער טענה׳ט מענשען; באווארעניש וועט, זאגט ער, זיין נאבדעם, פריהער לאז מען פרעגען מענשען. „איהר האט זיך שוין ווידער אמאל, זאג איך, צומענטשעלט? סע מענטשעלט מיר שוין, זאג איך, אין קאפ פון אייערע מענשען! בעסער אין זינען האבען, זאג איך, א באווארעניש; א באווארעניש איז בילכער.

קורץ און גוט, וואו זשע האלט איך הייסט עס? ביים באווארעניש. מע האט אונז, לאז זיך אייך דאכטען באווארענט, פערבונדען איינס דאס אנדערע ווי עס געהער צו זיין, זיך צושריבען פון אלע זייטען הייסט עס, און דוקא ביים נאטאריוס, און מע האט איינגעגעבען די אלע פאפירען אהין וואו מע דארף און מע האט אנגעהויבען געהן צו אדוואקאטען, שרייבען פאפירען, אזא פאפיר און אזא פאפיר, דעצקען זיך אלע מאנטאג און דא־נערשטאג אין דער גרויסער שטאדט אריין, לייגען הוצאות, צאהלען בעטעל־געלד, שלאפען מיט וואנצען, אבי סע הייסט „האטעל", (אכסניה לוינט זי

ניט) ; געסן פארציעס, געפרעגעלטע טאראקאנעס — אבי סע הייסט „בראטען" (ראסעל פלייש לוינט זיי נישט), שוויצען ווי אין א שוויץ־באד, בראטען זיך אויף דער זון, פוטצען די שטיינער, הערען טויב און דול פונ׳ם קלאפען און פונ׳ם טראסקען און פונ׳ם הא—הא, טאמער ווייסט איהר וואס ? א גדולה פינף און זיבעציג טויזענד ; געהיי ביי וואלט דאס שוין געווען, אנ׳עק לאז דאס האבען, ווי זאגט מיין ווייב זאל לעבען : א קופערנער גראשען אויף דער וואהר איז טייערער פון א גאלדען רענדיל אין חלום. דיינע פינף און זיבעציג טויזענד, זאגט זי, האבען מיר שוין געמאכט פינף און זיבעציג לעכער אין הארצען, איך וואלט דיר מוחל געווען דעם כבוד, צו וואס האב איך עס, זאגט זי, בעדארפט ?... „ע, ביזט א יודינע, זאג איך, און א יודינע בלייבט א יודינע"... אזוי זאג איך צו איהר און פיהלען פיהל איך אז זי איז גערעכט, ווארום וואס האב איך דערפון, אז אין מארק ארייין נעמען קאן מען דאס נישט, זיך נאר געקויפט אומזיסטע שונאים, דער איז מיר גלאט מקנא, און דער פערגינט מיר ניט, האט מורא טאמער נעם איך געלד, פאר וואס קומט יעקב יוסלען אזוי פיעל געלד, איהר פערשטעהט צי ניין ?... וואס זאלט איהר קלערען, עס האט זיך גענוג גענוג בלוט אבגעצאפט ביז מע האט דערלעבט הערען דאס גוטע ווארט, אז דער עסק איז שוין א צוריבענער עסק, אויס עסק ! און עס איז גענוג די אויגען ארויסגעקראכען ביז מע האט דער־לעבט זעהען דעם בילעט אין א גוטער שעה, אין א מזל׳דיגער שעה ! נאר איהר מיינט אז אט אזוי גיך האבען מיר דערזעהען דעם בילעט ? פאוואלינקע, נאר נישט געחאפט. פריהער האט מען בעדארפט ס׳זאל איבערגעהן די צייט, דער חודש הייסט עס, וואס טאמער גיט עמיצער איין אז ער איז ניט צופריעדען מיט׳ן משפט. דעם דאזיגען חודש ווייס איך ניט אויב איך בין געשלאפען איין נאכט אפילו. עס האבען זיך מיר געפלאנטעט אליץ אזעלכע ווילדע משונה חלומות, אז ניט איין מאל פלעג איך מיך, איהר פערשטעהט צי ניין ? אויפחאפען אין מיטען ביינאכט און שרייען נישט מיט מיין קול : „צפורה, איך פליה !"... וואהין פליהסט דו ? זאגט זי צו מיר — וואס איז פאר א פליהען אויף דיר ? שפיי אויס דריי מאל און דערצעהל מיר, וואס האט זיך דיר גע־חלומ׳ט ? „עס האט זיך מיר גע׳חלומ׳ט, זאג איך, א שענער חלום ; עס האט זיך מיר גע׳חלומ׳ט, אז איך האב פליגעל און איך פליה און עס פליהען מיר נאך ווילדע ברואים, מיני מאדנע באשעפענישען, שלאנגען און עקדישען און ווילען מיך גאר דורס זיין"... דאס איז איין מאל געוועז ; דאס אנדערע מאל האט זיך מיר געחלומ׳ט אז איך זיץ אויף א זאק, א גרויסען, איין אנגע־

בלאזענעם זאק; דער זאק איז א גומינער זאק און א רויטער און ביי דער זייט שטעהט אנגעצייכענט אויף איהם מיט גרויסע ציפערן 75.000... ס'איז שבת ביי טאג, זומער צייט, איהר פערשטעהט צי ניין, די גאנצע שטאדט יודען און ווייבער, געהען ארום אויפ'ן שפאציר, שטעלען זיך אפ אלע ווילע און קוקען, קוקען אויף מיר מיט אויגען... פלוצים — טררראך! — עס הערט זיך א קנאק, דאס האט געלאפנעט דער גומינער זאק און איך פאל, פאל מיט א געשריי: „צפורה, געלאפנעט!" גאט איז מיט דיר! ווער? ווער האט געלאפנעט? לאזען מיינע שונאים לאפנען!.. אזוי זאגט צו מיר מיין ווייב און וועקט מיך אויף פונ'ם שלאף און איז מיר מסתמא פותר חלום צו גוטען, ווי געוועהנטליך א ווייב.

קורץ און גוט וואו זשע האלט איך היינט עס? ביים ביליעט ארויסנעמען. אז ס'איז געקומען צום געהן דעם ביליעט ארויסנעהמען האט זיך אנגעהויבען א נייער עסק; מי ומי ההולכים — ווער זענען היינט עס די געהערס? איטליכער בעזונדער איז ביי זיך אודאי זעהר א גרויסער בטוח, נאר איינגאנצען פערגלויבען זיך אויף יענעם בין איך אויך ניט מחויב, ס'איז צו א גרויסער נסיון, ס'איז פינף און זיבעציג טויזענד קערבליך! איהר פערשטעהט צי ניין?.. בכן איז געבליעבען, איך גלויב דיר ניט, דו גלויבסט מיר ניט, לאמיר בעסער געהן אלע זאלבענאנד, דהיינו וואס היינט אלע זאלבענאנד? א פארשוין צעהען. פון וואנען האבען זיך גענומען צעהען פארשוין? ־עכענט אוים, וועט איהר זעהען: איך בין ניט איינס, בירנבוים איז ניט צוויי, דער גלח איז ניט דריי, מיין ברודער העניך היינט עס, איז ניט פיער, דריי אדוואקאטען (איינער פונ'ם גלח'ס צד, איינער פון מיין ברודערס צד, א טאראשטשער אדוואקאט און איינער פון מיין צד מיט בירנבוים'ס צד, א טשערקאסער אדוואקאט) האט איהר שוין א קימילן פון קיין עין הרע זיבען פארשוין, היינט די דריי מעקלערס, וואס האבען זיך אריינגעלעגט אין געשעפט און אויסגעלייכט אונז, אט האט איהר איך פונקט צעהען פארשוין, א יינן היינט עס... איז אפילו תחלת געוועזן אביסעל פריקרע; מיין ברודער, העניך היינט עס, האט זיך געשמיצט און געווארפען למאי עס געהען אזוי פיעל מענשען, א גאנצע חאליאסטרע! געגוג, זאגט ער, וואלט געוועזן דאכט זיך מיר זאלען געהן אינצוויין, ער מיט'ן גלח היינט עס... ס'איז איהם ניט אנגעשטאנען די מעשה א פנים, וואס קיינער וויל זיך ניט פארלאזען אויף זיין יושר מיט'ן גלח'ס נאמנות; עס האט זיך איהם אבער געהאלפען מאלט איך ווי דער פאראיאהריגער שניי. ווארום איטליכער האט געהאט איין אנדער

90

טענה און איז געווען גערעכט. למשל איך האב אויסגעוויזען אז איך מוז געהן, ווארום איך בין א ברודער, נישט מחמת כבוד, נאר מחמת דעם וואס איין ברודער דעם אנדערען מעג אנפייפען; וואס וועל איך אידם נאכדעם טהון? געהן לאדען צום ונתנה תוקף? ס'איז דאך א ברודער!.. און מיין בירנבוים האט גע'טענה'ט, אז ווי באלד איין איינער ברודער וויל ניט גלויבען, מעג ער, א ווילד פרעמדער, פאר זיין עהרליכקייט אודאי ניט פערלאזען זיך אויף נסים! ער איז אזוי אויך, זאגט ער, געצוג יוצא... און מע קאן ניט זאגען ער זאל זיין אינגאנצען אומגערעכט... די דריי אדוואקאטען שמועסט מען ניט אז זיי מוזען זיין דערביי, ווארום מע וועט נאך בעדארפען, זאגען זיי, שרייבען און שרייבען... איז געבליבען הייסט עס נאר די מעקלערם; זאגען די מעקלערם אז געהן בעדארפען זיי אויך געהן און דוקא אלע דריי, ווארום זיי וועגען שוין, זאגען זיי, געשלאגענע הינט, געניטע מענשען הייסט עס; זיי וועגען דורכגעגאנגען, זאגען זיי, א גוטע שקאלע; זיי האבען דורכגעמאכט דעם קורס פון דער בערזע אין יעהופעץ, ווייסען זיי שוין וואס בעדייט מעקלער-געלד, „קארטאזש" הייסט עס; דאס איז אזא געלד ווי רח"ש וואס מע מוז. זאגען זיי, זיין ביים ערשטען טעלער ברעכען, אידר פערשטעהט צי ניין?.. אפגערעדט האבען מיר נאר, אז צענויפקומען זיך זאלען מיר האטש ניט אלע מיט א מאל, נאר איינציגווייז; און אזוי ווי איטליכער בעזונדער האט זיך געפעדערט זיין דער ערשטער, לכן זענען מיר אלע געווען ביי דער באנק כאור הבוקר, זיך ארומגעדרעהט אין דרויסען א היבשע ווילע, ביז מע האט אונז אויפגעעפענט די טהיר, און מיר זענען אריינגעגאנגען אפנעמען דעם בילעט. נו, און דאס פארשפאר איך דאך אייך דערצעהלען וואס א באנק איז. א באנק האט פיינט חאפען זיך, זי האט זיך צייט, וואס געדט אידר אן בילעט, יעקב יאס'יל, פינף און זיבעציג טויזענד, גלחים, הענגיד'ס, בירנבוים'ס, מעקלערם וואס ווילען נעבעך פערדינען, און גלאט מענשען? וויים איך, — אפילו נישט אין דער לינקער פאה! דער פערדויכערט זיך א פאפיראס, דער רעדט דברים בטלים, דער טרינקט א גלעזעל טיי, דער פערשניצט א שטיפטעל, דער לייענט א גאזעט, אריינגעשטעקט די נאז טיעף-טיעף און הויבט נישט אויף דעם קאפ האטש גיב אידם א קריינק. מיר דרעהען זיך ארום, מיר גענעצען, הוסטען, מיר וואלטען שוין געהרען דערלעבען די מינוט די רגע — איז ניטא דער בוכהאלטער. געקומען דער בוכהאלטער — ניטא דער קאססיר. געקומען דער קאססיר — ניטא דער דרעקטער. וואו איז דער דרעקטער? ער שלאפט נאך. דער בעל-הבית פון דער

באנק הייסט עס ליגט זיך און שלאפט; וואס געהט איהם אן א שטייגעה ביליעטען, יעקב יוסיל, פינף און זיבעציג טויזענד, גלחים, העניך'ס, בירנבוים, מעקלערס וואס ווילען נעבעך פערדינגען, און גלאט מענשען? וויפיעל קאן ער אשטייגער נעהמען דא געהאלט, אזא מין דרעקטער? אודאי זעכס טויזענד קארבען, און אפשר אכט, און פאר וואס ניט אלע צעהען? קארג הארעוועט ער נעבאך?.. איך וואלט זיך דא געשטעלט פאר האלב, כילעבען פאר א דריטעל, און וואלט אפשר מעהר געארבייט פון איהם און געטרייער אודאי!.. אזוי שטעה איך מיר בשעת מעשה און טראכט, און אפשר האב איך בשעת מעשה גאר ניט געטראכט, איהר פערשטעהט צי ניין?.. און בתוך כך קומט אן דער דרעקטער. אנגעקומען דער דרעקטער האבען מיר זיך מסתמא אלאז געטהון צו איהם אלע מיט אמאל, האט ער זיך עפיס ווי איבערגעשראקען און אמאך געטהון מיט דער האנד, זענען צו געגאנגען צו איהם נאר די אדוואקאטען, אלע דריי הייסט עס, און דער גלח, און [illegible] בען איהם דערלאנגט די פאפירען, איהר פערשטעהט צי ניין?.. האט זיך דער דרעקטער פערשלאסען ביי זיך מיט די פאפירען און מיר האבען גענומען ווארטען און ווארטען, ווארטען און ווארטען, אזוי לאנג אזוי ברייט ביז מיר האבען זיך דערווארט. דער דרעקטער איז ארויסגעגאנגען מיט עפיס א גראבען פריץ און האט זיך אוועקגעשטעלט צו אונז, מחילה, מיט'ן הינטען, רעדען,— רעדט ער נאך. האס געהט איהם אן ביליעטען, יעקב יוסיל, פינף און זיבעציג טויזענד, גלחים, העניך'ס, בירנבויים, מעקלערס, וואס ווילען נעבעך פערדינגען, און גלאט מענשען?.. פלוצים דרעהט ער זיך אום צו אונז מיט'ן פנים: „וואשי בומ[illegible] אטאוי סטופאיטיע אוו קאססו — שוין פארטיג הייסט עס אייערע פאפירען געהט צום קאסיר"... נישט געקאנט זאגען פריהער, איהר פערשטעהט צי ניין?.. גענומען די פאפירען האבען מיר זיך אלאז געטהון צום קאסיר און דערלאנגט איהם די פאפירען, געמיינט, אט דא זענען מיר שוין פארטיג, צום סוף, ווער? וואס? עס הויבט זיך גאר ניט אן; דער קאסיר איז פערנומען, ער צעהלט געלד, פאפירליך, הונדערטערס און ת"קערס אזוי ווי מיסט און גאלד, גאלד גאנצע קופקעליך, א פולער טיש! וויפיעל קאן דא זיין געלד? וועה איז מיר, ווען איך פערמאג א צעהנטהלק חאטש, לאך איך מיך אויס אויפ'ן גאנצען ביליעט!.. אט אזוי שטעה איך מיר בשעת מעשה און טראכט, און אפשר האב איך בשעת מעשה גאר ניט געטראכט, און ער, דער קאסיר הייסט עס, האלט אין איין צעהלען דאס גאלד, ער זאל עס אפילו אונז שענקען א קוק! וואס געהט איהם

אָן אַ שטיינער בילעט, יעקב יוסיל, פינף און זיבעציג טויזענד, גלחים, הענקדים, בירנבוים, מעקלערס, וואָס ווילען נעבעך פערדינען, און גלאַט מענשען?.. דאָס גאָלד ביי איהם אין די הענט פליהט — פליהט מיט אַ משונה זיסען קלאַנג, מיט'ן קלאַנג פון גאָלד, אַ „גאָלדענער קלאַנג“ איהר פערשטעהט צי ניין?..

קורץ און גוט, וואו זשע האַלט איך הייסט עס? ביים ביסעל גאָלד, איבערגעצעהלט דאָס גאָלד, הייבט ער אויף אויף אונז די ברילען, טהוט אַ נעם ביי אונז די פאַפירען און אַ מיש ווי מע צעהלט געלד, הונדערטערס אַ שטייגער, מיט אַ מאָדנעם קנאַק מיט די פינגער! עפענט אויף דאָס טישקעסטיל, נעמט אַרויס פון דאָרטען אַ גאַנץ גרויסען פאַקעט; עפענט אויף אַ קאָנווערט, רייסט איהם אויף, נעמט אַרויס פון דאָרטען דעם בילעט, דעם אמת'ן בילעט הייסט עס, און טהוט אַ פרעג: „ווער נעמט?..“ האָבען זיך אַ לאָז געטהון מיט אַמאָל צעהען פאַר הענד. „ניין! — רופט זיך אָן דער קאַססיר — אַזוי פיעל הענד קאָן איך דעם בילעט נישט געבען; קלויבט אייך אויס איינעם פון אייער קאָמפּאַניע“... האָבען מיר, איהר פערשטעהט צי ניין, אויסגעקלויבען איינעם פון אונזער קאָמפּאַניע, דעם עלטערסטען פון די דריי אַדוואָקאַטען. דער עלטערסטער פון די דריי אַדוואָקאַטען האָט גענומען דעם בילעט פּאַוואָלינקע אין ביידע הענט אַריין, ווי מע נעמט אַ קינה בשעת יודישען... און האָט איהם צוגעטראָגען פריהער צום גלח, נאָכדעם צו מיין ברודער, הענוך הייסט עס, נאָכדעם צו מיר און צו בירנבוים'ען, אונז ביידען הייסט עס מיר זאָלען זעהען צי איז דאָס דער זעלבער בילעט טאַקי צי ניין?... האָט דער גלח געזאָגט, אַז ער האָט איהם דערקענט נאָך פון דער ווייטען ביי'ם קאַססיר אין די הענד, ער האָט אויף איהם, זאָגט ער, אַ גוטען סימן. וואָס פאַר אַ סימן? — וויל ער ניט זאָגען... און מיין ברודער, הענוך הייסט עס, האָט געשוואָרען ביי אַלדעם גוטס, אַז ווען מע וועקט איהם למשל זייגער צוויי ביינאַכט און מע טראָגט איהם צו דעם דאָזיגען בילעט, דערקענט ער איהם מיט'ן קוק! איהר פערשטעהט צי ניין?.. און איך און בירנבוים, מיר ביידע הייסט עס, האָבען דוקא דעם בילעט ניט דערקענט, למאַי זאָל איך זאָגען אַזאַ זאַך וואָס ניט געשטויגען נישט געפלויגען? מיר האָבען נאָר גוט בעטראַכט די סעריע מיט'ן נומער 12 הייסט עס — דאָס איז דאָך דער עיקר, ווי זאָגט איהר, האַ? און מיר האָבען זיך געלאָזט פון דאָרט גלייך אין גאָסודאַרסטווענע באַנק אַריין אָפּשקאָנטירען דעם בילעט, אָפּנעמען די ממתקים הייסט עס, די פינף און זיבעציג טויזענד. געגאַנגען

זענען מיר אַלע אינאיינעם און דוקא צו פוס, חאָטש ס'איז אַרויף באַרג. דער עלטסטער פון די אַדוואָקאַטען האָט געהאַלטען דעם בילעט אויבען אויף, גאַנץ שטאַרק, מיט ביידע הענד, ער זאָל איהם חלילה נישט פערליערען, אָדער מע זאָל אויף איהם חס ושלום ניט איבערטראַכטען אַז ער וויל מאַכען די קונץ, איבערביטען, אַ קשיא אויף אַ מעשה, אַזאַ שלים מזל'דיגער בילעט, — איהר פערשטעהט צי ניין?.. און געגאַנגען זענען מיר שוין נישט נאָר זאַלבעצעהענט, מיר זענען שוין געווען מעהר פון צוויי מנינים. פון וואַנען האָבען זיך גענומען קיין עין הרע אַזוי פיעל מענשען? וועל איך אייך זאָגען: ערשטענס גלאַט אַזוי, גוטע בעקאַנטע, פון מיין שטעדטעל, זענען געראַדע געווען דעם טאָג אין דער גרויסער שטאָדט און דערזעהען מיר געהען שוין מיט'ן בילעט אין גאָסודאַרסטווענע באַנק אַריין אָפּנעמען די פינף און זיבעציג טויזענד, זענען זיי אונז געגאַנגען אַביסעל באַגלייטען און טאַקי אין איין וועגנס אַ קוק טהון ווי אַזוי מע נעמט דאָס גרויסע געווינס, וואָרום נישט אַלע טאָג קען מען אַזעלכס זעהען. הקצור וואָס זאָלט איהר קלערען, מיר האָבען געהאַט אַ שענע לויה, און אַ שענעם ברוך הבא אין גאָסודאַרסטווענע באַנק. דער יעפרייטער וואָס שטעהט ביי דער טהיר, האָט זיך אַפילו תחלת אַביסעל דערשראָקען, אַז ער האָט דערזעהען פאַר זיך קיין עין הרע אַזוי פיעל יודען מיט אַ גלח אין מיטען, פונדעסטוועגען האָט ער אונז גאַנץ פיין אויפגענומען און אַריינגעבעטען איינציגווייז אין באַנק אַריין. צוגעגאַנגען מיט'ן בילעט אַהין וואו מע דאַרף און געזאָגט וואָס מיר בעדאַרפען האָט מען אונז צוגעפיהרט צו איינעם אַ טשינאָווניק מיט אַ ווייסער גלאַנצענדיגער ליסינע, ווי אַ מילכיגער טעלער, און מע האָט איהם איבערגעגעבען אונזער בילעט און מע האָט איהם עפּיס אַ זאָג געטהון, וואָס — ווייס איך ניט. יענער וואָס מיט דער ליסינע, וואָס איז געזעסען אויף יענער זייט גראַטעס, האָט אויפגעהויבען די אויגען, אַ וואָרף געטהון אויף אונז אַ שאַרפען קוק דורך די ברילען און געטהון זיך זיין אַרבייט: ער האָט געהאַלטען אין די הענט אַ שאַרף מעסעריל, איהר פערשטעהט צי ניין, — און האָט מיט'ן מעסעריל געקראַצט אין אַ בוך, געקראַצט און געקראַצט אָהן איין אויפהער. ער קראַצט און מיר שטעהען אין געהאַקטע וואונדער און קוקען ווי ער קראַצט, און דער גאַנצער איבעריגער עולם שטעהט און קוקט אויף אונז און בעטראַכט אונז פון קאָפּ ביז די פיס, און ער, דער טשינאָווניק מיט דער ליסינע, הערט נישט אויף צו קראַצען, און אַרום און אַרום אויף אַלע טישען זיצען נאָך טשינאָווניקעס און צעהלען געלד, נאָר ווי אַזוי מיינט איהר געלד? אַזוי ווי פּאַלאָווע, ווי מיסט!

גאָלד — גאַנצע סטערטעס! דער קאָפּ דרעהט זיך אַזש, „גאָלדענער קלאַנג" הילכט אַזש אין די אויהרען, און סע שעמערירט אין די אויגען! „ווער האָט דאָס אויסגעקלעהרט, טראַכט איך מיר, אַט דאָס געלד, וואָס איבער דעם ווערען מענשען אַזוי פערשוואַרצט, שלאָגען זיך קאָפּ אין וואַנט, און איינער דעם אַנדערען וואָלט גאָר איינגעשלונגען לעבעדיגערהייד, נישטאָ קיין ברודער, קיין שוועסטער קיין פאָטער, קיין קינד, קיין שכן, קיין גוטער פריינד, קיין טייערס אויף דער וועלט, נאָר געלד און געלד און געלד!.." אַזוי טראַכט איך מיר, און אפשר האָב איך בשעת מעשה גאָר ניט געטראַכט, אידר פערשטעהט צי ניין?.. און ער, דער טשינאָווניק הייסט עס, הערט נישט אויף צו קראַצען, וואָרום וואָס געדט אידם אָן אַ שטייגער אַ בּיליעט, יעקב יוסיל, פינף און זיבעציג טויזענד, גלחים, הענידים, בירנבוים, מעקלערס, וואָס ווילען געבעך פערדינען, און גלאַט מענשען?.. נאָר אַלסדינג אויף דער וועלט איז דאָך ביז אַ צייט; גאָט האָט רחמנות געהאַט, דער טשינאָווניק האָט אויפגעהערט צו קראַצען, צונויפגעלייגט דאָס שאַרפע מעסעריל, בעהאַלטען דאָס אין זשילעט קעשעני, אַרויסגענומען אַ קלאָהר ווייסע פעטשיילע, גוט אויסגעשנייצט די נאָז ווי מע בעדאַרף; נאָכדעם האָט ער אַ נעם געטהון דעם בּיליעט, פּשוט ווי מע נעמט אַ פראָסטען בויגען פאַפיר פאַר אַ גראָשען, געעפענט עפּים אַ בוך, אַ ספר הזכרונות, און געקוקט — געקוקט, אַ קוק אין בוך און אַ קוק אויפ'ן בּיליעט; אַ קוק אויפ'ן בּיליעט און אַ קוק אין בוך; „ער האָט אַ פּנים מורא דער דאָזיגער חכם, אַז דער בּיליעט איז אַ געמלאכה'טער בּיליעט... אַזוי טראַכט איך מיר — קראַץ-קראַץ! טראַכט איך מיר — שמעק-שמעק! ס'איז איין אמת'ער בּיליעט געבאַך, ניט קיין פאַלשער!.." פּלוצים זעה איך ווי ער נעהמט דעם בּיליעט, טהוט אידם אַ וואָרף אונז כמעט גלייך אין פּנים אַריין מיט די דאָזיגע ווערטער: (איך געדענק זיי אַזוי ווי אַצונד געדענק איך זיי).

— ווער האָט — אַייך געזאָגט, אַז דער דאָזיגער בּיליעט האָט געוואונען די פינף און זיבעציג טויזענד?...

אידר פערשטעהט צי ניין — ווער האָט אונז געזאָגט??? ווי געפעלט אייך אַזאַ משל?!

— וואָס הייסט — זאָגען מיר — ווער האָט אונז געזאָגט? — דער בּיליעט אַליין האָט אונז געזאָגט, אַז ער האָט געוואונען די פינף און זיבעציג טויזענד; די סעריע 2289 נומר 12!

— יא — מאכט ער צו אונז גאנץ ערנסט — דאס איז אמת, די סעריע 2289 נומר 12 האט טאקי געוואונען פינף און זיבעציג טויזענד, און אייער בילעט איז 2298 נומר 12, אקליין טעותל, מאליענקאיא אשיבאטשקא.

געפעלט אייך עפיס אזא נייעס? מילא וואס זאל איך אייך זאגען, תחלת, אז ער האט אונז אויסגערעדט די דאזיגע ווערטער זענען מיר געווען אלע ווי צומישט; מיר האבען גערעכענט: אדער ער איז דול, אדער מיר זענען משוגע, אדער סע חלומט זיך אונז א חלום, און מיר האבען גענומען קוקען איינס אויף דאס אנדערע, נאכדעם האבען מיר זיך ערשט דערמאנט א קוק טהון אין בילעט אריין — יא, ווי מיר זענען יודען, סעריע 2298 נומר 12! איהר פערשטעהט צי ניין?...

וואס זאל איך אייך דערצעהלען ווייטער, מיין ליבער פריינד? איך בין דאס גאר ניט אימשטאנד אייך איבערצוגעבען א צעהנטל'חלק אפילו, איהר זענט דאס ניט אימשטאנד צו באשרייבען, און קיינער איז דאס ניט אימשטאנד זיך פארשטעלען דאס בילד, די קארטינע, וואס איז פארגעקומען דעמאלט אין באנק, בשעת מיר זענען געבליבען שטעהן אלע אהן לשון, געקוקט איינס אויף דאס אנדערע; אויף די פנימער איז געווען אנגעצייכענט, וואס זאל איך אייך זאגען? ס'איז גאר ניט געווען קיין פנימער פון מענשען, איהר פערשטעהט צי ניין, ס'איז געווען חיות און בהמות איז דאס געווען, אינם געשטאלט פון מענשען, בהמות בצורת אדם הייסט עס; איינער דעם אנדערען זאל קאנען דורס זיין, וואלט ער איהם דורס געווען מיט'ן קוק, מיט די אויגען! דאכט זיך וואס? וואס האט מען אייך געטהון אזעלכס? עס האט זיך אייך געחלומ'ט א חלום פון פינף און זיבעציג טויזענד? נו, אם כן בעדארף מען זיך נעמען דאס לעבען? שוין ושיז האט דאס לעבען קיין שום ווערדע ניט א חויץ געלד? משוגעים, איהר פערשטעהט צי ניין?.. אויף קיינעם האט מיך ניט אזוי פערדראסען, הערט איהר, ווי אויף מיין חברה'מאן, אויף בירנבוימען הייסט עס. מילא די איבריגע חברה האבען חאטש פערענטפערט זיך, ארויפגעלעגט די באד איינס אויף דאס אנדערע: דער גלח האט ארויפגעלעגט איינגאנצען אויף מיין ברודער העניך, און מיין ברודער העניך האט געזאגט, פרעגט איהם בחרם, עס האט זיך איהם אפילו נישט געחלומ'ט קיין פינף און זיבעציג טויזענד און ער וואלט נישט אנגעהויבען צו וויסען, ווען איך, יעקב יוסיל הייסט עס, זאל איהם נישט געווען קלאפען קיין דע-

פּעש און אָפּגעגעבּען מזל טוב, איהר פערשטעהט צי ניין? „שען האָסט דו, זאָגט ער, געקוקט. ברודער מיינער אין בלאַט!..“ „פאַר וואָס האָסט דו, זאָג איך, ניט געקוקט?“ דו ביזט געוועזען, זאָגט ער, דער גאַנצער ברעכער, ביי דיר איז געוועזען זאָגט ער, דער בּיליעט, דו ביזט, זאָגט ער, דער רעכטער בעל הבית! איהר הערט אַ מעשה? פריהער אַז ס'איז געוועזען די פינף און זיבּעציג טויזענד, האָט מען מיך געוואָלט אָפּלייקענען גאָר אינגאַנצען, און איצט, אַז ס'האָט זיך אויסגעלאָזט אַ טייך, בין איך שוין דער רעכטער בעל הבית, איהר פערשטעהט צי ניין? נאָר גאָר נישט, איך יעקב יוסיל, דאָס כפּרה היהנדיל, נעם אויף זיך די גאַנצע באָד, לאָז זיין איך בין דער גאַנ־צער היב! אַי, וואו זענען געוועזען אַייערע אויגען, בהמות? איהר האָט דאָך אויך געזעהען גלייך מיט מיר אַמאָל נייַנצעהן די אַלע פּאַפּירען, מיט די קוויטאַנציעס מיט די סטראַכאָוקעס, וואו סע שטעהט בפירוש סעריע 2298 נומר 12, און געוואונען האָט נאָר די סעריע 2289 נומר 12, פאַר וואָס איז אייך ניט איינגעפאַלען אַ קוק צו טהון אַז די 9 שטעהט פריהער פאַר דער 8? און אַז דער בּיליעט איז שוין געוועזען ביי אַייך אין די הענד, זענט איהר דאַכט זיך ניט קליין געוועזען אַ קוק צו טהון נאָך אַמאָל אין דער טאַבּעלע, וואָס פאַר אַ סעריע האָט געוואונען די פינף און זיבעציג טויזענד, צי די סעריע 2298 צי די סעריע 2289? אין באַנק אַריין, זעהט איהר, האָט איהר זיך ניט געפוילט געהן אַ גאַנצע חאָליאַסטרע, וואָס איז? איהר האָט געמיינט אָט נעמט איהר געלד? איהר פערשטעהט צי ניין?.. נאָר אויף קיינעם האָט מיך אַזוי ניט געבּרענט, זאָג איך אייך, ווי אויף דעם חברה־מאַן, בּירנבּוים הייסט אָט; איהר האָט איהם בעדאַרפט אָנקוקען, ווי ער איז זיך געשטאַנען ביי דער זייט ווי אַ ווילד פרעמדער, גלייך ווי מיט איהם געהער זיך דאָס ניט אָן גאָר ניט; אָט ערשט, דאַכט זיך, האָט ער געאַרבּייט מעשים: מענשען! מענ־שען! ער וויל זיך פערלאָזען אויף מענשען! און איצט שטעהט ער ווי אַ כשר לעמעלי, נעבאַך גאָט די נשמה שולדיג!.. האָט דאָס מיך שוין אָנגענומען, איהר פערשטעהט צי ניין, ביים האַרצען און איך האָב זיך מישב געוועזען: לאָז איך מיר חאָטש קיהלען דאָס האַרץ פאַר מיין בלוט, וואָס ער האָט מיר אָפּ־געצאַפּט דעמאָלט, דעם צווייטען מאַי, אויב איהר געדענקט, בשעת איך בין געשטאַנען פאַר איהם און געבעטען זיך ווי ביי אַ גזלן ער זאָל מיר אַרויסגעבּען דעם בּיליעט.

— פּאַני בּירנבּוים! — רוף איך מיך אָן צו איהם — אַצונד האָט איהר צייט זיך פערלאָזען אויף מענשען; אָט שטעהען מענשען אין באַנק קיין עין

הרע אַ סך! וואָס שווייגט איהר? איהר ווילט שוין נישט קיין מענשען? אוים מענשען?..

דער גאַנצער עולם איז געשטאַנען, איהר פֿערשטעהט צי ניין, און געקוועלט. פֿון וואָס מע האָט געקוועלט קאָן איך אייך ניט זאָגען: צי דאָס קוועלען איז געווען פֿון דעם, וואָס איך רוף מיין חברה'מאַן, בירנבוים'ען הייסט עם, אויף מענשען? צי ס'איז גלאַט געווען אָנגעלייגט ביים עולם, וואָס פֿון די פֿינף און זיבעציג טויזענד האָט זיך אויסגעלאָזט אַ טייך? קאָן איך אייך זאָגען, איהר פֿערשטעהט צי ניין, און שוועדרען ביי וואָס איהר ווילט, אַז עס הויבט מיך נישט אָן צו אַרען דאָס געלד, לאָז דאָס ברענען אויפ'ן פֿייער! אַרען אַרט מיך נאָר, פֿאַר וואָס אַז בשעת מע האָט נאָר געמיינט, אַז יעקב יוסיל האָט פֿינף און זיבעציג טויזענד, איז יעקב יוסיל געווען „רב יעקב יוסיל!“ און איצט אַז מע איז געוואָהר געוואָרען, אַז יעקב יוסיל האָט איך בעט איבער אייער כבוד אַ פֿייג, ניט קיין פֿינף און זיבעציג טויזענד איז איין עק, אוים רב יעקב יוסיל!.. וואָס, פֿאַרהעס, אין אייער פֿאָטער און מוטער אַריין! וואָס האָב איך דאָ חוטא בעגל געווען? יאָ פֿינף און זיבעציג טויזענד, ניט פֿינף און זיבעציג טויזענד, וואָס איז דאָ די נפקא מינא?.. הערט איהר, וואָס איך וועל אייך זאָגען פאַני שלום־עליכם, איהר מעגט זיך טאַקי איבערנעהמען מיט אייערע יודעליך און מיט דער גאַנצער וועלט; ס'איז, הערט איהר, פֿע, אַ פּאַסקודנע וועלט, און אַ פֿאַלשע וועלט, און אַ פֿאַרפֿיהרטע וועלט, און אַ נאַרישע וועלט! נאָר זייט זיך מודה, עס קלינגט אייך נאָך נישט אין די אויהרען און עס דרעהט זיך נאָך ניט אויף אייך דאָס היטעל פֿון מיינע פֿינף און זיבעציג טויזענד? האָט נאָר קיין פֿאַריבעל ניט, וואָס איך האָב אייך אפשר אָנגעדולט אַ קאָפּ און זייט מיר געזונד, איהר פֿערשטעהט צי ניין, און לאָז גאָט געבען בעסערע געשעפֿטען.

פּעסעלע דעם רבינ'ס



פֿעטעלע דעם רבי'ס.

ז

קורץ פֿרייטאָג און שבת הגדול.

אזוי האָט מען זיי גערופֿען.
איהם — דערפֿאַר, וואָס ער איז געווען אַ קליינינטשקער און אַ קורצינקער, און זי — דערפֿאַר, וואָס זי איז געווען אַ הויכע און לאַנגע.

אַ הויכע, אַ לאַנגע, נאָר אַ דינע, אַ דאַרע, אַ טרוקענע — אַ לולב; אַז זי פֿלעגט איהם דאַרפֿען זאָגען אַ סוד („אוי, באַגראָבען זאָל איך דיך מיט די קורצע פֿיס"!) פֿלעגט זי מוזען מחילה זיך אָנבויגען, אַראָפּלאָזען זיך מיט עטליכע גראַד נידעריגער, אַראָפּניידערען צו איהם; און ער האָט דאָס פֿיינט געהאַט האָרכען, פֿלעגט ער זיך בויגען; פֿלעגט זי זיך דאַרפֿען נאָך בויגען; פֿלעגט ער זיך אָנבויגען נידעריגער. פֿלעגט זי מוזען זיך בויגען נידעריגער; פֿלעגט ער זיך אָנבויגען נאָך נידעריגער; פֿלעגט זי מוזען זיך אָנגעהויבען נאָך נידעריגער:

— אוי, באַגראָבען זאָל איך דיך מיט די קורצע פֿיס!..

מיט איין וואָרט; זי איז איהם דערגאַנגען די יאָהרען און ער האָט געשוויגען און מיר, תרי־וגלעך שקצים, קונדסים־עכברושים, האָבען גע־האַט די גרעסטע נקמה.

פֿאַר וואָס?

דערפֿאַר וואָס ער האָט אונז דערגאַנגען די יאָהרען, געמוטשעט מיט דער גמרא, געבראָכען די ביינער, געשמיסען, געשמיסען, געשמיסען... איהר

געדענקט דאך די מעשה וואס אין פרק: „פעם אחת — איין מאל האט ער דערזעהען א קאפ פון א מענשען טהוט שווימען אויפ'ן ים, האט ער זיך אפגעשטעלט און אנגערופען צו דער קאפ: על דאטפת — דערפאר וואס דו האסט יענעם געטרונקען, האט מען דיך דערטרונקען און דער סוף פון דיינע טרייגקער — זיי וועלען אויך דערטרונקען ווערען... נאר איך קעהר זיך אום צוריק צום „קורץ פרייטאג“ און „שבת הגדול“.

ער איז געוועזען, ווי איהר שטויסט זיך שוין אן מסתמא, אונזער רבי, און האט געהייסען רב זרחיל, און זי איז געוועזען אונזער רביצין, און האט געהייסען זרליכע.

ער האט געקנעלט מיט אונז פון גאנץ פריה ביז שפעט אין דער נאכט, געהאקט האליץ, זיך איינגעריסען דאס געזונד, פאר עטליכע קארבען א זמן, און זי האט געבאקען בלינעס מיט לאטקעס פון אונזערטוועגען, רעטשאניקליך, באבקעליך און קארזשעס אויף צו פארקויפען.

צי האט זי געהאט דערפון פרנסה — דאס קען איך אייך ניט זאגען; נאר אז מיר, חדר־יונגליך־שקצים, קונדייסים־עכברושים, האבען איהר אנגעפייפט אין חשבון — דאס בין איך אייך ערוב, ווארום איטליכער האט גענומען אויף בארג, און יעדער פון אונז האט געהאט ביי איהר קרעדיט ביז א געוויסער „ציפער“, און איטליכען האט זי געגלויבט אויף נאמנות.

מע האט בעדארפט האבען א הארץ פון א טאטער מע זאל זרליכען אפנארען: און ווער האט נאך אזוי געקענט זרליכען ווי איך האב זי געקענט?

אז בסך הכל האב איך ביי איהר גענעסען קעסט, ווארום איך בין געוועזען א דארפסיונגעל, האב איך זיך אנגעזעהען ווי זי הארעוועט געבעך, שטעהט אויף פארטאג, ווען גאט אליין שלאפט נאך, נעמט זיך צו דער באקדייזשע אדער צו דער מולטער, פארקאטשעט די ארבעל און קנעט גאנץ געשמאק מיט בײדע לאנגע דארע טרוקענע הענט, און דאס טוינ מאכט טיאך־טיאך, און די מולטער קרעכצט, און זי אליין קרעכצט, שטעלט זיך אפ אלע מאל, טהוט א וויש דעם שווייס מיט'ן עלענבויגען פון אונטען ארויף און לאזט ארויס א טיעפען־טיעפען: „אוי רבונו־של־עולם־מאמע־זיסע־הארציגע־געטרייהע!..“

הערט איהר? איך האב געוואוסט וואס בעדייט אט דער דאזיגער „רבונו־של־עולם־מאמע־זיסע־הארציגע־געטרייהע!“ אט דאס איז דער פשט פון דעם: די מעהל איז גענומען געווארען ביי גנעסי די מוטניטשקע אויף באָרג ביז דאנערשטאג, און די סחורה וועט זי צוטהיילען אויף בארג, און גאט ווייסט,

אויב עס וועט איהר אומקעהרען זיך צוריק דאס געלד ביז דאנערשטאג, און גנעסי די מוטניטשקע וועט ניט שווייגען, גנעסי די מוטניטשקע האט אליין אויך גענומען די מעהל ביז דאנערשטאג, און אז מע זאגט דאנערשטאג בעדארף זיין דאנערשטאג, ווארום אמויל איז ניט חאליווע, און דאנערשטאג איז גלאט אגוטער טאג, דאנערשטאג הייסט שוין ערב שבת — דער טאג וואס מע בעדארף אנקומען צום מאן נאך געלד — און אז אך און וועה איז דעם „שבת הגדול" אז ער בעדארף זיך אראפלאזען צום „קורצען פרייטאג" בעטען אויף שבת, און אז אך און וועה איז דעם „קורצען פרייטאג", אז דער „שבת הגדול" קומט איהם מאנען אויף שבת — אז אך און וועה איז זיי ביידען!..

אט דאס האט בעדייט דער רביצינס „רבונו—של—עולם—מאמע—זיסע—הארציגע—געטרייהע"...

און אפשר האט איהר „רבונו—של—עולם—מאמע—זיסע—הארציגע—געטרייע" געהאט אנ'אנדער טעם? אפשר איז דאס גאר געגאנגען אויף אנדערע צרות? און צרות האט זי געהאט גענוג, ניט צופארזינדיגען!

ערשטענס איז זי אליין געוועזען לא עליכם נישט קיין געזונדע, פלעגט הוסטען שטילערהייד, אז קיינער זאל ניט זעהען; צווייטענס האט זי געהאט יסורים פון פעסעלין, איהר עלטערע טאכטער, אמיידיל שוין אין די יאהרען, מיט פלאם פייערדיגע האר און מיט קלייען אויפ'ן פנים, וואס קיינער וויל זי ניט נעמען — וואס וועט זי אויסזיצען?.. היינט „באשעפעניש" — דאס איז דאך גאר אנ'אומגליק! „באשעפעניש" איז געוועזען א הייקער, א פארזועהעניש, אהן הענט, אהן פיס, אהן א צונג, אהן לייב און לעבען — אז אך און וועה צו אזעלכס, וואס איז גאר געבארען געווארען, אז אך און וועה איז צו אזעלכס וואס לעבט גאר אויף דער וועלט!..

נאר מיט „באשעפעניש" וועלען מיר זיך נאך באגעגענען אמאל און מיט פעסילען וועלען מיר זיך אויך אין גיכען באקאנען, דערווייליע קעהרען מיר זיך אום צוריק צום „קורץ פרייטאג" און „שבת הגדול".

א ביטערע רחמנות איז געוועזען נעבאך אויף זרליכען, אז זי אליין האט בעדארפט רעשטשינען, קנעטען, זעצען, באקען, בראטען זיך ביים אויבען, אליין טראגען וואסער, אליין ברייננגען האלץ, אומעטום אליין, נישטא קיין הילף פון קיינעם! פון וועמען? זרחיל קנעלט, פעסעלי זיצט זון לערנט גלייך מיט אלע קינדער, זי איז דאך א וואהלקענענדיגע, א מאנסבילשע קאפ אויף איהר, און „באשעפעניש" זיצט צווישען אויוען אין א ווינקעלע, די פיסעליך אונטער זיך

103

און וואַרט ביז מע וועט איהר אונטערטראָגען עפּיס, אַריינרוקען אין הענטיל אַריין: „נאַ, באַשעפּעניעשיל, וואַרג זיך!..“

אָט דאָס אַ פּנים האָט באַדייט דער „אוי, רבונו של עולם—מאַמע—זיסע—האַרציג—געטרייהע“... און אפשר איז דאָס גאָר געגאַנגען דערויף, וואָס פּעסעלי איז געווען איינגאַנצען אויף זיין זייט, אויף׳ן פּאָטערס צד הייסט דאָס, און זיי ביידע, פּעסילי און זרח׳ל, זענען תמיד געווען איהר אויף קידער ווידער.

— דאָס טאַטעלי מיט׳ן טעכטעריל! באַגראָבען זאָלט איהר זיך ביידע אין איין גריבעל! —

פּעסילי האָט ליעב געהאַט דעם פּאָטער און דער פּאָטער האָט ליעב געהאַט פּעסעלין — דאָס איז געווען אַ מאָדנע, אַ שטילע ליעבע.

קיינער פון אונז האָט ניט געהערט, זיי זאָלען זאָגען אַמאָל איינער דעם אַנדערען אַ גוט וואָרט. אַדרבה, ער פּלעגט זיך מיט איהר שאַפען ניט ווי מיט אַ טאָכטער, נאָר ווי מיט אַ דינסט:

— הער נאָר, דו!..

נאָר אין די אויגען האָט מען אַרויסגעזעהען, אַז ער האָט זי ליעב, שטאַרק ליעב, אַז ער קאָן זיך אָהן איהר ניט באַגעהן.

אפשר דערפאַר, וואָס ער האָט געהאַט אַ ביין פינסטער לעבען ביים ווייב? און אפשר דערפאַר וואָס פּעסילי איז געווען אַ געראָטענע, געהאַט אויף זיך אַ מאַנסבילשען קאָפּ און געקאָנט גוט לערנען? און אפשר דערפאַר, וואָס פּעסילי האָט געוואוסט דעם טאַטענס אַלע גיינג, געטראָפען אַלע מאָל וואָס ער וויל, אונטערגעטראָגען איהם צו דער צייט די יאַרמעלקע, דעם קאַנטשיק, דאָס פּושקעלע טאַבעק, אָדער אַ טרונק וואַסער?

— דאָס טאַטעלי מיט׳ן טעכטעריל! פלעגט זאָגען די רביצין — ער זאָל בעסער אין זינען האָבען אַ שידוך טהון מיט איהר, קריגען עפּעס אַ חתן פון איהרעטוועגען!..

דער רבי האָט איהר דערויף געענטפערט נאָר מיט אַ זיפץ, ווי איינער רעדט: „קריגען עפּעס אַ חתן? גאָה קריג, אַז סע קריגט זיך ניט!..

אויף אַלסדינג איז אָבער פאַרהאַן אַ צייט, יעדער שטיקעל סחורה ליגט זיך אויס, ביז סע קומט דער רעכטער קונה, און ס׳איז נישטאָ דאָס מיידיל אויף דער וועלט, וואָס זאָל ניט האָבען איהר זווג. קיין יודישער מאָנאַסטיר, ווייסט איהר דאָך, איז ניט פאַרהאַן...

געקומען אַ צייט אויך אויף פּעסילען, געקומען אַ„אויסהאַפּעניש“ אויף איהר. אַזוי האָט געזאָגט די רביצין. נאָר אין אמת׳ן איז דאָס געשען

אַ באַשערטע זאַך, און אויב איהר ווילט וויסען איז דאָס געווען אַ ראָמאַן, אַן'אמת'ער ראָמאַן, שעמט זיך ניט, אַ ראָמאַן מיט אַ „פֿאַרליבעניש", מיט אַ „פֿערקאָכעניש", מיט אַלע זיבעצען זאַכען, אַ ראָמאַן מיט אַלע פּישטשעווקיס. נאָר דערויף איז ביי מיר פֿאַרהאַן אַ בעזונדער מעשה.

II.

אוועקגעפֿאהרען.

אַ הויכער, נאָר אַנ'איינגעבויגענער; אַ געשטופּעלט פּנים, נאָר גוטע גרויע אויגען; אַ יונגערמאַן, נאָר מיט גרויע האָר — אָט האָט איהר אַ פּאָרטרעט פֿון פֿייוויל קאָראָבייניק אָדער ווי מען האָט איהם גערופֿען ביי אונז אין מאַזעפּעווקע „פֿייוויל כל-בוניק".

און גערופֿען האָט מען איהם „כל-בוניק" ניט אומזיסט: ביי איהם אין דער קאַראָבקע האָט זיך געפֿונען פֿון כל-בו: קנעפּ און קנעפּליך, נאָדלען און נאָדעל-טעשליך, גאַרעס און זייד און סטיינגעס און טאַשמעליך און פֿאָדעם און באַוועליך, יאַרמעלקעס און קליידליך, און שטיקלעך זייף אַלערליי סאָרטען, און נאָך אַ סך מינים סחורה, וואָס איז שווער אַלסדינג זיך אָנגעדיינקען און אויסרעכענען אויפֿ'ן קאָפּ.

אַ יום-טוב איז געווען ביי אַלע ווייבער און ביי אַלע מיידליך, אַז מע האָט דערהערט אַז פֿייוויל כל-בוניק איז געקומען, און פֿאַר אונז, חדר-יונגליך-שקצים, קונדייסים-עכבּרושים, איז דאָס געווען אַ צווייענדיגער יום-טוב: ערשטענס איז פֿייוויל כל-בוניק מיט דער קאַראָבקע גלאַט אַ יום-טוב, און צווייטענס, ווי באַלד פֿייוויל כל-בוניק איז דאָ, וועט מען פֿערשפּאָרען לערנען האָטש אַ פּאָר שעה, מע וועט זיין „פֿריי", פֿאַר וואָס? דערפֿאַר ווייל דער רבי רב זרחיל האָט ליעב האָרכען נייעס, וואָס טהוט זיך אויף דער וועלט, און ווער ווייס גאָך אַזוי וואָס אויף דער וועלט טהוט זיך ווי פֿייוויל כל-בוניק וואָס שפּאַרט אָן מיט זיין קראָם מי יודע וואו, אַלע מיזעוועלעכער.

נייעס האָט פֿייוועל כל-בו'ניק געבראַכט צופֿיהרען אַלע מאָל גאַנצע פּעק, „אוצרות מיט נייסען", און נישט אַזוי די נייעס אַליין ווי דאָס דערצעהלען זיינס. איהר ווייסט וואָס איך וועל אייך זאָגען, דערצעהלען נייעס בעדאַרף מען קענען, און פֿייוויל כל-בוניק האָט געקענט דערצעהלען. אין זיין דערצעהלען איז געלעגען אַ מין טאַלאַנט, אַ כח המשך, וואָס האָט צוגעצויגען, און גע-

צוינגען זיך אַהין אַיין אָבשטעל און אַהין אַיין אויפהער, און אייביג דאַכט זיך, אייביג וואָלט איך איהם געוואָלט הערכען, קיין מאָל נישט נמאס געוואָרען.

„וואָס הערט זיך ניים, פרעגט איהר? אוי סע הערט זיך ניט גוט!" — אַזוי פלעגט פייוויל כלבוניק אָנהויבען שיטען און צופּאַקעווען בשעת מעשה די קאַראַבקע און צולייגען זיך מיט דער קראָם — „נישט גוט הערט זיך מיט אונזערע יודעליך אַחינו בני ישׂראל... אָט פאָהר איך פון זיטאָמיר, ניט וויים פון זיטאָמיר, טשידנעוו איז פאַראַן אַ שטעדטיל, אויב איהר האָט געהערט, טשידנעוו... איז דאָרטען פאַראַן אַ רב אין טשידנעוו, איז דער דאָזיגער רב דער טשידנעווער אַליין אַנ'אונזעריגער, אַ מאַלאָראָסיער, פון מאַלעראָסיע איז ער, מאַלעראָסיע איז ניט ליטאָ, אין מאַלעראָסיע איז ניטאָ אַזעלכע אָרעמע לייט ווי אין דער ליטאָ, ביי אונז אַז סע מאַכט זיך אַנ'אָרעמאַן איז ער זיך אַנ־אָרעמאַן, און ביי אַייך אין דער ליטאָ אַנ'אָרעמאַן, עס זאָל אַייך צו קיין חרפה ניט זיין, איז טאַקי אַנ'אָרעמאַן וואָס אַנ'אָרעמאַן הייסט, איך האָב אַזעלכע אָרעמע לייט ווי ביי אַייך אין דער ליטא נישט באַגעגענט אין ערגיץ ניט, איך בין שוין אויסגעפאָהרען אַ שטיקעל וועלט, איך בין שוין געווען אומעטום, אי אין ליטאָ, אי אין פוילען, אי אין טיעף־פוילען, אין ראַדאָם און אין לאָדז און אין ווארשא. אין ווארשא! לעבען זאָל ווארשא! אַ טהייערע, אַ גאָלדענע שטאָדט, אָט דאָס ווארשא! און וואָלוועל בזול הזול!... דאָרט אַנ־אָנבייסען קריגט איהר פאַר עלף גראָשען, און נאָך וואָס פאַר אַ מין אָנבייסען, מיט זעמעליך פון געבייטעלטער מעהל וואָס צוגעהט אין מויל ווי אַ פוטער, איך וואָלט דאַכט מיר אייביג געזעסען אין ווארשא וואָלט איך, ווען ניט די שפּראַך זייערע וואָס איז שווער צו חאַפּען מחמת זיי רעדען מאָדנע און גיך־גיך צום מיינסטען מיט פתח'ן אַ סך און מיט אַ נגון: „אַי ווי עץ זאָל אַזוי לעבען..." „אַלע הייסען ביי זיי דאָרטען איטשמאַיר", אַלע איין נאָמען, נאָך זייערען אַ גוטען יודען איצי־מאיר, אַזוי ווי אין באַרדיטשעוו הייסען אַלע לוי־יצחק נאָך ר' לוי־יצחק'ן דעם באַרדיטשעווער רב, וואָס איז געווען אַ מדבר וואָס נאָך עד היום דערצעהלט מען זיך אָן פון איהם אַ סך שעהנע מעשיות, למשל..." טאָמער וואָלט שוין געווען גענוג ריידען?" שלאָגט איהם איבער סאַמע אין מיטען זאָרליכע די רביצין — „וואָס קאָסט ביי אַייך אַ פערטיל טוץ קנעפּליך ווייסע מיט פאַרהאַטעוויטע לעכליך?"

און פייוויל כל־בוניק פאַלט ניט אַראָב ביי זיך דערמיט וואָס מען האָט איהם איבערגעהאַקט. ער בעווייזט דער רעביצין אַלערליי קנעפליך, ווייסע און ניט קיין ווייסע, מיט פאַרהאַטעוועטע און ניט קיין פאַרהאַטעוועטע לעכ־

ליך און רעדט ווייטער, ער שיט ווי פון אַ זאַק, עס גיעסט זיך ביי איהם ווי פון אַ פאַס און עס ציהט זיך ביי איהם אָהן אַנאָבשטעל און אָהן אַנ־אויסלאָז, ווי ביי יענעם פאָקסניק וואָס ציהט אַלערליי סטייגגעס פונ'ם מויל, רויטע, גרינע, געלע, בלויע, און מע ווייס ניט ווען לאָזט זיך אויס ביי איהם רויטע און ווען הויבט זיך אָן גרינע, ווען לאָזט זיך אויס געלע און ווען הויבט זיך אָן בלויע — עס ציהט זיך און ציהט זיך סטייגגעס, עס שעמערירט אין די אויגען סטייגגעס, אַ גאַנצער באַרג מיט סטייגגעס, און סטייגגעס, און סטייגגעס...

ויהי היום, האָט זיך געטראָפען אַ מעשה: פייוויל כל־בוניק האָט אַוועקגערופען דעם רבין אויף אַ סוד און האָט זיך אָבגעסודעט מיט איהם אַקעגען אַ שעה צוויי; בשעת מעשה האָט פייוויל זיך געווישט דעם שטערען מיט אַ גרויסע רויטע פאַטשיילע — עס האָט פון איהם גערונען טייכען שווייס, און דער רבי רב זרחיל איז געווען מאָדנע צוטראָגען, שטאַרק צופלאָכטען און פערטראַכט כמעט ניט געהערט וואָס מע רעדט צו איהם, און אַז די רביצין איז געקומען פונ'ם מאַרק האָט זי דער רבי אַוועקגערופען אויף דעם אייגענעם אָרט, וואו ער האָט זיך גע'סודעט מיט פייוולען, און עס האָט לאַנג נישט געדויערט האָט זיך געלאָזט הערען אַ געשריי: „סע קען ניט זיין?!..“ באַלד האָט דער רביצינס פנים זיך אָנגעצונדען מיט אַ מאָדנע פייערל, מיט אַ מין שיין וואָס מיר האָבען שוין לאַנג אויף איהר פנים אַזעלכעס ניט געזעהען.

„היינט לאָז איך אייך פריי, היינט לערנט מען ניט“ — האָט אונז דער רבי געגעבען צו וויסען און צולאָזט דעם גאַנצען חדר, און נאָר איך איינער, דעם רבי'ס קעסט־קינד, בין געבליבען, און דער גאַנצער חדר האָט מיר מקנא געווען וואָס איך וועל זיין דערביי.

וואָס דערביי — האָט קיינער ניט געוואוסט; נאָר פערשטאַנען האָט מען אַז דאָ מוז עפּעס זיין אַ שמחה, אָדער אַזוי אַ מין זאַך וואָס איז כדאי דערביי צו זיין.

אין איך בין דערביי געווען...
קודם כל האָט זיך די רביצין אַ חאַפּ געטהון:
„אוי אַ מכה איז מיר, ניטאָ קיין לעקיך!“
האָט איהר דער רבי געענטפערט:
„למאי, ס'איז קיין בראַנפען אויך ניטאָ!“
האָט זיך אַריינגעמישט פייוויל כל־בוניק אַליין:
„דאָס נעהם איך אויף זיך...“

07

בקצור ס'איז געוואָרען אַ לעקיך אַ בראָנפען, אַ פאַרבייסען, און תיכף נאָך מעריב זענען זיך צונויפגעקומען אַ מנין יודען פון בית המדרש, און בתוכם ר' משה שמואל דער חזן, רב העניך דער סופר און רב עזור דער שמש און מע האָט געשריבען תנאים: „ה"ה החתן מהורר..." אַזוי האָט געלייענט רב העניך דער סופר מיט אַ ניגון — „מוהרר, מוהרר..." דאָ האָט זיך רב העניך דער סופר אָבגעשטעלט און אַ קוק געטהאָן אויפ'ן חתן.

„מוהרר שרגא פייביש געציל בר נח מרדכי ליב..."

„מוהרר שרגא פייביש געציל בר נח מרדכי ליב... עם הכלה הבתולה מרת... מרת... דאָ האָט זיך רב העניך דער סופר אָבגעשטעלט און אַ קוק געטהון אויף דער כלה.

„מרת פעסי מייטע לאה בת הרב ר' זרח-נפתלי-צבי-הירש...

מרת פעסי מייטע לאה בת הרב רב זרח-נפתלי-צבי-הירש... החתונה תהיה למזל טוב אם ירצה השם... אם ירצה השם...

דאָ איז פאָרגעקומען אַ שטילע סצענע אָהן ווערטער, דהיינו: דער סופר האָט אַ קוק געטהון אויפ'ן רבין, דער רבי האָט אַ קוק געטהון אויף דער רביצין, די רביצין אויפ'ן חתן, דער חתן אויף דער כלה, די כלה אויפ'ן סופר, דער סופר אויפ'ן רבין, דער רבי ווידער אויף דער רביצין, די רביצין אויפ'ן חתן, דער חתן אויף דער כלה, די כלה אויפ'ן סופר, און אַזוי ווייטער... דאָס ווען מען זעצט איבער אויף ווערטער אין וואָס פאַר אַ שפראַך ס'איז ניט איז וואָלט אויסקומען אַזוי:

דער סופר צום רבין: נו? וואָס שווייגט איהר? איהר זענט דאָך דער מחותן?"

דער רבי צו דער רביצין: פון וואַנען זאָל איך וויסען? פרעגט ביי איהר...

די רביצין צום חתן: חתן, וואָס שווייגסט דו? סאַי ווי סאַי אַלע הוצאות אויף דיין קאָפּ...

דער חתן צו דער כלה: ביי מיר האָט מען געפּועל'ט אַפילו מאָרגען; וואָס זאָגסט דו, פעסיל?..

די כלה צום סופר: פרעגט דעם טאַטען, האָטש איך וויים פריהער אַז דער טאַטע וועט הייסען אָבלייגען...

בקצור ס'איז געבליבען, אַזוי ווי ס'איז ערב ראש חדש זאָל די חתונה זיין חצי חדש, דאָס הייסט אין אַ פּאָר וואָכען אַרום, ווארום ווי ניט ווי — עפּים דאַרף מען דאָך אויפנעהמען, עפּים דאַרף מען דאָך צוגרייטען... און אַז מען

האָט צובראָכען דעם טעלער און געזאָגט מזל טוב! מזל טוב! האָב איך בעמערקט אַז דער רבי רב זרח איז געוואָרען טויט ווי אַלע טויטע; אַזוי ווי דער טעלער האָט זיך צובראָכען אַזוי האָט זיך ביי איהם דאָס האַרץ צובראָכען אויף שטיקעליך... איך האָב אַליין געהערט ווי ער האָט אַ זאָג געטהון צו רב משה שמואל דעם חזן ביים ערשטען גלעזיל בראָנפען, וואָס פון איין קוק אויף דעם איז ער שוין געווען בגילופין:

„קומט אַ פרעמדער און חאַפּט אוים דעם קוילעטש — וואָס? ווער? וועמען? אַך־אַך־אַך!...“

„עט!“ — האָט איהם אָבגעענטפערט משה שמואל דער חזן, וואָס האָט שוין העכער אַ האַלב גלעזיל בראָנפען אָבגעטרונקען און די צונג האָט זיך איהם שוין עפּיס ווי געפּלאָנטעט — עט! מילא בע, גאָט זאָל געבען נחת פון דערוויַיטען... אם ירצה השם ישועות ונחמות אויף'ן כלל, כלל ישראל!..“

„אָמן!“ האָט זיך אָנגערופען רב עוזר דער שמש וואָס וויל ניט וויסען פון קיין שום מעשיות און האָט איבערגעקעהרט דאָס גלעזיל אָהן צערע־מאָניעס גלייך אין מויל אַריין.

און חתן־כלה זענען געזעסען אויבען־אָן, איינס נעבען דאָס אַנדערע גאַנץ נאָהענט, אַזוי נאָהענט, אַזוי פּעסט, אַז איך האָב בשום אופן ניט גע־קענט אַריינשטופּען זיך צווישען זיי אין מיטען, נאָר פון דער וויַיטען האָב איך גאַנץ גוט געזעהען—איך האָב נישט קיין נידריגע ראיה—אַז איהר האַנד איז געווען אין זיין האַנד: עס האָט איהר געפלאַמט דאָס פּנים; די אויגען האָבען איהר געברענט, זי האָט מיט אַמאָל בעקומען חן, געוואָרען שעהן, שעהן ווי די וועלט! וואו זענען אַהינגעקומען איהרע רויטע האָר? וואו האָבען זיך באַהאַלטען איהרע קלייַען פון'ם פּנים? זי איז געווען, זאָג איך אייך, מלא חן!..

און נישט נאָר יענעם אויפדערנאַכט, די גאַנצע צייַט וואָס מען האָט זיך געגרייט צו דער חתונה האָט פּעסיל געשיינט ווי די זון אים תמוז, גע־וואָרען פון טאָג צו טאָג שעהנער און שעהנער, נאָר דעם טאָג פון דער חופּה איז זי שוין געווען ניט דאָס, מחמת זי האָט געוויינט, שטאַרק, שטאַרק געוויינט, געגאָסען ווי אַ בערעזענע. אפשר האָט איהר דאָס האַרץ געזאָגט, אַז זי וועט ניט מאַכען קיין גרויס גליק מיט איהר אויסדערוועהלטען, מיט איהר בעשערטען? און אפשר האָט איהר באַנק געטהון דער פאָטער וואָס בלייבט אַליין, עלענד ווי אַ שטיין...

אויב פעסעלין איז געווען שווער זיך שיידען מיט איהר פאטער, איז דעם פאטער געווען טויזענד מאל שווערער זיך שיידען מיט זיין טאכטער. דער רבי רב זרח'ל האט ניט געוויינט, וואס איז ער א יודענע ער זאל וויינען. און דער רבי רב זרח'ל איז גלאט אויסגעגאנגען שטילערהייד, געצאנקט ווי א ליכט; נאר אז מע האט געהאלטען ביים געזעגענען זיך איז פארגעקומען אזא מין סצענע: די פעקליך, איהר בעטגעוואנד און זיין קאראבקע מיט סחורה זענען שוין געווען איינגעפאקט אינאיינעם און געלעגען אין וואנען. און דער רבי רב זרח'ל איז גלאט אויסגעגאנגען שטילערהייד, געצאנקט און געווארט אז פעסילי זאל געהן קריכען אין בויד אריין; די רביצין איז געשטאנען אויסגעצויגען ווי לאנג זי איז, צונויפגעלייגט די הענד אויפ'ן הארצען, אנגעשפארט דעם קאפ אויף צוויי פינגער און געקוקט אויפ'ן רבי'ן מיט א מאדנעם קוק ווי איינער רעדט: „באגראבען זאל איך דיך מיט דיינע קורצע פיס, וועסט זיך אמאל געזעגענען מיט איהר צי נייז?..“ דער רבי רב זרח האט פארשטאנען וואס דער קוק בעדייט און האט א זאג געטהון צום איידעם, צו פייוויל כל-בוניק, מיט א קול פון א שטשערבאטע טעפיל:

„הם... גו... הם... וועלען מיר זיך, הייסט דאס, אנהויבען אבגעזעגענען?“

„זייט געזונד שווער! זייט געזונד שוויגער!“

„פאהר געזונד! פאהר געזונד!“

„זיי געזונד מאמע... זיי געזונד טאטע!..“

אט דא האט זיך פעסיל, אנ'אנגעטהונענע, אנ'איינגעוויקעלטע אין 2 שאלען, מיט אמאל געגעבען א ריס, ארויפגעפאלען דעם פאטער אויפ'ן האלדז מיט א געוויין, מיט א יאמער, מיט א געשריי..

„טא—טע... זיסער טייערער טאטע!..“

וויפיעל מענשען עס זענען בשעת מעשה געווען אין גאס האבען אלע געוויינט: פעסיל און דער רבי, און די רביצין, און פייוויל כל-בוניק, און איך און דער בעל עגלה, וואס איז געזעסען אויף דער קעלנע אנגעגרייט מיט דער בייטש, און זיינע אלע פארשוינען, און דוואשע די שמשטע, דער רביצינ'ס א שכנה, א קראנקע נעבעך, און דוואשעס עלטערע טאכטער זלאטע די געלע מויד מיט שווארצע ציין, וואס האט געהאלטען א קליין קינד אויף די הענד, און אקולינא די גויע וואס פארשטעהט איטליכס ווארט יודיש, און חלאוונע דער שוסטער וואס איז געקומען אפנעהמען פאר די שטיוועל פאררייכטען און ס'איז ניט געווען, און גלאט א יוד א ווילד פרעמדער, גאר, וואס איז געגאנגען פארביי, האט ער דערזעהען מע פאהרט אוועק און דער-

110

הערט מען הײַנט, האָט ער זיך אָבגעשטעלט, געזיפצט שטילערהייד און אויך גענדישט די אויגען...

גאַנץ לאַנג זענען מיר נאָך געשטאַנען אַלע אין דרויסען און געקוקט אַהין, וואו די בויד איז פערפאַלען געוואָרען, און נאָר אַ סימן פון שטויב איז געבליבען שטעהן אין דער לופט, און אַריח האָט זיך געלאָזט הערען פון די פערד און פון די אָנגעשמירטע רעדער.

„אוועקגעפאָהרען!" האָט זיך אָנגערופען דער ווילד־פרעמדער יוד, וואָס איז געשטאַנען פאַרבײַ, גלײַך ווי ער האָט אונז דאָ דערצעהלט עפּעס אַ נײַעס וואָס אָהן איהם ווייס מען ניט.

„אוועקגעפאָהרען!" האָט איהם דער רבי רב זרחיל געענטפערט, גלײַך ווי ער האָט געוואַרט אויף דעם דאָזיגען ענטפער.

„אוועקגעפאָהרען!" האָבען מיר אַלע אַ זאָג געטהון, גלײַך ווי מיר וואָלטען זיך דאָ אָנגעזאָגט איינס דאָס אַנדערע מי יורע וואָס פאַר אַ בשורה...

111

עולם הבא.

עולם הבא.

(ערצעהלונג).

אז איהר ווילט וועל איך אייך דערצעהלען א שענע מעשה, ווי אזוי איך האב אויף זיך געהאט אמאל א פעקיל, וואס איך האב עס אליין גענומען אויף זיך, און בין שיער ניט אומגליקליך געווארען! און איהר מיינט איבער וואס? נאר איבער דעם, וואס איך בין געוועזען א יונגערמאן ניט קיין געני־טער, ניט קיין איבערגעשפיצטער, דאס הייסט, עס קאן זיין איך בין נאך היינט אויך ווייט פון א חכם, וואָרום איך זאל זיין א קלוגער וואלט איך דאך ווי זאגט איהר, געהאט געלד; אז מע האט געלד, איז מען דאך אי קלוג, אי שען, אי מען קאן זינגען.

בין איך הייסט דאס געוועזען א יונגערמאן, געזעסען אויף קעסט ביים שווער און שוויגער, געזעסען און געלערנט, אביסעל אריינגעקוקט אין די ביכלעך בסוד, די שווער און שוויגער זאלען ניט וויסען, ניט אזוי דער שווער ווי די שוויגער. איך האב דארפט איהר וויסען, א שוויגער, א מאנסביל, דאס הייסט א יודענע וואס געהט אין ספאדיק. פיהרט אליין אלע געשעפטען, אליין נעטהון שדוכים, אליין געקליבען חתנים פאר די טעכטער. און אויך מיך האט זי אליין אויסגעקליבען, אליין פארהערט, אליין געבראכט צופיהרען קיין זוואָהיל פון ראדאמישלי, איך בין אליין, א ראדאמישליר בין איך, מסתמא האט איהר געהערט ראדאמישלי, מע האט דאס ניט לאנג באשריי־בען אויפ'ן בלאט...

בין איך הייסט דאס געזעסען אין זוואהיל אויף קעסט, געקוועטשט דעם מורה נבוכים, נישט ארויסגעטראטען מפתח ביתי, ביז ס'איז געקומען די צייט מען דארף זיך פערשרייבען צום פריזיוו, מוז מען זיך מטריח זיין דורכפאהרען אהיים קיין ראדאמישלי צוזעכט מאכען די פאפירען, זיך אויס־

סטארען די ליגאטקע, ארויסנעהמען א פאס, ווי געוויינטליך. דאס איז געווען קען מען זאגען, מיין ערשטער ארויספאהר אויף דער וועלט, האב איך מיך געלאזט אין מארק אריין דינגען איין עגלה איינער אליין, צו בעווייזען אז איך בין שוין אליין א מענש. און גאט האט מיר צוגעשיקט א מציאה, איך האב דערטאפט אנ׳ערל פון ראדאמישלי מיט א שליטען — ווינטער איז דאס געווען — מיט א ברייטער פליינצע, א געפארבטע און מיט צוויי פליגלען ביי די זייטען ווי אנ׳אדלער, נאר דאס פערדיל האב איך גאר ארויסגעלאזט פונים קאפ אז ס׳איז א ווייס, און א ווייס פערדיל, זאגט די שוויגער איז אנ׳אומגליק. „הלוואי, זאגט זי, איך זאל ליגען זאגען, די דאזיגע נסיעה, וועט זיין, האב איך מורא מיט שלים-מזל... — ביים זיך אב די צונג! — חאפט זיך ארוים דער שוועהר מיט א ווארט און האט באלד חרטה ווארום ער באקומט זיין פסק אויפ׳ן ארט, נאר צו מיר זאגט ער שטילערהייד: „וויבערישע זאבובאנעס״, און איך הויב מיך אן גרייטען צו דער נסיעה: דעם טלית ותפילין, פוטערגעבעקס, עטליכע קערבליך אויף דער הוצאה און קישענס דריי: א קישען אויף צו זיצען, א קישען אויף אנצושפארען זיך און א קישען אויף די פים און דאוואי געזעגנען זיך. געקומען צום געזעגנען זיך — ניטא קיין ווערטער! פון תמיד אן איז ביי מיר א טבע, אז סע קומט צום געזעגנען זיך בלייב איך אהן לשון! איך ווייס ניט, וואס זאגט מען? עפים קומט דאס אוים ביי מיר גראבליך, ווי אזוי דרעהט מען זיך אוים צו איטליכען מחילה מיט׳ן אונטען און מע לאזט זיי איבער גלאט אזוי? איך ווייס ניט ווי אזוי אידר, נאר ביי מיר איז דאס געזעגנען זיך עד היום על אפי ועל חמתי! נאר שא! מיר דאכט, איך הויב שוין ווידער אן פארקריכען קיין בויבעריק...

האב איך מיך הייסט דאס גאנץ פיין אבגעזעגענט און פאשאל אין וועג אריין קיין ראדאמישלי. געווען איז דאס תחלת ווינטער, דער שניי האט זיך געלעגט פאר פריה, א שליטס-וועג גאר אנ׳אנטיק. דאס פערדיל, חאטש ס׳איז א ווייס, נאר געהן געהט עס ווי א מזמור, און אנ׳ערל האב איך דערטאפט א שווייגענדיגען, פון די ערלים וואס אויף אלסדינג וועט ער אייך ענטפערן אדער „עהע״, דאס הייסט יא, אדער „בא—ני״, דאס הייסט ניין, — און ווייטער חאטש גיב איהם א קריינק! ארויסגעפאהרען פין דערהיים נאכ׳ן עסען, גאנץ אויפגעלעגט, א קישען פון אונטען, א קישען אין די פליינצעס און א קישען אויף די פים; דאס פערדיל שפרינגט, דער ערל סמאצקעט, דער שליטען שליטעלט, דער ווינט בלאזט און א שניייעלע רייסט זיך פון

אויבען, קויקעלט זיך און פאלט, לעגט זיך ווי פעדערן אויפ'ן ברייטען גרויסען טראקט און אויפ'ן הארצען מיר איז גוט, משונה גוט, ברייט און פריי אין ליכטיג אויף דער נשמה, פארט דאס ערשטע מאל ארויס אויף גאטס וועלטיל, איינער אליין, א בעל-הבית הייסט עס פאר זיך! און איך שפאר מיך אן און צולעג מיך אין שליטען נאר מעשה פריץ... נאר ווינטער, ווי ווארעם איהר זאלט ניט געהן אנגעטהון, נאר אז דער פראסט נעמט גוט דורך, גלוסט זיך אבשטעלען זיך אנווארעמען, איבערחאפען דעם אטהעם און פאהרען ווייטער. און עס שטעלט זיך מיר פאר, אין דמיון געוויינטליך, א קרעטשמע א ווארעמע, א סאמאוואר א זודיגער און א ראסילפליישיל א פרישינקעס מיט א הייסער יוך... פון א זעלכע מחשבות הויבט מיר אן קלעמען דאס הארץ, פשוט: עס ווילט זיך עפים נעהמען אין מויל אריין. איך הויב זאן ארייןשמועסען מיט מיין ערל מכח א קרעטשמע, איך וויל געוואהר ווערען צו ס'איז נאך וויט? ענטפערט ער מיר: בא—ני, ניין הייסט דאס. פרעג איך איהם: שוין נאהענט? ענטפערט ער מיר: עהע, יא הייסט דאס. וויפיל נאהענט— דאס איז שווער ביי איהם ארויסצוציהען פונ'ם מויל, חאטש טהו זיך אן א מעשה! און איך שטעל מיר פאר, וואס וואלט געווען למשל ווען אויפ'ן ערל'ס ארט זאל זיין א יוד להבדיל, וואלט ער דאך מיר קלאר געמאכט ניט נאר וואו די קרעטשמע איז, נאר אפילו ווער עס האלט די קרעטשמע, ווי אזוי מע רופט איהם, און וויפיל קינדער ער האט, און וואס ער צאהלט פאר דער קרעטשמע און וואס ער האט פון איהר, און וויפיל יאהר זיצט ער דא, און ווער איז געזעסען פריהער — גאנצע פעק וואלט ער מיר דערצעהלט. א מאדנע פאלק דאס איז! איך מיין טאקי אונזערע יודעליך זאלען געזונד זיין. ס'איז גאר איין אנדער בלוט, כילעבען!... האב איך מיר הייסט דאס געטרוימט וועגען א קרעטשמע א ווארעמע, געפאנטאזירט מכח א סאמאוואר א הייסען, וכדומה אזעלכע גוטע זאכען, ביז גאט האט רחמנות געהאט, מיין ערל האט א סטאצקי געטהון צום פערדיל, פארקערעוועט דעם שליטען אביסעל אויף א זייט און עס האט זיך באוויזען א קליין גרוי שטיבעל באשאטען מיט ווייסען פון אויבען ביז אראב, א פעלד-קרעטשמע וואס אינ'ם ווייסען שנייענדיגען פעלד זעהט זי אויס איינע אליין עפים משונה עלענד, ווי א פערווארפענע, א פערגעסענע מצבה... צוגעפאהרען צו דער קרעטשמע גאנץ ברייטליך, האט זיך מיין ערל גענומען מיט'ן פערד און שליטעלע אין שטאל אריין, און איך האב מיך געלאזט גלייך אין קרעטשמע אריין, געגעבען אנעפען די טהיר און... געבליבען שטעהן אויף דער שוועל, ניט אהער ניט אהין! וואס איז

די מעשה? די מעשה איז א שענע מעשה נאר א קורצע: אין מיטען דער קרעטשמע אויף דער ערד ליגט א מת איבערגעדעקט מיט שווארצען, צוקאפענס שטעהען א פאר מעשענע לייכטער מיט קליינע ליכטליך, ארום און זיצען קליינע קינדער, אבגעריסען אבגעשליסען, שלאגען זיך מיט די הענטליך אין קאפ, קלאגען, וויינען, יאמערן שרייען: „מא—מע! מאמע!“ און עפיס א הויכער מיט לאנגע פיס מיט א זומערדיגע צוריסענע נאקידקע, עפיס גאר נישט נאכ'ן סעזאן שפאנט ארום הין און צוריק מיט די לאנגע פיס און ברעכט די הענד און רעדט צו זיך אליין: „וואס טהוט מען? וואס טהוט מען? און וואס הויבט מען אן צו טהון?“... אודאי האב איך פערשטאנען אויף וואס פאר א חתונה איך בין דא אנגעקומען! דער ערשטער געדאנק מיינער איז אפילו געוועזן: — נח. אנטלויפען! און איך האב זיך א נעהם געטהון צוריק און געוואלט מאכען פיס. נאר עס האט זיך צוגעמאכט אונטער מיר די טהיר און עס האט מיך זיפיס ווי צוגעקאוועט צו דער שוועל און כ'האב נישט געקענט ריהרען פון ארט. דערזעהען פאר זיך א פרישען פארשוין האט דער הויכער יוד מיט די לאנגע פיס זיך א לאז געטהון צו מיר, אויסגעצויגען צו מיר ביידע הענד, ווי א מענש וואס בעט ראטוניק:

— וואס זאגט איהר אויף מיין אומגליק? — מאכט ער צו מיר און באווייזט מיר אויף דער חברה וואס זיצען און וויינען — געשטארבען ביי זיי די מאמע נעבעך! וואס טהוט מען? וואס טהוט מען? און וואס הויבט מען אן צו טהון?

— ברוך דין אמת! — זאג איך צו איהם און וויל איהם אנהויבען טרייסטען מיט גוטע ווערטער ווי געוויינטליך, שלאגט ער מיר איבער אין מיטען די רייד און מאכט צו מיר אזוי:

— פארשטעהט איהר מיך, אויך די אייגענע מעשה, זי איז געוועזן א געשטארבענע, מיין ווייב הייסט דאס, נאך פון פאר א יאהרען, געהאט די גוטע קרייענק, די אמת'ע טשאכאטקע, זי האט נעבאך אליין געבעטען אויף זיך דעם טוידט. נאר וואס דען? אט דאס וואס מיר זיצען דא אין א העק אין מיטען פעלד, וואס טהוט מען? וואס טהוט מען? און וואס הויבט מען אן צו טהון? זאל איך גערן ערגיץ אין א דארף קריגען א פוהרעל און אבפיהרען זי אין שטעדטיל אריין, ווי אזוי לאזט מען איבער דא די קינדער אליין אין מיטען פעלד? און דא נעהט צו נאכט, גוואלד, וואס טהוט מען? וואס טהוט מען? און וואס הויבט מען אן צו טהון?

118

ביי די דאָזיגע ווערטער האָט זיך מיין יוד עפּיס מאָדנע צוויינט, אָהן טרעהרען, גלייך ווי צולאַכט זיך, און האָט אַרויסגעלאָזט אַ משונה קול פּונ׳ם האַלז, גלייך ווי געהוסט: „הו־הו־הו!“ — אַ שטיק געזונד האָט ביי מיר צוגע־נומען דער דאָזיגער יוד! וואָס מיר הונגער? ווער מיר קעלט? איך האָב פאַר־געסען אַלסדינג מיט אַלע מיט אַנאַנדער און רוף זיך אָן צו איהם:

— איך פאָהר פון וואָהיל פאָהר איך קיין ראַדאָמישלי און אַ פוהר האָב איך זעהר אַ וואוילע. איז אויב דאָס שטעדטיל וואָס איהר זאָגט איז ניט וויט פון דאַנען, קאָן איך אייך צוליעב טהון געבען די פוהר, און אַליין וועל איך צוואַרטען דאָ, אויב עס דאַרף ניט געדויערען.

— אוי, לאַנג לעבען זאָלט איהר פאַר דער מצוה! עולם הבא וועט איהר זיך קויפען, ווי איך בין אַ יוד עולם הבא! מאַכט! ער צו מיר און חאַפּט מיך שיער אַרום קושען — דאָס שטעדטיל איז ניט וויט פון דאַנען, סך־הכל אַ ווערסט פיער אָדער פינף. געדויערען וועט דאָס אָבפיהרען ניט מעהר ווי אַ שעה צייט, און איך שיק אייך באַלד אָב דאָס פוהרעל צוריק. עולם הבא וועט איהר זיך קויפען, ווי איך בין אַ יוד עולם הבא! קינדער! שטעהט אויף פון דער ערד און דאַנקט, קושט דעם דאָזיגען יונגען מאַן אין די הענד אַריין, אין די פיס אַריין, ער גיט אונז זיין פוהר גיט ער אונז, וועל איך אָבפיהרען די מאַמען אויפ׳ן הייליגען אָרט! עולם הבא, ווי איך בין אַ יוד, עולם הבא!

דאָס וואָרט שמחה איז ניט שייך אַהער, וואָרום די קינדער האָבען דערהערט „אָבפיהרען די מאַמע“ זענען זיי צוגעפאַלען צו איהר און ערשט אָנגעהויבען וויינען איבער אַ נייס נאָך מיט מעהר פרישקייט. נאָר אַ בשורה איז דאָס ביי זיי געוועזען אודאי אַ גרויסע, וואָס האָט זיך געפונען אַ מענש, וואָס טהוט מיט זיי אַזאַ חסד; נאָר גאָט אַליין האָט איהם אַהער געבראַכט! מע האָט אויף מיר געקוקט ווי אויף איין אויסלייזער, עפּיס אַ מין אליהו הנביא, און איך מוז אייך זאָגען דאָס ריינעם אמת איך אַליין האָב אויף זיך געקוקט בשעת מעשה ווי אויף ניט קיין געוועהנליכען מענשען און בין אויסגעוואַקסען מיט אַמאָל ביי זיך אין די אויגען, געוואָרען אָט דאָס וואָס מע רופט אָן „העלד“. אין דער מינוט בין איך גרייט געוועזען איבערטראָגען בערג, איבערקעהרען וועלטען, נישטאָ דאַכט זיך די זאַך וואָס זאָל זיין פאַר מיר שווער, און עס האָט זיך אַרויסגעריסען ביי מיר פונ׳ם מויל:

— ווייסט איהר וואָס? איך וועל זי טאַקי אַליין אָוועקפיהרען מיט מיין ערל הייסט דאָס, פאַרשפּאָרען אייך מטריח זיין, אַבּרייסען פון די קינדער.

און וואס ווייטער איך האב גערעדט, האט דאס דאזיגע געזינדעל אלס מעהר געוויינט, געוויינט און געקוקט אויף מיר ווי אויף א מלאך פונ'ם הימעל, און איך בין ביי זיך אין די אויגען געוואקסען אליץ העכער און גרעסער, כמעט ביזן הימעל, פארגעסען בשעת מעשה אז בסך-הכל האב איך גאר מורא זיך צו ריהרען צו א מת, און האב אליין מיט מיינע הענד גע-האלפען איהם ארויסטראגען און ארויפלעגען אויפ'ן שליטען, צוגעזאגט מיין ערל נאך א חצי פויגעל מיט נאך א מזומנ'עם טרונק-בראנפען. תחילת האט זיך מיין ערל אפילו אביסעל געקראצט אין דער פאטיליצע, אונטערגעווארט-שעט אונטער דער נאז, נאר נאכ'ן דריטען קעלישאק איז ער געווארען וויכער און מיר זענען אוועק אין וועג אריין אלע דריי, דאס הייסט איך און להבדיל דער ערל און די געשטארבענע קרעטשמערקע חוה נחמה, אזוי האט מען זי גערופען, חוה נחמה בת רפאל מיכאל, איך געדענק דאס אזוי ווי היינט, ווארום א גאנץ וועג האב איך מיר גע'חזר'ט דעם נאמען, וואס דער מאן איהרער האט מיר אנגעזאגט עטליכע מאל, ווארום בשעת מע וועט זי בעדארפען מקבר זיין, טהון איהר רעכט און בעטען זי מחילה וועט מען מוזען וויסען איהר אמת'ן נאמען. האב איך א גאנץ וועג גע'חזר'ט אויף אויסווענדיג חוה נחמה בת רפאל מיכאל! חוה נחמה בת רפאל מיכאל! חוה נחמה בת רפאל מיכאל! און מחמת חזר'ן האב איך פארגעסען איהר מאנס נאמען, חאטש נעמט מיר אראב דעם קאפ! ער האט מיר איבערגעגעבען זיין נאמען אויך און צוגעזאגט אז איך וועל קומען אין שטעדטיל אריין און וועל נאר אנרופען זיין נאמען, אזוי וועט מען באלד צונעהמען ביי מיר דעם מת און איך וועל מיר קאנען פאהרען ווייטער, מחמת ער איז דארטען אין יענעם שטעדטיל, זאגט ער, כמה וכמה יאהרען א יום-טוב'ניק, דאס הייסט אלע ימים נוראים פאהרט ער אהין אויף יום-טוב און עס קאסט איהם געלד אין שוהל צו דער שיסעל און להבדיל אין מרחץ און אומעטום. זאגט ער, גיט ער זיי צו לייזען גוזמי גוזמאות! און נאך אפיס האט מיר אנגעזאגט דער קרעטשמער, אנגעטורקעט א פולען קאפ, וואוהין איך זאל צופאהרען, און וואס איך זאל זאגען, נאר ס'איז אלסדינג מיט אמאל ארויסגעפלויגען ביי מיר פונ'ם מח, איהר זאלט זאגען ס'זאל איבערבלייבען חאטש א האלב ווארט — גאלע גאר ניט! מיינע אלע געדאנקען האבען זיך געדרעהט נאר ארום איין זאך: איך פיהר א טויד-טען — און דאס אליין איז שוין געוועזען גענוג עס זאלען מבולבל ווערען ביי מיר אלע מיינע מחשבות און איך זאל פארגעסען אפילו ווי אזוי מע רופט מיך, ווארום פון קינדווייז אן האב איך מורא פאר טוידטען אימת מות!

בלייבען איינער אליין מיט איין טוידטען נאך עד־היום איהר זאלט מיך אבגילטען! עס דאכט זיך מיר אויס אז די האלב צוגעמאכטע כלומר'שט פארגלאצטע אויגען קוקען אויף מיר און זעהען מיך, און די צוגעשלאסענע טויטע ליפען וועלען זיך אט באלד אויפעפענען און עס וועט זיך לאזען הערען א משונה קול ווי פון אונטער דער ערד, וואס פון כח הדמיון אליין קאן מען פאלען חלשות! ניט אומזיסט דערצעהלט מען זיך אן ביי אונז מעשיות וועגען מתים, ווי אזוי מענשען זענען פון שרעק אליין געפאלען חלשות, אראב פון זינען אדער גאר געבליבען אויפ'ן ארט...

זענען מיר הייסט דאס געפאהרען אין דרייען מיט'ן מת. דעם מת האב איך אבגעטראטען איינע פון מיינע קישענס און אנידערגעלעגט אין שליטען אין דער ברייט ביי מיר צופוסענס, און בכדי עס זאלען מיר ניט פלאנטען זיך קיין אומעטיגע מחשבות האב איך גענומען קוקען ארויף אין הימעל אריין און שטילערהייד גע'חזר'ט זיך: חוה נחמה בת־רפאל מיכאל! חוה נחמה בת רפאל מיכאל! אזוי לאנג ביז עס האבען זיך די נעמען אנגעהויבען פלאנטען ביי מיר אין זכרון און ס'איז שוין אויסגעקומען: חוה רפאל בת נחמה מיכאל, און רפאל מיכאל בת חוה נחמה, און האב גאר ניט באמערקט אז עס הויבט עפים זאן ווי צו ווערען אלץ טונקעלער און טונקעלער, דער ווינט בלאזט אלץ שטארקער און דער שניי הערט ניט אויף צו שיטען און צו שיטען און פארשיטען דעם וועג אזוי, אז דער שליטען געהט אויף גאטס בעראט אין דער וועלט אריין, און מיין ערל עפים הער איך ווארטשעט, פריהער שטילערהייד, נאכדעם העכער און שטארקער און איך וואלט געמעגט שווערען, אז ער בענשט מיך מיט א דרייגאדענדיגע ברכה... פרעג איך איהם: גוי, וואס איז מיט דיר? ענטפערט ער מיר מיט א שפיי און מיט א רציחה, זאל גאט שומר ומציל זיין און עס עפענט זיך ביי איהם דאס מויל און ער פארשיט מיך מיט ווערטער: סטייטש — זאגט ער— איך האב איהם גאר אומגליקליך געמאכט מיט זיין פערדיל. איבערדעם וואס מיר האבען גענומען א טוידטען אויפ'ן שליטען, איז דאס פערדיל אראב פונ'ם וועג און מיר בלאנזען, און גאט ווייסט ביז וואנען מיר וועלען נאך אזוי בלאנזען, ווארום אט ווערט נאכט זענען מיר גאר פארפאלענע!.. אוודאי האט ער מיר אנגעזאגט א שענע בשורה, און איך בין גרייט געוועזען פאהרען צוריק אין קרעטשמע אריין, אבפיהרען צוריק די מצוה, איין עק, אויס עולם־הבא! זאגט מיר אבער דער ערל, אז איצטער איז שוין פארפאלען, נישטא ניט קיין אהין ניט קיין צוריק, ווארום מיר דרעהען זיך ערגיץ אין מיטען

פֿעלד, דער שוואַרץ יאָהר ווייסט וואו!.. דער וועג איז פֿאַרשאָטען, דער הימעל איז פֿינסטער, ס'איז שוין שטאָק-נאַכט, דאָס פֿערדיל איז אויסגעמוטשעט צום טוידט, אַ מיתה משונה זאָל קומען, זאָגט ער אויף דעם קרעטשמער און אויף אַלע קרעטשמערס פֿון דער גאַנצער וועלט. נעחאַי וואָלט ער זיך זאָגט ער, פֿריהער אויסגעבראָכען אַ פֿוס איידער ער האָט זיך אָבגעשטעלט נעבען דער דאָזיגער קרעטשמע! נעחאַי כי וואָלט זיך, זאָגט ער, איהם געשטעלט פּאַפּעריק דאָס ערשטע גלעזיל בראָנפֿען איידער ער האָט זיך געלאָזט צורעדען טהון אַזאַ נאַרישקייט, נעהמען צו זיך אַנ'אומגליק אין שליטען אַריין און איבער אַ האַלבען שמאַרדאָווינעץ פֿאַרפֿאַלען ווערען דאָ אין מיטען פֿעלד צו אַלדע רוחות מיט'ן פֿערדיל אינאיינעם: מילא ער, זאָגט ער, איז נאָך ווי עס איז, אפשר איז איהם באַשערט אַט דאָ אַ מיתה משונה איינצונעהמען, אָבער דאָס פֿערדיל נעבעך? וואָס האָט ער געהאַט צו דעם דאָזיגען פֿערדיל? אַנ'אומשולדיגע בהמה, אַ סקאָטינע, וואָס ווייסט זי?...

איך וואָלט געמעגט שווערען, אַז טרעהדרען הערען זיך ביי איהם אין קול... איך וויל איהם אויסריידען דאָס האַרץ, זאָג איהם צו נאָך אַ חצי פֿוינעל מיט נאָך צוויי גוטע טרונק בראָנפֿען, ווערט ער מלא כעס און זאָגט מיר גאַנץ אָפֿען, אַז טאָמער וועל איך ... אַנשווייגען ווערען, נעהמט ער און וואַרפֿט מיר גאַר אַרויס די מציאה, פֿונ'ם שליטען! און איך טראַכט מיר: וואָס טהו איך אַ שטייגער, אַז ער נעהמט טאַקי חלילה און וואַרפֿט מיר אַרויס דעם מת פֿונ'ם שליטען מיט מיך אינאיינעם? אַ קשיא אויף אַיין ערל אַז ער ווערט אין כעס?.. און איך מוז שוין שטומען, זיצען אין שליטען איינגענאָרעט אין די קישענס און היטען זיך איך זאָל חאָטש ניט אַנשלאָפֿען ווערען, וואָרום ראשית ווי אַזוי שלאָפֿט מען אַז סע ליעגט אַ מת פֿאַר די אויגען? והשנית האָב איך געהערט, אַז ווינטער אויפ'ן פֿראָסט טאָר מען ניט שלאָפֿען, מען קאָן אַזוי פּאַוואָלינקע אַנשלאָפֿען ווערען אויף אייביג... נאָר ווי אויף צו להכעיס קלעפּען זיך מיר די אויגען דוקא צו חאַפּען אַ דריי-מעל. איך וואָלט אין דער מינוט דאַכט מיר אַוועקגעגעבען פֿאַר איין דריי-מעל מי יודע וויפֿיעל!.. און איך רייס מיר די אויגען, און די אויגען פֿאָלגען ניט. און זיי שליסען זיך פּאַוואָלינקע, און עפֿענען זיך אויף, און שליסען זיך ווידער אַמאָל, און דער שליטען שליטעלט זיך איבערן ווייסען, טיפֿען, ווייכען שניי און עפּיס אַ מאָדנע זיסקייט צוגיסט זיך אין אַלע מיינע אברים און איך פֿיהל עפּיס אַ משונה גוטסקייט, און עס גלוסט זיך מיר, אַז דאָס זיסקייט מיט דעם גוטסקייט זאָל געדויערען נאָך און נאָך, אַ סך זאָל עס

געדויערען, לאנג זאל עס געדויערען... נאר א ווייטיגער כח, איך ווייס ניט פון וואנען, שטעהט און טארעט מיך: „שלאף ניט נח, שלאף ניט" און איך רייס אויף מיט גוואלד די אויגען און פון יענער זיסקייט לאזט זיך אויס א מין קעלט אינווייניג אין אלע אברים, און פון יענער גוטסקייט א מין מרה שחורה מיט א מורא, מיט א פחד, מיט אניאומעט זאל זיך דער אויבער־שטער מרחם זיין! עס ווייזט זיך מיר אויס אז מיין מת רודערט זיך, דעקט זיך אב און קוקט אויף מיר מיט האלבצוגעמאכטע אויגען, ווי איינער רעדט: „וואס האסטו געהאט צו מיר, יונגערמאן, אומבריינגען א טוידטע יודינע, א מאמע פון קליינע קינדער, גישט בריינגען זי צו קבר ישראל?.." און דער ווינט בלאזט, פייפט מיט א קול פון א מענשען, פייפט מיר גלייך אין אויער אריין, רוימט מיר איין א שרעקליכען סוד... און שרעקליכע מחשבות, מורא־דיגע געדאנקען, דמיונות קריכען מיר אין קאפ אריין, און עס שטעלט זיך מיר פאר, אז מיר אלע זענען דא אונטערען שניי, אלע: איך און להבדיל דער ערל און דאס פערדיל זיינס און דער מת... מיר אלע זענען טויט, נאר דער מת — מערקווירדיג! — נאר דער מת אליין, דעם קרעטשמערס ווייב איז לעבעדיג...

און פלוצים דערהער איך, מיין ערל סמאצקעט דעם פערדיל עפיס זעהר פרעהליך, דאנקט גאט און צלם'ט זיך אין דער פינסטער און זיפצט, און א נייע נשמה זעצט זיך אריין אין מיר, און איך דערזעה פון דערווייטען בליש־טשעט ארויס א פייעריל. דאס פייעריל בעווייזט זיך, ווערט באלד פערשוואונ־דען און בעווייזט זיך נאך אמאל. „א ישוב" טראכט איך מיר, און דאנק און לויב גאט מיט'ן גאנצען הארצען, און רוף מיך אן צו מיין ערל: אפנים מיר זענען שוין נאך איך, אויף א שטיקעל דרך? עס ווייזט אויס, זאג איך, אז מיר זענען באלד אין שטעדטיל? — „עהע"! מאכט צו מיר דער ערל מיט'ן פריהריגען קורצען, שטילען טאן, שוין זעהן א שום כעס, און עס ווילט זיך מיר ארומנעהמען איהם פון הינטען און איהם געבען א קוש אין פלייצע פאר דער גוטער בשורה, פאר זיין גוטען קורצען שטילען „עהע", וואס איז טהייערער ביי מיר איצטער פון דער שענסטער קלוגסטער דרשה. „ווי אזוי רופט מען דיך?" פרעג איך איהם און עס וואונדער מיך פאר וואס האב איך איהם ביז אהער ניט געפרעגט זיין נאמען. „מיקיטא" — ענטפערט ער מיר קורץ מיט איין ווארט ווי זיין שטייגער. „מיקיטא"? חזר איך איבער נאך אמאל און דער נאמען „מיקיטא" בעקומט ביי מיר א מארנעם חן. „עהע" — ענטפערט ער מיר דערויף ווי געוויינטליך און עס גלוסט זיך מיר זעהר, אז

מיקיטא זאל מיר נאך עפיס זאגען, האטש צוויי-דריי ווערטער ווילט זיך מיר פון איהם הארכען און מיקיטא ווערט מיט אמאל טהייער ביי מיר אין די אויגען. אויך דאס פערדיל ויינס ווערט ביי מיר טהייער, מלא חן. און איך מאך מיט איהם א שמועס וועגען זיין פערדיל; איך זאג איהם, אז ביי איהם איז א וואויל פערדיל. זעהר א וואויל פערדיל! ענטפערט מיר מיקיטא, „עהע". און א שליטען איז ביי דיר, מיקיטע, זאג איך, אויך א וואוילער! ענטפערט ער מיר „עהע". און מעהר וויל מיין מיקיטא קיין ווארט ניט זאגען האטש ברעק איהם אויף צעהן שטיקלעך! „האסט פיינט, זאג איך צו איהם, ריידען, מיקיטא סערדצע?" — ענטפערט ער מיר: „עדע", און איך צולאך מיך, ס'איז מיר פרעהליך, גוט און פרעהליך, גלייך ווי איך האב דא איינגענומען אטשאקאוו, אדער געוואונען אנ'אוצר, אדער ענטדעקט א נייס, וואס קיינער האט דערפון ניט געוואוסט, מיט איינעם ווארט איך בין גליקליך איבערגליקליך! טאמער ווייסט איהר וואס? עס האט זיך מיר געוואלט אויפהויבען דאס קול און אנהויבען זינגען, ווי איהר זעהט מיך לעבען! ס'איז ביי מיר פון תמיד אן אזא טבע, אז עס מאכט זיך אמאל ס'איז מיר גוט אויפ'ן הארצען זינג איך. מיינע זאל לעבען ווייסט שוין מיין כאראקטער, פרעגט זי מיך: „וואס איז שוין נח? וויפיעל האסט דו פערדיענט, וואס דו האסט זיך אזוי צוזינגען?" ביי די ווייבער קומט אויס נאך זייער ווייבערשען שכל, אז פרעהליך איז א מענש גאר דעמאלט, ווען ער פארדיענט; אנדערש קאן גאר א מענש ניט זיין אויפגעלעגט. פון וואנען נעהמט זיך דאס א שטייגער, וואס אונזערע ווייבער זענען א סך מעהר להוט נאך געלד ווי מיר, מאנספארשוינען? דאכט זיך ווער דארף אויפ'ן געלד? מיר צי זיי? נאר שא! מיר דאכט איך בין שוין ווידער פארקראכען קיין בויבעריק?..

זענען מיר הייסט דאס געקומען מיט גאטס הילף אין שטעדטיל אריין נאך פאר פריה, דאס שטעדטיל האט געהאלטען נאך אין רעכטען שלאף, ס'איז נאך געווען וויט צו טאג, קיין פייעריל זעהט מען ניט אין ערגיץ, קוים דערזעהען א שטיבעל מיט א גרויסען טהויער און מיט א בעזעמעל אויפ'ן טהויער — א סימן פון איין אכסניא, האבען מיר זיך אבגעשטעלט, אראבגעקראכען און גענומען בוידע, איך מיט מיקיטאין, קלאפען מיט די קולאקעס אין טהויער אריין, געקלאפט-געקלאפט, קוים מיט צרות גאט האט געהאלפען מיר האבען דערזעהען א פייעריל אין פענסטער, נאכדעם האבען מיר דערהערט עמיצער שליאפעט מיט די פיס און עס לאזט זיך הערען א קול פון יענער זייט טהויער: ווער איז?

- עפֿענט, זאָג איך, פֿעטער, וועט איהר פֿאַרדינען עולם־הבא!

— עולם־הבא? ווער זייט איהר? — מאַכט דאָס קול פֿון יענער זייט און הויבט אָן עפֿענען דעם שלאָס.

— עפֿענט אויף, זאָג איך, איך האָב געבראַכט צופֿיהרען אַהער אַ מת.

— אַ וואָס?

— אַ מת!

— וואָס הייסט אַ מת?

— אַ מת הייסט אַ געשטאָרבענער. אַ געשטאָרבענע יודינע האָב איך אַהער געבראַכט צופֿיהרען פֿון אַ דאָרף, פֿון אַ קרעטשמע.

און פֿון יענער זייט טהויער איז געוואָרען שטיל. מע האָט נאָר גע־הערט ווי עס האָט זיך צוגעמאַכט צוריק דער שלאָס און די פֿים האָבען אַוועקגעשליאָפּעט ווייטער און אויך דאָס ליכט איז פֿאַרלאָשען געוואָרען — און גנעה און שריי חי וקים. האָט דאָס מיך שוין פֿאַרדראָסען און רוף מיך אָן צו מיין ערל, ער זאָל מיר העלפֿען קלאַפּען מיט די קולאַקעס אין פֿענ־סטער אַריין, און מיר האָבען זיך גענומען ביידע קלאַפּען אַזוי געשמאַק, אַז דאָס פֿייערל האָט זיך ווידער אָנגעצונדען און דאָס קול האָט זיך ווידער געלאָזט הערען פֿון יענער זייט טהויער:

— וואָס ווילט איהר האָבען פֿון מיין לעבען? וואָס פֿאַר אַ פּריטשעפּע?

— אין גאָטעס ווילען — בעט איך זיך ביי איהם ווי ביי אַ גזלן, — האָט רחמנות, איך בין דאָ מיט אַ מת!

— מיט וואָסער אַ מת?

— דעם קרעטשמאַרס ווייב.

— וואָסער קרעטשמאַר?

— איך האָב פֿאַרגעסען ווי ער הייסט, נאָר זי רופֿט מען חוה מיכאל בת הנה רפאל, מיין איך הנה רפאל בת חוה מיכאל, הנה חוה הנה מיין איך...

— איהר וועט ניט אַוועקגעהן פֿון דאַנען, שלים מזל! אָט גיס איך אייך אָב מיט אַיין עמער וואַסער!

אַזוי מאַכט צו מיר דער בעל אַכסניא און שליאָפּקעט אַוועק פֿונ'ם פֿענסטער און פֿאַרלעשט דאָס פֿייערל — און גנעה טהו איהם עפּיס!... ערשט העט דעט אין אַ שעה אַרום, איז עס האָט אָנגעהויבען שאַריען אויף טאָג, האָט זיך אויפֿגעעפֿענט אַ שטיקעל טהויער און עס האָט אַרויסגעשטעקט אַ שוואַרצע קאָפּ מיט ווייסע פֿעדערען און רופֿט זיך אָן צו מיר:

— דאָס האָט איהר געטאַראַבאַנדעט אין די פֿענסטער אַריין?

— איך, ווער דען?

— וואָס האָט איהר געהאָלט?

— איך האָב געבראַכט אַ מת.

— אַ מת? פיהרט איהם צו צום שמש פון חברה קדישא.

— וואו זיצט דאָ דער שמש אייערער? ווי אַזוי רופט מען איהם?

— יחיאל רופט מען איהם, דעם שמש, און זיצען זיצט ער בארג אַראָב, טאַקי ניט ווייט פון באָד.

— וואו איז דאָ ביי אייך ערגיץ די באָד?

— די באָד ווייסט איהר ניט? איהר זענט אַ פנים נישט קיין היגער? פון וואַנען איז אַ יונגער מאַן?

— פון וואַנען איך בין? פון ראַדאָמישלי, אַ ראַדאָמישלער בין איך, נאָר פאָהרען פאָהר איך פון זוואָהיל און דעם מת פיהר איך פון אַ קרעטשמע דאָ ניט ווייט, טאַקי דעם קרעטשמערס ווייב, זי איז געשטאָרבען פון דער טשאַחאָטקע.

— ניט דאָ געדאַכט! וואָס זשע געהער זיך עס אָן מיט אייך?

— מיט מיר? גאָר ניט. איך בין דורכגעפאָהרען פאַרביי, האָט ער מיך געבעטען, דער קרעטשמער הייסט דאָס, ער זיצט אין מיטען פעלד, מיט פיצ-לעך קינדער, ניטאָ זי וואו צו בעהאַלטען האָב איך מיך מישב געווען, יענער בעט, פאַרדינען עולם הבא, פאַר וואָס ניט?

— די מעשה איז עפּיס ניט גלאַט, מאַכט ער צו מיר. איהר וועט זיך מוזען זעהען פריהער מיט די גבאים.

— ווער זענען ביי אייך אַ שטייגער די גבאים? וואו, זאָג איך, זי-צען זיי?

— די גבאים ווייסט איהר ניט? רב שעפּסעל אַ גבאי, זיצט אויף יענער זייט מאַרק. רב אלעזר משה אַ גבאי, זיצט סאַמע אין מיטען מאַרק, און רב יוסי אויך אַ גבאי, זיצט נעבען אַלטען בית המדרש. דער עיקר וועט איהר דאַרפען זעהען זיך מיט רב שעפּסלען, ער איז דער גאַנצער טהוער ביי אונז. אַ האַרטער יוד, זאָג איך אייך פריהער, איהר וועט איהם אַזוי גיך ניט אייננבייסען.

— אַ שענעם דאַנק אייך, זאָג איך, איהר זאָלט דערלעבען אָנזאָגען בעסערע בשורות! ווען וועל איך קאָנען זיך מיט זיי זעהען?

— וואָס הייסט ווען? אם ירצה השם אין דערפריה נאָכ'ן דאַווענען.

126

— מזל-טוב אייך! וואס-זשע זאל איך טהון דערווייל? לאזט מיך חאטש אריין אביסעל אנווארעמען זיך. ס'איז ביי אייך א מין סדום א פנים?

דערהערט די דאזיגע ווערטער, האט מיין בעל-אכסניא גאנץ פיין פאר־שלאסען צוריק דעם טהויער — און שא, שטיל ווי אויף א בית-הקברות. וואס טהוט מען ווייטער? מיר שטעהען מיט'ן שליטען אין מיטען גאס, מיקיטא פייערט, וואָרטשעט, קראצט זיך אין דער פאטיליצע, שפייט און שיט מיט דרייגארעדיגע ברכות: א מיתה משונה זאל קומען, זאגט ער, אויפ'ן קרעטשמער און אויף אלע קרעטשמארס פון דער גאנצער וועלט. מילא ער אליין, זאגט ער, חאפט איהם דער רוח! — אבער זיין פערדיל! וואס האט מען, זאגט ער, צו זיין פערדיל, וואס מע מארעט דאס פון הונגער און פון קעלט? אנ'אומ־שולדיגע בהמה, א סקאטינע, וואס ווייסט זי?... ס'איז מיר א חרפה א בושה פאר דעם ערל, און איך טראכט מיר בשעת מעשה: וואס קלערט א שטייגער זיין קאפ וועגען אונז, יודען? וואס פאר א פנים האבען מיר, יודען, רחמנים בני רחמנים, קענען זיי, ערלים, גראבע לייט, אז איין יוד דעם אנדערען וויל די טהיר נישט עפענען, לאזט נישט אריין זיך אנווארעמען אפילו, זענען מיר דאך טאקי ווערט דריי מאל אזוי פיעל וואס מיר האבען!... און אט אזוי בין איך מצדיק את הדין, דאס הייסט איך געפין פאר רעכט אלסדינג, וואס מיר האבען און מאך שולדיג דעם גאנצען כלל, ווי געוויינטליך א יוד בשעת דער אנדערער יוד וויל איהם נישט טהון קיין טובה. קיין אומה ולשון רעדט נישט אויף אונז אזוי פיעל שלעכטס ווי מיר אליין. טויזענד מאל א טאג קאנט איהר הארכען פון וואסער א יודען איהר ווילט אזעלכע מינים ווערטער: „א יוד איז דיר קיין קאטאוועס ניט!" „מיט א יודען ווילט איהר עפים מאכען?" „מיט א יודען איז גוט קוגעל עסען!" „דאס קען נאר א יוד" „הערסטו, דערויף איז דאך עס א יודוניו!" „אוי, א יוד, א יוד!" וכדומה אזעלכע שענע אטעסטאציעס, קאמפלימענטען. איך וואלט א בעלן געווען וויסען, ווי אזוי איז ביי „זיי", אז עס מאכט זיך איינער דעם אנדערען וויל ניט העלפען, פאלט מען אויך אן אויפ'ן כלל און מע זאגט, אז דאס גאנצע פאלק איז ניט ווערט וואס די ערד טראגט דאס? נאר שא! איך בין שוין דאכט מיר ווידער אוועק קיין בויבעריק?...

שטעהען מיר הייסט דאס מיט'ן שליטען אין מיטען מארק און ווארטען ביז עס וועט ווערען רעכט טאג און די שטאדט וועט אנהויבען ארויסווייזען סימנים אז זי לעבט, און כך הוה, עס האט זיך געלאזט הערען ערגיץ א ריק פון א טהיר, א קרעכץ פון אנעמער, פון א צוויי דריי קוימענס האט זיך

בעוויזען א רויך, און א קרעדיזען פון העהנער האט זיך געלאזט הערען אלע מאל שטארקער און לעבעדיגער; עס האבען זיך געעפענט אלע טהירען און עס האבען זיך אנגעהויבען בעוויזען גאטס באשעפענישען אין געשטאלטען פון בהמות, קעלבלעך, ציגען, און להבדיל, יודען, וויבער און מיידלעך פארבונדען מיט ווארעמע שאלען און פארוויקעלט ווי די ליאלקעס, איינגעהויקערט אין דרייען און איבערגעפרוירען ווי די קיסלעציעס—הקצור, מיין שטעדטיל האט אויפגעלעבט, ווי א לעבעדיגער מענש א שטייגער. עס האט זיך אויפגעחאפט, אבגעוואשען נעגעל-וואסער, געחאפט אויף זיך דאס מלבוש און גענומען זיך צו דער ארבייט: די מאנסבילען צו עבודת הבורא, דאוונען, לערנען, זאגען תהלים, און די וויבער צו די אויוונס, צו די באקדיזשים, צו די קעלבלעך מיט די ציגען און איך האב מיך גענומען צו נאכטרעגען זיך אויף די גבאים, וואו זיצט דא ערגיץ רב שעפסיל, רב אלעזר משה, רב יוסי? נעהמט מען מיך צום עקזאמען: וואסער שעפסיל, וואסער אלעזר משה און וואסער יוסי? פארהאן, זאגען זיי, דא אין שטעדטיל עטליכע שעפסלען, עטליכע אלעזר משה'ס און עטליכע יוסי'ס. און אז איך האב זיי געזאגט, אז איך דארף צו די גבאים פון חברה קדישא, האבען זיי זיך ווי דערשראקען און גענומען אויסטאפען ביי מיר, וואס בעדארף עס א יונגערמאן אזוי פריה צו די גבאים פון חברה קדישא? האב איך מיך נישט געלאזט לאנג טאפען און האב זיי אנטפלעקט מיין הארץ, אויסגעזאגט דעם גאנצען סוד מיט דער באמבע וואס איך האב אויף זיך גענומען, האט איהר בעדארפט זעהען וואס עס האט זיך געטהון! איהר מיינט, מען האט זיך געחאפט מיך באפרייען פונ'ם אומגליק? חס ושלום! מע איז נאר געלאפען איטליכער בעזונדער אין דרויסען א קוק טהון אויפ'ן שליטען, צי עס ליגט טאקי דארטען א מת, צי ס'איז אן אויסגעטראכטע מעשה? און דערווייל איז געווארען ארום אונז א רעדעל פון מענשען, וואס האבען זיך געביטען, דאס הייסט מחמת קעלט וועגען די מענשען אוועק און אויף זייער ארט האבען זיך צוגעפונעקומען אנדערע מענשען, געקוקט אין שליטען אריין, געשאקעלט מיט די קעפ, געקנייטשט מיט די פלייצעס, זיך צופרעגט ווער איז דער בר מינן, און פון וואנען, און ווער בין איך, און ווי קומט ער צו מיר, און נישט געגעבען מיר קיין הילף פון דאנען אהין. קוים-קוים האב איך גע'פועל'ט, מע זאל מיר אנווייזען וואו זיצט דא ערגיץ רב שעפסיל דעם גבאי, האב איך איהם געטראפען שטעהן מיט'ן פנים צו דער וואנט איינגעוויקעלט אין טלית ותפילין און דאוונען אזוי געשמאק מיט אזא זיסען נגון און מיט אזוי פיעל התפעלות, אז ממש די וועגט האבען

128

געזונגען. ער האט געקנאקט מיט די פינגער, געבאמקעט און גע׳דבק׳עט זיך, געמאכט משונה׳דיגע מאדנע העויות. איך האב מיך הערט איהר, מיר מחיה געווען, ווארום ערשטענס האב איך ליעב גלאט הערען אזא מין דאווענען, והשנית, האב איך געקענט דערוויל אנווארעמען אביסעל די איבערגעפרוירענע ביינער, און אז דער רב שעפסיל האט אויסגעדרעהט צו מיר דאס פנים, זענען אין די אויגען ביי איהם נאך געשטאנען טרעהרען, און אויס׳ן זעהען האט ער ביי מיר אין די אויגען ווי א געטליכער מענש, א קדוש, וואס די נשמה זיינע איז אזוי ווייט פון דער ערד, ווי דער גרויסער פעטער גוף זיינער איז ווייט פונ׳ם הימעל. און מחמת ער האט נאך געהאלטען אין מיטען דאווענען און האט נישט געוואלט מפסיק זיין, האט ער זיך אויסגעשמועסט מיט מיר אויף „לשון קודש“, דאס הייסט אויף אזא מין שפראך, וואס באשטעהט פון מאכען מיט די הענד, ווינקען מיט די אויגען, קנייטשען מיט די פלייצעס, דרעהען אביסעל מיט׳ן קאפ און אביסעל מיט דער נאז און א פאר לשון קודש ווערטער ווארפט זיך אויף דורך בתוכם. אויב איהר ווילט קאן איך אייך איבערגעבען דעם דאזיגען שמועס ווארט ביי ווארט; מסתמא וועט איהר שוין אליין פארשטעהן וועלכס האט געקעהרט צו מיר און וועלכס צו איהם.

— שלום עליכם אייך, ר׳ שעפסיל.

— עליכם שלום. אי א... על הספסל.

— א דאנק, איך בין שוין גענוג געזעסען

— נו, א?... מה? מה?.

— איך האב צו אייך א בקשה, רב שעפסיל. איהר וועט פארדינען עולם הבא.

— עולם הבא? טוב... אלא מה? מה?

— איך האב אייך געבראכט א מת.

— מת? מי מת?

— א דא ניט ווייט איז פארהאן א קרעטשמע, זיצט דארט א יוד אן ארעמאן נעבעך, איז ביי איהם ניט דא געדאכט געשטארבען דאס ווייב פון דער טשעכאטקע, געלאזט קינדער קליינע, א גאטס רחמנות, ווען איך דערבא־רעם זיך ניט אויף זיי ווייס איך ניט וואס עם וואלט נעבעך געטהון דער קרעטשמער אין מיטען פעלד מיט א בר מינן.

— ברוך דין אמת... אלא נו?... מעות? חברה קדישא?...

— וואסער מעות? ווער מיר מעות? יענער איז אן ארעמאן, אן עני ואביון, א מטופל מיט קינדער! איהר וועט פארדינען עולם הבא, רב שעפסיל.

— עולם הבא? טוב, טוב מאד! אלא מה? מה? הקדש? יהודים! נו? גם כן קבצנים! אי-א! נו—פע!

און מחמת איך האב ניט פערשטאנען, וואס ער מיינט דערמיט, האט ער זיך מיט כעס אויסגעדרעהט ווידער אמאל מיט'ן פנים צום וואנט און האט שוין גענומען דאווענען נישט מיט אזא היטץ ווי פריהער, שוין אביסעל שטילער, נידעריגער מיט א טאן, כמעט אויף א קוויטש, און געשאקעלט זיך גיך—גיך, מיט'ן קוריער-צוג, אראבגעווארפען פון זיך דעם טלית ותפילין און אנגעפאלען אויף מיר נאכדעם מיט א מין כעס, גלייך ווי איך וואלט איהם קאליע געמאכט א יריד, געקוילעט די קאפאטע. סטייטש, זאגט ער, דאס שטעדטיל איז אנארעם שטעדטיל, האט אויף זיך גענוג אייגענע קבצנים, וואס אז זיי שטארבען מוזען זיי נאך מאכען אויף תכריכים, קומט מען אהער נאך פון פרעמדע ערטער, פון דער גאנצער וועלט אהער! אלע אהער!... האב איך מיך פארענטפערט ווי וויט מעגליך, אז איך בין גאר דא אודאי נאט די נשמה שולדיג, אז דאס איז נישט מעהר ווי א מת מצוה, עלעהיי מע האט געפונען, זאג איך, אין גאס א טויטען און מע דארף איהם טהון זיין רעכט, ברייגגען צו קבר ישראל? איהר זענט דאך זאג איך, אנ'ערליכער יוד, א פרומער, מע קען דאך דערמיט פארדינען עולם הבא! איז ער נאך מעהר אנגעפאלען אויף מיר, כמעט קאן מען זאגען ער האט מיך דורכגעטריבען. דאס הייסט נישט געטריבען ממש, נאר דערגאנגען די יאהרען מיט ווערטער:

— אזוי? איהר זענט א יונגערמאן פון עולם הבא? געהט זשע זיך דורך אביסעל ביי אונז אין שטעדטיל, טהוט עפיס דערצו מע זאל אזוי ניט שטארבען פון הונגער און פריהרען פון קעלט, וועט איהר זיך קויפען עולם הבא! אנ'עולם הבא-יוד! א יונגערמאן וואס האנדעלט מיט עולם הבא! געהט אייך געזונדערהייד מיט אייער סחורה צו די הולטייעס אפשר וועלען זיי ביי אייך האנדלען עולם הבא? מיר האבען אונזערע אייגענע מצוות און מעשים טובים, און אז עס וועט זיך אונז פארגלוסטען א חלק לעולם הבא, וועלען מיר זיך געפינען אנ'עצה אהן אייך!

אזוי זאגט צו מיר דער גבאי רב שעפסיל און באגלייט מיך ארויס מיט כעס און מיט א רעכטען קנאק מיט דער טהיר, און איך שווער אייך בנאמנות— מיר זעהען זיך דאך מיט אייך דאס ערשטע מאל און אפשר דאס לעצטע מאל, — פון יענעם פריהמארגען אן האב איך בעקומען עפיס א בעזונדערע מין שנאה צו ערליכע אלט-פרענקישע יודען, פיינט געקריגען די וואס דאווענען הויך און דבקה'ן זיך און באמקען און מאכען העויות, פיינט געקראגען

פֿרומאַקעס און די אַלע מינים יודען, וואָס ריידען מיט גאָט, וואָס דינען גאָט און וואָס טהוען אַלסדינג נאָר לשם שמים, כלומר׳שט פֿון גאָטס וועגען. אמת, איהר וועט מיר זאָגען, אַז ביי די היינטיגע, ביי די אויפֿגעקלערטע, איז פֿאַרהאַן נישט מעהר און אפשר נאָך וױנציגער יושר ווי ביי די אַמאָליגע, ביי די פֿרומאַקעס? עס קען זיין אַז גערעכט זענט איהר, נאָר וואָס דען? דער פֿאַר־דראָס איז חאָטש ניט אַזוי גרויס, מע רעדט חאָטש ניט מיט גאָט. אַי וועט איהר פֿרעגען, למאי שלאָגען זיך די היינטיגע אַזוי פֿאַר׳ן אמת, לעגען איין די וועלט, גלייך ווי דער רוח חאַפּט זיי אַוועק, און קומט צו עפּיס, — לאָזט זיך אויס, אַז סע הויבט זיך גאָר ניט אָן? נאָר שאַ! איך בין שוין דוכט זיך ווידער אין בויבעריק?...

האָט מיך היייסט דאָס, דער גבאַי ראשון רב שעפּסיל מחילה דורכגעטרי־בען. וואָס טהוט מען ווייטער? דאַרף מען גען ווייטער, צו די איבעריגע הייסט דאָס גבאים. האָט זיך אָבער דאָ געטראָפֿען אַ נס, אַ נס מן השמים, איך האָב פֿאַרשפּאָרט געהן צו די גבאים, ווארום די גבאים זענען געגאַנגען צו מיר, זיך באַגעגענט מיט מיר אַ נאָז קענען אַ נאָז ביי דער טהיר, און אַ מאַך געטהון צו מיר:

— דאָס זענט איהר אפשר דער יונגערמאַן פֿון דער ציג?

— פֿון וואָסער ציג? — פֿרעג איך.

— דער יונגערמאַן הייסט עס, וואָס האָט געבראַכט צופֿיהרען אַהער אַ מת — זענט דאָס איהר?

— יאָ, ס׳איז איך; וואָס איז דען?

— קומט צוריק, צו רב שעפּסלען, וועלען מיר זיך אַלע אינאיינעם האַלטען אַן עצה.

— האַלטען אַן עצה? — זאָג איך — וואָס איז שוין דאָ אַן עצה? נעהמט צו ביי מיר דעם מת און לאָזט מיך אָב, וועט איהר זיך קויפֿען עולם־הבא.

— עמיצער האַלט אייך דען? — מאַכען זיי צו מיר — פֿאָהרט אייך מיט׳ן מת וואוהין איהר ווילט, אַפילו קיין ראַדאָמישלי, מיר וועלען אייך נאָך זאָגען אַ דאַנק.

— אַ דאַנק אייך פֿאַר דער עצה — זאָג איך צו זיי.

— ניטאָ פֿאַר וואָס — מאַכען זיי צו מיר און מיר חאַפּען זיך אַריין אַלע דריי צוריק צו שעפּסלען און אַלע דריי גבאים צווישען זיך הויבען אָן ריידען, שפּאַרען זיך, קריגען זיך, כמעט מע זידעלט זיך. יענע צוויי זאָגען

אויף רב שעפּסלען אַז ער איז תּמיד אַ מחמיר, אַ האַרטער יוד, וואָס איהם איז שווער אײַנצובײַסען, און רב שעפּסעל וואַרפט זיך, שמיצט זיך, דרינגט זיי אוים מיט פּסוקים: „עניי עירך קודמין“, אַז די שטאָדט אָרימע לײַט וועגען בילכער. פאַלען אָן אויף איהם יענע צוויי:

— אם כּן איז וואָס? ווילט איהר הייסט דאָס, דער יונגערמאַן זאָל פאָהרען מיט'ן מת צוריק?

— חס ושלום! — זאָג איך — וואָס הייסט איך וועל פאָהרען מיט'ן מת צוריק? איך בין געקומען אַהער קוים אַ לעבעדיגער, שיער ניט אומגעקומען אין פעלד. דער ערל האָט מיך, לאַנג לעבען זאָל ער, געוואָלט אַרויסוואַרפען אין מיט'ן וועג פונ'ם שליטען. איך בעט אײַך, האָט רחמנות, בעפרײַט מיך פונ'ם מת, איהר וועט אײַך קויפען עולם הבא.

— עולם הבא איז אַודאי אַ גוטער ביסען — ענטפערט מיר איינער פון יענע צוויי, אַ הויכער יוד אַ דאַרער מיט דינע פינגער, דער וואָס מע רופט איהם אלעזר משה — דעם בר-מינן וועלען מיר בײַ אײַך צונעמען און טהון זיין רעכט, נאָר עטליכע קערבליך וועט דאָס אײַך קאָסטען.

— וואָס הייסט? — זאָג איך — לא די איך האָב גענומען אויף זיך אַזאַ מצוה, שיער ניט אומגעקומען אין פעלד, דער ערל האָט מיך, לאַנג לעבען זאָל ער, געוואָלט אַרויסוואַרפען פון שליטען, זאָגט איהר גאָר געלד?

— האָט איהר דערפאַר עולם הבא! — מאַכט צו מיר רב שעפּסעל מיט אַזאַ פאַסקודנע שמייכעלע, אַז סע גלוסט זיך מיר איהם אָבבאָרען, ווי סע געהער צו זיין, נאָר איך האַלט מיך איין מיט אַלע כּחות, וואָרום איך בין דאָך בײַ זיי אין די הענד!

— לאָזט זיך דינען! — זאָגט צו מיר איינער פון די אַנדערע צוויי גבאים, דער וואָס מע רופט איהם רב יוסי, אַ יודיל אַ קליינס מיט אַ האַלב בערדיל אַנ'אויסגעפליקטס — איהר דאַרפט וויסען, יונגערמאַן, אַז איהר האָט אויף זיך נאָך אַ באָמבע: איהר האָט נישט קיין פּאַפּירען; קיין פּאַפּירען האָט איהר ניט.

— וואָסערע פּאַפּירען? — פרעג איך איהם.

— פון וואַנען ווייסען מיר ווער דער בר-מינן איז? אפשר איז דאָס גאָר ניט דער וואָס איהר זאָגט? מאַכט צו מיר דער הויכער מיט די דינע פינגער, אלעזר משה הייסט דאָס.

איך שטעה און קוק פון איינעם אויפ'ן אַנדערען און יענער, דער לאַנ-

נער מיט די דינע פינגער, וואס מע רופט איהם אלעזר משה, שאקעלט צו מיט׳ן קאפ, און טייט מיט די דינע פינגער און זאגט צו מיר:

— יא, יא, יא. אפשר האט איהר אליין ערגיץ געקוילעט א יודענע און אפשר טאקי אייער אייגען ווייב און געבראכט צופיהרען אדער און דערצעהלט א מעשה: א פעלד-קרעטשמע, דעם קרעטשמארס ווייב, טשאכאטקע, קליינע קינדער, עולם הבא?..

א פנים אז איך בין געווארען רעכט טויט פון די דאזיגע דבורים, מחמת יענער, דער קליינער, וואס מע רופט איהם רב יוסי, האט מיר גענומען אויסריידען דאס הארץ, אז אייגענטליך זיי אליין וואלטען ניט געהאט קעגען דעם גאר נישט, ווארום וואס האבען זיי צו מיר? זיי ווענען מיך חלילה ניט חושד, זיי פארשטעהען גאנץ גוט, אז דאך בין איך ניט קיין גזלן און ניט קיין קוילער, נאר איך בין דאך פארט, זאגט ער, א פרעמדער, און א בר-מינן, איז ניט קיין זעקיל קארטאפלים, מע האט צו טהון מיט א טויטען מענשען, מיט א מת... ס׳איז זאגט ער, ביי אונז פארהאן א ראבינער און להבדיל אני-אוריאדניק, א פראטאקאל מוז מען מאכען...

— יא, יא, יא! א פראטאקאל! א פראטאקאל! — שטעלט אריין דער לאנגער וואס מע רופט איהם אלעזר משה, און טייט מיט׳ן פינגער און קוקט אויף מיר פון אויבען אראב מיט א זעלכע אויגען, גלייך ווי איך וואלט דא באמת אבגעטהון עפיס אזעלכס וואס סע קומט מיר קרימינאל... איך האב שוין מעהר קיין ווערטער ניט; איך פיהל נאר ווי א שוויים איז מיר ארויס-געטראטען אויפ׳ן שטערען, און ס׳איז מיר געווארען, ניט פאר אייך גערעדט נישט גוט אויף צו הלש׳ן, איך האב גוט פערשטאנען די וויסטע פינסטערע לאגע מיינע, ווי מאום איך האב מיך דא אריינגעהאפט, ס׳איז מיר געוועזען א בזיון מיט א פארדראס מיט א הארצוועהטאג אינאיינעם, האב איך מיך מישב גע-וועזען, וואס וועל איך דא מאכען מיט זיי לאנגע מחזקות? געה איך און נעהם ארויס דאס טייסטעריל און רוף מיך אן צו די דריי גבאים פון חברה-קדישא:

— הערט-זשע אויס, יודען, די מעשה דערפון איז אזוי: איך זעה שוין, אז כ׳האב מיך דא גוט אריינגעהאפט. דער גוטער יאהר האט מיך גע-טראגען איך זאל זיך אבשטעלען אין א פעלד-קרעטשמע אנווארעמען זיך און טרעפען אקוראט דעמאלט ווען דעם קרעטשמארס ווייב פארגלוסט זיך מאכען א שטארב, און הערען ווי א יוד אנארעמאן, א מטופל מיט קינדער בעט זיך, רעדט מיך צו איך זאל זיך קויפען עולם הבא, בעדארף עס מיך קאפ-טען רבי-געלד. אט האט איהר אייך מיין טייסטער מיט געלד, איך פארמאג

אַרום און אַרום בסך הכל אַ קערבליך עטליכע און זיבעציג; נעהמט אייך און טהוט אייך ווי איהר פֿאַרשטעהט; מיר לאָזט נאָר איבער אויף דער הוצאה ביז ראַדאָמישלי, און נעהמט צו ביי מיר דעם בר-מינן און לאָזט מיך אַרויס פֿון דאַנען מיט'ן לעבען.

אַ פּנים, אַז מיינע ווערטער זענען געזאָגט געוואָרען מיט דארץ, וואָרום אַלע דריי גבאים האָבען זיך איבערגעקוקט צווישען זיך, נישט געוואָלט זיך צוריהרען צו מיין טייסטעריל מיט געלד, און האָבען מיר געזאָגט, אַז ס'איז ביי זיי חלילה ניט סדום; אמת, דאָס שטעדטיל איז טאַקי אַן אָרעם שטעדטיל און קבצנים זענען ביי זיי פֿאַרהאַן אַ סך מעהר פֿון נגידים, נאָר נעהמען אָנ-פֿאַלען אויף אַ פֿרעמדען מענשען און זאָגען איהם: „ושיד, דאַוואַי ראָשע" — דאָס פֿע! מהיכתיתי, וויפֿיל איך וועל געבען מיט מיין גוטען ווילען, איז גוט; פּטור בלא כלום דאָס געהט ניט, ס'איז זיין אָרעם שטעדטיל; הײַנט עפּיס שמשים, חברה, נושאי המטה, תכריכים, בראַנפֿען, קרקע-געלד, געוויינטליך צו ביסלעך, שיטען דאַרף מען ניט, וואָרום שיטען האָט קיין שיעור ניט!

מילא. וואָס זאָל איך אייך נאָך דערצעהלען ווייטער? דער קרעטש-מער זאָל פֿערמאָגען די ר"ש אלפים, וואָלט זיין ווייב ניט געקאָנט האָבען אַזאַ לויה, ווי זי האָט געהאַט! דאָס גאַנצע שטעדטיל איז זיך צונויפֿגעלאָפֿען אָנ-קוקען דעם יונגעמאַן, וואָס האָט געבראַכט אַ בר-מינן. איינער דעם אַנדערען האָט איבערגעגעבען די מעשה מיט אַ יונגעמאַן און מיט אַ בר-מינן זעהר אַ רייכען, אַ רייכע שוויגער (פֿון וואַנען האָבען זיי גענומען, אַז ס'איז מיין שוויגער?) איז מען געקומען מקבל פּנים זיין דעם רייכען יונגעמאַן, וואָס האָט געבראַכט די רייכע שוויגער און שיט מיט געלד... מע האָט ממש געטייט אויף מיר מיט די פֿינגער, און אָרימע לייט? כחול הים! זינט איך לעב, זינט איך שטעה אויף מיינע פֿיס האָב איך אַזוי פֿיעל אָרימע לייט ניט געזעהען! ערב יום כּפּור פֿאַר דער שוהל איז גאָר קיין דמיון ניט! מע האָט מיך געשלעפּט פֿאַר די פּאָלעס, געריסען אויף שטיקלעך. אַ קליינינגקייט, אַ יונגערמאַן וואָס שיט מיט געלד? אַ גליק וואָס די גבאים האָבען זיך אָנגענומען מיין קריוודע, נישט דערלאָזט מיך איך זאָל אַוועקגעבען דאָס גאַנצע געלד, און איבערהויפּט יענער הויכער וואָס מיט די דינע פֿינגער, אלעזר משה הייסט דאָס, איז ניט אָבגע-טראָטען פֿון מיר אויף קיין רגע און האָט ניט אויפֿגעהערט צו טענען מיט מיר און טייטען מיט די פֿינגער: „יונגערמאַן! שיט נאָר נישט מיט קיין געלד! שיטען האָט קיין שיעור ניט!" נאָר וואָס מעהר יענער האָט גע'טענעט, איך זאָל ניט „שיטען", האָבען זיך אַלץ מעהר געקליבען אַרום מיר שלעפּערס

און נעריסען פון מיר שטיקער פלייש: „נישקשה! — האָבען געשריגען די אָרימע לייט — נישקשה, אַז מע באַגראָבט אַזאַ רייכע שווינער, מעג מען זיך לאָזען קאָסטען נאָך אַ פּאָר גראָשענס! די שווינער האָט איהם געלאָזט גענוג געלד! חוץ זיין שאָדען אויף אונז געזאָגט געוואָרען!"

— יונגערמאַן! — שרייט איינער אַ שלעפּער און שלעפּט מיך ביי דער פּאָלע — יונגערמאַן! גיט אונז אויף צווייען איין האַלב קערביל! חאָטש אַ פערציגער גיט אונז! מיר זענען צוויי געבאָהרענע קאַליקעס, איינער אַ בלינדער, דער אַנדערער אַ קרומער, גיט אונז חאָטש אַ גילדען, אַ גילדען אויף צוויי קאַליקעס, צוויי קאַליקעס איין גילדען זענען תמיד ווערטה!..

— וואָס הערט איהר, וואָס ער וועט אייך דערצעהלען קאַליקעס? — שרייט נאָך אַ שלעפּער און שמופּט אָב יענעם שלעפּער מיט די פיס — אָט דאָס הייסט ביי איהם קאַליקעס? אַ קאַליקע איז מיין ווייב, אָהן הענד אָהן פיס, אָהן לייב און לעבען און מיט קליינע קינדער אויך קראַנקע, גיט מיר חאָטש יונגערמאַן, נאָך אַ פיטאַקעל, וועל איך זאָגען קדיש נאָך אייער שווינער זי זאָל האָבען אַ ליכטיגען גן-עדן!

איצטער לאַך איך, דעמאָלט בין איך געווען ווייט פון געלעכטער, וואָרום די חברה אָרימע לייט זענען געוואַקסען ווי אויף הייוועץ, מע האָט אין איין האַלבע שעה פאַרפלייצט דעם גאַנצען מאַרק; ס'איז אונמעגליך געווען זיך רידערען מיט דער מטה. די חברה שמשים האָבען מיט שטעקענס געמוזט נעהמען זיך צוטרייבען דעם עולם, איז דערפון אַרויס אַ געשלעג האָבען זיך שוין אָנגעהויבען קלויבען אַרום אונז גוים אויך און גוי'עס און שקצים'לעך און שיקסעס לרוב, ביז עס האָט דערגרייכט אין די הויכע פענסטער, פאַרשטעהט איהר, און עס האָט זיך באַוויזען דער אָדון דער אוראַדניק רייטענדיג אויף אַ פערד מיט אַ בייטשעל אין דער האַנד און האָט מיט איין קוק און מיט עטליכע גוטע בייטשלעך צוטריבען דעם גאַנצען עולם ווי די פייגעלעך און אַליין איז ער אַראָב פונים פערד און צוגעגאַנגען צו דער מטה, חוקר ודורש זיין וואָס דאָ טהוט זיך, ווער איז דאָס געשטאָרבען, פון וואָס איז מען געשטאָרבען, און וואָס איז אַזוי פאַרפלייצט דער מאַרק? צום ערשטען איז איהם נעפעלען אַ פרעג טהון מיך ווער בין איך, פון וואַנען און וואוהין פאָהר איך דאָס? איז מיר געוואָרען „פרחה נשמתי", און בין געבליבען אָהן לשון. איך וויים ניט, וואָס דאָס איז? דערזעה איך אַנ'אוראַדניק, לאָז איך אָב הענד און פיס, חאָטש איך האָב אויף מיין לעבען נישט אָנגערירט ווי מע זאָגט קיין פליג אויף דער וואַנט, און איך וויים גאַנץ גוט, אַז אַנ'אוראַדניק איז

א מענש, א בשר ודם גלייך מיט אלע מענשען. אדרבה, איך קען א יודען וואס לעבט מיט'ן אוראדניק ווי אנדערע צוויי, געהען איינס צום אנדערען צו גאסט, קומט יום־טוב עסט דער אוראדניק ביים יודען פיש און דעם יודען איז דער אוראדניק מכבד מיט אייער, קען זיך גאר ניט אפלויבען וואס פאר א גוי דאס איז! און פונדעסטוועגען, אז איך דערזעה אן־אוראדניק, אנטלויף איך. א פנים, אז ס'איז א ירושה־זאך, ווארים איך אליין דארפט איהר וויסען, קום ארויס פון „געשמיסענע", פון די סלאוויטער הייסט דאס, טאקי פון די אמת'ע סלאוויטער וואס בימי וואסילטשיקאוו, וואס וועגען דעם האב איך אייך צו דערצעהלען און צו דערצעהלען גאנצע פעק! נאר שא! איך בין שוין דאכט מיר אויף יענער זייט בויבעריק?...

האט מיך הייסט דאס דער אדון דער אוראדניק גענומען אויפ'ן צימבעל: ווער בין איך און וואס בין איך און פון וואנען און וואוהין פאהר איך? גער דערצעהל איהם א מעשה, אז איך זיץ ביים שוועהר אין וואהיל אויף קעסט און דאס פאהר איך קיין ראדאמישלי נאך א פאס! לאנג לעבען זאלען טאקי די גבאים, וואס זיי האבען מיך אויסגעלייזט פון א צרה: איינער פון יענע צוויי גבאים, דער קלייגער וואס מיט'ן אויסגעפליקטען בערדיל, האט אוועקגערופען דעם אדון אויף א זייט, מיט איהם עפיס געסודעט זיך דארטען, און דער הויכער וואס מיט די דינע פינגער האט מיך דערווייל געלערנט, און אייגעטייט מיט די פינגער, וואס איך זאל זאגען:

— יהודי בלא! איהר דבר'ט איהם, אז איהר זענט א היגער, נאר איהר זיצט ניט ווייט סמוך לעיר, און דאס איז אייער חמותי, הייסט דאס די שוויגער אייערע איז נפטר געווארען, זענט איהר געקומען אהער זי מקבר זיין, און בשעת איהר וועט איהם נתנ'ען אין יד אריין, זאלט איהר אויסקלערען עפיס א נאמען פון דער הגדה, און דעם ערל אייערען וועלען מיר אוועקרופען אין בית אריין און מכבד זיין מיט א צנצנת יי"ש, לאז ער זיך ניט דרעהען דא פאר די עינים, וועט זיין טוב מאד!

און דער אדון דער אוראדניק איז אריין מיט מיר אין א שטוב און האט מיך גענומען צום פראטאקאל. קום זאל מיך אזוי וויסען בייז מיט אייך איינגאייעם, ווי איך וויים וואס איך האב איהם דארטען אנגעבעבעט. איך געדענק נאר אז איך האב עפיס געבעלעבעטשעט מיט דער צונג, וואס ס'איז מיר געקומען אויפ'ן זינען, דאס האב איך געזאגט, און ער האט פארשריבען אויף פאפיר.

— ווי אזוי רופט מען דיך?

— מאָושע.
— דעם טאַטען?
— איצקאָ.
— וויפיל ביזט דו אַלט?
— ניינצעהן יאָהר.
— אַ באַווייבטער?
— אַ באַווייבטער.
— קינדער פאַרהאַן?
— פאַרהאַן.
— וואָס איז דיין טהועכטס?
— אַ סוחר.
— ווער איז דאָס געשטאָרבען?
— מיין שווינער.
— ווי אַזוי האָט זי געהייסען?
— יענטע.
— איהר פאָטער?
— גרשון.
— וויפיל אַלט איז זי געווען?
— פערציג יאָהר.
— פון וואָס איז זי געשטאָרבען?
— פון אַ דערשרעק.
— פון אַ דערשרעק?
— פון אַ דערשרעק
— וואָס הייסט פון אַ דערשרעק? — מאַכט ער צו מיר און לעגט אַוועק די פען, פאַרוויכערט אַ פאַפּיראָס און בעטראַכט מיך פון קאָפּ ביז פיס, און איך פיהל, אַז אַט אַט קלעבט זיך מיר צו די צונג צום גומען. האָב איך מיך מיישב געווען, איך האַלט שוין במילא אין באַקען שקרים, דאַרף מען באַקען ווייטער! און איך האָב איהם דערצעהלט אַ גאַנצע מעשה, ווי אַזוי מיין שווינער איז געזעסען איינע אַליין איבער איין ארבייט, געאַרבייט אַ זאַק, און האָט זיך פאַרגעסען אַז אין שטוב זיצט איהרס אַ יונגעל, אפרים הייסט ער, שוין אַ בחור׳ל פון אַ יאָהר דרייצעהן, נאָר אַן אָבגעריסענער נאַר, אַ לעקיש, שפּילט זיך נאָך מיט׳ן שאָטען, איז ער זיך מישב און לעגט צונויף אונטער דער שווינערס פלייצעס ביידע הענד און מאַכט אַ ציגעלע אויף דער

וואַנד פּונ׳ם שאָטען און עפּענט אויף דאָס מויל און טהוט אַ געשריי „מעעעע!“ איז זי אַראָבגעפאַלען פונ׳ם ביינקעל, די שוויגער הייסט דאָס, און איז געשטאָרבען.

אַזוי וועב איך איהם אַ לאַנג מאָרגעס ליגען און ער קוקט, לאָזט ניט אַראָב קיין אויג פון מיר די גאַנצע צייט, און איך רייד, שיט, בעלעבעטשע מיט דער צונג, איך ווייס אַליין ניט וואָס... אויסגעהערט מיך ביז׳ן סוף, שפּייט ער אויס, ווישט זיך אויס די רויטע וואָנסעס, גערט אַרויס מיט מיר אין דרויסען אַרויס צו דער מטה, דעקט אויף די שוואַרצע דעק, טהוט אַ קוק דער געשטאָרבענער אין פּנים, טהוט אַ מאַך מיט׳ן קאָפּ, ווי איינער רעדט: ס׳איז עפּיס ניט גלאַט!..“ איך קוק אויף איהם, ער אויף מיר, נאָכדעם רופט ער זיך אָן צו די גבאים:

— נו, די געשטאָרבענע קענט איהר באַהאַלטען און איהם, דעם דאָזיגען חברה-מאַן, מוז איך דאָ פאַרהאַלטען ביז איך וועל אויספאָרשען די זאַך, צי ס׳איז אמת, אַז דאָס איז זיין שוויגער און אַז זי איז געשטאָרבען פון אַ דערשרעק.

איהר קאָנט זיך פאָרשטעלען ווי ביטער און פינסטער מיר איז געוואָרען פון דער דאָזיגער בשורה! פאַר צרות האָב איך זיך אָבגעקערעוועט אָן אַ זייט און האָב זיך צוויינט, ווי אַזוי מיינט איהר צוויינט? ווי אַ קליין קינד.

— יונגערמאַן! וואָס וויינט איהר? — מאַכט צו מיר יענער, דער קליינטשקער, וואָס מע רופט איהם רב יוסי, און ער טרייסט מיך, רעדט מיר אויס דאָס האַרץ, אַז ס׳וועט מיר גאָר ניט שאַדען, וואָרום ממה נפשך, בין איך דאָ ריין — וואָס-זשע האָב איך מורא? — אַז מע עסט ניט קיין קנאָבעל, הערט זיך ניט פונ׳ם מויל — לעגט צו רב שעפּסיל דער גבאי מיט אַזאַ שמייכעלע אַז עס גלוסט זיך מיר אויפוואַרפען איהם צוויי פלאַמפייערדיגע פּעטש אין ביידע גראָבע באַקען... גוואַלד! וואָס האָט מיר געניצט אויסטראַכטען אַזאַ מאוס׳ען גראָבען ליגען, אַריינמישען אַהער די שוויגער מיינע? עס געדט מיר טאַקי מעהר ניט אָב צו מיינע זיידענע קליידער עס זאָל דערגעהן צו איהר די דאָזיגע מעשה, ווי אַזוי איך האָב זי לעבעדיגערהייט באַגראָבען דורך אַ דערשרעק!...

— ידידי בלא, שרעקט זיך נאָר ניט אַזוי, נאָט איז מיט אייך! דער אָדון איז גאָר ניט אַזאַ בייזער אָדון ווי איהר מיינט. איהר גתנט איהם נאָר אין יד אַריין... און דברט אַיהם ער זאָל מיט׳ן פּראָטאָקאָל מאַכען בלא... דער אָדון

איז אַ קלוגער אָרון, אַ דורכגעטריבענער; ער ווייסט גאַנץ גוט אַז אַלסדינג וואָס איהר האָט דאָ גערעדט איז מחילה שקר וכזב.

אַזוי מאַכט צו מיר רב אלעזר משה, און טייטעלט מיר מיט די דינע פינגער. איך זאָל קאָנען וואָלט איהם צעריסען אויף צווייען, ווי מע צערייסט אַ שטיינער אַ הערינג. אין גאַנצען האָט ער דאָך מיך אַרויסגעפיהרט אויף דעם דאָזיגען גליטש, ימח שמו וזכרו!...

איך קאָן מעהר נישט דערצעהלען. איך קאָן אפילו ניט דערמאַנען מיך וואָס איך האָב דעמאָלט געהאַט! איהר פערשטעהט דאָך שוין אַליין, אַז די עטליכע גילדען האָט מען ביי מיר צוגענומען, אין קאָטשומעגט אַריין האָט מען מיך איינגעזעצט און אַ משפט האָב איך אויף זיך געהאַט — נאָר דאָס איז נאָך אַלץ בלאָטע קעגען דעם וואָס כ'האָב געהאַט נאָכדעם, אַז ס'איז דערגאַנגען צו מיין שוועהר און שוויגער, אַז זייער איידעם זיצט פאַר אַ מת וואָס ער האָט געבראַכט צו פיהרען פון ערגיץ... סע פאַרשטעהט זיך אַז זיי זענען גלייך געקומען צופאָהרען און האָבען זיך געמעלדעט אַז זיי זענען מיינע שוועהר און שוויגער — אָט דאָ האָט זיך ערשט פערקאָכט די רעכטע חתונה: פון איין זייט פאָליציע נעמט מיך אויפ'ן צימבעל: „שענער בחור וואָס דו ביזט! ווי באַלד אַז די שוויגער דיינע יענטע בת גרשון לעבט, היינט ווער איז געוועזען די געשטאָרבענע?..." דאָס איז נומער איינס. והשנית האָט זיך געגנומען צו מיר די שוויגער זאָל לעבען: „איך פרעג דיך נור איין זאַך: זאָג מיר נור, וואָס האָסט דו געהאַט צו מיר נעמען און באַגראָבען מיך אַ לעבעדיגע?!..." זעלבסטפערשטענדליך, אַז אויפ'ן משפט האָט זיך אַרויסגעוויזען אַז איך בין ריין ווי גין-גאָלד, עס האָט געקאָסט געלד, מע האָט אַראָבגעבראַכט עדות דעם קרעטשמער מיט די קינדער, און מע האָט מיך פון געפענקעניש בעפרייט. נאָר וואָס איך בין דעמאָלט אויסגעשטאַנען און איבערגעפיהרט פון דער שוויגער — דאָס ווינש איך ניט דעם גרעסטען, דעם ערגסטען שונא! — — —

פון דעמאָלט אָן אַנטלויף איך פון עולם הבא...

די יורשים.

די יורשים.

(„צו די קליינע מענשעלעך מיט קליינע השגות“).

א.

די מאיר'ס מיט די שניאור'ס“... אייגענטליך זענען דאס געוועזן נור איין מאיר און נור איין שניאור, און געוועזן זענען זיי א צווילינג און אזוי שטארק עהנליך איינס מיט דאס אנדערע, אז ס'איז געוועזן צייטען, וואס איז כמעט אונמעגליך געוועזן צו טרעפען ווער פון די צוויי איז דא מאיר און ווער איז דער שניאור.

קינדווייז, דערצעהלט מען, האט זיך געטראפען מיט זיי א מעשה, מען האט זיי שיעור ניט פארביטען, און אפשר קאן זיין, אז מען האט זיי טאקי פערביטען, ומעשה שהיה כך היה.

זייער מוטער איז געוועזן, דארפט איהר וויסען א יודענע א קלייניטשקע, נעביך ניט קיין געזונדע, נור זעהר א קינדעליגע, דאס הייסט, זי האט אויף איהר לעבען שטארק געקינדעלט; אלע יאהר, אלע יאהר האט זי געהאט א קינד; דאס קינד האט אבער ניט מעהר געמוטשעט זיך ווי א יאהר און איז, נישט פאר אייך געדאכט, אוועקגעקומען אזוי לאנג ביז זי האט אויפגעהערט צו קינדלען און האט געמיינט ס'איז איין עק, און צום סוף — דעם אייבערשטענס נסים! — האט זי נאט בעגליקט, אויף דער עלטער שוין און דוקא מיט א פארזיל! איז איהר אבער שווער געוועזן אליין אויסזויגען ביידע קינדער, האט זי נעביך געמוזט דינגען א צווייגערין, א ברירה האט זי געהאט? א כתריאליעווקער יוד, ער מעג זיין ווי אריים, וועט ער אויף דער גאס קיין קינד נישט ארויסווארפען און אויף פרעמדע הענד דאס נישט אוועקגעבען, סיידען חלילה א יתום...

בּעשטעלט אַ צווילינגרין, האָט די מוטער גענומען זיך מאירן (מאיר איז געווען עלטער פון שניאורן אויף אַ גוטע האַלבּע שעה), און שניאורן האָט זי אַוועקגעגעבען דער אַם. נור אַזוי ווי די אַם איז אויך געווען, נישט פאַר אייך געדאַכט, אַ יודינע נישט קיין געזונטע, האָבען ביידע אי מאיר אי שניאור, געהאַט מכות נישט קיין מילך, און זיי זענען ביידע געבּיך, אויס-געגאַנגען פון הונגער, געשריגען גאַנצע נעכט, זיך געריסען אויף די גלייכע ווענד.

ויהי היום האָט מען גענומען איינמאָל די קינדער באָדען, געוויינטליך אין איין מולטער; אויסגעטהון זיי די העמדלאך און אַריין געלייגט זיי ביידע אין הייס וואַסער אַריין, זענען ביידע ברעקלעך געוואָרען רויט און אָנגעבלאָזען ווי פּאַחירליך; עס ווייזט אויס, אַז זיי האָבען פון דעם באָד משונה הנאה געהאַט — אַ יוד האָט ליעב אַ באָד... ביידע ווייגערינס זענען געשטאַנען איבער דער מולטער און האָבען אונטערגעגאָסען אַלע מאָל פריש וואַסער און די קינדער האָבען אָנגעקוואָלען, געמאַכט מיט די הענטלעך און מיט די פיסלעך, ווי אַ זשוּ-קיל, האָט איהר געזעהן אַמאָל, אַז מען קעהרט איהם איבער מיט'ן בייכעל אַרויף. אָבגעבאָדען, האָט מען דאָס פּאָריל אַרויסגענומען איינגעהילט אין אַ ליי-לעך (איין ליילעך) און אַריינגעלייגט אין בעט אַריין (אין איין בעט אַריין) זיי זאָלען זיך אַ ביסעל אָבטרוקענען, און אַז ס'איז געקומען צום אָנטהון זיי צוריק די העמדלעך, האָט מען נישט געקאָנט שוין דערקענען, ווער פון די צוויי איז מאיר און ווער איז שניאור? און ס'איז אַוועק אַ שפּאַרעניש צווישען דער מאַמען און די ווייגערין:

— זעה נור, זעה, כ'וואָלט געמעגט שווערען, אַז דאָס איז גאָר מאיר און יענץ איז שניאור!

— ווייס איך וואָס איהר רעדט! דאָס איז שניאור און יענץ איז מאיר! איהר זעהט דען נישט?

— וואָס האָט זיך מיר געחלומ'ט יענע נאַכט און היינטיגע נאַכט און אַ גאַנץ יאָהר! ביזט משוגע צי חסר דעה?

— אַך רבונו-של-עולם! איהר זעהט נישט נאָך די אויגען, אַז דאָס איז שניאור און יענץ איז מאיר? זעהט נור צוויי אויגען!

— ס'אַ גוטער משל! פערשטעהט זיך צוויי אויגען נית קיין דריי.

בקיצור איינע שרייט אויף מאירן אַז ס'איז שניאור און אויף שניאורן אַז מאיר, און די אַנדערע אַז שניאור איז מאיר און מאיר איז שניאור. זענען די מאַנסבּילען געפאַלען אויף איין עצה, פאָרט מאַנסבּילען!

— ווייסט איהר וואָס? אַט פּרובט זיי געבען זייגען, וועלען מיר זעהען: דער וואָס וועט אָננעהמען ביי דער מוטער, איז אַ סימן אַז ס'איז מאיר, און דער וואָס וועט אָננעהמען ביי דער אַם, איז אַ סימן, אַז ס'איז שניאור. אַ פּראָסטער שכל!

כך הוה, ביידע ברעקלעך, מען האָט זיי נור צוגעטוליעט צו דער ברוסט, האָבען זיי זיך צוגעכאַפּט ווי נאָך אַ תענית, געצויגען ווי פּיאַווקעס, געשמאַקצעט מיט די ליפּען, בשעת מעשה געדריגעט מיט די פיסלעך און אונטערגעוואָרטשעט ווי הונגעריגע הינטלעך.

— גאָט'ס נסים, — זעהט ווי דער אויבערשטער האָט בעשאַפען די וועלט!...

אַזוי האָבען געזאָגט די מאַנסבילען מיט טרעהרען אין די אויגען און זענען אַ בעלן געווען אויף טשיקאַוועס פּרובען איבערבייטען די ברוסט, זעהן וואָס דאָ וועט זיין? און מען האָט די קינדערלעך נעביך אָבגעריסען פון דער ברוסט, און מען האָט זיי איבערגעלייגט: שניאור'ן אויף מאיר'ס אָרט און מאיר'ן אויף שניאור'ס אָרט — וואָס מיינט איהר איז געוועזן? איהר מיינט אודאי אַז זיי האָבען נישט געזויגען? נאָך אַ מין זויגען!...

פון דעמאָלט אָן האָט מען זיך שוין מיאש געווען פון זיי און מען האָט שוין אויפגעהערט צו אונטערשיידען: ווער איז מאיר און ווער איז שניאור, לאָז זיין מאיר שניאור און שניאור מאיר, און מען האָט זיי אַ נאָמען געגעבען: „די מאיר'ס מיט די שניאור'ס". גלייך ווי עס וואָלט געווען צוויי מאיר'ס און צוויי שניאור'ס דאָס הייסט יעדער פון די צוויי איז געווען פאַר זיך אַ מאיר מיט אַ שניאור... נישט איינמאָל האָט זיך געמאַכט, אַז מען האָט אין חדר אָבגעשמיסען מאיר'ן ווען מען האָט בעדאַרפט שמייסען שניאור'ן, אָדער פערקעהרט, מען האָט אַריינגעצימבעלט שניאור'ן דעמאָלט ווען די שמיץ איז געקומען מאיר'ן. און בכדי עס זאָל נישט זיין נאָכדעם קיין פערדראָס, פלעגט דער רבי פאַלען אויף איין עצה (וואו תורה דאָרט איז חכמה!)

— ווייסט איהר וואָס קינדערלעך? לייגט זיך אַקאָרשט אַוועק ביידע וועט ניט זיין קיין קנאה, מיך געשמיסען, דיך געשמיסען, אַ שעהנע ריינע כפרה, צווישען דער משפחה וועט דאָס בלייבען...

ערשט אָט שפּעטער נאָך דער בר-מצוה, אַז די מאיר'ס מיט די שניאור'ס האָבען זיך אויפגעכאַפּט אויף די פיס, איז מיט אַמאָל געוואָרען צווישען זיי חלוק, אַז מען האָט זיי שוין געקאָנט דערקענען ביי נאַכט פאַר אַ מייל. גאָט'ס וואונדער! עס האָט זיך אָנגעהויבען שיטען ביי זיי אַ בערדיל (זיי האָבען אַ

פנים ביידע צו פריה צוגעהויבען רייכערן ציגארען? און ביי מאיר'ן האט זיך בעוויזען א"ף די בעקלעך און אויף די אויבערשטע ליפ שווארצע הערלעך (אבער שווארץ ווי טינט!) און ביי שניאור'ן — רויטע הערלעך (אבער רויטע אזוי ווי פייער!) די דאזיגע בערה זענען געוואקסען ביי זיי ווי מיט רוחות (זיי האבען א פנים ביידע צו שטארק גערויכערט ציגארען) אזוי אז צו דער חופה האבען זיי געטראגען צוויי בערד, וואס זאג איך בערד? — בעזעמער! איינער א שווארצען בעזעם, און דער אנדערער א רויטען בעזעם און אויס-געזעהען האט עס ווי עמיצער האט זיי די בעזעמער אנגעהאנגען.

גרויס זענען די ווערק פון גאט און זיינע וואונדער האבען נישט קיין ברעג, ווארום ווער וויים וואס דא וואלט געקאנט ארויס ווען למשל נאך דער חתונה פערבייטען זיך חלילה מיט די ווייבער, מיין איך פערקעהרט די ווייבער פערבייטען זיך מיט די מאנען. איך וויים ניט ווי אזוי ביי אייך, אין די גרויסע שטעדט, ביי אונז אין כתריאליווקע האט זיך לעת עתה אזא מעשה נאך נישט געטראפען מען זאל זיך פערבייטען מיט די יוצרות. ממה נפשך: בין איך דיין ווייב ביזט דו מיין מאן, און ביזט דו מיין מאן בין איך דיין ווייב; אלא וואס דען? ביזט יענערס מאן, בין איך יענעמס ווייב, בין איך יענעמס ווייב ביזט דו יענערס מאן. א קשיא טאמער איז געמאלט אז מיין מאן זאל זיך מישב זיין און זאגען אז עס מאכט איהם נישט אויס יענעמס ווייב אויך — וואס הייסט נו? און וואו בין איך? איך וועל איהם שווייגען???!!

הקצור נישט דאס איז דער עיקר, וואס איך האב אייך געוואלט דער-צעהלען. די רעכטע מעשה הייבט זיך ערשט אן און קומט דער נעכסטער פרייטאג. דערווייל האט א גוטען שבת!

ב.

ביז אהער האבען מיר זיך בעשעפטיגט נאר מיט די מאיר'ס און שניאור'ס, דאס הייסט מיט מאיר'ן און מיט שניאור'ן, און אביסעל בעקאנט זיך מיט זייער מוטער און מיט דער זויגערין, און האבען נישט גערעדט קיין ווארט נאך פון זייער פאטער, גלייך ווי זיי וואלטען חלילה קיין מאל נישט געהאט קיין טאטען... לאז נאט היטען! אזא זאך קאן זיך טרעפען נור ביי זיי, נישט ביי אונז. ביי אונז איז נישטא ברוך השם קיין פינדעל-הויז, וואו קינדער זאלען וואקסען אהן א טאטע מאמע, ביי אונז האט זיך נאך נישט געטראפען, אז א קינד זאל אויפוואקסען און ניט וויסען ווער איז זיין ריכטיגער טאטע, און אויב

ס'זאָל אַמאָל דורכגעפֿאַלען בײַ אונז אַזאַ מעשׂה, האָט זיך עס געווים געטראָפֿען ערגיץ אין אָדעס אין פּאַריז אָדער אין דעם ווײַטען אַמעריקאַ... פֿאַר כתריאליוו־קע בין איך אייך ערב, אַז דאָרט האָט זיך אַזאַ מעשׂה נישט געטראָפֿען קיין מאָל, און אויב ס'האָט זיך געטראָפֿען, האָט זיך עס געטראָפֿען ערגיץ ווײַט איך מיט וועמען, מיט אַ דינעסט מיידעל, אָדער אַזוי מיט אַ יודישע טאָכטער געבין, וואָס איז פֿאַרפֿירט געוואָרען דורך אַ צופֿאַל, געפֿאַלען אַ קרבן פֿאַר פֿרעמדע זינד...

הקצור די מאיר'ס מיט די שניאור'ס האָבען געהאַט אַ טאַטען און נאָך אַ שעהנעם (טאַטען דערצו, און געהייסען האָט ער ר' שמשון אַ יוד אַיין ערליכער, און געהאַט האָט דער ר' שמשון אַ באָרד, אַ גרויסע, אַ רייכע, אַ שעהנע באָרד, אַ „זקנה": מען קאָן זאָגען אַז בײַ ר' שמשון'ען איז געווען מעהר באָרד ווי פּנים, איבער דער דאָזיגער באָרד האָט מען כמעט נישט אַרויס־געזעהען דאָס פּנים, און דערפֿאַר טאַקי האָט ער אין כתריליווקע נישט געהאַט קיין אַנדער נאָמען, ווי רב שמשון באָרד.

און געווען איז דער רב שמשון באָרד... לאָמיך אַזוי וויסען ביז וואָס ער איז געווען. ער איז געווען אַ יוד, וואָס האָט כל ימיו געמוטשעט זיך, געפּלאָגט זיך איבער'ן שטיקעל ברויט; מלחמה געהאַלטען מיט'ן דלות, אַמאָל האָט ער בײַגעקומען דעם דלות, אַמאָל דער דלות איהם, ווי דער שטייגער איז פֿון די כתריאליווקער יודען וואָס האָבען קיין מורא נישט פֿאַר'ן דלות, שטעלען איהם אוים דרײַ פֿײַגען...

און געלעבט האָט דער רב שמשון באָרד אַזוי לאַנג ביז ער איז גע־שטאָרבען. און אַז ער איז געשטאָרבען האָט מען איהם בעהאַלטען מיט גרויס כבוד, כמעט די גאַנצע שטאָדט נאָכגעגאַנגען נאָך דער לויה:

— ווער איז געשטאָרבען?

— רב שמשון.

— וואָסער רב שמשון?

— רב שמשון באָרד.

— אוי וואַ! איז שוין היינט דאָס רב שמשון באָרד אויך אַוועקגעקומען? ברוך דין אמת!

אַזוי האָט מען געשמועסט אין כתריליווקע און בעדויערט נישט אַזוי רב שמשון'ען אַליין, ווי דאָס וואָס אין שטאָדט ווערט ווינציגער אַלע מאָל מיט אַ יודען. משונה מאָדנע בריאים אַט די כתריליווקער יודען: לאָ די זיי זאָגען אַועלכע אָרימע לײַט, וואָס זעגען קיינמאָל נישט זאַט, וואָלטען זיי נאָך

א בעלן געווען אז קיינער זאל ביי זיי נישט שטארבען. זייער איינציגער טרייסט איז, וואס שטארבט מען אומעטום, אפילו אין פאריז, און וואס אויסקויפען זיך פונ'ם טויט קויפט זיך נישט אויס קיינער, און אפילו ראטשילד אליין, וואס איז כמעט גרעסער פונ'ם מלכות, פון דעסטוועגען אז עס קומט די צייט פון שטארבען, בעט מען איהם מחילה, ער זאל זיך מטריח זיין אהינצוצו און ער מוז געהן!

אצינד קעהרען מיר זיך אום צוריק צו די מאירס מיט די שניאורס. כל זמן רב שמשון בארד האט געלעבט זענען די מאירס מיט די שניאורס געווען קאן מען זאגען נפש אחת, געלעבט איין זעל איין נשמה. און אז רב שמשון בארד איז געשטארבען, זענען זיי געוואָרען פייער מיט וואסער, גרייט געווען אלע מינוט ארויפאלען איינס אויף דאס אנדערע און אויסרייסען זיך די בערד. איהר ווילט וויסען איבער וואס? אדרבה, זאגט איהר איבער וואס קריגען זיך קינדער נאָכ'ן טאטענס טויט? פערשטעדט זיך איבער ירושה. אמת, רב שמשון האט נישט איבערגעלאזט נאך זיך קיין פעלדער, קיין וועלדער, נחלאות, הייזער, רענטעס, און מזומן געלד אודאי נישט. און קיין צירונג, זילבער און כלי בית האט ער אויך נישט איבערגעלאזט פאר די קינדערס וועגען, נישט מחמת שלעכטינקייט אדער קארגשאפט, נאר פשוט ווייל ער האט נישט געהאט. דאך זאלט איהר נים מיינען, אז רב שמשון האט חלילה נישט איבערגעלאזט זיינע קינדער גארנישט. רב שמשון האט איבערגעלאזט נאך זיך א מאיאנטעק, א מין שוה-כסף, וואס מען קאן צו יעדער צייט מאכען פון דעם געלד, מען קאן דעם פערזעצען אין משכון, פערדינגען אדער פערקויפען, דאס איז געווען איין איינציגע שטאדט אינ'ם אלטען כתריליווקען בית המדרש אויבען אן אין מזרח, סאמע די צווייטע שטאדט פון רב יוזיפעל דעם רב'ס, די אנדערע הייסט דאס פונ'ם ארון קודש. אמת די כתריליווקער חכמים זאגען אפילו זיי גלייכווערטיל, אז ס'איז גלייכער איין איינען דארף אין דרויסען איידער איין איינציגע שטאדט אין שוהל; דאס איז אבער נישט מעהר ווי א גלייכווערטיל, און אז גאט העלפט מען האט זיך טאקי איין איינציגע שטאדט און נאך אין מזרח וואנד דערצו, איז טאקי נישט שלעכט און בעסער פון גארנישט איז דאס אויך אודאי!

בקצור רב שמשון בארד האט איבערגעלאזט נאך זיך א שטיקעל נחלה, איין איינציגע שטאדט אין אלטען כתריליווקען בית המדרש, נאר ער האט פארגעסען א קלייניגקייט, אנזאגען וועמען ער לאזט איבער בירושה די דאזיגע שטאדט: מאירן צי שניאורן?

אַ פּנים רב שמשון זאָל ער מיר מוחל זיין, האָט זיך גאָר ניט גערעכט צו שטאַרבען? ער האָט פאַרגעסען, אַז דער מלאך-המות שטעהט תמיד אונטער די פּלייצעס און היט אונז די טריט, זאָנסט וואָלט ער זיכער געשריבען אַ צוואה אָדער אַזוי אָנגעזאָגט פאַר עדות וועמען פון די צוויי זיהן לאָזט ער איבער זיין מאַיאָנטעק.

וואָס זאָלט איהר קלערען? אודאי איז דעם ערשטען שבת וואָס נאָך שלשים שוין אַרויסגעשפּרונגען אַ מחלוקת צווישען די צוויי ברידער. מאיר, פערשטעהט איהר מיך, האָט גע'טענה'ט אַז על פּי דין קומט דעם טאַטענס שטאָדט א"ה"ם ווארום ער איז דאָך דער עלטערער (אויף אַ גוטע האַלבע שעה!) און שניאור האָט גע'טענה'ט צוויי טענות מיט אַמאָל: ערשטענס ווייס מען ניט ווער איז פון זיי דער עלטערער, ווארום ווערליג די מאַמע דערצעהלט אַז מען האָט זיי קינדווייז פערביטען, קאָן דאָך געמאָלט זיין אַז ער, שניאור הייסט דאָס, איז מאיר און מאיר איז שניאור. והשנית האָט מאיר אַ שווער אַ נגיד וואָס האָט אויך אַיין אייגענע שטאָדט אינים בית המדרש אין מזרח-וואַנד און קיין זוהן האָט ער נישט, וועט דאָך די שטאָדט איבער הונדערט און צוואַנציג יאָהר אם ירצה השם אַריבערגעהן צו מאיר'ן, וועט אויסקומען, אַז מאיר וועט האָבען צוויי שטעדט אין מזרח וואַנד, און שניאור, אפילו אַ האַלבע נישט! פרעגט זיך אַ קשיא: וואו איז יושר? וואו איז מענשליכקייט?!

דערהערט אַזאַ טענה האָט זיך אַריינגעמישט מאירס שווער, אַ יוד אַ נגיד, אַ אויפגעקומענער, און איז אַרויס מיט אַ ־ייער: — אַביסעל אַניעזות! איך בין נאָך ניט אַלט קיין פערציג יאָהר אפילו און האָב נאָך ערשטענס, בדעה צו לעבען און לעבען, צום סוף טיילען זיי זיך מיט מיין ירושה! והשנית, פון וואַנען ווייסט מען אַז איך וועל שוין קיין מאָל נישט האָבען קיין אינגעל. אמת, איך וועל טאַקי נישט האָבען, אָבער מיין ווייב קאָן נאָך האָבען אַ אינגעל, און נישט איין אינגעל, נאָר עטליכע אינגלעך! אַביסעל אַניעזות פון אַ שייגעץ!

האָבען זיך מענשען אַריינגעלעגט אין אַ שלום, געוואָלט מאַכען אַ שטיקעל פשרה, „יאַק נע פסק טאָ פסיאַקעץ", מען זאָל אָפּשאַצען די שטאָדט וויפיעל זי איז ווערט און איין ברודער דעם אַנדערען זאָל אויסצאָהלען, דאַכט זיך אַ גלייכע פשרה? יאָ? איז דער חסרון וואָס ביידע ברידער האָבען נישט געוואָלט הערען פון אַרויסצאָהלען. ס'איז זיי נישט געגאַנגען אין געלד, געלד איז בלאָטע, ס'איז נישט געגאַנגען אינים עקשנות, אינים צו להכעיס, פאַר וואָס זאָל אַ ברודער

זײַן אַזאַ אײַנגעשפּאַרטע (ואַך און נישט צולאָזען דעם צװײטען ברודער? און פאַר װאָס (זאָלסטו דו זיצען אויפ׳ן טאַטענס אָרט און איך ניט? עס איז זײ שוין ניט געגאַנגען אַזױ אין זיך װי אין יענעם, אײנער האָט נישט פערגינען דעם אַנדערען װי האָט מען דאָס: גם לי גם לך—נישט מיר נישט דיר... און די מאירים מיט די שניאורים האָבען גענומען קריגען זיך און טהון אײנער דעם אַנדערען אויף צו להכעיס (אַ קלײנינקײט נצחון?)

דעם ערשטען שבת איז מאיר געקומען אַביסעל פריהער און האָט זיך אַװעקגעזעצט אויף דעם טאַטענס שטאָדט און שניאור איז געשטאַנען די גאַנצע צײַט אויף די פיס. דעם צװײטען שבת איז שניאור געקומען פריהער און האָט זיך אַװעקגעזעצט אויף דעם טאַטענס אָרט און מאיר איז געשטאַנען די גאַנצע צײַט אויף די פיס. דעם דריטען שבת האָט זיך מישב געװעזען מאיר און האָט זיך געפעדערט גאַנץ פריה, האָט זיך אַװעקגעזעצט אויף דעם שטאָדט, איבערגעדעקט מיט׳ן טלית איבער׳ן קאָפּ און טהו מיר עפּיס! האָט זיך מישב געװעזען שניאור דעם פיערטען שבת און פעדערט זיך נאָך פריהער און זעצט זיך אַװעק אויף דער שטאָדט און דעקט זיך איבער מיט׳ן טלית איבער׳ן קאָפּ און רוף מיך קנאַקניסעל! האָט זיך מישב געװעזען מאיר דעם פינפטען שבת און פעדערט זיך נאָך פריהער... אַזױ לאַנג האָבען זיך די מאירים מיט די שניאורים געפעדערט ביז זײ זענען אײן מאָל אין אַ שעהנעם שבת הגדול געקומען צו געהן בײדע אין אײן צײַט. ס׳איז נאָך ניט געװעזען רעכט ליכטיג אין דרויסען און האָבען זיך אַװעק געשטעלט בײדע בײַ דער טהיר פונ׳ם בית המדרש (דאָס בית המדרש איז נאָך געװעזען צו) און מען האָט זיך גענומען קוקען אָהן װערטער נאָר מלא גזלן אײנס אויף דאָס אַנדערע װי די העהנער, װאָס זענען גרײט אָט אָט אַרײַנשפּרינגען אײנס דאָס אַנדערע אין פּנים אַרײַן און אויספּיקען זיך די אויגען... אַז אַזױ דאַרפען מיר רעכענען זענען אַ מזל געשטאַנען די צװײ ברידער, די ערשטע צװײ שונאים אויף דער װעלט. קין און הבל, אײנע אַלײן אין פעלד אונטער גאָטס הימעל, מלא רציחה, גרײט אויף צו דורס זײַן, אויפפרעסען אײנס דאָס אַנדערע, פערגיסען אונשולדיג בלוט — — — — — —

דאַנקען השם יתברך, מיר האָבען צוגעפיהרט דעם לעזער צו אַזאַ פונקט, װאָס עס הױבט זיך שוין אָן װעלען װיסען װאָס איז געװעזען דער סוף. האָט׳ס נאָר געדולד ביז אם ירצה השם איבעראַכטאָג אין דער צײַט, און דערװײַל האָט איך אַ גוטען שבת.

האָבען מיר דאָס איבערגעלאָזט די מאירס מיט די שניאורס ביי דער שוהל שבת אין דער פריה שטעהן איינס אַקעגען דאָס אַנדערע אָנגעדרי־ דעלט ווי די העהנער און גרייט אָדער אָנהאַלטען זיך ביי די בערד, אָדער אַרייַנפאָהרען איינער דעם אַנדערען אין די אויגען אַריין. מען דאַרף אָבער נישט פערגעסען, אַז די מאירס מיט די שניאורס זענען געווען טאַטענס קינדער, אָנשטאַנדיגע יונגע־לייט, חלילה נישט קיין הפקר־יונגליך, וואָס זאָלען אָנ־ פאַלען איינס אויף דאָס אַנדערע אַזוי ווי די גוים להבדיל. זיי האָבען נאָר אָבגעוואַרט ביז עס וועט קומען עזריאל דער שמש און וועט אויפעפענען די טהיר פונ'ם בית המדרש, וועט מען שוין דעמאָלט זעהען, ווער עס וועט פריי־ הער פערהאַפען דעם טאַטענס שטאָדט: צי מאיר צו שניאור?

צעהן יאָהר האָבען זיך געצויגען ביי זיי די מינוטען. קוים דערלעבט זעהען עזריאל'ן מיט די שליסעל, און אַז עזריאל מיט דער קאַלטענוואַסער באָרד איז אָנגעקומען האָט ער נישט געקענט צוקומען מיט'ן שליסעל צום שלאָס בשום אופן, ווייל ביידע ברידער האָבען זיך צוגעשפאַרט מיט די פיס צו דער טהיר, איינער מיט דעם רעכטען פוס, דער אַנדערער מיט דעם לינ־ קען פוס. נישט געוואָלט אָבטרעטען בשום אופן ואופן.

— וואָס־זשע וועט זיין דערפון? האָט זיי עזריאל אַ זאָג געטהון, און גע־ נומען בשעת מעשה אַ שמעק טאַבאַק — מילא, אַז איהר וועט אַזוי שטעהן ביידע אָנגעשפאַרט ווי די צאַפּעס, וועל איך נישט קענען עפענען די טהיר און דאָס בית המדרש וועט שטעהן אַזוי צוגעשלאָסען אַ גאַנצען טאָג. ס'איז עפּעס אַ תכלית? נו, אַדרבה, זאָגט שוין איהר אַליין.

עס ווייזט אויס אַז די דאָזיגע ווערטער האָבען געהאַט אַ ווירקונג, מחמת די מאירס מיט די שניאורס האָבען זיך ביידע געגעבען אַ ריק צוריק. איינער רעכטס, דער אַנדערער לינקס, געמאַכט איין אָרט פון עזריאל'ס וועגען, ער זאָל קענען צוטרעטען מיט'ן שליסעל צו דער טהיר און אויפשליסען דעם רוקער. און אַז דער רוקער האָט זיך געגעבען אַ רוק און די טהיר האָט זיך געגעבען אַנעפען אויף, האָבען זיך די מאירס מיט די שניאורס געגעבען ביידע אַ לאָז אַריין.

— פאַוואָלע, אָט וואַלגערט איהר אום אַ יודען! — האָט אויסגעשריען עזריאל דער שמש, און איידער ער האָט געקאָנט אויסרעדען נאָך איין וואָרט, איז ער שוין געלעגען געבאַך אַ צעטרעטענער אונטער זייערע פיס און געשריען נישט מיט זיין קול:

— פאַוואָלע, אַט צוטרעט איהר אַ יודען, אַ טאַטען פון קינדער!..

מאירס מיט שניאורס האָבען אָבער אין זינען געהאַט עוריאל דעם שמש מיט זיינע קינדער אין דער לינקער פאָה. זיי איז געלעגען אין זינען די שטאָדט, דעם טאַטענס שטאָדט, — און האָבען זיך ביידע געגעבען אַ לאָז אַהין אויבען אָן צו מזרח צו. געגעבען אַ שפּרונג איבער, איבער אַלע בענק און שטענ־דערס און געקומען צו דער שטאָדט, האָבען זיי זיך ביידע געגעבען אַ וועץ אַנידער און אַ שפּאַר אַריין מיט די פּלייצעס אין וואַנד אַריין און מיט די פיס אין דער פּאָדלאָגע. און פון גרויס שפּאַרעניס זענען זיי אַרויף איינס אויף דאָס אַנדערע און אָנגענומען זיך ביי די בערד און געפינעט און געקריצט מיט די ציינער און געהאָרחעלט:

— מכות זועסטו זיצען אויף דער שטאָדט!

אין דער דאָזיגער צייט האָט זיך עוריאל דער שמש דערווייל אויס־געגלייכט די ביינער, און צוגעגאַנגען צו די מאירס מיט די שניאורס און דערזעהען ווי זיי ליגען איינס דאָס אַנדערע ביי די בערד, האָט ער אַ פּרוב געטהון ברידער מיט גוטען, אַזוי צו זאָגען:

— אַי פע, שעמען מעגט איהר זיך! צוויי ברידער, צוויי לייבליכע ברי־דער פון איין טאַטע מאַמע זאָלען זיך האַלטען ביי די בערד! און נאָך אין אַ מקום קדוש דערצו! אַי פע!..

עוריאל דער שמש האָט אָבער אַרויסגעזעהען, אַז אין דעם מאָמענט גראַדע איז זיין מוסר גאַנץ אומזיסט, אַרויסגעוואָרפען אויפ׳ן ווינד; אַדרבה ער האָט מיט זיינע רייד קאָן מען זאָגען אונטערגעגעבען נאָך מעהר היטץ און די צוויי ברידער פון איין טאַטע-מאַמע זענען אַזוי ווייט אַריין אין דער רציחה אַז ביי איינעם אין האַנד איז געווען אַ זשמוט מיט שוואַרצע האָר (פון מאירס באָרד) און ביים צווייטען אין האַנד איז געווען אַ זשמוט מיט רויטע האָר (פון שניאורס באָרד), און אויך פלעקען בלוטע האָט זיך בעוויזען ביי זיי אויף די פּנים׳ער און ביי איינעם פון זיי האָט זיך געטהון אַ לאָז בלוט פון דער נאָז.

כל זמן עס האָט נור געהאַלטען ביי בערד אַליין מיט פּעטש, קלעפּ, בעכענצים וכדומה אַזעלכע מינים זאַכען — האָט עוריאל דער שמש נאָך געקענט ריידען אַ פּאָר ווערטער, זאָגען אַביסעל מוסר. דער־זעהען אָבער ווי עס גיסט זיך שוין בלוט האָט עוריאל מעהר נישט געקאָנט איינשטעהן, וואָרום בלוט — עס מעג זיין אפילו פון אַ נאָז — איז וועהר אַ מאוסע זאַך, וואָס פּאַסט פאַר גוים נישט פאַר יודען, פע תולשי חלשות!.. און עוריאל דער שמש

האָט זיך נישט לאַנג געטראַכט, האָט זיך געגעבען אַ לאָז אַהער אין פּאַלים אַריין, געחאַפּט איין עמער וואַסער און געגעבען אַ גאָס אוים אויף ביידע ברידער.

קאַלט וואַסער איז פון תמיד אָן זינד די וועלט שטעהט דאָס בעסטע מיטעל אויף אויפצומונטערען אַ מענשען; אַ מענש, ער מעג זיך זיין אין גרעסטען כעס אין ערגסטען גרימצאָרן, אַז ער בעקומט אַ קאַלטע באָד אַזוי ווערט ער אויפגעפרישט, אָבגעקיהלט און קומט צו זיינע געדאַנקען... פון דעם דאָזיגען אומגערעכטען קאַלטען באָד, וואָס עזריאל האָט זיי מכבד געוועזען, האָבען די מאירים מיט די שניאורים ווי אויפגעוואַכט פון שלאָף, האָבען זיך אַ קוק געטהון איינס דאָס אַנדערע אין די אויגען אַריין און האָבען זיך פערשעמט ווי אָדם מיט חוה'ן בשעת זיי האָבען פערזוכט פונ'ם עץ הדעת און דערזעהען, אַז זיי זענען נאַקעט... און טאַקע דעם זעלבען שבת צו נאַכט'ס זענען די מאירים מיט די שניאורים געגאַנגען מיט נאָך מענשען צו רב יוזיפ'ל דעם רב, זיך פערלאָזען אויף מענשען, וואָס מענשען וועלען געפינען.

ד.

דאָס כתריליווקע זאָל נישט זיין אַזאַ העק און ס'זאָל נישט ליגען פער־וואָרפען אַזוי ווייט פון דער גרויסער וועלט, און דאָרטען זאָלען למשל ערשיינען גאַזעטען, צייטונגען און זשורנאַלען, וואָלט די וועלט געוויס געהאַט צו טהון מיט רב יוזיפעל דעם רב. אַלע בלעטער וואָלטען געוועזען פיל מיט איהם און מיט זיין חכמה. חכמים, גרויסע געלעהרטע, בעריהמטע לייט פון דער וועלט וואָלטען זיך געלאָזט צו איהם, זעהען איהם בעשיינפערליך און הערען פון זיין מויל אַלע קלוגע דבורים, פאָטאָגראַפען און צייכנער וואָלטען אַראָפּגענומען זיין בילד און וואָלטען עס פערשפּרייט אין אַלע עקען פון דער וועלט. אינ־טערוויוערס וואָלטען איהם געדולט דעם קאָפּ נישט געלאָזט לעבען. זיי וואָלטען וועלען וויסען אַלסדינג וואָס ביי איהם טהוט זיך. וואָסערע מאכלים ער האָט ליעב? וויפיעל שעה אין טאָג שלאָפט ער? צי גלויבט ער אין השארת הנפש? וואָס פאַר אַ מיינונג איז ער וועגען רויכערען סיגאַרעטען און צי האַלט ער פון פאָהרען אויף וועלאָסיפּעד, וכדומה? נאָר אַזוי ווי כתריליווקע איז אַ העק און עס ליגט פערוואָרפען ווייט פון דער גרויסער וועלט און דאָר־טען ערשיינען נישט קיין גאַזעטען, צייטונגען און זשורנאַלען, האָט די וועלט קיין שום ידיעה נישט פון רב יוזיפעל דעם רב. די בלעטער דערמאָהנען נישט אַ מאָל זיין נאָמען. חכמים גרויסע געלעהרטע און בעריהמטע לייט

פֿאָהרען נישט צו איהם. פֿאָטאָגראַפֿען און צייכנער נעהמען נישט אַראָפּ זיין בילד. אינטערוויוערס לאָזען איהם צורוה און ר' יוזיפֿעל לעבט זיך אָפּ זיין וועלט שטיל, בעשיידען, אָהן געפּילדער, אָהן טאַרעראַם. קיינער ווייסט נישט פֿון איהם צו זאָגען, אויסער די שטאָדט כתרילעווקע, וואָס בעוואונדערט איהם, האַלט פֿון איהם אַן'עולם ומלואָה און גיט איהם אָפּ פֿיעל-פֿיעל כבוד (קיין געלד איז אין כתרילעווקע נישטאָ, אָבער כבוד וויפֿיעל איהר ווילט!..) זיי זאָגען אויף איהם אַז ער איז אַ נסתר, אַ פֿערבאָרגענער חכם, וואָס בעווייזט זיך נישט אַרויס מיט זיין חכמה, נאָר אַז מען קומט צו איהם מיט אַ משפּט זעהט מען ערשט דעמאָלט אַרויס ווי עמוק ער איז, ווי טיעף, ווי שאַרף, טאַקי גור חכמת שלמה!

אָבגעמאַכט הבדלה און אָבגעזאָגט המבדיל, זענען די מאיר'ס מיט די שניאור'ס געקומען צו רב יוזיפֿעל אויף דין תורה און האָבען געטראָפֿען דאָרטען שוין אַפֿולע שטוב מיט מענשען. די שטאָדט איז נייגעריג געווען צו הערען ווי אַזוי וועט ער דאָ רב יוזיפֿעל פּסק'נען? ווי אַזוי וועט ער דאָ איינטהיילען איין און איינציגע שטאָדט צווישען צוויי ברידער? קודם האָט רב יוזיפֿעל געלאָזט די צדדים זיי זאָלען זיך אַביסעל אויסטענה'ן. ר' יוזיפֿעל נעהמט מיט דעם גאַנג, אַז פֿאַר'ן משפּט בעדאַרף מען די צדדים לאָזען טענה'ן, וואָרום נאָכ'ן משפּט וואָס וועט זיי העלפֿען דאָס טענה'ן? נאָכדעם האָט ער געלאָזט אויך עוזריאל דעם שמש ער זאָל רעדען וויפֿיל ער וויל. עוזריאל איז דאָך דאָ דער רעכטער עדות. און נלאַט בעלי-בתים האָבען גערעדט. ווער עס האָט געהאַט גאָט אין האַרצען — דער האָט זיך אַריינגעמישט מיט אַ וואָרט, און נישט מיט איין וואָרט, נאָר מיט אַ סך ווערטער. רב יוזיפֿעל איז אַ מענש ברוך השם וואָס לאָזט רעדען אַלעמען. איך האָב שוין לאַנג בעמערקט, אַז רב יוזיפֿעל איז אַ שטיקעל פֿילאָזאָף: ער געהט מיט דעם גאַנג, אַז וויפֿיל אַ מענש זאָל נישט רעדען מוז ער אַמאָל אויפֿהערען.

כך הוה, די גאַנצע שטאָדט האָט גערעדט און גערעדט און האָט אויפֿגעהערט צו רעדען. און אַז דער עולם האָט אויפֿגעהערט צו רעדען האָט זיך רב יוזיפֿעל אָנגערופֿען צו די מאיר'ס און שניאור'ס לאַנגזאַם, שטיל און בנעימות ווי זיין שטייגער איז, בזה הלשון:

— שמעו נא רבותים, הערט זשע צו, יודען, די מעשה דערפֿון איז אַזוי. ווערלינ איך האָב אויסגעהערט דאָ אַייערע ביידענס טענות און די אַלע טענות פֿון אַלע איבעריגע בעלי בתים, זעה איך, אַז איהר זייט נעביך ביידע זעהר גערעכט, איהר האָט נעביך ביידע געהאַט איין טאַטען — און אַ שעהנעם טאַטען, לאָז ער האָבען אַ ליכטיגען גן-עדן. דער חסרון איז נור וואָס ער

האט איך נעבּיך בּיידען איבּערגעלאזט סך הכל איין שטאדט. אודאי איז בּיי איך בּיידען טהייער דעם טאטענס שטאדט, פארט איין אייגענע שטאדט אין מזרח וואנד אינ'ם אלטען, אלטען כתריליווקער בית המדרש. מיט דער האנד אוועקמאכען קאן מען דאס נישט. נאר וואס דען? כשם ווי ס'איז אונמעגליך אז איין מענש זאל קענען פערנעמען צוויי שטעדט, אזוי איז אונמעגליך אז צוויי מענשען זאלען זיך בּעגיגנען מיט איין שטאדט. אדרבּה מיר דאכט זיך, אז ס'איז א סך לייכטער אז איין מענש זאל פערנעהמען צוויי שטעדט איידער אויף איין שטאדט זאלען זיצען צוויי מענשען, ווארום אז איין מענש זאל למשל האבּען צוויי שטעדט, זעצט ער זיך אנידער אויף דער שטאדט, און אמאל אויף יענער, אבּער אז צוויי מענשען זאלען זיך פּרובּען אין איין צייט זעצען אויף דעם זעלבּיגען ארט — קען דאס ניט זיין. למשל, אט האלט איך די רעכטע האנד אט דא אויף דעם ספר. לאם איך א שטייגער וועלען אין דער אייגענער צייט האלטען די לינקע האנד אויפ'ן זעלבּיגען ארט וואו איך האלט די רעכטע האנד — קאן איך נישט. פאר וואס? וויל דער אויבּערשטער האט אזוי בּעשאפען די וועלט. און א מענשענס פערשטאנד קאן דאס מיט'ן שכל נישט משיג זיין. נישט מעהר בּלייבּט דאך איבּער די קשיא: וואס טהוט מען נעבּאך מיט צוויי בּרידער, אז זיי האבּען פארט געהאט נעבּיך נאר איין טאטען, וואס האט זיי איבּערגעלאזט סך הכל איין שטאדט? איטליכען ווילט זיך, פארט איין אייגענע שטאדט אין מזרח וואנד אינ'ם אלטען, אלטען כתריליווקער בּית המדרש, מיט דער האנד אוועקמאכען קאן מען דאס נישט? קומט אוים יחלוקו! אז מען זאל זיך טהיילען. ווי אזוי זשע טהיילט מען א שטאדט? א שטאדט איז דאך נישט קיין... עפּעל וואס מען צושניידט איהם אויף דער העלפט און מע זאגט: נא דיר א האלבּע שטאדט און נא דיר א האלבּע שטאדט. איז פאראן אבּער אנ'עצה, אז איהר זאלט בּיידע זיצען אין מזרח וואנד א שטאדט נעבּען א שטאדט. דאס האב איך שוין ערקלעהרט בּרוך השם מיט מיין אייגענעם שכל, דהיינו ווי אזוי? אזוי ווי אייער טאטענס שטאדט און מיין שטאדט זענען צוויי שטעד, א שטאדט נעבּען א שטאדט. זעצט איהר זיך, בּרידערליך, אויף די בּיידע שטעדט, וועט איהר זיך זיצען געזונדערהייד בּיידע א שטאדט נעבּען א שטאדט און וועט זיך פערשפארען קריגען, אי וואס? די קשיא: וואס וועל איך טהון אהן א שטאדט? איז דער תירוץ, וואו שטעהט דאס געשריבּען אז א רב אדער גלאט א יוד מוז דוקא האבּען אנ'אייגענע שטאדט און דוקא אין מזרח וואנד און דוקא אינ'ם אלטען בּית המדרש? א מקום קדוש! וואס נעהן מיר אין בּית המדרש אריין? תפלה טהון.

צו וועמען? צום אויבערשטען! וואו געפינט ער זיך? אומעטום, ס'איז מלא כל הארץ כבודו — פון די גאנצע וועלט! היינט ווי באלד אזוי, היינט וואס איז דא שייך מזרח, צפון, דרום, גאנץ אויבען אן, אדער גאר ביי דעם טהיר? אבי א מקום קדוש און אבי געדאווענט! משל למה הדבר דומה — צו וואס איז דאס געגליכען? צו א מלך וואס זיינע צוויי קנעכט זענען גע־קומען צו איהם אין פאלאץ אריין בעטען ביי איהם א טובה. פלוצים האבען זיך די קנעכט צואמפערט צווישען זיך און זענען פארן מלך אין די אויגען אריינגעפאהרען איינער דעם אנדערען אין די בערד אריין און האבען גאר פארגעסען צוליעב וואס זיי זענען געקומען און פאר וועמען זיי שטעהען. האט זיי דער מלך מסתמא גוט מכבד געווען און האט בעפוילען מען זאל זיי מחילה ארויספיהרען: ממה נפשך, איהר ווילט זיך רייסען ביי די בערד, געהט אייך געזונדערהייד אין דרויסען ארויס און רייסט אייך דארטען וויפיל אייער הארץ געלוסט; וואס האט איהר צו קריכען צום קייזער אין פאלאץ אריין, אז איהר ווייסט ניט ווי אזוי צו האלטען זיך?... דאס איז דער משל, און דער נמשל זענט איהר, געהט זשע אייך, קינדערלאך, אהיים און לעבט אייך אין פרידען און לאזו אייער פאטער זיין דארטען א מליץ יושר פאר אייך און פאר אונז און פאר כלל ישראל.

אזוי האט גע'פסק'ט רב יוזיפעל דעם משפט און דער עולם איז זיך צונאנגען אהיים.

אויף איבעראכטאג שבת זענען די מאירים מיט די שניאורים גע־קומען אין בית המדרש און האבען זיך אוועקגעשטעלט דאווענען ביי דער טהיר. וויפיעל מען האט זיי ניט געבעטען, עזריאל דער שמש פון איין זייט און רב יוזיפעל דער רב פון דער אנדער זייט — זיי האבען נישט געוואלט זיך זעצען אין מזרח זייט בשום אופן ואופן.

ווער ס'איז א בעלן אויף איין איינענער שטאדט אין מזרח-וואנד אינים אלטען כתריליווקער בית המדרש, די אנדערע שטאדט פון רב יוזיפעל דעם רב, אין גלייכען געלד, זאל ער זיך ווענדען קיין כתריליווקע צו רב שמשון'ס קינדער, צו מאירן אדער צו שניאורן — ס'איז אלץ איינס: מע וועט זי אייך פערקויפען בזול הזול, ווארום קיינער זיצט נישט אויף איהר, נישט מאיר און נישט שניאור. עס שטעהט אליידיגע שטאדט — אן עבירה פאר גאט!

וואס איז חנוכה

וואס איז חנוכה

ילד פון נוי-יארק.

וויקאז האלידיי חנוכה נעהמען זיך מיסטער אייק ענד מיסעס דזשעעני רייטשעלסאן די פלעזשור איינצולאדען מאיי דיר פרענד שאלאם-אלעקעם היטע איוונינג אייט א קלאק צו זיך אין די האז, 5-טע עווענין (נאמבר, סטריט) אויף א קאפ אף טהי.

אט אזא מין קארטעל, געשריבען אין דער מאדערנער שפראך וואס עס ווילט זיך מיר א נאמען געבען „היימיש-ענגליש", האב איך געטראפען פאראיאהרען דעם ערשטען טאג חנוכה ביי זיך אין לעטער-באקס. און מחמת די „היימיש-ענגליש" שפראך איז מיר דעמאלט געווען פרעמד (דאס הייסט איך בין נאך היינט אויך מיט איהר נישט אין גאנצען שוה בשוה), האב איך דאס קארטעל געדרעהט אויף אלע זייטען, אביסעל אריינגעקוקט אין דיקשיאנערי, אביסעל זיך צעפרעגט ביים בוטשער באי און ביים סטאר-קיפער, ביז איך האב מיך דערשלאגען, אז דאס לאדעט מען מיך איין לכבוד חנוכה צו מיסטער רייטשעלסאן אין דער פינפטער עווענין אויף א גלעזיל טיי.

ערלויבט מיר קודם פארצושטעלען אייך דעם מיסטער רייטשעלסאן און די מיסעס רייטשעלסאן פון דער פינפטער עווענין.

איך האב געהאט א פריינדל. דארט אין דער היים (אין יאמפעלע, ניט וויט פון כתריליווקע) האט ער געהייסען ניט אויסגערעדט זאל זיין, מיט'ן נאמען איצי-רחל'ס און זיין ווייב — יענטע-איצי-רחל'ס, זענען זיי אוועקגעפאהרען אמאל קיין אמעריקא, האבען זיך די ערשטע צייט „געמוטשעט און געמאכט א לעבען", נאר מיט דער צייט האט ער זיך צוגעשלאגען צו דער וואל סטריט, אנגעהויבען מיט ריעל עסטייט און ס'איז איהם אוועק דאס בלעטעל, און ער איז אריין אין די פעדערן, געמאכט די שעהנע פאר דאלאר,

זיך אויסגעלערנט דאס אמעריקאנער לשון יודיש-ענגליש, אריבערגעמופט פון דער עסטער סטריט אין דער 5-טער עוועניו, אבגעגאלט די וויסקעס, געווארען אן אמעריקען סיטיזען און א דזשענטעלמען, זיך געקויפט א הייזקע, דעם ווייב דיימאנטס, געווארען אויס איצי-רחלים נאר מיסטער אייק רייטשעלסאן, און פון יענטע-איצי-רחלים איז געווארען מיסעס דזשעני רייטשעלסאן — מיט איינעם ווארט „אללרייט“, דאס איז דער טייטש: „רוף מיך קנאקניסעלו“...

אי איז דאך די קשיא, ווי באלד או מען איז א דזשענטעלמען מיט אבגעגאלטע וויסקעס און מע האט א הייזקע אויף דער 5-טער עוועניו, און מע הייסט מיסטער רייטשעלסאן און מען איז אללרייט, הײנט וואס דארף מען חנוכה? וואס פאר א מחותנת'טע איז די פינפטע עוועניו מיט חנוכה? און וואס פאר א שייכות האט חנוכה מיט א קאפ אף טי?... לעדיס ענד דזשענטעלמען! קיין קשיות בעט איך אייך זאלט איהר ניט פרעגען! למאי ביי אונז דארטען אין דער היים, למשל אין יעהופיץ, ביי אונזערע אריסטאקראטען, זענען די יודישע יום-טובים עפים אויך ניט אזא אי-אי-אי, פון דעסטוועגען זאלט איהר זעהען, ווי מע לעקט נאך עד היום די פינגער פון די יום-טוב'דיגע מאכלים! א שטייגער וואס פאר א נאר זאגט זיך דאס אב חנוכה פון הייסע לאטקעס מיט שמאלץ און מיט גריוועז? פורים — פון המן טאשען מיט מאהן? פסח — פון חרעמזליך מיט איינגעמאכטס? שבועות — פון מילכיגע בלינצעס מיט קעז? און א פריש טשאלענט גלאט אין א שבת. מיינט איהר איז ביטער? און וואס וועט איהר זאגען אויף א גוטען קוגעל א געבלעטערטען? און אפילו א פשוטען לאקשען קוגעל אין דערוואכען אז מען עסט, ססט מען זיך דען אוועק? און וואס פעהלט א העלזעל א געפיהלטס? פליישיגע קרעפלעך צו דער יוך? צו א שטייגער א מעהר צימעסעל מיט א גוט שטיקעל ברוסט דערביי? פאר א שטיקעל ברוסט, הערט איהר, איז ביי אונזערע אריסטאקראטען א כפרה אלע אייערע געראוויכערטע פליישען מיט די מאדנע ווארסטען, וואס יודען מוטשען זיך; זיי ווילען פיהלען א יודישען טעם און ס'זאל האבען א גוי'אישען פנים, דאס הייסט, מע זאל מיינען, אז ס'איז געמאכט געווארען פון דעם וואס עס קוויטשעט...

אצינד וואלט מען בעדארפט פערענטפערן די צווייטע קשיא: וואס נעהמט זיך אן חנוכה מיט א „קאפ אף טי“? בין איך אבער נישט אזוי נאאיוו ווי איהר מיינט. אמת, א גרינער בין איך טאקי, נאר נישט אויף אזוי

פֿיעל, אַז איך זאָל ניט פֿאַרשטעהן, אַז מע שרייבט מיר אַ „קאָפּ אָף טי‟, אָדער אַ „טי פּאַרטי‟ מיינט מען דאָס אַ „פּינאָקאַל‟, אַ „פּאָקקער‟, אָדער אַ „קאַססינאַ‟ (ביי אונז הייסט עס אַן „אָקע‟, אַ „סטוקעלקע‟ און אַ „טער־טעל מערטעל‟...)

הקצור, איך האָב מיך אַראָבגעכאַפּט אין אַ באַרבער שאָפּ, זיך געמאַכט אָללרייט, געכאַפּט אַ סאָבווי, און בין געגאַנגען צו מיין פֿריינדיל איק רייטשעלסאָן אין דער 5־טער עוועניו, און האָב אָנגעקלינגען אין דער טהיר, איז מיר אַרויסגעקומען אַקעגען אַ דזשענטעלמען מיט אַ פּנים אויף אַלע מיינע ליבע פֿריינד געזאָגט געוואָרען און אויף מיר אויך בתוכם: גלאַט, פּוכקע, קײַלעכדיג, ווייס און צוגעבראָכט און פֿריש ווי אַ פֿרישער קוילעטש, און בייכיג, און לעבעדיג, פֿריילעך, אַקערשט ווי ער וויל געהן טאַנצען! דאָס איז ער, מיין פֿריינדיל, איצי־רחלים פֿון יאַמפּעלע, היינט מיסטער רייטשעלסאָן.

— האַללאָ, מאַי דיר פֿרענד, מיסטער שלום־עליכם!

ביים וואָרט „שלום עליכם‟ האָט ער זיך אַזוי צולאַכט, אַז איך האָב געמיינט ס'איז אַנעק פֿון מיין פֿריינדיל מיסטער רייטשעלסאָן. ביי אַזאַ קאָמפּלעקציע קיין עין הרע ווי ביי מיסטער רייטשעלסאָן איז אַזאַ מין לאַכען געפֿערליך. פֿון אַזאַ מין לאַכען קאָן ער חלילה באַקומען אַנאַפּאָפּלעקשאָן און אָפּזעגענען זיך מיט דער וואָל סטריט, מיט דער הייזקע אויף דער 5־טער עוועניו און מיט דער ביסעם דזשעני רייטשעלסאָן. שאַדע, ער איז נאָך גאָר ניט אַזוי אַלט. ער קאָן נאָך מאַכען אַ סך דאָללאַרס, ווערען אַ ביינקער, אַ פּאָליטישען, אָדער גאָר אַ דייטשער „יאַהודי‟... אַ פּנים דער נאָמען „שלום־עליכם‟ האָט איהם דערמאָנט די אַלטע היים, די יאַמפּעלער יודען מיט זייער בריטען שלום עליכם, און מיט'ן גאַנצען היימישען לעבען, מיט זייערע רעוואָלושענס, מיט זייערע קאָנסטיטושענס און מיט זייערע פּאָגראָמען!.. אָדער אפשר האָט מיין באַרבער אַ ביסעל איבערגעכאַפּט די מאָס, און מיין ניי אַמעריקאַנער אויסזעהען האָט געמוזט אַרויסרופֿען אַזאַ געזונדען געלעכטער? און אפשר איז איהם גלאַט געווען פֿרעהליך?..

און פֿון די וואַרעמע ליכטיגע עלעקטרישע באַלייכטעטע רומס האָט זיך געלאָזט הערען אַ רעש, אַ טומעל, — קולות פֿון אַ סך מענשען, און העכער פֿון אַלעם האָט זיך געלאָזט הערען דאָס וואָרט: „פּעס‟! „אַי פּעס‟! „פּעס‟!.. דער עולם האָט געהאַלטען ווייט אין דער אַרבייט, אַזוי ווייט אַז קיין איינ־

ציגער פֿון זיי האָט נישט בעמערקט דעם נאָר וואָס אַרײַנגעקומענעם גאַסט, וועלכען מיסטער רײַטשעלסאָן האָט אונטער דער האַנד אַרײַנגעפֿיהרט אין דײַנינג-רום און פֿאָרגעשטעלט פֿאַר דער מיסעס רײַטשעלסאָן, און אַליין האָט זיך מיסטער רײַטשעלסאָן בריה'ש אויסגעגליטשט פֿון מײַן האַנד און איז אַוועק צו די גרינגע שווישלעך צו דער אַרבייט, — זיך עוסק זײַן אין הלכות חנוכה..

אָפּמאָלען אײַך דעם דײַנינג-רום, די מיסעס רײַטשעלסאָן און דעם טיש, בײַ וועלכען איך האָב זיי געטראָפֿען, וועל איך אײַך אויב איהר וועט מיר ערלויבען, אין עטליכע קורצע, געצעהלטע ווערטער, אויפֿ'ן רעקאָרדענ-טישען שטײַגער. 1) דײַנינג-רום: אַ רויט-גרין-בלוי-בילדער-גאַללעריע מיט אַ פֿאָרניטשור-אויסשטעלונג. 2) מיסעס רײַטשעלסאָן: איין אויסשטעלונג פֿון דימאָנטרינגען, וואָמענטקלאָטינג און גילדענע ציינער פֿונ'ם בעסטען דענ-טיסט אין דער 5-טער עווענױ. 3) דער טיש: אַנ'אויסשטעלונג פֿון אַלערליי פּרוכטען: עפּעל, באַרען, בענענעס, גרײַפּס און אָרענדשעס, קרים-טאָרטען, קײַקס פּיראַמידען און כדומה נאָך אַזעלכע זאַכען, וואָס זענען געשטעלט געוואָרען פֿון שעהנקײַט וועגען, חלילה נישט אויף צו עסען. איהר ווייסט אפילו ניט ווי אַזוי און פֿון וואַנען מען הייבט זיי אָן צו עסען. איהר וועט דאָך ניט זײַן אַזוי אונהעפֿליך און נעהמען אַ מעסער, אָדער אַ גאָפּעל, און צונעהן אויפֿשנײַדען אַ גאַנצע קײַק פּיראַמידע, אַ גאַנצען בוידעם! וואָס פֿאַר אַ פּנים וועט איהר האָבען בײַ זיך אַליין און בײַ דער מיסעס אין די אויגען טאָמער חלילה פֿאַלט אום אָט דער בוידעם? דאָס אייגענע איז מיט די עפּעל, באַרען, בענענעס, גרײַפּס און אָראַנדשעס און שאָר ירקות. פֿאָלגט מיך, לאָז זיך אײַך נישט גלוסטען. זיי ליגען אַזוי קונציג, אַ שורה בענענעס, אַ שורה אָרענדשעס, דורכגעפֿלאָכטען מיט בינטלאַך גרײַפּס, אַרומגעשאָטען בײַ דער זײַט מיט שאָקאָלאַד און קענדיס, נאָר אַזוי ממזריש, אַז ווען למשל איהר ווילט אַרויס-בעקומען אַ באַר אָדער אַנ'אָרענדש, מוזט איהר אָנריהרען אַלע ווייערע איבע-ריגע שכנים, און עס הויבען אָן פֿאַלען שפּרינגען און טאַנצען אַנ'עפּעל נאָך אַנ'עפּעל, אַ באַר נאָך אַ באַר, פֿון דער וואַזע אויפֿ'ן טיש, פֿונ'ם טיש אויפֿ'ן פֿלאָר — אַ שעהנע חתונה האָט איהר אָנגעאַרבייט צו וואָס נוצט דאָס אײַך? איהר ווילט עפּיס געניסען? נישט אָט דאָ! אין דערהיים! איהר וועט קומען צו זיך אַהיים וועט איהר געניסען! דאָ מוזט איהר זיצען אין געהאַקטע וואונדען אײַנגעשרומפּען איבער אײַגענע קאָלנער, אָנקוקען דער מיסעס גילדענע ציינער פֿונ'ם בעסטען דענטיסט פֿון דער 5-טער עווענױ, און שמײכלען

לעבעדיג — סטאַטעטשנע, און מאַכען אַזאַ גליקליך פּנים, גלייך ווי ס'איז גישטאָ צו איך קיין גלייכען אין דער גאַנצער וועלט !..

ווייסט איהר וואָס איך וועל אייך זאָגען ? איך וויל אייך ניט בעשרייבען מעהר מיין וואַהל בעפינרען זיך אינם דיינינג-רום, און מיין געשפּרעך מיט דער מיסעס דזשעני רייטשעלסאָן, וואָס האָט שוין פערגעסען כלומרשט, אַז ס'איז דאָ ערגיץ אַ שטאָדט אויף דער וועלט, וואָס זי הייסט יאַמפּעלע.. איך וועל אייך בעטען איהר זאָלט זיך בעסער מטריח זיין מיט מיר אין די איבריגע רומס, בעטראַכטען די גיגעהרטע געסט פון מיין פריינדיל רייטשעלסאָן, וואָס זענען פערטיעפט אין דער אַרבייט... „פּעס !..“ „אַי פּעס !..“ „פּעס !..“ נאָר איינער איז געזעסען בעזונדער אין אַ ראָקענטשער, אַ האַלב אויסגעגרינטער דזשענטעלמען מיט אַ פענסנע אויף דער נאָז, פיזיאָפּיש געקוקט אויפ'ן גאַנצען עולם דורך די גאָלדענע פענסנע און גלייך מיט מיר בעוואונדערט, ווי מענשען זענען דאָס אַזוי פערטיעפט, חאָטש יונגער, חאָטש בליץ, חאָטש קעהר איבער די וועלט — ס'איז ניט זייערע בּיזנעס ! איך האָב מיך צו דעם פּירשוין צוגערוקט, באַקענט און צורעדט זיך וועגען פערשיעדענע זאַכען, ביז מיר זענען אַרויף אויף דער פראַגע וועגען חנוכה, וועגען דער געזעלשאַפט, וואָס זיצט אָט דאָ, — צי ווייסט חאָטש אימיצער פון זיי די בעדייטונג פונ'ם יום-טוב, וואָס איז אַזעלכם חנוכה ?

— פרעגט זיי עפּעס גרינגערס ! זיי הויבען נישט אָן צו וויסען ! — אַזוי האָט מיר געענטפערט מיין האַלב אויסגעגרינטער דזשענטעלמען מיט זעלטענע ענערגיע.

— גאָר נישט ?

— קיין ברעקיל נישט ?

— עמיצער פון זיי ?

— אפילו קיין איינער נישט !

— ווי איז דאָס מעגליך ?

— אַי בעטשיע !

— איהר ווילט זיך וועטען ?

— אַ יעס !

— אויף וויפיעל ?

— אויף פופציג דאָללאַר

— זאָלל זיין !

— ווי אַזוי וועלען מיר דאָס מאַכען ?

60

— גאַנץ איינפאַך, מיר וועלען גערן פון איין גרופּע צו דער אַנדערער און וועלען פרעגען.

— אָלל רייט!

— אָלל רייט!!

און מיר ביידע, איך און דער האַלב אויסגעגרינטער דזשענטעלמען האָבען זיך אויפגעהויבען און צוגעגאַנגען צום ערשטען טישעל. אַ פּאַרטיע פון 4 סאָלידע דזשענטעלמענער מיט סאָלידע ליסינעס אויף די קעפּ שפּיעלען אַ סאָלידע שפּיעל; ס'איז שטיל ביי זיי. רופט זיך אָן צו זיי מיין האַלב אויסגעגרינטער דזשענטעלמען:

— יו וויל עקסקיוז מי, דזשענטעלמען... מיר האָבען אייך עטוואָס צו פרעגען... עס גערט דאָ ביי אונז, ביי מיר און ביי דעם דזשענטעלמען, אין אַ „בעטט“: קאָנט איהר אונז ניט עקספּליינען, אויב ס'איז מעגליך אין דריי פיער ווערטער: וואָס איז אַזעלכעס חנוכה?

אַלע 4 סאָלידנע דזשענטעלמענער הויבען אויף אונז די אויגען, ווי אויף צוויי פערריקטע, משוגעים, אָדער ליידיגגעהערס, וואָס האָבען נישט וואָס צו טהאָן...

— פּעסס! אַי פּעסס!

צוגעגאַנגען צו אַ גרופּע יונגע לייט וואָס שפּיעלען שוין אין אַ מעהר לעבעדיגע שפּיעל (ווי אַזוי די שפּיעל הייסט קאָן איך אייך ניט זאָגען, נאָר אַז די שפּיעל איז אַ לעבעדיגע דאָס ווערט מען, מחמת דער עולם היצט זיך, די קאָרטען פליהען פון די הענד און די קריידלען שרייבען).

— יו וויל עקסקיוז מי, דזשענטעלמען.

דער זעלבער נוסח.

די דאָזיגע חברה לייט האָבען שוין אַפילו קיין קוק אויף ניט געטהאָן אויף אונז, נאָר אַ זאָג געטהאָן מיט פאַרדראָס:

— באַדערט אונז נישט מיט פּוסטע זאַכען, מיר זענען ניט קיין ציוניסטען!..

מיר געהען ווייטער.

ביי דער דריטער גרופּע איז מען שוין צופיעל לעבעדיג, דאָרט האַלט שוין אַזוי ווייט ווי ביי פייטען. דאָ הייסט דאָס פייטען, ביי אונז הייסט עס פּעטש... ס'איז דהי סיים טהינג!.. דאָ האָט מען שוין געקאָנט הערען גאַנץ האַרבע ווערטער, און דוקא ניט אויף „היימיש-איינגליש“, נור אויף

164

רײַן ייִדיש: — ווײַסטע קאַליקע!... שטיװעל פּוצער!... אין באַבקעלעך שפּילען, ניט אין קאָרטען!.. וואו זענען אײַערע אויגען?..

צווישען די יונגע שפּילערס איז געווען אײנער אַ נעבאַך, מיט אַ גלאַט שאָפּען קעפּעל, אַפּילו זעהר אַנ׳אויסגעפּוצטער מיט אַ דיימאָנד רינג און מיט אַ לאַנגען שפּיציגען נאָגעל, נאָר ווי עס ווײַזט אויס איז ער געווען דאָס כּפּרה־הינדעל אין דער חברה. אין איהם האָט זיך נוקם געווען יעדער, איטליכער האָט איהם אָנגערופען מיט אַנ׳אַנדער נאָמען, בײַ אײנעם האָט ער געהייסען „ווײַסטע קאַליקע“.. בײַ אַנדערען „שטיװעל־פּוצער.“ דער דריטער האָט זיך אויסגעדריקט פיגוראַל, בּדרך מליצה: „ער וואָלט וועלען ווײַסען וואָס טראָגט דער דזשענטעלמען אויף זײַנע פּלײצעס — אַ קאָפּ צו אַנ׳אַנדערע זאַך?..“ און דער יונגער אויסגעפּוצטער דזשענטעלמען מיט׳ן שאָפּען קעפּעל און מיט׳ן דיימאָנד רינג האָט נעבאַך געשוויצט ווי אַ ביבער; עס איז געווען אויף איהם אַ גאָטס רחמנות צו קוקען!.. זענען מיר אַוועק צו די ליידיס וואָס זיצען בעזונדער און שפּילען אַ מאָדנע שפּיעל, איך האָב מורא איך ניט אונזער „טערטעל מערטעל“. דאָס איז אַ לײַכטע שפּיעל, וואָס מען דאַרף ניט האַלטען צו איהר קיין קאָפּ: ס׳איז בעקוועם: מען קאָן שפּיעלען און עסען קענדיס, און רעדען פון טואַלעט, אָדער פון טהעאַטער — ס׳איז אַ פּלעזשור!

מײַן האַלב אויסגעגרינטער דזשענטעלמען האָט זיך קודם פאַר זיי גאַנץ העפליך פערנייגט, מיך פאָרגעשטעלט אַלס לאַנדס מאַן, און אַ זאָג געטהאָן מיט אַ צוקער זיס שמייכעלע:

— אַי בעג יור פּאַרדען, ליידיז... עס געהט בײַ אונז מיט דעם דזשענטעלמען אַ בעטט: אפשר קאָנט איהר אונז עקספּליינען וואָס איז אַזעלכעס חנוכה??! |

ווײַס זאָל איך אײַך זאָגען, עמיצער פון אונז צוויי, אָדער מיר ביידע זאָלען געווען זיך אַוועקשטעלען פאַר די ליידיס מיט׳ן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף, אָדער אַרויסוואַרפען אַנ׳אַנדער מין משוגעת, וואָלטען מיר נישט געקאָנט אַרויסרופען בײַ זיי קיין גרעסערען געלעכטער. אַ מענגע פון גאָלדענע ציינער פון די בעסטע דענטיסטען פון נויאָרק איז געווען די בעסטע אַנטוואָרט אויף אונזער פראַגע... וואָס זאָל מען טהאָן? אַ וועטע איז אַ וועטע! מע דאַרף געהן ווייטער! מיר בעגעגענען אַ הויכען דזשענטעלמען מיט אַ פערשלאָפען פּנים, שטעלען מיר איהם אָפּ, בעטען אום ענטשולדיגונג און מײַן האַלב אויסגעגרינטער דזשענטעלמען גיט איהם איבער אין קורצען די גאַנצע מעשה: ווי אַזוי מיר האָבען געהאַלטען אַ וועטע מכח דעם, וואָס איז אַזוינס

חנוכה? אפשר איז מעגליך, אז ער זאל אונז עקספליינען אין דריי פיער ווערטער... דער דזשענטעלמען מיט'ן פארשלאפענעם פנים האט געדולדיג אויסגעהערט און גאנץ העפליך א זאג געטהון:

— אי דאנט נאו, סער, ביקאז אי עם נאט עי ניוּיאָרקער, באט פראם פילאדעלפיא... דאס הייסט: האט קיין פאריבעל ניט, איך בין ניט קיין היגער, איך בין א פילאדעלפיער.

— — — — — —

האללא! קאם היר, טשאַלי!.. אזוי האט זיך אנגערופען מיין האלב אויסגעגרינטער דזשענטעלמען צו א קליין בויטשעקעל, מיין פריינדס מיזיני-קעל טשאלע (חיים'ל מסתמא), א ספריטנער יונגעל, מיט פוצ'ע בעקעליך און מיט שווארצע אייגעלעך — טעל מי, מאי ליטל טשאלי, קאנסט דו עפּיס יודיש? היברו? דזשואיזש?

— שור! — ענטפערט אידם טשאלי מיט א חיטרען שמייכעלע.

— קאנסט דו מיר ניט זאגען, מאי ליטל טשאלי, וואס איז דאס אזעל-כעם חנוכה?

ביים ליטל טשאלי האט זיך אין די אויגליך אנגעצונדען א פייערעל פון גדלות.

— שור! דהאט איז א האלידיי אזעלכער וואס מע עסט... וואט איז דע ניים? אזעלכע קרעקעס... מצות... יעס, מצות מיט חריין... און דער פאפא שענקט מיר מאני פייף דאללארס... און די מאמא דרעהט א טשיקען איבער'ן קאפ... כפרות... דאטס אלל!

* * *

איהר פארשטעהט שוין אליין, אז מעהר קיין ווערטער האלט איך נישט אויף דער פינפטער עוועניו אין נויארק.

צו דער סעודה.

צו דער סעודה

(א בילד פון מיינע קינדערשע יאהרען).

א.

איך ווייס ניש, וואס פון דעם קינד וועט זיין, וואס פון דעם קינד וועט אויסוואקסען? עפּיס א קוואטש, א נאסע האנד־שירקע, א וויינענדיגע קלאגמוטער צונאלדע גוטע יאהר! א קינד זאל האלטען אין איין וויינען!

אזוי זאגט די מאמע מיינע צו זיך אליין, טהוט מיך אן יום־טובדיג און דערלאנגט מיר אלע מאל אדער א בעכענצי אין זייט, אדער א סטוסאק אין פלייצע, אדער א נעם ביים אויהער, אדער א ציפּצאפּ ביי די הארץ אדער א רייס אויס א שטיק פליישׁ, און זי וויל נאך, אז איך זאל פון אזעלכע עובדות לאכען ניט וויינען, און זי פערקניפּעלט מיך פון אויבען ביז אראפּ אין מיין שבת׳דיגע קאפּאטקעלע, וואס איז שוין לאנג אויף מיר אזוי איינג אז עס שפּארט מיר ארויס די אויגען פון קאפּ. און דערצו זענען די ארבעל עפּיס מאדנע קורץ און מיינע תמיד רויטע־בלויע הענד זענען עפּיס ווי ארויסגעוואקסען פון די ארבעל און זעהען אויס ווי געשוואלען, און דאס קאן די מאמע מיינע ניש איבערטראגען.

— זעה נאר א פּאר ידים — זאגט זי און דערלאנגט מיר א פּאטש איבער די הענד, איך זאל זיי ארויבלאזען וואראב מע זאל זיי ניט ארויסזעהען. — ביים פעטער הערץ ביים טיש אז דו וועסט מיר זיצען זאלסט דו מיר די ידים האלטען פון אונטען, דו הערסט וואס איך זאג דיר? און דאס פּנים דיינס זאל מיר ניט זיין אזוי רויט ווי להבדיל ביי יאוודאכע דער שיקסע, און מיט די עינים זאלסט דו מיר ניט גלאצען ווי א קאטער, דו הערסט וואס מע רעדט צו דיר? און זיצען זאלסט דו מיר ווי א מענש און דער עיקר׳שט די נאז, אוי א נאז! גיב נאר אהער די נאז דיינע, לאם איך זי דיר נאר צורעכט מאכען!

כל זמן די נאז איז א נאז איז נאך צו דערליידען, נאר אז די נאז מיינע ווערד ביי דער מאמע א „נאָני“ און זי נעמט זיך צו איהר „צורעכטמאכען“, איז שוין אז אך און אז וועה צו׳איהר, צו מיין נאז הייסט עס. איך ווייס נישט וואס האט מיין נאז ביי איהר אזוי פערזינדיגט מעהר פון אלע אברים, וואס זי איז איהר אזא בלוטיגער שונא? דאכט זיך א נאז ווי אלע נעזער, א ביסעל א גראבליכע אביסעל א רויטליכע און אביסעל פערריסען ארויף און אביסעל האט זי ליעב זיין פערנעצט, נו איז וואס? בעדארף מען זי אזוי טרייבען אין דער ערד אריין? איהר מעגט מיר גלויבען, ס׳איז געווען צייטען, וואס איך פלעג בעטען גאט ער זאל זי ביי מיר צונעמען, זי זאל מיר נור עפים אפפאלען צו אלדע שווארצע יאהר און א סוף! עס פלעג זיך מיר פארשטעלען אין דער פאנטאזיע אז אט שטעה איך אויף אין א שענעם פריה מארגען אהן א נאז און געה צו צו דער מאמע נאך איבערבייסען, טהוט זי מיך א חאפ: „וועה איז מיר! וואו איז דיין נאז? זאג איך: „וואסער נאז?“ און טאפ איך מיך מיט דער האנד איבער׳ן גאנצען פנים און קוק אויף דער מאמע ווי זי איז אויך א מענש און האב א נקמה: „א מצוה! לאז זי וועהגען וואס פאר א פנים איהר זוהן האט א ה ן א נאז!..“ קינדערשע מחשבות! נארישע פאנטאזיעס! גאט הערט נישט מיין געבעט, די נאז וואקסט, די מאמע מאכט זי אלע מאל צורעכט און איך ווער פארשווארצט מיט איהר איינאיינעם, און מעהר פון אלע מאל קומט זי נעבאך אפ; די נאז מיינע, אז עס קומט אונטער א יום-טוב, למשל א מין פורים, און מיר קלויבען זיך צום פעטער הערץ צו דער סעודה.

ב.

דער פעטער הערץ איז נישט נאר דער גביר אין דער משפחה, ער איז דער ראש וראשון ביי אונז אין שטעדטעל און אין אלע שטעדטליך ארום און ארום איז הערץ און הערץ. איהר קאנט פערשטעהן, אז ער האט פערד א פאר ברענענדיגע מיט א טאראנטאס אנ׳איינגענעם, וואס אז ער פאהרט טראסקען די רעדער אזוי שטארק, אז דאס גאנצע שטעדטעל לויפט ארויס זעהען, ווי דער פעטער הערץ פאהרט, און דער פעטער הערץ זיצט גאנץ אויבען אן אין טאראנטאס מיט דער שענער מעשענע קיילעכדיגע באָרד און מיט די בייזע גרויסע אויגען און שאקעלט זיך הין און הער און קוקט אויף אלעמען דורך די זילבערנע ברילען פון אויבען אראפ, ווי איי-

נער רעדט: „ווי קומט איהר פארחעס, צו מיר? איך בין הערץ דער נגיד און פאדר מיר אין קארעטע און איהר זענט כתרילקעס האלעדראנצעס, קבצנים און טיאפקעס זיך אין דער בלאטע!"

איך ווייס נישט ווי אזוי דער איבעריגער עולם, נור איך האב דעם פעטער הערץ אזוי פיינט, אז איך קאן נישט אנקוקען דאס רויטע פנים זיינס מיט די פעטע באקען, מיט דער מעשענער בארד, מיט די זילבערנע ברילען, מיט׳ן גראבען בויך, מיט דער מאסיווע גאלדענע קייט, וואס ער טראגט אויפ׳ן בויך און מיט׳ן קיילעכדיגען ווידענעם יארמעלקעלע, וואס ער טראגט אויפ׳ן קאפ, און ועל כלם דאס היסטעלע זיינס; ער האט זיין אייגענם א היסטעל, וואס גיעהט ביי איהם מיט א קנייטש מיט די פלייצעס און מיט א מאך מיט׳ן קאפ ארויף און מיט א פאשק מיט די ליפען, ווי איינער רעדט: „דרך ארץ, דאס האב איך, הערץ, געגעבען א היסטעל, נישט מחמת חכ ושלום איך האב מיר צוגעקיהלט נאר גלאט אזוי, איך וויל מיר הוסטען הוסט איך"...

איך קאן נישט פערשטעהן אונזער געזינדעל וואס חאפט זיי אזוי דער גוטער יאהר, אז עס קומט פורים און מע קלויבט זיך צום פעטער הערץ צו דער סעודה; עס דאכט זיך מיר, אז זיי האבען איהם אלע ליעב אזוי ווי אויגענוויטיג און די מאמע אליין וואס זי איז איהם אנ׳אייגענע שוועסטער, געהט אויך נישט אויס אזוי שטארק נאך איהם ווארום אז די עלטערע קינדער זענען נישטא אין דערהיים (פאר מיר שעמט זי זיך ווינציג וואס א פנים) בענשט זי דעם פעטער הערץ, מיט מאדנע ברכות; זי ווינשט איהם: „ער זאל איבערגעהן איבער א יאהר אם ירצה השם אויף איהר שטאנד"... און לאז אבער אנ׳אנדער פרובען זאגען אויפ׳ן פעטער הערץ א שלעכטס ווארט וועט זי יענעם ארויסרייסען די אויגען. איך בין אמאל געוועזן אנ׳עדות ווי דער טאטע האט זיך אמאל ארויסגעחאפט מיט א ווארט. איהר מיינט ער האט עפים חס ושלום איהב נוגע בכבוד געווען? ער האט נור א זאג געטהון צו דער מאמע: „וואס הערט זיך? דיין הערץ איז שוין געקומען צו נאך נישט?" האט די איהם אבגעשפיעלט א דאבראנאץ דעם טאטען נעבעך, אז ער האט זיך קיין ארט נישט געקאנט געפינען.

— וואס איז עפים „מיין" הערץ? וואס פאר א לשון? וואס פאר אנ׳אויסשפראך? וואס פאר א „מיינער" וואס?

— דיינער, וועמעס דען איז ער מיינער? — פרובט זיך דער טאטע מיט

171

מלחמה, נאָר עס גילט איהם נישט, ווארום די מאַמע פאַלט אָן אויף איהם פון אַלע זייטען:

— ט' און אַז מיינער איז וואָס? נו מיינער! לוינט דיר אפשר נישט? שטעהט דיר אפשר נישט אָן דער יחוס? האָסט מסתמא דערלייגט צו איהם דעם טאַטענס ירושה, איאָ? האָסט דאָך מסתמא פון איהם קיין מאָל קיין טובה נישט געהאַט, איאָ?

— חער זאָגט דען אַז ניין? — פרובט זיך דער טאַטע שוין מיט גוטען, חיל זיך אונטערגעבען, נאָר עס געהט נישט; די מאַמע הערט נישט אויף צו טרעטען אויף איהם.

— דו האָסט דאָך מסתמא בעסערע ברידער ווי איך, איאָ? אַ שענערע בעסטע, פיינערע, לייטעשערע, רייכערע אַ יאָ?

— אָבער שאַ, אָבער לאָז זיין אַנעק! אָבער לאָז מיך צורוה! זאָגט דער טאַטע, ריקט אָן דאָס היטעל און מאַכט אַ ויברח. דער טאַטע האָט פערשפיעלט די מלחמה און מנצח געווען האָט די מאַמע, אַזוי ווי אַלע מאָל. זי איז תמיד מנצח, זי פיהרט אוים אַלע מאָל נישט מחמת זי געדט ביים טאַטען אין ספּאָדיק נאָר טאַקע ווידער אַמאָל דער פעטער הערץ, דערפאַר וויל דער פעטער הערץ איז אַ נגיד און מיר זענען זיינע אָרעמע קרובים, זיין „משפחה".

ג.

וואָס קעהר זיך אָן מיט אונז דער פעטער הערץ? צי לעבען מיר פון איהם? אָדער מיר האָבען גלאַט פון איהם גרויסע טובות — דאָס קאָן איך אייך נישט זאָגען, ווארום איך ווייס נישט. איך זעה נאָר, אַז אַלע ביי אונז אין שטוב, פונים גרעסטען ביזן קלענסטען ציטערען פאַרן פעטער הערץ אימת מות, און אָט איז געקומען פורים, איז מיט צוויי וואָכען פריהער הייבט מען זיך שוין אָהן גרייטען צום פעטער הערץ צו דער סעודה. מיין עלטערער ברודער, משה אַברהם, אַ בחורל מיט בלאַסע איינגעפאַלענע באַקען און מיט שוואַרצע פערטראַכטע אויגען, גלעט זיך די פאות אַלע מאָל ווען מען דערמאַנט איהם „ביים פעטער הערץ צו דער סעודה", און ווער שמועסט מיינע צוויי שוועסטער, מרים רייזעל און חנה רחל, וואָס איינע פון זיי איז שוין אַ כלה — די האָבען זיך געלאָזט נייען קליידליך נאָך דעם לעצטען פאַסאָן צוליעב דער סעודה וואָס ביים פעטער הערץ, און האָבען זיך געקויפט שענע

קעמעלעך מיט שטיינגעלעך צו די האָר, און האָבען געוואָלט אויך די שיך מען זאָל זיי געבען פערריכטען, האָט די מאַמע אָפּגעלייגט שוין אויף פסח, חאָטש עס האָט זיי גוט געקרענקט וואָס זיי געהען געבאַך באָרוועס. און איבערהויפּט פאַר מרים ריזלען האָט זי געהאַט יסורים, דער חתן זאָל חלילה ניט דערזעהען אַז זי טראָגט צוריסענע שיך, זי האָט אַזוי אויך גענוג צרות פון דעם חתן. וואָס לא די ער איז אַ גראָבער יונג, כלומר'שט אַ שטיקעל בוכהאַלטער דאָס הייסט מחילה אַ קאָמי אין אַ געוועלב פערבענדיוועט ער נאָך און וואָלט אַ בעלן געווען אַז די כלה זיינע, מיין שוועסטער הייסט עס, זאָל געהן אויסגעפּוצט נאָכ'ן לעצטען פאַסאָן, ווי אַ פּרינצעסין. אַלע שבת ביינאַכט קומט צו אונז דער דאָזיגער קאָמי צו גאַסט, זעצט זיך אַוועק מיט מיינע ביידע שוועסטער ביים פענסטער און מען רעדט צום מיינסטען פון שענע קליידער, נייע קאָסטיומען, לאַקירטע שטיוועל מיט קאַלאָשען, מאָדנע היטעלעך מיט פעדערען, זאָנטיקלעך מיט שפּיצלעך, און אויך פון ציכלעך רעדט מען פון געשמוקטע מיט רויטע איינשיטלעך און מיט אַ ווייס לייליכעל איבערגעצויגען און פון אויבען אַ קאָלדרע אַ גוטע, אַ וואַרעמע, אַנ'אמת'ע, אַ ביינענע און ס'איז ווינטער און מען לייגט זיך שלאָפען איז מחיה. און איך זעה ווי מיין שוועסטער מרים ריזעל, ווערט מיט אַמאָל רויט ווי אַ צוויק... מרים ריזעל האָט אַ טבע: באַלד עפּיס טהוט איהר אַ זעץ דאָס בלוט אין פּנים אַריין, און טאָמער טהוט ער אַ קוק איהר אויף די פיס, בעהאַלט זי זיי אונטער'ן בענקעל, האָט מורא אַ פּנים, ער זאָל חלילה ניט דערזעהען די אויסגעטראָטענע אַפּסאַצען און די אויסגעריבענע פינגער.

ד.

— ביזט שוין גרייט צו דער סעודה? — פרעגט די מאַמע ביי'ם טאַטען אויפ'ן אַנדערען טאָג נאָך דער מגילה.

— וואָס איז שייך גרייט? — ענטפערט איהר דער טאַטע און טהוט אָן די שבת'דיגע בעקעשע. — וואו זענען די קינדער?

— די קינדער זענען שוין באַלד גרייט — ענטפערט די מאַמע, חאָטש זי ווייסט גאַנץ גוט, אַז די קינדער, ד. ה. מיינע שוועסטער, זענען נאָך ווייט פון גרייט. זיי צוואָגען זיך ערשט די קעפּ, שמירען זיך די האָר מיט מאַנדעלעהל, פערקעמען זיך איינס דאָס אַנדערע, פּוצען זיך אויס און טהוען אָן די נייע קליידלעך, בעשמירען די שיך מיט פלאַסטערן-שמאַלץ,

זיי זאלען גלאנצען, אויסזעהען ווי נייע. נאר וואס קומט ארויס פון זייער גלאנצען, אז די אבסאצען, אוי די אבסאצען האבען זיך אבגעזעצט און פון פארינט כמעט וואס מען זעהט ארויס די פינגער... וואס טהוט מען, דער חתן זאל דאס חלילה נישט דערזעהען? און ווי אויף צו להכעיס טראגט איהם אן דער רוח, דעם קאמי, אין א פרישען אנצוג מיט שטארק א אנגעקראכמאלטען קאלנער און מיט א גרינעם מאדען-שניפס און פון די שטארק-אנגעקראכמאלטע ווייסע מאנשעטען קוקען ארויס צוויי געזונדע רויטע הענד מיט שווארצע נעגעל, און די פריש אונטערגעשארענע האר ביי איהם שטעהען קאפויר און א ווייס שטארק אנגעקראכמעלט נאז טיכעל שלעפט ער ארויס פון קעשענע און עס שמעקט פון דעם א שטארקער ריח פון בשמים, נעגעלעך און געווירצען, וואס פארגעהט אין נאז אריין, און איך הייב אן צו ניסען, און פונים ניסען פלאצט מיין קאפאטקעלע און עס שפרינגען אפ פון דעם צוויי קנעפלעך, דערזעהט די מאמע און גיט מיר א וויסטען פעטשאטעק.

— א יונגאטש זאל נים קענען איינהאלטען אויף זיך קיין קנעפעל, צושפרונגען זאלסט דו ניט ווערען! — אזוי [illegible] די מאמע, חאפט א נאדעלפאדעם, נייט מיר צו די אפגעשפרונגענע קנעפלעך און אז אלע ווערען פארטיג, לאזען מיר זיך געהן צום פעטער הערץ צו דער סעודה.

פריהער פאר אלע, אויפגעהויבען די פאלעס, געהט דער טאטע, נאך איהם אין א פאר מאנסבילשע שטיוועל די מאמע, מחמת די בלאטע איז זעהר גרויס; נאך איהר ביידע שוועסטער מיט זאנטיקלעך אין די הענד (טאמער ווייסט איהר אויך וואס דארף מען פורים זאנטיקלעך?) נאך זיי שפרייזט מיין עלטערער ברודער משה, אברהם איבער דער בלאטע האלט מיך פאר א האנד און זוכט א טרוקען שטיקעל ארט, א סטעזשקע און טרעפט אקוראט אין דער רעכטער בלאטע אריין און טהוט זיך אלע מאל א חאפ ווי אנאבגעבריהטער: „איך—א!“ ביי דער זייט געהט אונזער חתן, דער קאמי אין א פאר נייע טיפע קאלאשען, דער איינציגער וואס טראגט קאלאשען, און שרייט אויס אלע מינוט הויך אויף א קול אלע זאלען הערען: „איך זאל חאטש נישט אננעהמען קיין בלאטע אין די קאלאשען!..“ און אט אזוי קומען מיר צום פעטער הערץ צו דער סעודה.

ח.

חאָטש עס איז נאָך גרויסער טאָג, דאָך ברענען שוין ביים פֿעטער הערץ אין שטוב ליכט אַ סך מיט לאָמפּען אויף די טישען און מיט העסעס אויף די וואַנד. דער טיש איז געגרייט; אַ מוראדיג פּורים-קוילישטש ווי אַ שור הבר די גרויס פֿערנעמט אַ שטיק טיש, און אַרום און אַרום טיש שטעהט די גאַנצע משפּחה אונזערע, אַלע פֿעטערס מיט אַלע מומעס מיט אַלע אונזערע געשוועסטער קינדערלעך, — אַלע ברוך השם אָרימע לייט, ווער מעהר און ווער ווייניגער, און מען רעדט צווישען זיך שטילערהייד און מען וואַרט ווי אויף אַ ברית, בשעת קוואַטער בעדאַרף אַריינטראָגען דאָס קינד. דעם פֿעטער הערץ זעהט מען ניט, און די מומע הערצעליכע, אַ יודענע מיט ווייסע פּערל און מיט שוואַרצע ליפּען און מיט אַריינגעשטעלטע ציין דרעהט זיך אַרום פֿאַרטאַרעראַמעט אַרום טיש, שטעלט אויס די טעלער, צעהלט אונז אויס איטליכען בעזונדער מיט דער לינקער האַנד, האָט גאָר קיין מורא נישט פֿאַר קיין עין הרע... און אָט עפֿענט זיך די טהיר און עס בעווייזט זיך דער פֿעטער הערץ אַליין, אָנגעטהון יום-טובדיג אין אַ זיידענער גלאַנצענדיגער בעקעשע מיט שטאַרק ברייטע אַרבעל און מיט אַ שטריימעל אויפֿ'ן קאָפּ, וואָס ער טהוט דאָס אָן נאָר פּורים צו דער סעודה און פּסח צום סדר, און די גאַנצע משפּחה טהוט זיך צו איהם אַ בויג, די מאַנסבילען שמייכלען עפּיס זעהר מאָדנע, רייבען אַ האַנד אָן אַ האַנד, די ווייבער גיבען איהם אָב גוט יום-טוב, און מיר, יונגוואַרג, בלייבען שטעהן ווי די גולמ'ס ניט צו וויסען, וואָס מען טהוט מיט די הענד... דער פֿעטער הערץ בעטראַכט אונז אַלעמען, די גאַנצע משפּחה, מיט איין ברייטען קוק פֿון אויבען אַראָפּ מיט זיינע בייזע גרויסע אויגען דורך די זילבערנע ברילען, טהוט בשעת מעשה אַ הוסטעל און אַ מאַך צו אונז מיט דער האַנד:

— נו, פֿאַר וואָס זיצט איהר ניט? זעצט זיך אַוועק, אָט שטעהען בענקלעך.

די גאַנצע משפּחה זעצט זיך אַוועק, איטליכער אויף אַנעק בענקעל, האָט מורא זיך צו ריהרען צום טיש, עס זאָל חלילה נישט זיין קיין שאָדען, און אַ מוראדיג שטילשווייגעניש הערשט אין זאַל, מען הערט די ליכט ווי זיי ברענען, עס שעמערירט אין די אויגען און אויפֿ'ן האַרצען איז קאַלעמוטנע; מען איז אַ הונגעריג אי עס ווילט זיך נישט עסען; עס האָט אָבגענומען מיט אַמאָל דעם אַפּעטיט, ווי מיט די הענד.

— וואס שווייגט איהר? זאגט עפּיס, דערצעהלט עפּיס! — מאכט דער פעטער הערץ און טהוט א היסטעלע מיט א קנייטש מיט די פּלייצעס און מיט א מאך מיט'ן קאפּ ארויף און מיט א פּארשק מיט די ליפּען.

די משפּחה שווייגט. קיינער וואגט נישט צו זאגען א ווארט ביים פּע־טער הערץ ביים טיש. מאדנע נאריש שמייכלען די מאנסבילען, ווילען עפּיס זאגען און ווייסען נישט וואס; משונה ווילד קוקען זיך הורך די ווייבער, רעדען מיט די אויגען, און מיר יונגווארג, ברענען ווי אויף פּאקען. מיינע ביידע שוועסטער קוקען זיך אן איינס דאס אנדערע גלייך ווי זיי האבען זיך קיינמאל נישט געזעהען. מיין ברודער משה אברהם קוקט אויף דער וועלט מיט א בלאס איבערגעשראקען פּנים; קיינער, קיינער וואגט נישט צו זאגען א ווארט ביים פּעטער הערץ ביים טיש. נאר איינער פיהלט זיך דא גוט ווי אומעדום און ווי אלע מאל, דאס איז מיין מרים רייזעלס חתן, דער קאמי. ער ציהט ארויס די גרויסע אנגעקראכמעלטע און שטארק שמעקעדיגע פּארטשיילע פון דער אונטערשטער קעשענע, שנייצט אויס די נאז גאנץ ברייטליך, ווי ביי זיך אין דערהיים, און רופט זיך אן:

— פּורים זאל זיין אזא בלאטע! איך האב געמיינט איך נעם אן פולע קאלאשען...

— ווער איז דער יונגערמאן? הא? — טהוט א פרעג דער פעטער הערץ, הייבט אויף די זילבערנע בריל און טהוט א היסטעל, א קנייטש מיט די פּלייצעס און א מאך מיט'ן קאפּ ארויף און א פּארשק מיט די ליפּען.

— ס'איז מיין... מיין חתן... מיין מרים רייזילס חתן — מאכט דער טאטע מיט א שטיל קול, ווי א מענש וואס איז זיך מודה, אז דאס האט ער געהרג'עט א מענשען און מיר אלע בלייבען זיצען ווי געלעהמט און מרים רייזיל — וועה וועה! — מרים רייזיל ברענט ווי א שטרויענער דאך!

דער פעטער הערץ בעטראכט די גאנצע משפּחה מיט א ברייטען קוק פון זיינע בייזע גרויע אויגען, שיענקט אונז נאך א היסטעל און א קנייטש מיט די פּלייצעס און א מאך מיט'ן קאפּ ארויף און א פּארשק מיט די ליפּען און טהוט א זאג צו אונז:

— נו? פאר וואס געהט איהר זיך נישט וואשען? געהט וואשט זיך, עס שטעהט וואסער.

———

176

ו.

געוואַשען זיך און אָבגעזאָגט דעם שאו ידיכם זעצען מיר זיך אוים די גאַנצע משפחה אַרום טיש און וואַרטען ביז דער פֿעטער הערץ וועט מאַכען „המוציא“, וועט אויפֿשניידען דעם מוראדיגען פורים קוילעטש, וואָס איז גרויס ווי אַ שור הבר, און דערווייל זיצען מיר אָהן לשון ווי די שטומע, וואָלטען וועלען שוין טאַקי עפּעס נעמען אין מויל אַריין, נור דער פֿעטער הערץ, ווי אויף צו להכעיס, מאַכט לאַנגע שהיות, ווי אַ גוטער יוד, ווי אַ רבי, קוים־קוים דערלעבט זעהען דעם שור־הבר אַ געקוילעטען, און איידער מיר שלינגען אַראָב דעם ערשטען ביסען, טהוט שוין דער פֿעטער הערץ אַ קוק מיט די בייזע גרויסע אויגען אויף דער גאַנצער משפחה מיט אַ היסטעל און מיט אַ מאַך מיט די פלייצעס און מיט אַ מאַך מיט קאָפּ אַרויף און מיט אַ פֿאַרשק מיט די ליפּען און אַ זאָג.

— נו? פֿאַר וואָס זינגט איהר עפּיס נישט? זינגט'ס עפּיס אַ נגון צו דער סעודה, ס'איז דאָך היינט עפּעס פורים אויף דער וועלט!

די גאַנצע משפחה קוקט זיך איבער מיט די אויגען, שושקען זיך עפּעס, רעדען שטילערהייד, הייסען איינער דעם אַנדערען זינגען, דינגען זיך: „זינג עפּיס“. „זינג דו“. „וואָס עפּיס איך? פֿאַר וואָס נישט דו?“ אַזוי לאַנג ביז עס חאַפּט זיך נישט אַרויס מיט אַ נגון — איינער פֿון אונזער משפחה, אברהם'עלי דעם פֿעטער איצעס. אַ יונגערמאַן, וואָס וואַקסט איהם נישט קיין באָרד און פינטעלט מיט די אויגען און האָט אַ קוויטשיג קול און מיינט אַז ער קאָן זינגען.

וואָס פֿאַר אַ מין נגון אברהם'ל דעם פֿעטער איצעס האָט געוואָלט אויסזינגען, ווייס איך נישט, איך ווייס נור, אַז ער האָט זיך גענעבען אַ נעם ביים גאַרגעל און אַ שטעל אַוועק אַ פֿאַלשען טאָן און — אַ קוויטשע אוים אויף אַ פֿערדומפּענע צו הויכע שטימע אַ משונה ווילדע טרויעריגע זאַך און געמאַכט האָט ער דערביי אַזאַ מאַדנע טרויעריג־לאַכענדיג פּנים, אַז מען האָט בעדאַרפֿט זיין אַ גאָט אָדער אַ מלאך מען זאָל זיך איינהאַלטען און נישט צוגעהן פֿון געלעכטער, וכפרט אַז קענען מיר איז געזעסען יונגוואַרג און געקוקט מיט אַזעלכע אויגען, אַז מען האָט בעדאַרפֿט זיין שטאַרקער פֿון אייזען און נישט נעבען אַ שאָס אוים קיין געלעכטער.

דער ערשטער שאָס איז געוועזען פֿון מיר און דעם ערשטען פּאַטש פֿון דער מאַמע האָב געחאַפּט איך. דער פּאַטש האָט מיך אָבער נישט אָבגעקיהלט; אדרבה, ער האָט אַרויסגערופֿען ביי דער גאַנצער חברה־יונגוואַרג און אויך

ביי מיר אַ פרישען געלעכטער, און דער פרישער געלעכטער האָט אַרויסגערופען אַ פרישען פאַטש, און נאָכ'ן פאַטש ווידער אַ געלעכטער, און נאָכ'ן געלעכטער ווידער אַ פאַטש, אַזוי לאַנג ביז מען האָט מיך אַרויסגעפיהרט פון זאַל אין קיך אַריין, פון קיך אין דרויסען אַרויס, פון דרויסען האָט מען מיך געבראַכט אַהיים אַ צוהרגעטען, אַ צושלאָגענעם, אַ בעגאָסענעם מיט טרערען, מיט בלוטיגע טרעהרען — און איך האָב מיך יענעם אָבענד פערשאָלטען דאָס געבויין, געשאָלטען דעם פורים, געשאָלטען די סעודה, געשאָלטען אַברהמ'ל דעם פעטער איצעס און מעהר פון אַלע דעם פעטער הערץ, — זאָל ער מיר מוחל זיין ער איז שוין לאַנג אויף דער אמת'ער וועלט. אויף זיין קבר שטעהט אַ מצבה, די שענסטע מצבה ביי אונז אויפ'ן בית עולם, און אויף דער מצבה שטעהען אויסגעקריצט מיט גאָלדענע אותיות אַלע זיינע מעלות, מיט וועלכע ער האָט זיך אויסגעצייכענט אין זיין לעבען:

„פה נקבר — דאָ ליעגט אַ מאַן אַנ'עהרליכער, אַ גוטער, אַ הערציגער,
„אַ ליעבליכער, אַ ברייטע האַנד, אַ גרויסער בעל צדקה, אַ צוגעלאָזטער,
„אַ געטרייהער, אַ פריינדליכער און נאָך און נאָך...
ת"נ"צ"ב"ה."

הונדערט איינס

האָלדערט אײַנס.

אַ מעשה.

א.

דער שענער דער אַלטער טײַך בוג, וואָס לויפֿט איבערן יונג צווישען דניעפּר און צווישען דניעסטער און פֿאַלט אַרײַן ווי זיי אין שוואַרצען ים אַרײַן, שנײַדט דורך לויפֿענדיג צוויי גובערניעס, חערסאָנער און פּאָדאָליער, דאָרט וואו עס ליעגען צוואָרפֿען אָהן אַ שום סדר צוויי יודישע שטעדטליך האָלטע און באָהאָפּאָליע. די דאָזיגע צוויי שטעדטליך דאָס איז אייגענטליך איין שטאָדט, נאָר דער טײַך האָט זיי ווי צעשנײַדט, ווי צעריסען אויף דער האַלב, און מענשען האָבען זיי צוריק צונויפֿגעבונדען מיט אַ בריק, אַזוי אַז פֿון ביידע שטעדט איז געוואָרען ווידער איין שטאָדט: אָט זענט איהר דאַכט זיך אין באָהאָפּאָליע, עס געהט ניט אַוועק קיין פֿינף מינוט זענט איהר שוין אין האָלטע, און דאָס אייגענע צוריק — אָט זענט איהר נאָר וואָס געוועזען אין האָלטע, איהר טהוט אַ קוק, אַהאַ איהר זענט שוין ווידער אין באָהאָפּאָליע!

האָלטע האָט אַ צײַט מיט יאָהרען זיך גערעכענט פֿאַר אַ דאָרף און באָהאָפּאָליע פֿאַר אַ שטעדטיל. איז דערפֿאַר אויף האָלטע געפֿאַלען דער גורל פֿונ'ם 3 מאַי 1882, אַז יודען טאָרען זיך דאָרטען איבעראַנײַס ניט באַזעצען.

פֿון דעמאָלט אָן איז האָלטע געוואָרען שטאַרק חשוב בײַ די באָהאָפּאָליער יודען, וואָס האָבען אַלע מיט אַמאָל באַקומען חשק, זיך באַזעצען דוקא אין האָלטע און דוקא נאָכ'ן 3 מאַי.

פֿון יענעם 3 מאַי אָן האָבען די באָהאָפּאָליער יודען אָנגעהויבען זיך שטילערהייד אַריבערפֿעקלען קיין האָלטע, נאָר ס'איז זיי ניט געראָטען, מע האָט

זיי געבעטען מחילה זעהר שען איבער דער בריק צוריק קיין באַהאָפּאָליע: „גאָט־סאָדין איצקאָ, פּאָזשאַלאָיטיע נאַזאַד דאָ באַהאָפּאָלסקאַהא ראַבינאַ!“ אדער מע האָט איהם פאַרקערעוועט דעם וואָגען אָהן ווערטער און אַ זאָג געטהון מיט אַ געלעכטער: „אַ פּאָהר־פּאָהר נאַ באַרדיטשעוו“.

— סטייטש — האָט נעבאַך יענער גע'טענה'ט — איך בין אַ האַלטער פון כמה וכמה יאָהרען! יאַ מאַיע סאָבסטווענע גאָרעד או שקאָלע — איך האָב דאָרט אַיין אייגענע שטאָדט אין בית מדרש! יאַ מאַיע סקילקע ראָדיטשי נאַ קלאַדבישטשע — איך האָב דאָרט קרובים אויפ'ן בית עולם!

די אַלע טענות האָבען אָבער געהאָלפען ווי דער פאַריאָהריגער שניי.

— דאָקומענטע! — פּאַפּירען! — האָט מען איהם געענטפערט, און עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ חתונה מיט „פּאַפּירען“. יודען האָבען דעמאָלט געגעבען צוליי'ען געלד פאַר פּאַפּיר... די חאָדאָטאַיעס האָבען מאסף ממון געווען, די מוסרים האָבען געהאַט וואָס צו טהון... ווען מען עס האָט געגאָלטען און ווען מען ניט. אַ סך האָבען יודען אַליין קאַליע געמאַכט זיך מיט זייערע מסירות; איבער זייערע מסירות האָבען נעבעך אַ סך משפחות געמוזט פאַרנעמען די בעבעכים און עמיגרירען איבער דער בריק פון האָלטע קיין באַהאָפּאָליע, און ס'איז צוגעקומען נייע קבצנים, נייע עסערס, וואָס עסען איינס דאָס אַנדערע... יודען האָבען זיך ניט געוואָלט אַזוי גיך אונטערגעבען, האָבען זיי מלחמה געהאַלטען (אויף פּאַפּיר געוויינטליך). און ס'איז אַוועק אַ מלחמה צווישען יודען מיט פּאָליציע און צווישען יודען מיט יודען, עס זענען געפלויגען פּאַפּירען אין פּאָליציע, פון פּאָליציע אין דער גובערניע, פון דער גובערניע אין סענאַט, פון סענאַט אין דער גובערניע און פון דאָרט צוריק אין פּאָליציע — און די מלחמה האָט זיך אַזוי געצויגען צוואַנציג יאָהר כסדר. איך האָב מורא, אַז דער היסטאָריקער וואָס וועט אַמאָל קומען באַשרייבען די געשיכטע פון די דאָזיגע צוויי שטעדטליך וועט ער מוזען דאָס דאָזיגע שטיקעל צייט אַ נאָמען געבען: „די געשיכטע פון דער צוואַנציג יעהריגער מלחמה“, די האָלטער מיט די באַהאָפּאָליער יודען וועלען שוין וויסען וואָס מע מיינט...

צווישען די אנשי מלחמה זענען געווען צוויי מענשען: ירחמיאל משה באַהאָפּאָלסקי פון האָלטע און זיינער אַ בלוטיגער שונא נחמן־ליב האָלטיאַנסקי פון באַהאָפּאָליע.

ב.

עס זאָל אײַך גאָר ניט זײַן קײן חדוש און איהר זאָלט ניט פֿרעגען קײן קשיות, וואָס ירחמיאל משה איז אַ האָלטער און הײסט באָהאָפּאָלסקי און **נחמן** ליב איז אַ באָהאָפּאָליער און הײסט האָלטיאַנסקי? **למאַי איך קאָן אײנעם אַ טשערקאַסקי** וואָס וואָהנט אין ביעלאָצערקאָוו און אײנעם אַ **בעלאָצערקאָווסקי וואָס וואָהנט אין טשערקאַס? הײנט קאָן איך אײנעם אַ טאַראַשטשאַנסקי וואָס וואָהנט אין קרעמענטשוג און אַ קרעמענטשוצקי וואָס זיצט אין טאַראַשטשע? דאַכט** זיך, וואָס וואָלט געווען אַזוי שלעכט, אַז טשערקאַססקי **וואָס קומט אַרויס** מסתמא פֿון טשערקאַס זאָל זיך זיצען אין טשערקאַס, בעלאָצערקאָווסקי אין בע־לאָצערקאָוו, טאַראַשטשאַנסקי אין טאַראַשטשע און קרעמענטשוצקי אין קרע־מענטשוג? איז דער תרוץ: **ווען איטליכער מענש זאָל דאַרפֿען זײַן צוגעבונדען צו זײַן שטאָדט וואָלט דאָך די וועלט קײן קיום ניט געהאַט!... נאָר** מיר קערען זיך אום צום 3 מאַי **1882.**

נחמן ליב האָלטער, וואָס איז כל ימיו געווען אין באָהאָפּאָליע, האָט בע־[illegible]ט פּונקט דעם 2־טען וואָס אַקעגען יענעם 3 מאַי גענעכטיגען אין האָלטע און זײַן דאָרטען פֿאַרשריבען בײַ׳ם אוריאַדניק אויף אַ פּראָטאָקאָל — און דאָס האָט איהם געדינט פֿאַר אַ בעווײַז אַז ער איז אַ האָלטער תושב. **אָט דאָס** הײסט אַז סע באַשערט אײנעם אַ גליק, דעם אַנדערען אײן אומגליק!

סע פֿאַרשטעהט זיך, אַז ירחמיאל משה׳ן האָט די דאָזיגע מעשה רעכט פֿאַרדראָסען און ער האָט געטהון אַלסדינג וואָס ער האָט געקאָנט און האָט אַזוי לאַנג געגראָבען אויף נחמן ליבין, ביז ער האָט דערוויזען מיט אותות ומופתים, אַז נחמן ליב איז אַ באָהאָפּאָליער. אודאי איז נחמן ליב אויך ניט געשלאָפֿען און אויסגעוויזען מיט פּאַפּירען אַז דעם 2־טען אַקעגען 3־טען מאַי 1882 איז ער געווען פֿאַרשריבען אין האָלטע בײַ׳ם אוריאַדניק אין די ביכער, אַ סימן איז דער נאָמען אַלײן האָלטיאַנסקי בעווײַזט אַז ער, נחמן ליב, איז אַ האָלטער און ירחמיאל משה איז אַ באָהאָפּאָליער, ווי דער נאָמען זײַנער בעווײַזט: באָהאָפּאָלסקי פֿון באָהאָפּאָליע...

אַזוי האָט געשריבען נחמן ליב אין דער גובערניע אַרײַן אויף ירחמיאל משה׳ן. ירחמיאל משה האָט אָבער אויך ניט געשוויגען. ער האָט אַרויסגענומען פּאַפּירען און אויסגעוויזען מיט עדות, אַז נחמן ליב חאָטש ער רופֿט זיך האָל־טיאַנסקי איז ער אַ באָהאָפּאָליער. אַ סימן ער האָט אין באָהאָפּאָליע אַנאײ־גענע דירה מיט אַ שטאָדט אין דעם מגיד׳ס קלויז. וואָס דאַרף אַ האָלטער ייד אַ דירה אין באָהאָפּאָליע מיט אַ שטאָדט אין דער באָהאָפּאָליער קלויז?

הקצור מע האט זיך אזוי לאנג געשלאגען מיט פאפירען אין דער גובערניע אריין און די צוויי יורען האבען זיך אזוי צוגעגעסען, ביז ס׳איז אנגעקומען מע זאל זיי ביידע ארוים משלחין פון האלטע און אכטונג געבען מע זאל זיי אהינצו ניט אריינלאזען, א חוץ בייטאג.

ג.

— במה, וואס שווייגט איהר?

— וואס וועט מיר העלפען אז איך וועל שרייען?

— פארהאן א סענאט, גיט איין אין סענאט!

— וואס זאל איך איינגעבען אין סענאט, אז די גובערנסקי פראוולעניע האט געפונען אז איך בין א באהאפאליער? און דערצו האט זיך אריינגעמישט ירחמיאל משה׳קע.

מע דארף ניט געהן אין סענאט!

— סענאט פעהלט איהם נאך! דו ווילסט א פנים מע זאל אונז ארויס-שיקען פון באהאפאליע אויך?

אומעטום פלעגט ירחמיאל משה׳כע אויספיהרען. נאר דא האט זי ניט געקאנט פועל׳ען גארניט. ירחמיאל משה איז געווען א גוטער עקשן און איז אוועק מיט א פאפיר אין סענאט אריין, און שטעלט אייך פאר א מעשה!

ס׳איז אוועקגעגאנגען א היבש שטיקעל צייט, איך האב מורא אויב ניט א יאהר 20, איינמאל זיצט ער זיך אזוי ביי זיך אין קלייט, תחלת זומער איז דאס געווען ער האט אפילו ניט אין זין געהאט דעם סענאט אין דער לינקער פאה, כמעט פארגעסען גאר אז ס׳איז פארהאן א סענאט אויף דער וועלט, קומט מען צוגעהן און מע רופט איהם צום פריסטאוו.

— וואס איז שוין עפים א נייס ביי דיר? ווידער אמאל „סוויטשנע סבאר״? זיינע עסקים! — רופט זיך אן ירחמיאל משה׳כע צו ירחמיאל משה׳ן.

— לאז מיך אזוי ויסען א בייזע וועטשערע מיט דיר אינאיינעם! — מאכט ירחמיאל משה — א פריסטאוו רופט, קאן מען קיין דבר אחר ניט זיין און מע מוז געהן.

— זעה נאר מע זאל דיך דארט חאטש ניט „רעשטעווען״ — באגלייט איהם ארוים ירחמיאל משה׳כע פון קלייט מיט א יברכך.

עס האט נישט געדויערט קיין האלבע שעה איז ירחמיאל משה אריינגע-פלויגען אין קלייט אריין, קוים געקאנט אויסרעדען:

— מזל טוב !... אָנגעקומען פֿון סענאַט... געקומען אַז איך בין אַ באַראָן פּאַליער... איך מעג שוין הײַנט דאָס זיצען אין באַהאַפּאַליע...

ירחמיאל משהלע האָט אַ פּליעסק געטהון מיט די הענד:

— אַ גדולה אויף דער באָבע! וואָס זאָגט איהר אויף דעם מזל טוב? ער מעג שוין זיצען אין באַהאַפּאַליע!

— טפֿו, וואָס זאָג איך באַהאַפּאַליע? איך מײן האָלטע מײן איך!

— האָלטע? אַזוי זשע רעד!... נו ירחמיאל משה, וואָס האָב איך דיר געזאָגט?

— וואָס האָסט דו מיר געזאָגט?

— איך האָב דיר געזאָגט זאָלסט געהן אין סענאַט?...

ירחמיאל משה איז געווען אַזוי צופֿרידען, אַזוי גליקליך, אַז ער איז אַרויסגעלאָפֿען אין שטאָדט און אויסגעפּויקט פֿון איין עק ביזן אַנדערען, אַז ס'איז אָנגעקומען פֿון סענאַט אַז ער איז אַ האָלטער און מעג זיצען אין האָלטע, און ער קלויבט זיך אַריבער אם ירצה השם אין גיכען קײן האָלטע. ירחמיאל משה האָט דעם טאָג נישט געגעסען, נישט גערוהט, ער איז געלאָפֿען פֿון אײנעם צום אַנדערען, עס האָט איהם עפּיס געטראָגען אין דער לופֿטען. וועמען ער האָט באַגעגענט, האָט ער אָבגעשטעלט.

— געהערט?

— וואָס? פֿון סענאַט? געהערט, ווי דען? מזל טוב אײך.

— מיט מזל זאָלט איהר לעבען!

— ווען רעכענט איהר אַריבערפֿאָהרען?

— אם ירצה השם נאָך שבועות.

— לאָז גאָט געבען אין אַ גוטער שעה.

— אַ דאַנק!

ד.

אַ ישועה אַז גאָט העלפֿט אַ מענשען איז אודאי װעהר גוט, נאָר אַ ישועה מיט אַ נקמה אינאײנעם דאָס איז אײנע פֿון די גרעסטע זאַכען אויף דער וועלט, וואָס דאָס פֿאַרגעניגען דערפֿון לאָזט זיך נישט באַשרײַבען; זעהען ווי יענער איז מקנא, ווי דער שונא ווערט צוועצט קוקענדיג, נעמט אײן אַ מיתה משונה — דאָס גיט צו דעם מענשען אַזוי פֿיעל מוטה, שטאַרקייט און אַכזריות, אַז פֿאַר נצחון פֿאַרגעסט ער און הײבט אָן טהון נאַרישקײטען.

אונזער ירחמיאל משה האָט ניט אויפגעהערט צו גראַגערען מיט'ן סענאַט אויף יעדען טריט און שריט אַזוי אַז ער האָט זיך אַלעמען צוגעגעסען, געוואָרען נמאס, טרייף ווי חזיר. עס האָט שוין פּשוט געשלאָגען צו דער גאַל אויסהערען פון איהם נאָך אַמאָל סענאַט און ווידער אַמאָל סענאַט און אָבער אַמאָל סענאַט!

נאָר אויב דאָס איז געווען נמאס צו הערען דער גאַנצער שטאָדט, היינט ווי האָט דאָס געקאָנט בראָטען און ברענען נחמן ליב'ן נעבעך, אַז ער האָט דאָס בעדאַרפט אַליין אויסהערען פון איהם אַלע מינוט, אַלע רגע? ירחמיאל משה האָט שטענדיג געזוכט מיט די אויגען נחמן ליב'ן, און וואו נחמן ליב איז געשטאַנען אַהין איז ער צוגעגאַנגען און געזאָגט:

— אַ פּנים אַז אין סענאַט זיצען טאַקי פאָרט מענשען!..

נחמן ליב טרעט אָב אויף אַ זייט און בעהאַלט זיך, נאָר ירחמיאל משה זוכט איהם אָב און רעדט ווייטער, נישט צו איהם, צו אַנדערע, נאָר אַזוי אַז ער זאָל אויך הערען:

— איך בין אומיסטנע נעכטען איבערגעבליבען נעכטיגען אין האַלטע אויף ביינאַכט, געוואָלט דער פּריסטאוו זאָל צו מיר קומען; איז ער אויף צו להכעיס ניט געקומען!

צווישען ירחמיאל משה'ן מיט ירחמיאל משה'כען איז געווען ברוך השם אַזאַ גוט לעבען, אַז אומעטום, וואו זי האָט נאָר געקאָנט, האָט זי איהם געטהון אויף קידער-ווידער, נאָר דאָ ביי נחמן ליב'ס מפּלה איז זי איהם געקומען צו הילף און האָט איהם געהאָלפען פּויקען איבער דער שטאָדט און דעקוטשען נחמן ליב'ן מיט נחמן ליב'כען, אַזוי אַז יענע האָט שוין געבעטען גאָט, עס זאָל שוין אַוועקגעהן שבועות און ירחמיאל משה מיט ירחמיאל משה'כען זאָלען שוין אַרויספאָהרען צו אַלדע שוואַרצע יאָהר. — „מע קאָן גאָר קיין קאָפּ ניט אויפהויבען פון זיי!“ און גאָט האָט רחמנות געהאַט, ס'איז אַוועקגעגאַנגען שבועות און ירחמיאל משה מיט ירחמיאל משה'כען האַפּען זיך נישט אַריבערצופאָהרען קיין האָלטע. וואָס האָבען זיי קיין צייט ניט? זיי וועלען פערשפּעטיגען שפּעטער מיט אַ וואָך, אַבי דאַנקען גאָט זיי מעגען שוין — ביז ס'איז געקומען זונטאָג, דער 25 מאַי, און די בלעטער (ווער האָט אויסגעטראַכט אָט די „בלעטער“?) האָבען געבראַכט צוטראָגען אַ ידיעה פון 101 שטאָדט, וואָס יודען מעגען דאָרטען זיצען, בויען הייזער, קויפען ערד, פלאַנצען גערטנער! הונדערט איין שטאָדט און האָלטע אויך בתוכם — אַזאַ מעשה איז ניט געהערט געוואָרען! ירחמיאל משה האָט נישט געגלויבט קיינעם.

— עס קאָן ניט זיין, ס׳אַליגען! — האָט ער געשריגען — צוואַנציג יאָהר האָט מען נישט געטאָרט איבערנעכטיגען אַ נאַכט, פלוצים וועט מען מעגען בויען הייזער, קויפען ערד, פלאַנצען גערטנער? און גראַדע הונדערט מיט איין שטאָדט און גראַדע האָלטע אויף בתוכם! דאָס האָבען שונאים אויסגעטראַכט, דאָס וואַקסט מסתמא פון נחמן ליב׳ען, נחמן ליב׳ס קאָפ דערביי, פאַרחאַפט זאָל ער ווערען!

— דעמאָלט ווען ביי מיר וועט אויסוואַקסען האָר אויף דער דלאָני, דעמאָלט וועט מען מעגען זיצען אין האָלטע!

אַזוי האָט ירחמיאל משה געשריגען און ירחמיאל משה׳כע וואָס האָט אויך געהערט אין מאַרק עפּיס אַ נייס מכח 101 שטאָדט און האָלטע אויך בתוכם, האָט איהם צגועברעמעלט, פאָטאַקעוועט:

— אויב ס׳איז אמת די מעשה מיט דיין סענאַט מעגסט דו זיך טאַקי באַגראָבען מיט איהם אינאיינעם.

אַזוי זאָגט ירחמיאל משה׳כע און ברענט און פלאַמט ווי אַ פערפלאַמטער שבת-קוילעטש.

פלוצים עפענט זיך די טיר און עס קומט אַריין דער שמש פון׳ם נגיד׳ס קלויז מיט אַ יודיש בלאַט צייטונג.

— נאַט אייך, רב ירחמיאל משה, דאָס האָט מען אייך געשיקט אַ בלאַט, איהר זאָלט מוחל זיין איבערלייענען וואָס דאָ שטעהט; דאָ איז פאַרהאַן עפּיס אַ נייס זאָגען זיי מכח באָהאָפּאָליע און מכח האָלטע, הונדערט איין שטאָדט, פערקנייטשט אָן אָ און אונטערגעשטרייכט נומער 94.

ירחמיאל משה האָט שוין פאַרשטאַנען ווער האָט זיך דאָס מטריח געווען; ער האָט גענומען דאָס בלאַט, אָנגעטהון דיברילען און עס האָט זיך איהם אַ וואָרף געטהון אין די אויגען אַריין דער נומער 94 און דאָס וואָרט „האָלטע". דאָס איבעריגע האָט ער שוין גאָר ניט געוואָלט לייענען. ער האָט פאַרשטאַנען אַז די מעשה איז אַיין אמת, און איז צוגעגאַנגען צו ירחמיאל משה׳כען — ירחמיאל משה׳כע האָט שוין פאַרשטאַנען וואָס דאָס באַדייט האָט זי אַ זאָג געטהון צו ירחמיאל משה׳ן מיט אַ ביטער געלעכטער:

— נו? דיין סענאַט!...

— וואָס עפּיס מיין סענאַט?

— וועמענס דען סענאַט? ס׳האָט זיך איהם פערגליסט אַ סענאַט האָט זיך איהם פערגלוסט! קומען זאָל אויף אייך אַלע אַ שרפה, רבונו של עולם!

ה.

א ווינטער טאג איז דעמאלט געקומען אויף ירחמיאל משה'ן מיט זיין ווייב. שטיל אהן ווערטער האט זי געגרייט צום טיש, געקלונגען שטארק מיט די טעלער און מיט די לעפעל, געשמיצט מיט די גאפלען.

— געה שוין געה וואש זיך שוין! — רופט זיך אן ירחמיאל משה'כע צו ירחמיאל משה'ן — זיבעצען מאל בעדארף מען איהם בעטען צום טיש!

— זיבעצעהן מאל? — דאכט זיך נאך אפילו איין מאל ניט? מאכט ירחמיאל משה מיט א זיפץ און געהט זיך וואשען און הויבט אויף ביידע הענד אין דער הויך און זאגט „שאו ידיכם" און טראכט זיך בשעת מעשה: הונדערט מיט איין שטאדט... פראנק און פריי... און האלטע אויך בתוכם... ער זעצט זיך צום טיש, מאכט א המוציא און זוכט עפיס אויפ'ן טיש און קאן ניט געפינען, און מחמת מע טאר ניט מפסיק זיין, מאכט ער מיט די הענד, קוקט אן א זייט און רעדט אויף לשון קודש:

— אי—א—נו—מלח—זאלץ?!

— מלח, זאלץ, שמאלץ, אט שטעהט דאך די זאלץ ביי דיר אונטער דער נאז, אטא, וואס אקעסט דו, וואס?

ירחמיאל משה האט קוים אראבגעשלונגען דאס שטיקעל ברויט, זיך שיער ניט דערווארגען מיט'ן ערשטען ביסען, און האט זיך געחאפט צום לעפעל ווען מע האט בעדארפט א גאפעל און צום גאפעל ווען מע האט בעדארפט א לעפעל. א גאנץ עסען זענען זיי געזעסען דער אהער דער אהין און געשוויגען ביידע, עס האט זיך געהערט א קלינגען פון די כלים, א זופען און ניאמקען פונ'ם עסען. איין מאל נאר האט ירחמיאל משה'כע א זאג געטהון:

— א שטילער מלאך דורכגעפלויגען...

ירחמיאל משה האט גארנישט געענטפערט און אזוי איז איבערגעגאנגען דער גאנצער ווארעמעס שטיל, מע האט געקאנט הערען א פליג. נאכ'ן עסען האט ירחמיאל משה געקאלופעט מיט'ן גאפעל די ציינער און א זאג געטהון צו דער סטעלי:

— מים אחרונים וואסער...

ירחמיאל משה'כע האט איהם א קוק געטהון אין די אויגען אריין, איינגעבויגען דעם קאפ א ביסעל אויף א זייט:

— זאג נאר, ירחמיאל משה, אויף וועלכער זייט ביזט דו דאס אויפגעשטאנען היינט?

ירחמיאל משה האָט איבער דערויף נישט געענטפערט גאָרנישט. ער האָט נאָר אָפּגעגאָסען מים אחרונים, אַ שמיץ געטהון דעם טעלער פון זיך, און האָט אָנגעהויבען בענשען שטילערהייד.

אַצונד איז געווען די בעסטע צייט, אַז ירחמיאל משה׳כע זאָל זיך מיט איהם קאָנען אָפּרעכענען, דאָס הייסט דערגעהן איהם די יאָהרען מיט ווערטער, עסען איהם און טאַטשען ווי אַ וואָרעם און איהם געבען וויפיל סע וועט אין איהם אַריין, ער זאָל ניט זיין משוגע, נישט אַרויסבעווייזען דעם כהן און נישט שמיצען זיך מיט קיין טעלער.

— זעה נאָר, ער שמיצט זיך דאָס אַביסעל! גלייך ווי מע ווערט פון איהם גליקליך... אַ מאַנסביל... מיינט ער שוין אַז ער מעג אַלסדינג... אַ מאַנסביל און אַ חשוב אין סענאַט! אַ קלייניגקייט? פסנו!

ירחמיאל משה האַלט דעם קאָפּ אַראָפּ, די זויגען צוגעמאַכט, שאָקעלט זיך און בענשט שטילערהייד: „הזן ומפרנס לכל ומטיב לכל“... ירחמיאל משה׳כע טהוט זיך איהרס; זי טאָטשעט איהם:

— פרעג איהם וואָס? ווייס ער אַליין ניט! וואָס ביזט דו אַ שטייגער אין קייקעס (אין כעס) אַ גאַנץ פריהמאָרגען? ס׳איז דאָך דיין סענאַט, ניט מיינער!

ירחמיאל משה הויבט אָן בענשען אַביסעל העכער.

— ככתוב ואָכלת ושבעת... און לאָזט אויס מיט אַ נגון און ציקעלט זיך: על האָ—אָ—אָ—אָרץ ועל המזון.

ירחמיאל משה׳כע לאָזט דורך אַ מינוט און הויבט אָן ווייטער:

— אַ מין רציחה! אַ מין כעס! עס האָט זיך אין איהם אַביסעל צעברענט אַ פייער: מע זאָל בעהיט און בעוואָרענט ווערען!

ירחמיאל משה העכערט דאָס קול נאָך שטאַרקער:

— לעד לחן ולחסד ולרחמים ולרוה הצלה והצלחה -

— דאַכט זיך פאַרקעהרט? — זאָגט ירחמיאל משה׳כע — אַז מע דערהערט ישועות ונחמות אויף יודען בעדאַרף אדרבה הנאָה טהון?

ירחמיאל משה העכערט דאָס קול נאָך שטאַרקער:

- ברכה וישועה נחמה פרנסה וכלכלה ורחמים והיים ושלום וכל טוב!...

ירחמיאל משה׳כע וויל ניט אַנשוויגען ווערען:

— פרעג איהם אַ שטייגער וואָס אַרט דאָס איהם? דערלעגט ער דאָ? נחמן ליב וועט מעגען זיצען אין האַלטע? לאָז ער זיצען אין געוואַקטע וואַנדען! עס זאָל מיך אָנהויבען צו אַרען!.. צוזעצטערהייד!..

ירחמיאל משה זידט ווי אַ קעסיל, האַלט אײַן דעם כעס אין זיך ווי ווײַט ער קאָן און הויבט אָן זאָגען די „הרחמן'ס“ נאָך העכער און מיט אַ וויי-נענדיגען נגון.

אַ מענש איז דאָך אָבער ניט פון אײַזען. ירחמיאל משה'כע טאַטשעט אידם אַזוי לאַנג ביז ער נעמט צענויף ביידע קולעקעס אַקעגען אידר פנים, קריצט מיט די ציינער און שרייט אויס אויף אַ קול:

— אויי, הרחמן הוא יברך אותי ואת אשתי ואת זרעי ואת זרע זרעי ; טפו : לויפט אַרויס פון שטוב ווי אַ משוגע'נער.

* *

*

נחמן ליב מיט נחמן ליב'כען זעען אַריבערגעפאָהרען קיין האָלטע און ירחמיאל משה מיט ירחמיאל משה'כען זענען פאַרבליבען אין באָהאָפאָליע עד היום הזה ;

די ערשטע קאמונע.

די ערשטע קאמונע

(א מעשה לכבוד פסח)

קאפיטעל א.

א מענש ווערט מיט אלסדינג געוועהנט.

הערט איהר? ס'איז גאר נישטא די צרה אויף דער וועלט וואס א מענש זאל מיט איהר ניט קאנען געוועהנט ווערען. דאכט זיך, וואס קאן שוין זיין ערגער פון ציינווערטאג? פון דעסט-וועגען קאן איך אייך ברענגען א ראיה פון מיין רבי'ן רב מאָניש. מיין רבי רב מאָניש האט געזאגט, אז ווען ער זאל חלילה ליידען אויף ציינווערטיג וואלט ער זיך א מעשה אנגעטהון. כך הוה, אז ס'איז געקומען די צייט וואס ער האט אנגעהויבען רייסען זיך אויף די ציינער, האט ער תחלת געשריגען ניט מיט זיין קול, געקראכען אויף די גלייכע וואנד, ארומגעטאנצט איבער'ן שטוב און צוטריבען דעם גאנצען חדר אהיים. אויף מארגען, אז מיר זענען געקומען אין חדר אריין, האבען מיר איהם געטראפען מיט אנ'אונטערגעבונדענער באק און מיט אנ'אויפגעטראגענער ליפּ און ער האט שוין געקרעכצעט שטילערהייד. אויף איבערמארגען איז שוין געווען ביי איהם ארומגעלעגט ביידע באקען מיט קישעלעך, דאס פּנים האט געגלאנצט ווי בעשמירט מיט פּוטער און געזעסען איז ער שטיל ווי א קעצעלע, ניט ארויסגעלאזט אפילו קיין פּיפּס.

— וואס הערט זיך, רבי, מיט אייער צאהן?

— וואסער צאהן? מאכט צו אונז דער רבי מיט א ביטער שמייכעלע: עס רייסען מיך שוין ברוך השם אלע ציינער.

איך האב דאס אייך געבראכט אהער, בכדי עס זאל אייך קיין חדוש ניט זיין, וואס מיר זענען זיך געוואוהנט געווארען מיט הערשקע מאמצים דירה, כמעט פארגעסען שוין אז מיר האבען געהאט אמאל אנ'אייגענע דירה, א גרויסע דירה, א שענע דירה, מיט א הויף, און מיט א גארטען, און מיט א סוכה, און מיט א שפּיזארני, און מיט וואס ניט? אמת, די מאמע האט נאך אלץ גאנץ

אפט אונטערגעזיפצט און געגעבען אנצוהערעניש דעם טאטען, אז ס'איז ניטא וואו עפּיס אוועקצולייגען פון דאנען אהין. דערויף האט איהר דער טאטע גע-ווינטליך אדער גאר ניט געענטפערט, אדער געענטפערט מיט א זיפץ. און אז זי האט איהם גוט דערנאנעען מיט ווערטער, אויסגעוויזען מיט ראיות, אז אין בעל-הבתישקייט מוז מען האבען א שטיקעל קעמעריל, האטש א ווינקעלע א בעזונדערס, האט איהר דער טאטע א זאג געטהון: „זינדיג ניט, דאנקען גאט דערפאר“. און דאס איז שוין געוועזען א תירוץ אויף אלסדינג: אויף דעם, וואס זיי דארפען דריי בעל-הבית'טעס שטעהן ביי איין אויוועז; אויף דעם, וואס אלע דריי שכנים בעדארפען שעפען וואסער פון איין דייזשקע און גיסען אין איין פאמעניצע; אויף דעם, וואס פאר אלע עופות איז פארהאן סך הכל איין שטייג, און אויף דעם, וואס אז עמיצינס ציגען טהון אן שאדען — ווייסט מען אפילו ניט וועמענס.

— צביה לאה, אייער ציג טהוט מיר צום טוידט; זי האט מיר היינט גע'פטר'ט דאס מילכיגע טעפיל, קלאגט זיך די מאמע פאר דער בעל-הבית'טע.

— און אז אייער ציג האט מיר נעכטען אויסגעזעצט א טאפליע? — ענט-פערט איהר אב צביה לאה, א יודענע א גראבע מיט א קול פון א מאנסביל.

— פון וואנענט ווייסט איהר אז מיין ציג האט אייך אויסגעזעצט א טאפליע? זאגט די מאמע.

— פון וואנענט ווייסט איהר, אז מיין ציג האט אייך צעבראכען דאס טעפילע? זאגט צביה לאה.

— מיינע געווים ניט! מישט זיך אריין די דריטע שכנה. א קליין ווייבעל, מיט שווארצע אויגעליך, וואס הייסען הייסט זי פערעלע, און רופען רופט מען זי „שוועבעלע“, דערפאר וואס זי צינדט זיך גיך אן און ווערט באלד פערלאשען — פונקט דער היפך פון איהר מאן, אונזער אלטען בעקאנטען משה, דער וואס מען רופט איהם „שוין איין מאל משה“, איהר דארפט איהם גע-דענקען פונ'ם פערגאנגענעם סוכות, אויב איהר האט געלייענט מיין מעשה, „שוין איין מאל א סוכה“.

קאפיטעל ב.

א ים שכנות וואלוועל שלייערס.

די וואס מיינען, אז די דריי שכנות וואס זענען געשטאנען ביי איין אויוועז, געטמען וואסער פון איין דייזשקי, געגאסען אין איין פאמעניצע און

אַזוי ווײַטער, האָבען חלילה שטענדיג געדאַרט צווישען זיך אַ שלעכט לעבען, האָבען זיי אַ גרויסען טעות. אמת, מען קאָן ניט זאָגען, אַז ס'איז ביי זיי געווען אַ לעבען ווי אונטערען אויווען, מען זאָל זיך הייסט דאָס שטאַרק ליעב האָבען, חלש'ן איינס נאָך דאָס אַנדערע דאָס אויך ניט, אַ מענש איז אומעדום קודם כל נישט מעהר ווי אַ מענש, און מענשען בכלל האָבען זיך ליעב נאָר פון דערווייטען. די אַלע שענע בילדער, וואָס מענשען מאָלען אָב ווי אַזוי מען וועט לעבען אַמאָל אַלע אינאיינעם גאַנץ ברידערליך אַלע אויף איין קעשענע, מען וועט צושטייסען די שווערטען אויף גראָב-אייזענס, און די ביקסען אויף שניידמעסערם און מע וועט זיך מעהר נישט קריגען, נישט זידלען, נישט טהון אויף צו להכעיס, לעבען ווי גאָט אין אָדעם — דאָס אַלסדינג וועט זיין אַז משיח וועט קומען, און ביז דעמאָלט וועלען דריי שכנות, וואָס שטעהען ביי איין אויווען מוזען אַמאָל צוקריגען זיך, צואַמפּערען זיך, רעכט אויסזידלען זיך און אפשר נאָך עפּיס ערגער אויך...

מילא, פון צביה-לאה'ן, הערשקע מאַמצים ווייב, שמועסט מען ניט. זי איז דאָך די בעל-הבית'טע פון דער שטוב, האָט אַיין אייגענע „נחלה", מיינט זי גלאַט אַז אַלע בעדאַרפען האָבען פאַר איהר דרך ארץ, און אָהק אַ „זייט-זשע מוחל" טאָר מען גאָר מיט איהר ניט רעדען. ביי מיין מאַמען האָט זי דאָס דוקא גע'פּועל'ט. מיין מאַמע רעדט גאָר אַנדערש נישט מיט איהר: — זייט-זשע מוחל, צביה לאה, די פּאָמעניצע איז שוין פול ווי אַיין אויג.

אָדער:

— זייט-זשע מוחל, צביה לאה, אַייער יויך-טעפּיל האָט זיך געשטעלט אין אויווען פּאָפּעריק און איהר האָט שוין אַ גוט אויג ניט קיין יויך.

אָדער:

— זייט-זשע מוחל, צביה לאה, אַייער קליינינקער האָט שוין דאָרטען מחילה אָנגעאַרבייט אַ שענע חתונה!...

דערפאַר טאַקי האַלט צביה לאה פון מיין מאַמע אַנ'עולם ומלואָה, און זי זאָגט דאָס איהר אַלע מאָל אין די אויגען בשעת זי צוקריעגט זיך מיט דער דריטער שכנה, מיט פּערעל'ן.

— איהר ווייסט, בתיה-לעבען, זאָגט זי צו איהר מיט אַ זיס שמייכעל: איהר ווייסט פאַר וואָס איך האַלט מיט אייך אַזוי? נאָר דערפאַר וואָס איהר זענט ניט קיין שוועבעלע.

פערעלע פערשטעהט דעם שמאך, רופט זי זיך אן הויך צו מיין מאמע זיין אויך זיס ווי קאנדעלצוקער:

— ווייסט איהר, בתיה לעבען, פאר וואס איך האב אייך אזוי ליעב? נאר דערפאר וואס איהר האט ניט קיין אייגענע „חאטע" וואס סע רינט פון די וועגד און סע קאפעט פון דער סטעליע, און וואס איהר מיינט ניט אז סע שפיעלט זיך מיט אייך דער מלאך המות.

און אזוי טענה'ען זיך אוים ביידע ווייבער מיט מיין מאמע, גיבען איהר צו פערשטעהן פאר וואס מען האט זי ליעב, און רעכענען איהר אוים אזעלכע מעלות וואס האבען ניט קיין שיעור.

די גרעסטע פון אלע מעלות אבער, וואס מיין מאמע האט באמת, איז די מעלה וואס זי האט ליעב שלום. זי צונעהמט די צדדים, פארערדט זיי די צייהן.

— וואס טויג אייך, זייט זשע מוחל, מיר דערצעהלען פאר וואס איהר האט מיך ליעב? איהר דערצעהלט מיר בעסער זייט זשע מוחל, צביה לאה לעבען, ווי אזוי איז אייך געגאנגען מיט'ן לעצטען טראגען?

אדער:

— איהר דערצעהלט אונז בעסער, זייט-זשע מוחל, פעריל קרוין, נאך אמאל, פאר וואס האט איהר זיך צוקריגט איבער-אנייעס מיט אייער שוועגערין רחל'ע די גרינגע? איהר האט דאך ניט לאנג איבערגעבעטען זיך מיט איהר!

יא, ווען ניט מיין מאמע, וואלט געווען, ווי מען זאגט, דריי שלייערם א גראשען. ס'איז אזוי אויך געווען מאלט אייך נענוג בזיונות, אז מיין מאמע, וואס האט — זאגט זי — קיין מאל ניט געהערט קיין גראבהייט, בעדארף אויס-הערען אזעלכע ווערטער מיט אזעלכע קללות און מיט איהרע אייגענע הענד צונעהמען די דאזיגע צוויי ווייבער, וואס אז זיי ווערען אין כעס, ווענען זיי ערגער — זאגט זי — פון די חיות רעות, זיי זענען גרייט איינס דאס אנדערע אפבייסען די נעז אדער ארויסרייסען די אויגען! וויפיעל געזונד דאס קאסט דער מאמע — דאס ווייס איך. איך האב ניט איין מאל געטראפען די מאמע זיצען און וויינען — (אויף אלסדינג וויינט זי) און בעקלאגען זיך אויף וואס פאר א לעבען זי איז איבערגעקומען! און קומט דער טאטע — ווישט זי אוים די אויגען, גלייך ווי גאר ניט געוועזען.

— וואס איז? פרעגט זי דער טאטע דערשראקען.

— וואס, וואס איז? מאכט די מאמע תמעוואטע.

— וואס ביזט דו פערוויינט?

196

— איך? זאגט די מאמע כלומרשט פרעהליך און טרעהרען קייקלען זיך פון איהרע שעגע אויגען איבער איהרע ווייסע שעגע באקען. ווען איך שעם זיך ניט פאר'ן טאטען, פאל איך איהר אויפ'ן האלז און קוש איהר אוים יעדער גליד, מיין טהייערער-טהייערער מאמען!

קאפיטעל ג.

מען „עדט פון קליינווארג און פון ווייבער“

און מיר, קליינווארג, קינדער פון די דריי שכנים אין איין שטוב, הערען דאך אודאי וואס ווייטער אלץ נעהענטער, און מיט דער צייט די לעצטע גוטע ברידער, ווי עס געהער צו זיין חברים; און איבערהויפט די יונגלעך. ארום און ארום זענען מיר זיבען יונגלעך; איך מוז אייך די אויסרעכענען ביי די נעמען: הערשקע מאמצי'ס פיער בנים — צוויי רויטע און צוויי שווארצע — אייזיק, איציק, הילק און ישראליק; „שוין איין מאל משה'ס“ צוויי יונגלעך — יאָליקיל און שאליקיל, און איך, אברהמ'ל, דער מחבר פון דער דאזיגער געשיכטע. א חוץ די זיבען יונגלעך זענען פארהאן זעכס מיידלעך: צוויי צביה לאה'ס טעכטערליך און ביידע מיט געלע הערליך: איטקע און ביילקע, און פיער פערעלע'ס מיידלעך: רייזעלע און פייגעלע און חנה'לע און יענטעלע.

די יונגעלעך מיט די מיידלעך זענען צווישען זיך פייער מיט וואסער. מע האט זיך אזוי פיינט, אז ממש מע קאן זיך איינס דאס אנדערע ניט אני־קוקען. טאמער טרעפט זיך עפיס אין שטוב א שאדען, לייגט מען ארויף די באד איינס אויף דאס אנדערע, די יונגלעך אויף די מיידלעך און די מיידלעך אויף די יונגלעך, ביז מען הויבט זיך אן געבען קלעפ. מיר, יונגלעך, פלאנטען זיך איין אין די רויטע הערליך פון די מיידלעך און זיי, מיידלעך, מאכען אזא קוויטשעריי, ביז עס קומט צו לויפען הערשקע מאמצי'ס, א בייזער יוד וואס האט פיינט „ספראוועס“; ער גיט פעטש פון דער פולער האנד אויף אלע זייטען: „פיטש-פאטש — זאגט ער — אי ניקאקיך!“ א גליק, וואס סע מישט זיך אריין, „איין מאל משה“, רייסט ארוים די יונגלעך פון הערשקע'ס הענד:

— לאז שוין זיין איין מאל אניעק!

א מאדנע מענש דער „איין מאל משה“ — א קינדערשע נשמה ביי אידם, מאג חי נאכט וואלט ער זיך מיט אונז אבגעגעבען. פון העלפען אונז מאכען בויען, צונויפשטעלען, צונויפלייגען וכדומה — פון דעם שמועסט מען ניט;

דערויף איז דאך עפּיס „איין מאל משה“ א בעל מלאכה, וואס האט א שם אויף דער וועלט. ווי קאן ער שטעהן און קוקען בשעת יענער שניצט, שניידט, טהוט עפּיס? „גיב אהער, דו שייגעץ איינער, וועל איך דיר ווייזען ווי אזוי מען שניצט מיט א מעסער“! — נאר דאס איז בלאטע, איך דארף אייך זאגען בסוד, אז „איין מאל משה“ האט זיך ניט געפּוילט פאריקאטשען די פּיגלעס און חאפּען מיט אונז אינאיינעם א שפּיעל אין „קאמער-קאמער הויז“, „עקעך און מקח“, „אום צי גראד“ וכדומה. און מיט איהם שפּיעלען איז געווען, זאג איך אייך, א פארגעניגען! פרעהליכער ווי שמחת תורה! וואס-זשע טהוט גאט? בעדארף ער איהם געבען א ווייב פּערעלע, וואס מע רופט זי „שוועבעלע“, לאזט זי איהם נישט מישען זיך צווישען קינדער. אט איין אומגליק! איך וועל זאגען מיטן לשון פון מיין רבין מאניש. מיין רבי מאניש, אז די רביצין האט איהם דערקוטשעט מיט געלד, פלעגט ער זיך חאפּען ביי דער לינקע פּאה און שרייען: „גוואלד! ווער האט אויסגעטראכט דאס מין ווייב אויף דער וועלט“!... אין יענער צייט, ווען איך בין למשל קיסר און מען קומט צו מיר און מע פרעגט מיך: וואס טהוט מען מיט ווייבער? וואלט איך געווים געזאגט: מען זאל זיי אלע אויסקוילען ווי די גענז, נאר איינע זאל מען איבערלאזען — די מאמע מיינע.

אצינד אז מיר האבען זיך א ביסעל בעקענט מיט אלע שכנים און שכנות וואס זיצען ביי הערשקע מאמצים און מיט זייערע געזינדלעך, געהען מיר אריבער צום ענין המעשה, דאס הייסט צו דער „קאמונע“ גופא, פון וואנען זי האט זיך גענומען, ווי אזוי זי איז געווארען, און וואס מיט איהר איז געווען דער סוף.

קאפּיטעל ב.

דער ערשטער געדאנק פון „קאמונע“.

שוין לאנג ידוע פאר דער גאנצער וועלט, אז אלע גרעסטע אידעען קומען אומגעריכט, דורך א קלייניגקייט. אויך די אידעע פון „קאמונע“ ביי אונזערע דריי שכנות איז געבוירען געווארען אומגעריכט דורך א נארישקייט. ס'איז אזוי געווען די מעשה: באלד נאך פּורים, אז דער עולם האט אנגעהויבען שמועסען מכח מצה אויף פסח און אויסרעכענען וויפיל יעדער בעדארף האבען מעהל, האט זיך געטראפען א מאדנער נס: עס האט זיך ארויסבעוויזען, אז מיר אלע בעדארפען האבען גלייך, ניט מעהר און ניט ווינציגער. אט האט

איהר אַייך דעם חשבון פון אויבען אויף: דער טאַטע, די מאַמע און איך זענען דריי איהרע; היינט וואַרטען מיר, עס דאַרפען קומען צו אונז געסט: מיין עלטערע שוועסטער אסנה מיט איהר מאַן דניאל מיט דריי קינדערלעך פון אַ קליין שטעדטיל פון בעסאַראַביע; (עס איז היינט נעבעך נישט גוט די צייט און זיי קלויבען זיך קיין אַמעריקאַ) האָט איהר אַ קומא-לן פון אַכט איהרע. היינט העכשקע מאַמציס מיט׳ן ווייב מיט זייערע פיער בנים און מיט צוויי טעכטערלעך, האָט איהר אַייך פונקט אַכט; איצט נעהמט „איין מאָל משה״ מיט׳ן ווייב מיט צוויי יונגלעך און פיער מיידלעך, — ווידער אַמאָל אַכט.

— פלאי פלאים! טאַקי נאָר מן השמים — האָבען אַ זאָג געטהון די מאַנסבלען אויף צו־כלומר׳שט.

— אַ באַשערטע זאַך, האָבען אונטערגעחאַפּט די ווייבער שוין אַביסעל ערגערנסטער.

— הערט נאָר אויס, יודישע קינדער, טאָמער וואָלט געווען אַ סברא, אַז מען זאָל מאַכען אויף די אַכט טאָג אַ מין יד אַחת?

אַזוי האָט זיך אַ זאָג געטהון איינער פון די מאַנסבלען, דאַכט זיך „איין מאָל משה״, און העכשקע מאַמציס האָט איהם אונטערגעחאַפּט:

— אַ מין שותפות, בחברותא הייסט דאָס, וואָס נאָט ניט אַבי אינ־איינעם, איי ניקאַקיך!

— אויף זייער לשון ווערט דאָס אָנגערופען „קאָמונע״, שטעלט אַריין דער טאַטע און „איין מאָל משה״ מאַכט דערויף אַ פירוש, צולייגט די זאַך אויף טעלערלעך:

— „קאָמונע״ הייסט: מיינס דיינס, שלי שלך, שלך שלי, איין שיסעל, איין קעשענע, איין דעה.

— ובפרט פסח, זאָגען שוין אַלע מאַנסבלען מיט איין מאָל: וואָס אַלע יודען עסען איין ברויט, די אָרעמע מצה, אַלע יודען טרינקען איין משקה, צמוקים־וויין, און אַלע צו פיער כוסות, און אַלע עכען איין מאכל, מרור, און אַלע זאָגען פון איין הגדה. פסח איז דער בעסטער יום־טוב. פסח וואָלטען אַלע יודען געמעגט מאַכען „קאָמונע״.

אָבגעזאָגט, האָבען די מאַנסבלען געחאַפּט אַ קוק אויף די ווייבער: וואָס וועלען זיי עפּיס זאָגען דערויף? די ווייבער האָבען אָבער גאַנץ קלוג אונטערגעשוויגען. זיי האָבען זיך אַ פנים געטראַכט: „וואָס דאַרפען מיר, ווייבער, נעדבען אויף זיך דעם האַרמידער? איהר ווילט „קאָמונע״ — לאָז זיין „קאָמונע״; אַ קשיא אויף אַ מעשה, טאָמער מאַכט זיך גאָכדעם עס לאָזט

זיך אויס אַ בוידעם, זאָלט איהר אויף אונז ניט אַרויפליגען די באָד"...
בקצור, די ווייבער האָבען דאָס אָבגעאַרבייט גאַנץ דיפּלאָמאַטיש, ווי געוויינטליך ווייבער, און דער פּלאַן פון „קאָמוּנע" איז אָנגענומען געוואָרען, נאָר ניט מיט אַמאָל, ביסלעכווייז.

קודם כל האָבען אַלע דריי שכנות געקויפט בשותפות אַ זעקיל מעהל און מע איז אַוועק אין איין קלאָפּ באַקען מצות. און די מצות זענען דאָס יאָהר חוקא געראָטען, און מען האָט געבראַכט צופיהרען די מצות, און מען האָט זיך געווינשעוועט איינס דאָס אַנדערע מע זאָל דערלעבען איבער אַ יאָהר מיט די מאַנען און מיט די קינדערליך געזונדערהייד און מע זאָל ווידער אַלע אינאיינעם באַקען מצות — ס'איז געווען אַ חיות אָנצוקוקען דאָס נוטפריינדשאַפט מיט'ן ליעבשאַפט פון די ווייבער, גלייך ווי מען האָט זיך קיינמאָל נישט געקריגט, נישט געזידעלט, נישט פאַרביטען מיט קיין וואָרט אפילו; און נישט נאָר די ווייבער, די מאַנסבלען, און אויך מיר, קליינוואַרג, האָבען זיך יענעם טאָג געפיהלט אַזוי גוט ווי נאָך קיינמאָל ניט זינט מיר זיצען אַלע אונטער איין דאַך. און מערקווירדיג! אפילו הערשקע מאַמצי'ס, וואָס איז תמיד בייז און אין כעס אויף דער גאַנצער וועלט (דערפאַר וואָס זיינע צוויי שוואָגעריקעס האָבען אַמאָל געוואָלט אויסלאָדען ביי איהם די דירה), איז דעם טאָג געווען עפּיס מאָדנע אויפגעלייגט, נישט געגעבען פּעטש „פּיטש-פּאַטש אי ניקאַקיך", ווי זיין שטייגער איז, און האָט גאָר אונטערגעזונגען ליעדלעך שטילערהייד, און צביה לאה'ס מאַנסבילשע שטימע איז יענעם טאָג געווען עפּיס דינער און ווייכער — מיט איינעם וואָרט, — אַ גוטער מלאך איז דורכגעפלויגען איבער הערשקע מאַמצי'ס דירה, די שכינה האָט גערוהט אויף איהר.

גע'פטר'ט די מצות, האָבען די ווייבער אַוועקגעשטעלט אַלע אינאיינעם אַ דייזשקעלע באָרשט (דאָס דייזשקעלע האָט פערזאָרגט געוויינטליך „שוין איין מאָל משה") און מען האָט ווידער אַמאָל געזאונשען זיך מע זאָל דערלעבען איבער אַ יאָהר מיט די מאַנען און מיט די קינדערלעך געזונדערהייד און מע זאָל ווידער שטעלען אַלע אינאיינעם פּסח'דיגען באָרשט, און אין שטוב איז ווידער געווען ששון ושמחה, גוט אויפ'ן האַרצען. נאָכדעם האָט מען אָנגעקויפט אַלע אינאיינעם עטליכע פּאָר עופות מיט אַ פּאָר אינדיקעס, האָט זיי גאָט צוגעשיקט אַ כשר'ע מציאה (אַ משוגע'נער גוי האָט זיך מעהר ניט געהייסען בעצאָהלען ווי צעהן גילדען פאַר צוויי אינדיקעס ווי די קעלבלעך די גרויס) און מע האָט אַלע עופות פאַרוואָרפען אין איין שטייג (די

200

שטייג האט צורעכט געמאכט געוויינטליך „שוין איין מאל משה") און די אינדיקעס האט מען געלאזט שפאצירען איבערין שטוב, און פאר אונז, קליינווארג, איז דאס געווען א שטיקעל געשעפט: מיר האבען זיך מיט זיי געררייצט, מיר האבען צו זיי געפייפט, און זיי האבען געשריגען „האלדיר-האלדיר"! און קיינער האט אונז ניט געזאגט קיין ווארט; און די ווייבער האבען זיך געווינשעוועט, מע זאל דערלעבען איבער א יאהר מיט די מאנען און מיט די קינדערליך געזונדערהייד און מען זאל ווידער קויפען בשותפות אלע אינאיינעם אזעלכע עופות און אזעלכע אינדיקעס. נאכדעם האט מען געקויפט אלע אינאיינעם צוויי זעקלעך קארטאפליעס אין גלייכען געלד, און אייער עפיס גאר א מציאה פון א גנב — דריי גילדען א שאק (גאט האט זיי צוגעשיקט א גויע מיט אייער, אויף קיין שלעכט ארט זאל זי ניט שטעהן!) — און די ווייבער האבען געלאכט פון דער גויע, א נארישע גויע, א געשלייערטע האנזי! און מען האט זיך ווידער געווינשעוועט, מע זאל דערלעבען איבער א יאהר מיט די מאנען און מיט די קינדערלעך געזונדערהייד און מען זאל ווידער איינקויפען אלע אינאיינעם בחברותא אזעלכע גראטע קארטאפליעס און אזעלכע פרישע אייער! וואס דארפט איהר מעהר? פסח'דיגע קוילען צום סאמאוואר האט מען געקויפט אלע אינאיינעם א זעקיל כמעט אומזיסט, ס'איז נאר א חרפה אויסצוזאגען פאר וויפיעל, הײנט חריין און פאסטערנאק און שאר ירקות — אלסדינג בזול הזול! „אנ'ערב פסח פון גאלע מציאות!" האבען געזאגט די ווייבער און האבען געלאכט, און מיר, קליינווארג, האבען געפייפט צו די אינדיקעס און די אינדיקעס האבען געשריגען „האלדיר-האלדיר!" און מען האט זיך געווינשעוועט, מע זאל דערלעבען איבער א יאהר מיט די מאנען און מיט די קינדערלעך געזונדערהייד און מע זאל ווידער מאכען אינאיינעם אלע איין פסח! מע האט ארויסגעזעהען בעשיינפערלעך, אז עס קאן גאר ניט זיין קיין גרעסערע חכמה אויף דער וועלט ווי אז מען מאכט יד אחת.

— קאמונע, איהר שפיעלט זיך מיט קאמונע? האבען א זאג געטהון די מאנסבלען אויף א ליצנות. און די ווייבער האבען אונטערגעחאפט דאס ווארט „קאמונע", נאר גערופען האבען זיי דאס „קאמונעס", און האבען ארויסגעזאגט בפירוש, אז זיי וואלטען זיך ניט אבגעזאגט ס'זאל א גאנץ יאהר זיין ביי זיי „קאמונע" און די ווייבער זענען געווען אויפגעלייגט, און די מאנסבלען אודאי, און מיר, קליינווארג, אודאי און אודאי!

געבליבען איז אויפ'ן לעצטען טאג נאר פיש און פלייש און וויין אויף ארבע כוסות. מילא, פיש — דאס האט גענומען אויף זיך געוויינליך „שוין

איין מאל משה", ווארום וואו האט אויף דער וועלט נאך אזא בריה אויף קויפען פיש ווי ער? ער וועט ברענגען צו טראגען פיש, וועט זיין שוין איין מאל פיש! מיט וויין און מיט'ן חרוסת האט מען זיך פארלאזט איינגאנצען אויף מיין טאטען, מחמת דער מבין אויף וויין איז ער, און טובל'ען דאס געפעס האט מען געשיקט אונז, יונגלעך. (פאר די מיידלעך האט מען געפינען אנאנדער ארבייט: העלפען די מאמעס כשר'ן און רייבען און שייערען און פוצען), און מיר האבען פערקאטשעט די הייזלעך און זענען אוועק צום טייך לעבעדיג, פרעהליך. בקצור, ס'איז געווען „ליהודים", אלע זענען געווען פערנומען, אלע הענד האבען געארבייט, קיינער איז ניט געזעסען לעדיג א מינוט אפילו ביז'ן לעצטען טאג ערב פסח, ביז מע האט פערברענט דעם חמץ, געגאנגען אלע אין מרחץ אריין, געקומען אהיים, איבערגעטהון זיך אלע יום טוב'דיג און מען האט גענומען גרייטען זיך צום סדר.

קאפיטעל ח.

די זיילען [illegible]ער „קאמונע" שאקלען זיך.

עס פערשטעהט זיך פון זיך אליין, אז צענויפשטעלען די טישען מיט די בענקליך. אויסשטעלען די כוסות מיט די קערות און אויסבעטען די עסעבעטען האט גענומען אויף זיך „שוין איין מאל משה". ווער עס האט איהם נישט געזעהען ארומטאנצען דעם דאזיגען פארנאכט, דער האט גאר קיין שענס ניט געזעהען: די בעקלעך האבען איהם געפלאמט, דאס היטעל איז איהם אראבגעפאהרען אויף א זייט, איין וואנס די לאנגע האט זיך ביי איהם אויסגעצויגען נאך לייננער; ער האט אויסגעזעהען ווי א קאמאנדיר פון א שיף, אדער ווי א פעלדמארשאל אויף דער מלחמה, אדער ווי א גבאי צו הקפות, ער האט נישט געלאזט קיינעם זיך צוריהרען צו קיין זאך: אליין האט ער צונויפגעטראגען בייבקלעך, אליין צונויפגעשטעלט די כוסות, אויסגעשטעלט דאס זאלצוואסער מיט'ן חרוסת מיט די שאר ירקות, און אליין אויסגעבעט אלע פיער עסעבעטען (מיין שוואגער דניאל איז אויך געווען פאררעכענט אין קאהן) און אז ס'איז געקומען צו די עסעבעטען, האט ער געקאמאנדעוועט מען זאל איהם צונויפטראגען וואס מעהר קישענס.

— נאך א קישען!

— נאט אייך נאך א קישען.

— נאך א קישען!

202

— נאָט איך נאָך אַ קשיא.

— נאָך אַ קשיא!

— וואָס טויג איך אַזוי פיל קשיות?

— נאָך אַ קשיא!

און ס'איז אויסגעוואַקסען פאַר הויכע עסעבעטען... וואָס זאָג איך עסעבעטען? פיר הויכע מויערען, וואָס אַז מען איז געקומען פון שוהל האָבען די פיער בעלי-הבתים בעז אַרפט זיך מיט אַנגסטען אַרויפדראַפען אַרויף. און אַז זיי האָבען זיך אַרויפגעדראַפעט אַרויף און בעזעצט זיך, האָבען זיי מורא געהאַט, זיי זאָלען חלילה ניט אַראָפפאַלען.

דער ערשטער האָט זיך אַרויסגעכאַפט דער בעל-הבית הערשקע מאַמציס, ער האָט ניט געזאָגט הם ושלום קיין שום חסרון אויף די עסעבעטען; ער האָט נאָר אַ קנייטש געטהון מיט די פלייצעס, אַ מאַך געטהון מיט כעס:

— נ—נ—נאַ, אַ עסעבעט!

— האַ? שוין איין מאָל אַ עסעבעט? האָט זיך אָנגערופען צו איהם „שוין איין מאָל משה" מיט אַ שמייכעלע פון אַ גרויסען קינצלער וואָס איז אַליין צופריעדען מיט זיין ארבייט.

— ס'זאָל ניט זיין דאָס אייגענע וואָס מיט דער סוכה, רופט זיך אָן דער בעל-הבית, הערשקע מאַמציס, מיט אַ שטאָך.

— איך האָב שוין אויך געקלערט דאָס אייגענע, זאָגט דער טאַטע מיינער און מאַסטעט זיך אויף דער עסעבעט, האַלט זיך מיט ביידע הענד אין גאַרטעל און טרעט איין די קשיות, ווי מען טרעט איין אַ וואָגען היי.

— מיט פרעמדע הענד איז גוט פייער שאַרען, רופט זיך אָב די בעל-הבית'טע צביה לאה מיט גאַל, און „שוועבעלע" שטעלט זיך איין פאַר איהר משה'ן און טהוט אַ זאָג צום מאַן מיט כעס:

— אומעדום בעדאַרפסט דו אַרויסבעווייזען, אַז דו קענסט! עסעבעטען וואָלט איך זיי געבעטען! לאָזען זיי זיך בעטען!

עס פערשטעהט זיך, אַז צביה לאה קאָן דאָס ניט איבערטראָגען און טהוט אַ זאָג צו מיין מאַמען כלומר'שט אין גוטען מוטה:

— איהר זעהט בתיה לעבען? דאָס שוועבעלע האָט זיך שוין אָנגעצונדען...

און „שוועבעלע" בייגט זיך אָן צו מיין מאַמען און רוימט איהר איין אַ סוד פאַר גאַנץ בראָד:

— איהר הערט, בתיה לעבען? דער סאַמאָוואַר ברוך השם זידט שוין...

און אַלע דערפיהלען אַז אַ חמאַרע רוקט זיך אָן אויף הערשקע מאַמ-צי'ס שטוב, און דאָס פריילינקייט מיט'ן לעבעדיגקייט וואָס ס'איז געווען ערב פסח איז ניטאָ, אַוועק, אַהעק מיט'ן ווינט און מיט'ן רויך.

— זאָלט איהר מיר זיין געזונד און שטאַרק, צביה לאה לעבען אין פעריל קרוין, פערגעסט ניט אַז ס'איז יום-טוב און מיר זיצען ביי איין טיש! זאָגט צו זיי די מאַמע שטילערהייד, און אויף איהר פנים ליעגט אַזוי פיעל טרויער, אַזוי פיעל אַנגסט, אַז עס פאַרגעהט מיך ביי'ם האַרצען.

איך פערשטעה איהר טרויער, איך פיהל איהר אַנגסט. איך האָב בעמערקט נאָך בשעת ליכט-בענשען, אַז זי וויינט, וויינט אויף דער דירה וואָס מיר האָבען פערלאָרען און וואָס מיר בעדאַרפען זיצען אין שכנות מיט אַזעלכע גראָבע מענשען, זיצען מיט זיי ביי איין טיש, ביי איין סדר; ערשט פאַראַיאָהרען אין דער צייט איז געווען ביי אונז אַביסעל אַ שענערער טיש, אַביסעל אַ רייכערער סדר, פאַראַיאָהרען איז דער טאַטע געווען איין מלך, די מאַמע איז געווען איין מלכה און איך בין געווען איין פרינץ. היינט זיצען דאָ צונויפגעקוועטשט עטליכע מלכים, עטליכע מלכות, און אַ סך-אַ סך פרינצען, און אַלע פרינצען געהען אָנגעטהון יום-טוב'דיג אַזוי שען ווי איך, און אפשר נאָך אַ ביסעל שענער... ניין, זאָגט איך וואָס איהר ווילט, ס'איז ניט דער פאַראַיאָהריגער פסח! ס'איז ניט דער פאַר-אַיאָהריגער סדר!

מאַמע, איך פערשטעה דיין טרויער! איך פיהל דיין אַנגסט!

קאפיטעל ז.

דער פרינץ נעמט זיך איבער.

און חאָטש עס זיצען דאָ אַ סך פרינצען און אַלע געהען אָנגעטהון יום-טוב'דיג אַזוי שען ווי איך און אפשר נאָך שענער — דאָך פיהל איך, אַז איך בין ניט דאָס וואָס אַלע. און חאָטש עס זיצען דאָ עטליכע מלכות, דאָך פיהל איך אַז מיין טאַטע איז ניט דאָס וואָס אַלע טאַטעס און מיין מאַמע איז ניט דאָס וואָס אַלע מאַמעס. אויב יענע זענען מלכים, איז ער אַ מלך איבער די מלכים, ווארום ער איז דאָ דער שענסטער און דער איידעל-סטער פון אַלע; און אויך די מאַמע איז דאָ די שענסטע און די איידעלסטע

204

פון אַלע. ער קוקט אַריין אין סדור אַריין, פיהרט דאָס רעדיל ווי איין על־טערער, ווי אַ פעלדמאַרשאַל, און אויף איהם קוקענדיג וואָס ער טהוט טהוען איהם נאָך אַלע. אויך די מאַמע איז אַ וועג־ווייזער פאַר די איבעריגע ווייבער, האַלט פאַר זיך אַ גרויסען גראַבען קרבן־מנחה, מישט־מישט די בלעטלעך מיט איהרע שענע ווייסע פינגער, און דאָס ווייסע ליכטיגע פנים בשעת מעשה שיינט איהר ווי די זון, און די איבעריגע ווייבער זעהען אויס קעגען איהר עפּים מאָדנע שוואַרץ ווי די ציגיינערינס. מאָלט אייך, מיין שוועסטער אסנה איז, קאָן מען זאָגען, אויך נישט קיין מאוס ווייבעל, נאָר ווי קומט זי צו דער מאַמע! אַנו, פאָהרט אויס די גאַנצע וועלט און געפינט מיר נאָך אַזאַ יפת תואר ווי מיין מאַמע! איין עבירה וואָס פונים אַפּט ווייגען וואָס זי וויינט, וואַקסען איהר קישעלעך אונטער די אויגען. איין עבירה וואָס פונים קאָכען וואָס זי קאָכט אַליין, ווערען איהר די שעגע ווייסע הענד בעצויגען ווי מיט אַ קאָרע פון אויבען. איין עבירה וואָס צוליעב מיין שוועסטער אסנה האָט זי נעבעך געמוזט ניט לאַנג פאַרקויפען די פעריל איהרע מיט די אויהרינגליך מיט די פינגערליך און זי קאָן זיך איצט ניט בעווייזען מיט איהר גאַנצען שענקייט און מיט זייהר גאַנצען גלאַנץ פון אַמאָל. די מוטער רחל, אסתר המלכה, שולמית פון שיר השירים, די מלכה־שבא — די זענען נאָר אַ דמיון! גיט איהר אָב צוריק די פעריל מיט די אויהרינגליך מיט די פינגערליך, וועט איהר זעהען וואָס הייסט אַ יפת־תואר!.. נאָר פאַרפאַלען! ניטאָ קיין פעריל! ניטאָ קיין אויהרינגליך! ניטאָ קיין פינגערליך! אויסגעטהון! אַוועקגעגעבען! גוואַלד, וואָס האָט צו אונז דער רבונו של עולם? פאַר וואָס שטראָפט ער אונז אַזוי?! . . . .

— ק—ד—ש! — זינגט אויס דער מלך פון די מלכים, דאָס הייסט דער טאַטע מיינער, קוים־קוים וואָס ער קריכט אַרויס פון דער עסעבעט, נעהמט דעם כוס אין איין האַנד, שפּאַרט זיך אָן מיט דער אַנדערער האַנד אַן טיש, פאַרדרייסט דעם קאָפּ אַרויף, מאַכט צו די אויגען און הויבט אָן דעם שענעם פסח'דיגען קידוש מיט'ן שענעם פסח'דיגען נוסח, נאָר מיט עפּים אַ מאָדנעם טרויעריגען ניגון! — ניין, ס'איז נישט דער ניגון וואָס פאַראַיאָהרען! און עס מאָלט זיך מיר אויס, אַז אינים טאַטענס קדוש הערט זיך אַ קלאָג צום בית דין של מעלה, אַ קלאָג פאַר דער דירה, פאַר דעם אין שכינות זיצען, פאַר דער מאַמעס פעריל מיט די אויהרינגליך מיט די פינגערליך און פאַר די אַלע איבעריגע צרות, יסורים און האַרצוועהטאָג וואָס גאָט האָט אונז מיט זיי בעוויליגט היינטיגעם יאָהר פון זיין ברייטער האַנד.

איהר ווייסט ניט, וואס האט צו אונז דער רבונו של עולם?
פאר וואס שטראפט ער אונז אזוי?!

קאפיטעל ז.

די ווילען פון דער „קאמינע" הויבען אן פאלען.

ווי אלע גרויסע אידעען, אזוי איז אויך אלע גרעסטע אומגליקען וואס טרעפען זיך אויף דער וועלט, נעהמען זיך אפטמאל פון א קליינינקייט, פון א נארישקייט. אויך די „קאמונע", וואס ווערט באשריבען ביי אונז אט דא, איז פלוצים אנידערגעפאלען, אין סאמע אנהויב, און איבער א קליינינקייט, איבער א נארישקייט, ומעשה שהיה כך היה:

ווי באלד דער טאטע האט אבגעמאכט דעם קדוש און האט צוריק אריינגעזעצט זיך אין דער עסעבעט, האבען זיך אויפגעחאפט ביידע מיט אמאל, מיין שוואגער דניאל און אונזער בעל-הבית הערשקע מאמצי'ס, און האבען זיך אבער באלד ביידע צוריק אנידערגעזעצט, געווארען רויט ווי פייער, זיך פערשעמט א פנים.

מאכט דער טאטע צו הערשקע מאמצי'ס אויף שטום לשון (מחמת נאך קדוש טאר מען שוין נישט מפסיק זיין): „נו-א!" — דאס הייסט, ער איז איהם מכבד ער זאל מאכען פריהער קדוש; ענטפערט איהם הערשקע מאמצי'ס אויף דער זעלבינער שפראך: „אי-א" און בעוויזט מיט דער האנד אויף מיין שוואגער דניאל (א גראבער יונג! ער מיינט אז ער טאר שוין אויך ניט מפסיק זיין!); רופט זיך אן מיין שוואגער דניאל און מאכט מיט'ן קאפ: „אי-אי", דאס הייסט: איך ניט, לאז איין אנדערער מאכען פריהער קדוש! מישט זיך אריין „שוין איין מאל משה" (ער האט תמיד ליעב אריינמישען זיך!) און טהוט א מאך מיט די הענד: „מי-א-נו?" דער פשט איז: „ממה-נפשך, אדער דער, אדער יענער?" ענטפערט איהם דערויף דער טאטע אליין אויפ'ן ווינק: „מע-א-אי!" דאס הייסט: „אז ניט דער און ניט יענער — טא מאכט שוין איהר פריהער קדוש!"

איך ווייס ניט וואס פאר א פריילינקייט עס ליגט פערבארגען אין דער דאזיגער מימיקע, נאר אויף אונז, קליינווארג, פאלט אן דערפון פלוצים א געלעכטער און נאך וואס פאר א געלעכטער! מיר שטיקען זיך שטילערהייד אין די קולאקעס האבען מורא א קוק טהון איינס אויף דאס אנדערע, מע זאל חלילה ניט אויסשיסען. נאר וויפיעל קאן זיך א מענש איינהאלטען? א מענש

איז דאָך גיט קיין אַייזען, ובפרט אַז סע זיצען ביי׳ם טיש קיין עין הרע אַזוי פיעל קלאָפּערס ווייסע חברה׳ניקעס, וואָס קאָנען לאַכען, איז געווג אַז עמיצער פון אונז זאָל געבען אַ חליפּ, אַ הוסט, אָדער אַ שלוקערץ, זאָל זיך דער איבעריגער חברה אויסווייזען, אַז דאָס האָט שוין איינער געווים אויסגעשאָסען. אין אַזעלכע מאָמענטען, הערט איהר, איז געפעהרליך, מען שפּיעלט זיך מיט פייער, וואָרום וואָס מעהר מען האָט מורא — מעהר לאַכט מען. איהר קאָנט דאָס פּרובען אויף אַייערע קינדער, לאָזט אַרויס אַ באַפעהל אַז מען טאָר ביי׳ם טיש ניט לאַכען, וועט איהר זעהען וואָס וועט זיך טהון: תחילת וועט מען זיך שטיקען ווי ווייט מע וועט קאָנען, נאָכדעם וועט ווערען אַזאַ שיסערייַ, אַז איהר וועט סוף כל סוף אַליין אויך אויסשיסען אַ געלעכטער. דעם שכל דערפון ווייסען מיר ניט; לאָזען די חכמים, וואָס גיבען זיך אָפּ מיט אַלערליי חכמות, אויפקלערען די דאָזיגע חכמה אויך, און מיר וועלען זיך אומקעהרען צוריק צו אונזער קדוש.

אַז נאָט האָט געהאָלפען, די מלכים האָבען שוין מיט נאָטס הילף אַלע אָבגעמאַכט קדוש און ס׳איז געקומען צו אונז, קליינוואַרג, איז אויפגעשטאַנען הערשקע מאַמצי׳ס בן, דער עלטערער (אַייזיק), און האָט אָנגעהויבען זאָגען דעם „סברי מרנן ורבנן ורבותי“, אויף אַ מאָדנעם קול גלייך ווי עמיצער וואַרגט איהם, האָט דער יונגערער ברודער זיינער (איציק) אַרויסגעלאָזט אַ מין „קכי“, האָט זיך דער דריטער (היליק) צולאַכט און דער קליינער (ישראליק) נאָך איהם, און נאָך זיי שוין מיר אַלע, און אַייזיק אַליין אויך בתוכם און אַזוי איז ער זאַסטרעמפּעט געוואָרען אין מיטען, ניט אַהין, ניט אַהער, אַוש געוואָרען ברוין און בלוי, ס׳איז געווען אַ רחמנות צו קוקען אויף איהם! איז אויפגעשטאַנען הערשקע מאַמצי׳ם און האָט איהם אַראָבגעלאָזט אַ פּאַטש פון אויבען אַראָב און אַרויסגעוואָרפען איהם פונ׳ם טיש און אַ זאָג געטהון דער ביי ווי זיין שטייגער איז: „פּיטש-פּאַטש אי ניקאַקיך!“ און אַ מינך געטהון צום אַנדערען (צו איציקען) ער זאָל אויפשטעהן מאַכען קדוש.

האָט זיך איציק אויפגעכאַפּט ווי אַ מזיק און אַ זאָג געטהון דעם איינענעם „סברי מרנן ורבנן ורבותי“ שוין אַביסעל צו הויך, צו גייציג, אַזוי אַז ער האָט זיך אַ פּנים אַליין איבערגעשראָקען פאַר זיין קול און האָט זיך געוואָלט אַראָבלאָזען נידעריגער מיט אַ טאָן, האָט איינער פון דער חבריא אַ מאַך געטהון: „עהיט!“, האָט שוין איציק דערפאַר נישט געקאָנט זאָגען אַ וואָרט, אַזוי שטאַרק האָט דאָס איהם געשטיקט. האָט ער נעבעך געכאַפּט פון זיין טאַטען, הערשקע מאַמצי׳ס, דעם זעלבען פּסק וואָס אַייזיק, דאָס הייסט:

„פיטש-פאטש אי ניקאקיך!“ און אויף איציק'ס ארט איז שוין געשטאנען דער דריטער (הילק).

דער דאזיגער הילק האט נאר אבגעזאגט א האלבען „סברי מרנן“, יעם „רבנן ורבותי“ האט ער שוין נישט געקאנט ארויסזאגען. איהם איז געפעלען געווארען גראד אצונד א קוק טהון אויף מיין שוואגער דניאל'ס קינדערלעך און דערזעהן, ווי די דריי האלטען זיך ביי די נעזלעך, אנגעבלאזען די בעקלעך ווי די פאהירלעך, אט אט ווערען זיי צוזעצט.

און אט אזוי האט איטליכער בעזונדער בעקומען פון הערשקע מאמצי'ס זיין פסק: „פיטש-פאטש אי ניקאקיך!“ געמוזט אבטרעטען דעם ארט איינער דעם אנדער'ן ביז ס'איז געקומען צו „איין מאל משה'ס“ קינדער (צו יואליקלען מיט שואליקלען). און אז יואליקעל האט זיך אוועקגעשטעלט מאכען קדוש, האט ער שוין נישט געקענט ארויסלאזען אפילו דאס ערשטע ווארט „סברי“ און האט זיך באלד אויפ'ן ארט פארגאנגען אויף טוידט. דעמאלט איז אנגעפאלען א געלעכטער שוין אויף אלעמען. עס האבען געלאכט גרויס און קליין: דער טאטע און די מאמע און „איין מאל משה“ און אלע ווייבער. עס האט זיך מיר אויסגעוויזען אין דער מינוט, אז עס לאכען די כוסות, די טעלער מיט די לעפעל מיט דער לאמפ, מיט די ווענד — אלע און אלעס האבען געלאכט.

ניט געלאכט האט נאר איין הערשקע מאמצי'ס מיט די בייזע אויגען. ער האט געלאזט יואליקלען א ביסעל זיך אויסלאכען; נאכדעם איז ער אויפגעשטאנען, פאר כעס א פנים פערגעסען אז יואליקעל האט אליין א טאטען ביז הונדערט און צוואנציג יאהר, א טאטען וואס האט אליין אויך הענד און קאן זיך אליין אברעכענען מיט זיין קינד, און ער האט איהם אראבגעלאזט דעם איינענעם „פיטש-פאטש אי ניקאקיך!“ וואס זיינע איינענע פיער בנים, און דער גאנצער עולם איז געווארען איבערראשט. געוויינטליך האט די דאזיגע מעשה בעדארפט פארדריסען יואליקעלס מאמע און „שוועבעלע“ האט א בלישטע געטהון מיט די אויגעלעך און א זאג געטהון צו צביה-לאה'ן:

— טאמער וואלט איהר געזאגט אייער מאן, סע זאל איהם אבדארען די הענטעלעך?

האט צביה-לאה לאנג נישט געקלערט און באלד אויפ'ן ארט א זאג געטהון צו „איין מאל משה'ן“ אויף איהר מאנסבילשע שטימע.

— טאמער וואלט איהר געזאגט אייער ווייב, ס'זאל זיך איהר שטעלען דאס שווארצע פיסקעלי אויף א זייט?

וואס ווייטער איז געווען, — קאן איך אייך ניט באשרייבען. דאס הייסט קאנען קאן איך, גאר איך וויל ניט. עס פאסט ניט. ס'איז ניט שען פאר קיין מלכה'ס וואס זיצען אויבען אן ביי דער רעכטער האנד פון זייערע מלכים, ס'איז ניט שען ניט פאר זיי און ניט פאר אונז און ניט פאר אייך, ס'איז א חרפה א בזיון פאר לייטען... לאמיר בעסער מאכען א שווייג...

——

עפילאג פון דער קאמונע.

אויף מארגען, צום צווייטען סדר, איז שוין יעדער געזעסען ביי זיך ביי זיין טיש און אבגעריכט דעם סדר ווי גאט האט געבאטען, — געזעסען טאקי אלע אין חדר, ביי הערשקע מאמצי'ס אין זאל, נאר איינס צום אנדערען מיט'ן אונטען, שטארק אנגעדרודעלט... און מען האט קוים דערלעבט דעם ערשטען טאג חול-המועד, מע זאל זיך קאנען צוטהיילען צוריק מיט די מצות, מיט דער שמאלץ און מיט די אייער און מיט די קארטאפלים און מיט די שאר ירקות, אפילו דאס דייזשקעלע בארשט האט מען געמוזט צוניסען אין בעזונדערע טעפ, און בשעת מעשה האבען די ווייבער געווינטליך גישט געלייגט קיין כבוד איינע אויף דער אנדערער, זיך דורכגעווארפען מיט שטעכווערטלעך און אנצוהערענישען אויף די מאנסבלין.

— קאמונעס" האט זיך זיי פארגלוסט! משוגעים האבען דאס אויסגעטראכט און נאראנים טאנצען נאך! נאט אייך גאר „קאמונעס"! זיבעצעהן „קאמונעס" די שונאים אין קאפ און אין הארצען און אין די קישקעס!

נאך פסח איז דער טאטע געגאנגען איבער'ן שטאדט זוכען איין אנדער דירה אויף צו דינגען, און אויף איהם קוקענדיג אויף „שוין איין מאל משה". צביה-לאה איז אפילו געווארען ווייך ווי טויג און הערשקע מאמצי'ס האט א זאג געטהון כלומר'שט פארביי געגנדיג, אז תיכף נאך שבועות אם ירצה השם שטעלט ער זיך צ' ערדעקען דעם דאך, עס האט זיי אבער געהאלפען ווי א טוידטען באנקעס. * מאמע האט געזאגט שטילערהייד דעם טאטען, איין מאל פאר אלע מאל, אז אומיסט וויל זי דא אויך ניט זיצען! אין דרויסען חלילה, אבי ניט ביי הערשקע מאמצי'ס!

אט אזוי האט זיך פון דער ערשטער „קאמונע" ביי אונז אין מאזעפעווקע באמזעלאווט א טייך.

מיט'ן עטאַפּ

עטאַט

(ערצעהלונג).

קאפיטעל א.

המן איוואַנאָוויטש פּליסעצקי.

אַזוי האָט מען גערופען דעם נייעם פּריסטאַוו, וואָס איז אַראָפּגעקומען קיין טעפּליק. דאָס הייסט, דער אמת'ער נאָמען זיינער איז געווען גאָר אַהאַמעמנאָן אַפּאָנעגענאָוויטש, נאָר די טעפּליקער יודען, וואָס האָבען ליעב צונעמעניש'ען, האָבען איהם משנה שם געווען איבער צוויי טעמים: ערשטענס איז המן איוואַנאָוויטש אַ סך קורצער און אַ סך גרינגער אויסצורעדען; געהט אַ שטייגער נעמט אָן אַ פולע מויל מיט צונג און רעדט אויס אַ-האַ-מעמ-נאָן אַ-פּאָ-נע-גע-נאָ-וויטש. דאָס איז נומער איינס, והשנית זינט טעפּליק איז אַ שטאָדט, געדענקט מען נאָך ניט אַזאַ המן אַ פּריסטאַוו ווי דער (!) זשיגער נייער פּריסטאַוו המן איוואַנאָוויטש פּליסעצקי. אין טעפּליק זענען שוין געווען אַלערליי פּריסטאַוועס, אי גוטע אי שלעכטע, אי נעמערס אי נקיי כפּים'ניקעס, דאָס הייסט, אַזעלכע וואָס פּשוט נעמען זיי ניט, סיידען אַמאָל אונטער אַ יום טוב „לשנה טובה“, וואָס רעכענט זיך ניט, אָדער אַ מתנה, צום טאָג פון געבאָרען, און ווער זאָגט זיך אָב דערפון... מיר זענען אַלע אַמאָל געבאָרען געוואָרען, און דער טאָג פונים געבאָרען איז ביי יעדען מענשען אַ יום-טוב, איינגעפיהרט פון קדמונים, נאָך פון פּרעה מלך מצרים. ווי מיר ווייסען דאָס פון דער הייליגער תורה, אַז אינים טאָג פון זיין געבוירען האָט פּרעה געמאַכט אַ סעודה פאַר אַלע זיינע קנעכט, דאָס שר המשקים אַרויסגעלאָזט פון טורמע און דעם שר האופים אויפגעהאָנגען אויף אַ בוים, אַזוי ווי יוסף האָט זיי פּותר חלום געווען מיט דריי טאָג פריהער... אָנגעקומען קיין טעפּליק, האָט ער זיך צום אַלעם ערשטען גענומען רייניגען דאָס שטעדטיל, נאָר רייניגען וואָס רייניגען הייסט. די טעפּליקער פערד-גנבים, וואָס האָבען אַ שם אויף דער גאַנצער וועלט, האָט ער אין איינע צוויי

חדשים אויסגעריכערט, נישט געלאָזט פון זיך, אידר זאָלט זאָגען, איינעם אויף א רפואה. אויף וועמען ער האָט נאר געהאַט אַ שטיקעל אויג, האָט ער אידם געפּאַקט, נישט געמאַכט קיין לאַנגע שיהות און אָבגעשיקט מיט'ן עטאַפּ קיין הײַסין אין טורמע אַרײַן, – לאָז מען זיך מיט איהם דאָרטען רעכענען. נאָכדעם האָט ער זיך גענומען צו די גאַסען און צו די יודען. די גאַסען האָט ער געוואָלט מען זאָל האַלטען ריין, נישט וואַרפען קיין מיסט גלײַך אין פנים אַרײַן, ניט גיסען קיין פּאָמעניצעס בײַ דער טיר און נישט טהון קיין אַנדערע זאַכען וואָס ניט שען... און די יודען האָט ער געוואָלט זאָלען זונטאָג פאַר האַלבען טאָג ניט עפענען קיין קלייטען, מלמדים זאָלען ניט קנעלען אָהן שײַנצעטליך און קיין ערוב אין שטאָדט זאָל ניט זײַן, מע וועט זיך באַגעהן, האָט ער געזאָגט, אָהן דעם דאָזיגען „טעלעגראַף" אויך... און אפילו אין שוהל, טאָמער האָבען זיך יודען צושלאָגען, צואַמפּערט פאַר „אַתּה הראית", מכבד געווען איינס דאָס אַנדערע מיט פּעטש, האָט ער זיך אויך ליעב געהאַט אַרײַנמישען. אָט אַזאַ רשע איז דאָס געווען!

מילא די קלייטען מע זאָל האַלטען צוגעמאַכט האָט ער גע'פועל'ט. אַי טאָמער ניט אַזוי פּינקטליך ביז דוקא 12 אַ זייגער, האָט ער זיך שוין געמאַכט ניט ווייסענדיג, וואָרום ער האָט שוין קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט; וואָס ער האָט געקענט, האָט ער געטהון; נאָר זײַן אַ שומר בײַ די יודישע קלייטען, אַכטונג געבען טאָמער עפענט אויף אַ יוד אַ האַלבע טיר, דאָס איז דאָך אַ זאַך וואָס אונמעגליך. דעהט אידר, מיט'ן עירוב האָט ער די ערשטע צײַט יאָ געהאַט אַביסעל צרות. אַלע פרײַטאָג צו נאַכטס פלעגט מען דעם עירוב אָנציהען און שבת אין דערפריה פלעגט ער איהם אַראָברײַסען, און אויף איבערַאכטאָג שבת איז אויסגעוואַקסען אַ פרישער עירוב, און אַזוי עטליכע מאָל כסדר. און וויפיל ער האָט ניט נאָכגעקוקט דורך די שומרים, ווער סע ציהט אָן דעם עירוב, האָט ער ניט געקאָנט כאַפּען דעם גנב, ביז ער האָט זיך אַליין מיט זײַן כבוד געמוזט איין מאָל באַהאַלטען אין דרויסען אין אַ ווינקעלע און איז אויסגעזעסען די גאַנצע נאַכט און געקלערט, און ערשט העט-העט אַרום פאַרטאָג האָט ער געפּאַקט פייסי דעם שמש'ס יונגעל, סאַמע בײַ דער רעכטער אַרבייט ווי ער פאַרדרעהט דאָס שטריקעל, האָט ער איהם אָנגענומען פאַר'ן לינקען אויער און אָבגעפיהרט איהם אין סטאַן אַרײַן און פאַרשפּאַרט אויף אַ גאַנץ טאָג אין „חדר". פון דעמאָלט אָן איז טיפּליק געבליבען אָהן איין עירוב עד היום הזה און דער עולם האָט אָנגעהויבען טראָגען אום שבת נאָטיכליך און זײַגערס אויף וואָס די וועלט שטעהט.

נישט אזוי גרינג איז איהם אנגעקומען די מלחמה, וואס ער האט גע-פיהרט מיט די מלמדים, די מלמדים האבען איהם געטהון צום טויט. אט האט ער געפאקט א מלמד מיט צוואנציג תלמידים און צוגעמאכט דעם חדר, און אט האט ער איהם געחאפט מיט די אייגענע תלמידים שוין אין איין אנדער געסיל. צוגעמאכט דעם דאזיגען חדר אויך און געמאכט א פראטאקאל, ער טהוט א קוק — אהא! ער האט זיך פערקליבען ערגיץ אויף א בוידעם אין דער וויבערשער שוהל און פון דארטען זיך געלאזט הערען מיט'ן געזאנג פון זיינע צוואנציג תלמידים — איין אומגליק מיט די יודישע קינדער, מען קאן זיי גארנישט אבטרייבען פונ'ם לערנען! „ממה נפשך, האסט דו זיך שוין פערקליבען אויף א בוידעם קנעלען, טא זיץ דארטען און קנעל צוזעצטער-הייד אין דער קרענק און ליארעם ניט אזוי, לאזען חאטש מיינע אויערען ניט הערען!..." אזוי האט געטענה'ט פליסעצקי מיט'ן מלמד און האט איהם גע-שווארען, אז טאמער חאפט ער איהם נאך אמאל, שיקט ער איהם ארויס פון טעפליק אין פיער און צוואנציג שעה. דער מלמד האט די מעשה גאנץ גוט אויסגעהערט און געטהון זיינס, אראבגעלאזט זיך פון דער וויבערשער שול און אראבגעניטערט ערגיץ אין א קעלער און דארטען געקנעלט און דוקא מיט א נגון, מיט'ן געוויסען מלמד'שען נגון, וואס אהן איהם האט דאס יודישע לערנען פונקט אזא טעם, ווי דער קאלטער קוגעל וואס די הייניגע אריסטא-קראטען אין די גרויסע שטעדט עסען אין דערוואכען... המן איוואנאוויטש האט אזוי לאנג „געוואיעוועט" מיט די מלמדים, ביז ער האט א שפיי געטהאן אויף זיי און האט זיך געמאכט כלא ידע...

קאפיטעל ב.

דער טעפליקער נגיד שלום-בער טעפליקער פון טעפליק.

מחמת אין טעפליק זענען די איינוואוינער צום מייסטען יודען, האט דער נייער פריסטאוו געהאט צו טהון כמעט נאר מיט יודען, און ער האט זיך אין א קורצער צייט באקענט מיט אלע טעפליקער בעלי בתים, געוואוסט יעדען איינציגען ביים נאמען. געוואהר געווארען ביי זיי אלסדינג, די גרעסטע סודות, גערעדט מיט זיי האלב אויף יודיש און גיך, געווארען צוגעלאזט, ווייך ווי וואקס — א גוטער ברודער!

די נגידים, די פיינע-בריה'ס, די קאכלעפלען, די וואס האבען ליעב גע-וועלטיגען, אז זיי האבען דערזעהען, אז דאס פריצ'ל לאזט זיך צו, האבען

זיי אנגעהויבען זיך איינקויפען צו איהם תחלת מיט א שטיקעל שבת'דיגע פיש („זשידיווסקא ריבא"), א גלעזיל פסח'דיגען בראנפען, („פייסאחאווקא") פארביסען מיט א שטיקעל יודישע מצה („זשידאווסקאיא מאצא"), און נאכ- דעם האבען זיי זיך שוין געפרופט אונטערפאהרען צו איהם מיט א שמייכעלע— נתנ'ען איהם עפיס אין יד אריין, האבען זיי אבער געחאפט פונ'ם דאזיגען המן אזא מאוס'ען פסק, אז זיי וועלען שוין פארזאגען קינדס קינדער, אז מע זאל יענעם אין יד אריין קיין מעות ניט נתנ'ען, איידער מע ווייסט איהם, ווער ער איז און וואס ער איז...

— טי דומאיש, יאסקא, פאדשמיראוואט מעניא טוואימי מעות'אמי, זנאטשיט טי גרויסער מאשעניק! א נעם איהם א חדר!*).

די ווערטער „א נעם איהם א חדר" זענען ביי איהם תמיד געווען פארטיג אויף דער צונג, און געהייסען האט דאס איינזעצען, פארשפארען, אדער אבשיקען מיט'ן עטאפ אין דער שטאדט אריין, קיין הייסין. און האט ער די דאזיגע ווערטער ארויסגעלאזט פונ'ם מויל, איז שוין געווען פארפאלען, כל מלכי מזרח ומערב האבען שוין דערצו ניט געקאנט העלפען גאר ניט! אט אזא מין נפש איז דאס געווען! און דער גוטער יאהר זאל איהם וויסען,— האט זיך אריינגעחאפט צו איהם אין די האנד אריין אנ'ארעמאן, וואס האט ניט מיט עפיס צו געהן, האט דער דאזיגער רשע ארויסגענומען פון זיין איינענער קעשענע א קערביל אדער צוויי און געשענקט א נדבה און א זאג געטהון דערביי אויף זיין אויסגעמישט לשון:

— נא טיבע מילאסט חסד נא וועצאוועס*).

נאר אויף וויפיל ער האט רחמנות געהאט אויף אנ'ארעמאן, אזוי פיעל האט ער פיינט געהאט א נגיד. און ווער שמועסט א טעפליקער נגיד און ווער שמועסט נאך דעם טעפליקער נגיד שלום-בער טעפליקער פון טעפליק— איהם האט ער גארנישט געקאנט סובל זיין און לאנג-לאנג געזוכט אויף איהם א חטא און נישט געקאנט געפינען ביז גאט האט איהם געהאלפען, ער האט איהם געפאקט. ומעשה שהיה כך היה:

דער דאזיגער שלום-בער טעפליקער פון טעפליק א חוץ וואס ער איז געווען א יוד א נגיד, איז ער געווען אנ'עקשן און א גדלן און א גרויסער בעל נצחון. האט זיך איהם עפיס פארוואלט א זאך, און האט ער זיך שוין איינ-

*) דו רעכענסט, יאסי, מיך אונטערשמירע מיט געלד, איז א סימן, אז דו ביסט א שווינדלער, זעצט איהם איין!

**) נא דיר א גמילות חסד אויף הוצאות.

געשפארט, איז געווען גרינגער געמען און איבערטראגען טעפליק אויף אנאנדער זארט איידער איבערשפארען שלום-בער'ן. אז המן איוואנאוויטש האט ארויסגעגעבען זיין באפעהל אז מע זאל דאס מיסט אין דרויסען ניטווארפען און די פאמעניצע ביי דער טיר נישט ניסען, האט שלום-בער טעפליקער פון טעפליק געפרעגט א קשיא: „וועמענס עסק איז דאס? ס'איז מיין מיסט מיט מיין פאמעניצע, מעג איך מיר טהון מיט דעם וואס איך וויל“.

— רב שלום-בער, האט מען זיך געפרופט איהם איבערשפארען — דער המן וועט דערזעהען די פאמעניצע וועט זיך טהון חושך!

— מיט'ן קאטער! האט דערויף געענטפערט שלום-בער, וואס האט פיינט געהאט צו רעדען א סך ווערטער.

— רב שלום-בער, איהר וועט חאפען אניאקט!

— זיבען און זיבעציג אקטען!

— רב שלום-בער, מע וועט זיך חלילה אויסגליטשען נעבען אייער שטוב און די שעה זאל ניט זיין אויסברעכען א פוס.

-- האלז און אקען! — האט שלום-בער געענטפערט און געהייסען, מע זאל שיטען מיסט און גיסען פאמעניצעס אויף וואס די וועלט שטעהט!

איז געקומען צו איהם פליסעצקי מיט פאליציע און האט איהם געמאכט אניאקט, האט שלום-בער זיך אנידערגעשטעלט מיט איהם אביסעל אויסטענה'נען גאנץ ברייטליך, ווי א נגיד קען, האט איהם פליסעצקי געלאזט בעטען ער זאל בעסער שווייגען און בשעת מעשה געזאגט איהם א פאר הארטע ווערטער: „יודישע חוצפה“ („זשידאווסקאיע נאחאלסטווא“), שווייג דו יודישע צורה“! („מאלטשי זשידאווסקאיא ראזשא“)! וכדומה נאך אזעלכע מינים קאמפלימענטען; האט דאס אונזער נגיד פארדראסען און ער האט מכבד געווען דעם פריסטאוו מיט'ן נאמען המן, געזאגט איהם פאר עדות, אז ער איז אן אמת'ער המן, אט דער המן וואס אין דער מגילה! — האט מען דאס פארצייכענט אין פראטאקאל. און אונטערגעפיהרט אונטער אזא „סטאטיא“, אז מע האט אונזער שלום-בער טעפליקער פון טעפליק פארמשפט מחילה זיצען צוויי וואכען — און עס האט נישט געהאלפען קיין שום רבונו של עולם!

סע פארשטעהט זיך, אז גאנץ טעפליק האט זיך געוויגט, געגאנגען חאוואראם פון אזא מעשה. סטייטש, מע האט פערמשפט דעם נגיד צוויי וואכען טורמע! די גאנצע שטאדט איז ארויסגעגאנגען אנקוקען, ווי מע פיהרט שלום-בער'ן אין „חדר“ אריין. סע איז נישט געבליבען, ווי מע זאגט, קיין קינד אין וויגעל, און שלום-בער טעפליקער פון טעפליק, אז מע האט איהם

הארכנעפֿידרט איבער'ן מארק אין „סטאן“ אריין, האט ער ארויסגעלאזט דעם קאפּ, און זיין ווייב סטיסי-פּעריל די נגידית האט זיך פאר בזיון בעהאלטען אין דער היים, און דער גאנצער עולם איז געשטאנען, געקוקט און געשוויגען, איגווייניג אין הארצען דוקא געוועזען צופֿריעדען: ערשטענס א מצוה, לאז א יוד א נגיד ניט זיין ביי זיך אזוי תקיף און צווייטענס, האט מען שלום-בער טעפּ-ליקער פון טעפּליק גלאט נישט ליעב געהאט אין שטאדט דערפאר וואס ער איז געוועזען, ניט אויסגערעדט זאל זיין א גרויסער „דבר-אחר“ א קמצן, און זיין ווייב סטיסי-פּעריל האט געזשאלעוועט א יודען א שטיקעל ברויט, האטש זיי זענען געוועזען, ווי מע זאגט אין טעפּליק, „אנגעשטאפּט מיט געלד“ און קיין קינדער האבען זיי אויך ניט געהאט. „ווען איך זאל האבען זייער געלד, האט זיך יעדער טעפּליקער געווינשעוועט און האט באלד געמאכט א גרויסע הנחה — ווען איך האב האטש האלב, האטש א דריט חלק פון זיי, וואלט די שטאדט פון מיר א סך מעהר הנאה געהאט!..“ און עס קאן זעהר זיין; נאר אזוי ווי אין טעפּליק האט געהאט געלד נאר איין שלום-בער טעפּ-ליקער און זיין ווייב סטיסי-פּעריל און ווייטער קיינער ניט, האט דערפון אין טעפּליק קיינער קיין הנאה נישט געהאט: ניט די שטאדט, ניט שלום-בער דער נגיד, ניט זיין ווייב די נגידית, און אפשר האבען די צוויי יא געהאט הנאה פון דעם? עס ווענדט זיך, וואס ביי אייך ווערט אנגערופען הנאה, אז איהר פארנעהמט אומעדום דעם אויבען אן, סיי אין שוהל, סיי אויף אן אסיפה, סאי אויף א שמחה; אז איטליכער טראגט אייך אקעגען דעם גוט שבת, דעם גוט יום טוב, דעם גוט מארגען; אז בשעת איהר רעדט, שווייגט מען און וואס איהר זאלט ניט זאגען, איז דאס א חכמה. הנאה הייסט אז איין מאל אין יאהר שמחת תורה קומט זיך צונויף דער גאנצער עולם צום נגיד שלום-בער טעפּליקער פון טעפּליק כלומר'שט אויף „פראקעס“, ער זיצט כמלך בגדוד אויבען אן און הייסט דעם עולם נעהמען צו ביסליך בראנפען, און סטיסי-פּעריל די נגידית קוקט אין די גלעזלעך אריין... מע זינגט א נגון, און מע חאפּט א טענצעל, וכדומה אזעלכע מינים פערגניגען, וואס אויב איהר זענט ניט קיין טעפּליקער, קאנט איהר גאר ניט האבען אין דעם קיין שום געפיהל. און גלאט וואס איז ווערטה דאס, אז א מענש פיהלט, אז ער איז איינער, אז נאר ער איז דער „עפּיס“, ער. און ווייטער קיינער.

אין טעפּליק איז געוועזען נאר איין שלום-בער טעפּליקער; אין טעפּליק איז געוועזען נאר איינער אחינער און ווייטער קיינער.

קאפיטעל ג.

א פריילכער קבצן.

אין טעפליק זאלען ניט זיין קיין מסירות און קיין מוסרים, ד. ה. מענ־שען וואס געבען אכטונג איינס אויפ'ן אנדערע, אז מע זאל ניט מאכען קיין פערברעכען און קיין פאלשקייטען, וואלטען נייען און נײַנציג חלקים עבירות פערבליבען אונבעשטראפט, און טעפליק וואלט געווען פול מיט בעלי־עבירה'ניקעס ווי להבדיל אין סדום. נאר מחמת אין טעפליק גיט מען שטארק אכטונג איינס אויפ'ן אנדערע, און אז מען דערזעהט עפיס אן־עולה, אויף יענעם, אדער מע דערהערט, אדער מע שמעקט אן, אדער סע דאכט זיך נאר אויס, אז יענער האט געטהון אן־עולה, נעמט מען און מע שרייבט אוועק „צו נאטשאלסטווע“ עטליכע ווערטער, אזוי און אזוי איז די מעשה, טאמער גלויבט איהר ניט, זייט זיך מטריח אהין און אהין — וועט איהר דארט געפינען דאס און דאס... אי טאמער לאזט זיך נאכדעם אויס א בוידעם, איז אויך אהן אן־אומגליק, קומען קומט דערפאר גאר ניט, ווארום אינטערשרייבען דעם אייגענעם נאמען איז ניט נויטיג, איהר קאנט זיך חתמ'נען פאר־שטעלט: אדער „איש אמת“ אדער א „גוטער פריינד“ אדער א „פריינד פונ'ם דין“ אדער גאר אהן א שום חתימה מאכט אויך ניט אויס, אבי איהר זאלט אנווייזען וואוהין מען זאל געהן און וואס מען זאל זוכען... פליסעצקי האט זיך, נישקשה, געמעגט בערימ'ען, אז קיין שפיאנען בעדארף ער נישט האבען, די טעפליקער בעלי־בתים זענען אליין גוטע שפיאנען.

נאך אזא מין הקדמה וועט אייך שוין קיין חדוש ניט זיין, וואס מע האט איין מאל אין א שענעם פרימארגען בעלאנגערט בעריל דעם רויטען, מיט דעם קרומער פוס, פונקט אין דער מינוט ווען ער איז געזעסען אויף דער ערד, די פאלעס פון דער קאפאטע פארקאטשעט און אונטערגעשטעקט אין גארטעל אריין, איבער א גרויסען בוטעל מיט ראזינקעס ויין און צוגאסען אידם אין קליינע פלעשליך, וואס ער אליין טאקי פלעגט זיי נאכדעם פריי־טאג צוטראגען אויף קדוש, געשמאק געקייט מיט'ן מויל די פראבקעס און צוגעקלאפט פון אויבען מיט דער האנד און שטארק געשוויצט. פליסעצקי האט פאוואלינקע אויפגעעפענט די טהיר, בעטראכט בעריל דעם רויטען ווי געשמאק ער ארבייט, געשטאנען א פאר מינוט אויף דער שוועל, זיך איבער־געקוקט מיט פאליציע, און אז בעריל האט אויפגעהויבען די אויגען און

דערזעהען — המן איוואַנאָוויטש שטעהט ביי דער ני"ר, איז ער אויפגעשפּרונגען פון דער ערד, צוגעגאַנגען צו איהם מיט קרומען פיס, אַ קוק געטהון איהם גלייך אין די אויגען אַריין, ווי איינער רעדט: „דו ווילסט מיך מסתמא שטראָפירען? שטראָפיר מיך, וואָס ווילסטו ביי מיר נעהמען? דעם דלות"?

ווי קומט דאָס וואָס אונזער בעריל איז געווען אַזוי תקיף? ווייל ער האָט נישט געהאַט וואָס צו שרעקען זיך. אמת, ער האָט געמאַכט פון ראָזינקעס וויין, צוגאָסען איהם אין פלעשליך און צוטראָגען איהם צווישען בעקאַנטע אויף קדוש און דערפון טאַקי געלעבט, נאָר אַז אַך און וועה איז געווען צום וויין און אַז אַך און וועה איז געווען צום לעבען! דער וויין איז ניט געווען קיין וויין, דאָס לעבען איז ניט געווען קיין לעבען; גאָר ניט, אַבי יוצא זיין, מאַכען אַ ברכה „בורא פּרי הגפן", פּאַרט ניט קיין פּראָסטער בראָנפען, און אַ שטיקעל טהועכטס. אַ פּרנסה איז דאָס פּאַרט, דאַטש האָבען האָט ער דערפון געהאַט משטיינס-געזאָגט וואַסער אויף חלה, נאָר אַלץ גלייכער ווי גאָר ניט... וועה-וועה, וויפיעל יודען זענען פאַראַן אין טעפּליק וואָס טהוען גאָרנישט און פאַרדינען גאָרנישט און האָבען גאָרנישט, אָבער טאַקי לחלוטין גאָרנישט!

און טאַקי אַט די דאָזיגע „גאָרנישטדיגע" יודען, וואָס טהוען גאָרנישט און פאַרדינען גאָרנישט און האָבען גאָרנישט, האָבען זיך מתקנא געווען אָן בעריל דעם רויטען, וואָס לעבט „ווי אַ מאַגנאַט", האָט אַלע שבת פיש און פליישׁ, זאָגט מען, און קוילעטש אַוודאי, און קינדער אין חדר האַלט מען. און דעם אַ קליידעל מאַכט מען, און אַ ציג אַנאייגענע האָט מען — און אַלץ פונים ביסעל ראָזינקעס, וואָס ער „פּערקאַלעפּוטשעט" און מאַכט דערפון וויין אויף קדוש! האָט מען גענומען און מע האָט אַוועקגעשריבען פּליסעצקין אַ בריעף מיט געוויסען נוסח, וואָס הויבט זיך אָן בזה הלשון:

„אַזוי ווי מיר האָבען שטענדיג אין זינען נאָר קאַזנאַ מיט איהרע אינטערעסען, און אַזוי ווי פאַר דער קאַזנאַ איז דאָס געוויס אַ גרויסער היזק טאָמער האַנדעלט איינער אָהן אַ פּאַטענט, און אַזוי ווי בעריל דער רויטער, אָן זשע בערקאָ קריוואַק האַנדעלט מיט וויין אָהן אַ שום פּאַטענט שוין אַזוי פיעל יאָהרען, און אַזוי ווי ער אַליין, בעריל דער רויטער, אָן זשע בערקאָ קריוואַק מאַכט איהם טאַקי מיט זיינע איגענע הענד, און אַזוי ווי די רעכטע פאַבריקאַציע קומט נאָר ביי בעריל דעם רויטען, אָן זשע בערקאָ קריוואַק, און אַזוי ווייטער".

דאָס תקיפות פון אַגאַרעטמאַן איז גאָר קיין קאַטאָוועס ניט; וואָס

אָרעמער דער אָרעמאַן איז, איז ער ביי זיך מעהר תקיף, אַסך מעהר תקיף ווי דער גרעסטער נגיד. איך האָב אַליין געהערט פון אַן אָרעמאַן. וואָס האָט זיך אויסגעטענה'ט מיט'ן אַנדערען אָרעמאַן:

— וואָס גלייכסט דו זיך צו מיר, דו פאַרך איינער? דו פאַרמאָגסט נאָך אַ פּאָר גאַנצע שטיוועל מיט אַ שטיקעל פּאַלטאָ, און איך האָב דערויף אַפילו קיין השגה ניט!

די ווערטער זענען געזאָגט געוואָרען מיט אַזאַ גרויסקייט, אַז ווען עס שטעהט דערביי ראָטשילד, פאַלט ער אַראָב ביי זיך.

המן איוואַנאָוויטש האָט דערווייל בעטראַכט בעריל דעם רויטענס אַפּאַרטאַמענטען, וואָס זענען בעשטאַנען פון דריי חדרים, דאָס הייסט צוויי אַלקערס מיט אַ קיך, און אַלע דריי חדרים זענען געווען פאַרשטעלט מיט בעטלעך און די בעטלעך זענען געווען בעזעצט מיט קינדער, און די קינדער געווען האַלב אָנגעטהון און האַלב נאַקעט, דאָס הייסט פונים האַלז ביז'ן פּופּיק זענען זיי געווען אָנגעטהון, און פונים פּופּיק און ווייטער זענען זיי געווען נאַקעט, און באָרוויס אַוודאי. פאַר דער דאָזיגער האַלב נאַקעטער און בארוויסער חברה איז דער פּריסטאַוו געווען אַן אָנגעלוינטער פאַרשוין, וואָס זיי האָבען אַזעלכעס קיין מאָל נישט געזעהען. זיי האָבען זיך ניט געפּוילט, אַראָב פון די בעטלעך, פּאָוואָלינקע זיך אונטערגעגנב'ט צום פּריץ און געקוקט איהם אין פּנים אַריין, בעטראַכט די גילדענע קנעפּ און אַ טאַש געטהון דעם קוטאַס פונים שווערט, און פּליסעצקי האָט דערווייל געפיהרט אַ שמועס מיט בעריל דעם רויטען, וואָס מיר געבען איהם דאָ איבער וואָרט ביי וואָרט:

פּליסעצקי: וועדליג מע שרייבט אויף דיר, בעדאַרפסט דו פאַרדינען שעהן געלד?

בעריל: נישט צו פאַרזינדיגען, הלואי ווייטער ניט ערגער. בעסער האָט קיין שעור ניט.

פּליסעצקי: וואָס זשע געהען ביי דיר די קינדער נאַקעט און באָרוויס?

בעריל: בכדי זיי זאָלען בעסער וואַקסען.

פּליסעצקי: און מיט'ן געלד וואָס טהוסט דו?

בעריל: איך מהו אַזוי ווי די גמרא לערענט אונז.

פּליסעצקי: די גמרא? ווי אַזוי לערענט אייך די גמרא?

בעריל: די גמרא לערענט אונז טהיילען דאָס געלד אויף דריי חלקים: אַ דריטעל אין דער ערד, אַ דריטעל אין מזומן, אַ דריטעל אין מסחר.

פליסעצקי: איך זעה ארוים, אז דו ביזט גאר א גאנץ פרעהליכע פּארשוין.

בעריל: וואס האב איך צו זארגען? וואס פעהלט מיר און וואס האב איך? זאג מיר בעסער, אדוני פּריץ, וואס שרייבען דיר אויף מיר די יודען און וואס קאן מיר קומען נאך דיין איצטיגען וויזיט?

פליסעצקי: וועסט אלסדינג וועלען וויסען, וועסט דו גיך אלט ווערען. דו וויז מיר נאר אקארשט אלע דיינע שאפעס, איך הארף ביי דיר נאך עפּיס א זאך טהון, א טאמער וועל איך ביי דיר געפינען א חוץ ויין נאך עפּיס גוטע זאכען...

בעריל: אך, מיט'ן גרעסטען כבוד! טאמער געפינסט דו ערגיץ אססיגנאציעס אדער גאלד, אדער זילבער, איז יחדו, חצי שלי והצי שלך.

פליסעצקי: ביזט מיר עפּיס צו פרעהליך, ווי איינער וואס פאר'ן טוידט.

בעריל: עס קען זיין, קיינער ווייסט ניט וועמענס מארגען, ווי אין דער גמרא ביי אונז שטעהט געשריבען: „זאלסט תשובה טהון א טאג פאר'ן טוידט", און אזוי ווי א מענש ווייסט דאך ניט, ווען דער מלאך המות קאן איהם א חאפּ טהון פאר'ן נארגעל, לכן...

רא האט איהם דער פּריסטאוו איבערגעשלאגען די רעד, א רוף געטהון פּאליציע פון דרויסען און געהייסען, מע זאל איהם נעמען אין „חדר" אריין. דערהערט די דאזיגע ווערטער, איז ביי בערל'ן פארקיהלט געווארען איטוייניג און אין שטוב איז געווארען א געוויין, גלייך ווי מע וואלט ארויס-געטראגען א טוידטען.

סע פערשטעהט זיך, אז באלד איז מען אין טעפּליק געוואהר געווארען פון דער מעשה פון איין עק שטאדט ביז'ן אנדערען, און מען איז צינויפ-געלאפען פון אלע גאסען זעהען, ווי מע פיהרט נאך א יודען אין „חדר" אריין, מע ווייסט ניט פאר וואס, דאס הייסט, פאר וואס — איז מען שוין געוואהר געווארען, וואס הייסט מע וועט אין טעפּליק ניט געוואהר ווערען? ובפרט מע האט געזעהען, אז המן איוואנאוויטש האט געטראגען א פלעשיל מיט ויין, וואס ער מאכט אויף צו פערקויפען אהן א פּאטענט, די זאך איז נאר, — וואס קאן איהם דערפאר קומען? שטראף צי טורמע? אויף דערויף האבען די טעפּליקער יודען זיך געשארפט די מוחות, און רחמנות געהאט אויף בעריל דעם קבצן א סך מעהר ווי אויף שלום-בער דעם נגיד, און נישט געקאנט העלפען איהם דערצו גאר ניט, סיידען מיט א קרעכץ...

קאפיטעל ד.

נאך א פארברעכער.

המן איוואנאוויטש האט דעם טאג גענומען זיך צו די טעפליקער יודען נאר אויף אנאנדער אופן. ער האט דעם איינענעם טאג געפאקט נאך א יונגען, אזעלכען וואס האט אייגענטליך גאר ניט פערזינדיגט, נאר ס'איז אזוי געוועזען די מעשה: ס'איז געוועזען אין טעפליק א בעהעלפער, העניך דער בחור. האט דער דאזיגער העניך געהאט אנ'עלטערען ברודער דוד-ליב, האט דער דוד-ליב בעדארפט שטעהן היינטיגס-יאהר צום פריזיוו און האט געוואלט האבען א לגאטע, ווייל זיין אנדערער ברודער העניך איז נאך ניט אלט געוועזען קיין אכטצעהן יאהר, אזוי האט געזאגט דוד-ליב און אזוי האבען אויסגעוויזען זיינע פאפירען, וואס ער האט צוגעשטעלט אין דער פריסוטסטוויע אין הייסין. נאר דאס איז נאך אליין ווינציג וואס א יוד קאן זאגען און „צושטעלען" פאפירען, מע בעדארף א קוק טהון אויפ'ן קליינעם אליין, וועט מען שוין ויסען וויפיעל ער איז אלט; איז אנגעקומען צו פליסעצקין א פאפיר, ער זאל צו שטעלען העניך'ן קיין הייסין, און פליסעצקי, אז מע שרייבט איהם „צושטעלען", בעדארף זיין „צוגעשטעלט", האט ער צוגעשיקט צו איהם דעם אוריאדניק און מע האט דעם בחור גענומען און געבראכט צופיהרען צום פריסטאוו אין „סטאן" אריין.

דער קאליר פון העניך'ס פנים איז געוועזען דאס, וואס מע רופט אן א „מיתה-משונה קאליר", און דערצו האט ער נאך געהאט א בילמע אויף איין אויג און געקוקט האט ער אויף א זייט, אביסעל צו געשאקעלט מיט'ן קעפיל אויך, הייגט דער איבערשרעק, וואס מע האט איהם אויפגעחאפט, ווי ער שטעהט און געהט, ער ווייסט ניט פאר וואס און פאר וועןָ — דאס אלסדנג האט איהם צוגעגעבען א בעזונדער מין ווילדקייט, און ער האט געמאכט אויפ'ן פריסטאוו גאר נישט קיין גוטען איינדרוק און צווישען זיי איז פארגעקומען א קורצער, נאר א לעבעדיגער שמועס:

— דאס ביזט דו, העניך טעלערלעקער? האט איהם פליסעצקי א חאפ געטהון און בעטראכט איהם פון אויבען אראב.

— דאס בין איך העניך טעלערלעקער, האט איהם העניך געענטפערט נאר גייציג און האט באלד בארעכענט, אז דאס רופט מען איהם מכוח'ן פריזיוו פון זיין ברודער דוד-ליב, האט ער פארחאפט פריהער נאך איידער מע וועט ביי איהם פרעגען: איך בין נאך ניט אלט קיין אכצעהן יאהר, ווי איך בין א יוד אז ניט!...

— אַזוי? אַ חוץ שבתים און יום טובים, האָט אים פּליסעצקי גענענט־פֿערט און אַ קוק געטהאָן איהם גלייך אין די אויגען אַריין און דערזעהען די בולמע. פֿון דעם דאָזיגען קוק איז העניך'ן געוואָרען פֿינסטער אין די אויגען, קאַלט אין בויך און קאַלעמוטנע אויפ'ן האַרצען און ס'איז איהם הדרכ־געפֿלויגען אין איין רגע אַ טרויעריגע מחשבה אין קאָפּ: „אויס לגאָטע, פֿאַרפֿאַלען דוד־ליב"!.. און העניך האָט שטאַרק חשק געהאַט אַ טובה טהון דעם ברודער נעבעך און ער האָט זיך אַרויסגעשטעלט פֿאַר אַ שתדלן און האָט בעקומען לשון און מיט אַמאָל צורעדט זיך פֿאַר פֿייער און פֿאַר וואַ־סער: „איך שווער אייך, אַז איך בין מעהר ניט אַלט ווי זיעבצעהן יאָהר מיט אַ חודש אָדער אפשר נאָך אָהן אַ חודש, איך זאָל אַזוי דערלעבען קומען אַהיים בשלום! קוקט ניט דערויף, וואָס איך זעה אויס אפשר עלטער, ס'איז ביי אונז אַזאַ גדלע, אַזאַ וואוקס הייסט דאָס, וואָס פֿון פֿינפֿ־צעהן יאָהר אָן הויבט זיך אָן שיטען ביי אונז אַ בערדיל"...

פּליסעצקי האָט אויף העניך'ן געקוקט, געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און געשמייכעלט, ווי איינער רעדט: „צו דיין בולמע וואָס דו האָסט אויפ'ן אויג און צום מיתה־משונה קאָליר פֿון דיין פּנים'ל, פּאַסט דיר טאַקי דאָס בערדיל, חלעבען"... נאָכדעם האָט ער אַ זאָג געטהאָן צום סאָטסקי, אַז ביז ער וועט דאָ איבערקוקען זיינע פּאַפּירען זאָל ער איהם אַראָפּפֿיהרען אַראָב אין „חדר" אַריין, און העניך האָט אָנגעוואָהרען מיט אַמאָל דעם גאַנצען מוטה, דאָס פּנים איז איהם געוואָרען נאָך מעהר טוידט ווי תמיד, און אין האַרצען ביי זיך האָט ער בעגראָבען דעם ברודער נעביך אויף אייביג: „אוי, ביזט אויף צרות, דוד־ליב, אַז אָך און וועה איז דיר"!..

—

—הער נאָר אויס, דו אָדם אַ מענש, צפור אַ פֿויגעל, קאַטשקע רוק זיך, ווי קומסט דו אַהער אין קאַטשמענט אַריין? וואָס פֿאַר אַ מעשה האָט דו פֿאַרשטופּט און ווער האָט דיך געמסר'ט?

אַזוי האָט זיך אָנגערופֿען בעריל דער רויטער צום נייעם פּאַרשוין, צו העניך דעם בחור, און דער נגיד שלום־בער טעפּליקער פֿון טעפּליק האָט איהם פֿון דערווייטען גענומען בעטראַכטען פֿונים קאָפּ ביז די פֿיס, ווי מע בעטראַכט אַ גנב, וואָס מע האָט איהם נאָר היינט געכאַפּט מיט אַ גנבה. העניך פֿון זיין זייט האָט בעטראַכט דעם נגיד ווי אַ דולער און פֿון גרויס התפעלות, וואָס ער זעהט פֿאַר זיך אָט דעם נגיד, האָט ער אָנגעהויבען בעלעבעטשען

22

מיט דער צונג, אַליין נישט געוואוסט וואָס ער רעדט, און בעריל דער רויטער, וואָס איז פון תמיד אָן ווי מיר ווייסען שוין געווען אַ פריילעכער פּאַרשוין, ליעב געהאַט זאָגען ווערטלעך דעמאָלט אפילו ווען ער האָט ניט געהאַט אויף שבת, האָט זיך דאָ איצט פאַר'ן נגיד אויסגעשטעלט, געמאַכט חוזק פון'ם נאַרישען בחור, ווי דער שטיינער איז פון אַנ'אָרעמאַן, אַז ער באַגעגענט זיך מיט'ן אַנדערן אָרעמאַן, נאָך אַ גרעסערן שלים-מזל פון זיך, און בכדי דער נגיד זאָל האָבען פערגניגען, טריט ער צו יענעם מיט די פיס.

— ס'איז אַ מעשה דאָ מיט מיר, איך ווייס ניט אַליין נאָך וואָס, מיין דוד-ליב, וועה איז מיר! טאָמער, איך ווייס אַ קשיא אויף אַ מעשה עטוואָס מעהר פון אַכטצעהן איך, איז ער אַ פערפאַלענער חלילה...

אַזוי בעלעבעטשעט העניך, דערצעהלט די מעשה ווי אַרום ער קומט אַהער, און בעריל דער רויטער שלאָגט איהם איבער:

— וואָכ פּאַטשט דו מיט די ליפען, דו שוטה בן פיקהאָליץ? זאָג ווערטער! מירקע, גיב לשון!

— איך זאָג וואָס מיין דוד-ליב נעבעך, מאַכט צו איהם העניך און שטעלט זיך פלוצים אָב אין מיטען און טהוט אַ פרעג ביי בעריל דעם רויטען:

— ווי אַזוי זעה אויס ביי אייך אַ שטיינער אין די אויגען איך?

— ווי אַזוי זעהסט דו אויס? דו זעהסט אויס ווי אַ פרא-אָדם, ענטפערט איהם בעריל און צולאַכט זיך אַליין פון דער חכמה און קוקט אויפ'ן נגיד, צי דער נגיד לאַכט אויך... דעם נגיד אָבער לאַכט זיך ניט. ער בעטראַכט דעם שלים-מזל העניך, ווי ער גיעהט אָבגעריסען-אָבגעשליסען, און וואונדערט זיך, צו וואָס אַ שטיינער לעבט אַזעלכס אויף דער וועלט?

— ניין! — זאָגט העניך און קוקט מיט איין אויג אויפ'ן נגיד און מיט דער בולמע אויף בערלין — ניט דאָס מיין איך! איך מיין וויפיל אַ שטיינער וואָלט איהר געגעבען מיר?

— וואָס געגעבען?

— יאָהרען, הייסט דאָס, מיין איך.

— אַ? וויפיל דו ביזט אַלט? איך רעכען, אַז נישט מעהר ווי אַ יאָהר צוויי און צוואַנציג און אפשר נאָך מיט אַ סמיטשיק?

העניך האָט פאַר האַרצוועהטאָג און פאַר כעס אויש אַרויסגעלאָזט אַ קוויטש און איז אָנגעפאַלען אויף בעריל דעם רויטען גלייך ווי יענער האָט איהם געוואָלט קוילען.

— משוגע צו חסר דעה? וואָס רעדט איהר וואָס? ערשט ניט לאַנג צוואַנציג דוד-ליב געוואָרען יאָהר הייסט דאָס, און מיט דרייטהאַלבען עלטער פון מיר סך הכל, היינט דער חשבון אייערער וואו איז? אבי הייסט דאָס געוועדט!

און העניך האָט בשעת מעשה אויסגעזעהען אַזוי וויסט, אַזוי טרויעריג, אויף זיין פנים איז געלעגען אויסגעצויגען אַזוי פיעל רחמנות, אַז דער נגיד אַליין האָט זיך פאַראינטערעסירט און האָט איהם אַ פרעג געטהון:

— איהר ווענט הייסט דאָס צווי ברידער אַ פנים, ווי סע זעהט אויס?

— צוויי ברידער מיט אַן׳אַלטער מאַמע הייסט דאָס, און אַ מיידיל פון אַ יאָהר דרייצעהן דיענט, און נאָך אַ ברודעריל אַ קלענערס אין אַ קלייט כלומר׳שט, און נאָך מיידליך צוויי קליינע, מיט איינעם אין דער תלמוד תורה אַ יונגעלע, און אויף זיין קאָפּ אַלע, און טאָמער חלילה וחס געהט אַוועק ער, מעגען נעהמען די טאָרבעס מיר און געהן איבער די הייזער אַלע...

און העניך דערצעהלט, ווי אַזוי ער קאָן, די גאַנצע מעשה מיט׳ן פריזיוו, מיט דער לנאָטע וואָס אַ פנים עמיצער האָט איהם גע׳מסר׳ט, אַז ער איז עלטער פון אַכטצעהן יאָהר, חאָטש ער קאָן געהן שווערען אַ שבועה דאורייתא, אַז ער איז נאָך ניט אַלט קיין אַכטצעהן, נאָר עפּיס מעשה-שטן ווי אויף צו להכעיס שיט זיך איהם, העניך׳ן, אַ באָרד, און אַלע זאָגען אויף איהם אַז ער זעהט אויס פון אַ יאָהר צוואַנציג אויב ניט מעהר, ווי באַלד אַזוי האָט דאָך ניט דוד-ליב קיין לנאָטע אפילו אַ ברעקיל ניט, היינט וואָס וועלען זיי טהון, טאָמער חלילה „קריכט ער אַוועק“?...

און העניך קערעוועט זיך אָב מיט דער פּולע אויף אַ זייט, הויבט אָן הוסטען כלומר׳שט, שנייצט אויס די נאָז און ווישט זיך די אויגען.

— נעבעך אַ רחמנות... — האָט זיך ניט ווילענדיג אַרויסגעכאַפּט ביים נגיד.

— אַ שלים-מזל! האָט איהם בעריל דער רויטער צוגעגעבען מיט אַ האַלב-שמייכעלע, וואָס האָט בעדייט אי זאַוק געמאַכט, אי רחמנות געהאַט; ער, ווי איהר קוקט איהם אָן, איז אַ שלים-מזל, און דער ברודער זייַנער — איך קען איהם — איז גלאַט אַ צוקוועטשער, ער טויג אַזוי פאַר אַ סאָלדאַט פונקט אַזוי ווי איך...

און בכדי מען זאָל זעהן, אַז ער, בעריל דער רויטער, טויג טאַקי ניט פאַר קיין סאָלדאַט, שטעלט ער אַרויס דאָס קרומע פיסיל זיינס.

קאפיטעל ה.

דער עטאפ האט געריהרט.

ביז דעם היינטיגען טאג, וואס קומט פאר אונזער געשיכטע, און ביז דער לעצטער מינוט האט זיך דער טעפליקער גביר שלום-בער טעפליקער פון טעפליק נישט געגלויבט, אז מע וועט איהם נעמען און שיקען מיט'ן עטאפ אין היימין. ער האט זיך די גאנצע צייט געבריה'ט, געשריבען פאפירען, גע-זוכט זכות אבות, נאר פליסעצקי האט זיך געלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט, אז אונזער טעפליקער גביר זאל מאכען א שפאציר פון טעפליק קיין היימין מיט'ן עטאפ און דוקא צו פוס.

טי פאדיאש או מעניא מיט די רגלים! האט איהם המן איוואנאוויטש געזאגט האלב אויף רוסיש און האלב אויף לשון קודש, ווי זיין שטייגער איז. און חי אויף צו להכעיס איז דער טאג געווען א ליכטיגער, א ווארימער זומער-טאג. ווי א חתן פון דער חופה איז ארויסגעגאנגען דער קיילעכיגער פייע-ריגער זון-קוגעל, פריילוך ווי א גבור אנגעגרייט צו מאכען די גרויסע הימעל-דיגע רייזע, באלייכטען אלעמען מיט זיין שיין און באגיסען איטליכען מיט זיין ווארימקייט, קיינער וועט זיך ניט אויסבאהאלטען פון זיין היץ בשעת ער צוברענט זיך גוט און גליהט אן די ערד ווי א קאלך-אויבען. קרעמער האבען איבערגעלאזט זייערע קראמען, בעלי-מלאכות — זייערע ווארשטאטען, מלמדים — זייערע חדרים, און מע איז געגאנגען קוקען ווי מע פיהרט דעם גביר מיט'ן עטאפ, און די טעפליקער יודען, בעטראכט דעם גביר ווי ער שטעהט מיט אין אראבגעלאזטען קאפ, האבען זיי געזאגט איינס דאס אנדערע, אז מע בעדארף זיך נאר אראבנעמען א מוסר, און איטווייניג ביי זיך אין הארצען האט מען געקוועלט, דערלעבט א נקמה. רחמנ"ת האבען זיי נאר געהאט אויף בעריל דעם רויטען געבעך און אויף הענוך דעם בחור. פון דעם גביר'ס וועגען האט מען ארויסגעטראגען געפלאכטענע קוילעטשען, געבראטענע קאטשקעס מיט נאך אנדערע מינים עסענווארג אין וועג אריין, און בעריל דעם רויטען האט דאס ווייב מיט די קינדער געבראכט צוטראגען א בולקע, פיש קארטאפליס מיט א ושמוט יונגען קנאבעל; נאר איין הענוך איז געבליבען אהן א שום שפייז אין וועג אריין, האבען זיך ארומגעקוקט ווילד פרעמדע, זיך צונויפגעלייגט פאר רחמנות און געקויפט פון זיינעטוועגען א ברויט, א פאר פישליך, מיט ציבעלעס, און די אלע מאכלים האט מען איבערגעגעבען דעם עטאפ אויף די הענד, און דער עטאפ האט דאס אלסדינג צוגענומען גאר פריינדליך, צוגע-

זאָגט, אַז ס'וועט זיין גאַנץ, ס'וועט ניט געמינערט ווערען דערפון אַ האָר אפילו, און המן איוואַנאָוויטש האָט זיך בעוויזען ביי זיך אויפ'ן גאַניק און אַ זאָג געטהון צום עטאַפּ, ער זאָל ריהרען, און דער עטאַפּ האָט גערירט און נאָך איהם גאַנץ טעפּליק.

דער עטאַפּ איז בעשטאַנען פון איין לאַווריע דעם סאָטסקי, אַ האָריגער נפש מיט אַ האָריגער סוויטקע מיט אַ הויך האָריג היטעל און מיט אַ גרויסען סוקעוואַטען שטעקען, פון אויבען מיט אַ גרויסער הילצערנער גאַלקע און פון הינטען מיט אַ שאַרף שטיק אייזען ווי אַ שפיז, די געבראָטענע קאַטשקעס מיט די געזאַלצענע פישליך האָט ער פאַרנומען אונטער איין אָרעם, די בולקעס מיט'ן קנאָבעל מיט די שאָר ירקות אונטערן אַנדערען אָרעם, דעם ראַפּאָרט האָט ער פאַרשטעקט פאָרינט אין בוזעם, און דער עולם האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין גיך. אַ סך גיכער ווי מע קאָן זיך פאָרשטעלען. דאָס גיכקייט האָט זיך גענומען דערפון, וואָס אונזערע אַרעסטאַנטען האָבען געוואָלט שוין פּטור ווערען, אַרויס גיכער פון דער שטאָדט, געבעטען לאַווריען דעם סאָטסקי, ער זאָל צוטרייבען דאָס קליינוואַרג, וואָס האָבען זיך ניט געפוילט אַרויסבאַגלייטען זיי העט ווייט אַזש אויף יענער זייט מיהלען; האָט לאַווריע אויפגעהויבען דעם לאַנגען שטעקען מיט'ן אייזערנעם שפּיץ, און חברה קונדייסים זענען זיך צולויפען ווי די איבערגעשראָקענע פויגעליך, און דער עטאַפּ איז געבליבען אַליין אויפ'ן פרייען פעלד, אויפגעהערט לויפען מיט אַזאַ אימפּעט, אָנגעהויבען מאַכען אַביסעל קלענערע טריט און אַ שמועס געטהון מיט'ן עטאַפּ מכוח צוזעצען זיך אַביסיל אויפ'ן גרינעם גראָז און אַביסעל איבערחאַפּען דעם אָטהעם.

דער עטאַפּ, דאָס הייסט לאַווריע דער סאָטסקי, איז גאָרניט געווען אַזאַ שלעכטער מענש. מע האָט דאָס ביי איהם דוקא ניך געפועל'ט, ובפרט אַז ער האָט אַליין אויך געוואָלט אַביסעל שוין אָברוהען זיך און האָט שטאַרק חשק געהאַט איבערחאַפּען, פאַרזוכען פון יענע געבראָטענע קאַטשקעס וואָס דער ריח האָט איהם אַ גאַנץ וועג געקיצעלט אין נאָז, פון די יודישע קוילעטשען האָט ער שוין אפילו געפּרובט אָבברעכען אַ פּאָר שטיקלעך און האָט געפונען, אַז זיי זענען גאַנץ גוט אויפ'ן טעם; אויך פון די פישליך האָט ער פאַרזוכט, וואָס אינאיינעם מיט'ן קנאָבעל איז דאָס געווען גאָר נישקשה'דיג. און מחמת די אַרעסטאַנטען זענען געגאַנגען פריהער און דער עטאַפּ הינטען, האָבען די אַרעסטאַנטען נישט באַמערקט, אַז דער עטאַפּ קייעט, און אַז זיי האָבען זיך אַרומגעקוקט, האָבען זיי צווישען זיך איבערגעשמועסט זיך אויף יודיש.

— דער ערל אכל׳ט גאַנץ גע׳שמאַק, זאָגט דער נגיד און קוקט אויף לאַוורע — ווי ער קנייפּט דעם קוילעטש און רוקט אין פּנים.

— זאָגט חאָטש קיין עין הרע ניט, מאַכט בעריל דער רויטער פריילוך ווי זיין שטייגער איז, איך קאָן אייך שווערען בנאמנות, אַז איך האָב אויף איהם קוקענדיג בעקומען אַפּעטיט צום עסען, וואָס זאָגסט דו, העניך? סע חלש׳ט דיר נאָך ניט אונטערן טלית־קטן?

העניך דער בחור האָט אַ געשמאַקען שלונג געטהון די שלייִם ווי אַני־אָקס בשעת ער איז מעלה גרה, און דערביי אַ זאָג געגעבען אויף זיין איבער־געקעהרטער שפּראַך:

— זאָגען שטאַרק קאָן איך ניט, אַז איך בין הונגעריג, נאָר אין מויל מהכתיותי עפּיס גענומען וואָלט איך ס׳זאָל זיין וואָס.

— ביי מיר איז פאַרהאַן אַלסדינג — רופט זיך אָן דער נגיד און האַפּט אַ קוק אויפ׳ן עטאַפּ.

— ביי מיר אָהן אַביסעל בראָנפען הייסט נאָך ניט אַלסדינג, מאַכט בעריל דער רויטער און חזר׳ט דאָס איבער מיט אַ כיון נאָך אַמאָל אויף רוסיש, בכדי דער ערל זאָל פערשטעהן פון וואָס מע רעדט.

— טשי פּראַוודאַ, לאַוורע, שאָ בעז הרילקו שאָ בעז זובאָוו?*) — טהוט בעריל דער רויטער אַ מאַך צום עטאַפּ.

— אַוושעוש!**) — ענטפערט איהם דער עטאַפּ גאַנץ ערנסט.

און מע האָט זיך אַזוי לאַנג איבערגעוואָרפען מיט ווערטער, ביז ס׳איז געבליבען ביי׳ם עולם: אַזוי ווי ס׳איז ניט וויַט פון דאַנען קיין גראַנאָוו, סך הכל אַ פּאָר ווערסט, זאָל איינער פון די אַרעסטאַנטען, העניך דער בחור גע־וויינטליך, ער איז יונגער, אַ שפּרונג טהון אַהינצוצו אויף איין פוס און ברענגען אַ פלעשעל בראַנפען, און די איבעריגע צוויי אַרעסטאַנטען, שלום־בער טעפּ־ליקער פון טעפּליק און בעריל דער רויטער, נעמען איהם אויף זיך, אויף זייער ערבות, אַז ער וועט ניט אַנטלויפען, און מע האָט זיך צונעזעצט אויפ׳ן גראָז אין מיטען פעלד אויף אַ בערגיל אונטער אַ בוים, ביידע אַרעסטאַנטען האָבען זיך אַריינגעלאָזט אין אַ שמועס, און דער עטאַפּ האָט זיך באַזעצט נעבען זיי און געקוקט אַהין אויפ׳ן וועג קיין גראַנאָוו.

---

*) ס׳איז אמת, לאַוורע, אַז אָהן בראָנפען איז ווי אָהן ציין.

**) אודאי!

קאפיטעל ו.

ער דערמאהנט איהם אלטע חטאים.

ווען איך זאל זיין אַ מאַלער אָדער חאָטש אַ פאָטאָגראַף, וואָלט איך אַראָבגענעהאָפּט די דאָזיגע גרופּע, די דריי נפשות, וואָס זיצען זיך אַזוי שען אין מיטען פעלד, אויפ'ן בערגיל, אונטער אַ באַרענבוים מיט קליינע גרינע בלעטליך, אַ בוים, וואָס וואַקסען אויף איהם פעלד-באַרליך, יענע מינים באַרליך, וואָס זענען האַרטער פון שטיינדליך און וואָס מע קאָן זיי ניט נעמען אין מויל אַריין און וואָס מע ווייסט ניט, אויף וואָס האָט זיי גאָט בעשאַפען אויף דער וועלט... צווישען לאַווריע דעם סאָטסקי מיט דעם הויכען האָריגען היטעל פון איין זייט און בעריל דעם רויטען מיט'ן קרומען פּוס און מיט'ן רויטען ריהרעוודיגען פנים מיט ווייפּערליך פון דער אַנדערער זייט, האָט אונזער טעפּליקער נגיד בעריל טעפּליק פון טעפּליקער מיט די קליינע אויגעליך און מיט'ן שיטערען בערדיל, מיט דער נייער שוואַרצע גענוועטענע קאַפּאָטע און מיט'ן שבת'דיגען זיידענעם קאַשקעט אויפ'ן קאָפּ, אויסגעזעהען ווי אַ מחותן צווישען בעלי-בתים, אָדער ווי אַ געהויבענער פּאַרשוין צווישען פּראָסטע מענשען, וואָס האָבען די עהרע צו זיצען מיט איהם אינאיינעם. אַזאַ מענש ווייסט שוין ווי אַזוי זיך צו האַלטען, דאָס הייסט האַלטען האַלט ער זיך כלומר'שט פּראָסט, כלומר'שט גלייך מיט אַלעמען, נאָר פאָרט נישט דאָס וואָס אַלע. פון וואָס ער וויל פון דעם רעדט מען, וואָס ער זאָגט בעדאַרף מען הערען, און אַז יענער רעדט מעג ער איבערשלאָגען אין מיטען.

— וואָס זאָגט איהר אויף דער היץ? — האָט ער אַ זאָג געטהון צו בעריל דעם רויטען מיט אַ זיפּץ און אַ קוק געטהון אַרום און אַרום, פאַרקאַטשעט די אַרבעל ביז די עלענבויגענס און זיך געפאָכט מיט'ן זיידענעם קאַשקעטעל איבער'ן קאָפּ.

— יאָ, ס'איז ניט קאַלט — האָט איהם בעריל געענטפערט און אויך אַ קוק געטהון אַהין, וואו דער נגיד קוקט.

— ס'זאָל חאָטש ניט זיין קיין רעגען — טהוט זיך דער נגיד ווייטער אַ זאָג און אַ קוק אַרויף אויפ'ן הימעל.

— יאָ, עס פּאַסט אונז טאַקי צו די זיידענע קליידער! גיט איהם נאָך בעריל און קוקט אַהין, וואו דער נגיד קוקט.

— ניט קיין שלעכטער ערל אונזער שומר, זאָגט זיך ווייטער דער נגיד און קוקט אויף אַ לאַנגען וואַכען אַ ליידיגען, וואָס פאָהרט דורך פאַרבי

מיט א פאר גרויסע אקסען און א קליין שייגעציל זיצט אויפ'ן וואגען און דרעהט מיט דער בייטש.

— אונזער שומר? מאכט בעריל און קוקט אהין וואו דיער נגיד קוקט, עס מעגען זיין פאר איהם די כפרה דריי יודען אזעלכע, וואס געהען מסר'ען אנ'אראמאן, אז ער מאכט עטליכע פלעשליך וויין פון ראזינקעס און צוטראגט זיי צווישען בעקאנטע אויף קדוש און לעבט דערפון מיט ווייב און קינדער שוין כמה וכמה יאהרען.

— ווי מיינט איהר? שלאגט איהם איבער דער נגיד אין מיטען די רעד און קוקט אויפ'ן וועג, וואס געהט קיין גראנאוו, ווי מיינט איהר? ער קאן ניט פארבלאנדזעט ווערען, מיין איך מאכען א פליטה, אט דער דאזיגער בחור. ווי אזוי רופט איהר איהם?

— אט דער שמינדער בגעץ? מאכט בעריל און קוקט אויפ'ן וועג, וואס געהט קיין גראנאוו, ער האט דען עפים חוטא בעגל געווען, געטהון א קרימינאל, וואס ער זאל דארפען אבטרעטען? ער איז אזא פערברעכער פונקט אזוי ווי איך למשל

— וואס קאן איך א שטייגער קומען פאר אזא מעשה? טהוט איהם דער נגיד א חאפ און קוקט אויף בערלען פון אויבען אראב מיט איין אויג, דאס אנדערע האט ער צוגעמאכט, קייעט בשעת מעשה א גרעזיל אונטער די צייהן:

— פאר וואסער מעשה? פאר'ן ראזינקעס-וויין? קיין „רעסטאנסקע ראטע“ פאר דעם „קרימינאל“ אודאי ניט, נאר איך וויים וואס מע קאן אויף מיר ארויפלייגען פאר א שטראף? לאז מען מיך שטראפירען, וואס הער איך זיי? וואס וועט מען ביי מיר נעהמען? דעם דלות? סיידען זיצען? מילא וועלען מיר זיצען א פאר טעג, למאי א י ה ר? איהר זענט דאך עפים קיין עין הרע א יוד א נגיד כילעבען! איך וועל אייך זאגען דעם אמת, רב שלום-בער, האט קיין פאראיבעל נישט, איך אויף אייער ארט וואלט ניט געזעסען אין „חדר“ איבער אזא נארישקייט, איבער א פאמיניצע גאר; ערשטענס וואלט איך ניט געפיהרט מיט פאליציע קיין עקשנות, און צווייטענס ווען איך בין אין אייער שטאנד, וואלט מען מיך ניט געפיהרט מיט'ן עטאפ פאר אזא זאך. טעפליק אליין וואלט דאס גאר ניט בעדארפט דערלאזען, אז דער נגיד פון שטאדט זאל געהן מיט'ן עטאפ ווי א פראסטער מענש, גלייך מיט אלע קבצנים...

אין אַנאַנדער צייט וואָלט בעריל דער רויטער פאַר אַזאַ שפּראַך געקאָנט חאַפּען אַ מאוסען פסק פונ'ם טעפּליקער נגיד, ער וואָלט געווים „געעפּענט ביי איהם מיט'ן קאָפּ די טהיר" פאַר אַזעלכע ווערטער, נאָר איצט געהענדיג מיט'ן עטאַפּ קיין הייסין האָט שלום-בער מקבל באַהבה געווען אויף זיך אַלס-דינג. איצט האָט מען איהם געקאָנט זאָגען וואָס מע וויל, און בעריל דער רויטער האָט זיך גערעכענט מיט איהם ווי ווייט ער האָט נאָר געקענט און דוקא מיט גוטע רעדעליך, דוקא ניט געקריגט זיך, ער האָט זיך צוגערוקט מיט זיין קרומען פוס צום נגיד אַזוי נאָהענט, אַז דער נגיד האָט זיך געמוזט אַביסעל אָפּגערוקען פון איהם, און בעריל האָט אָנגעהויבען בזה הלשון:

— איהר ווייסט, רב שלום-בער, פון ווען אָן מיר קענען זיך שוין? מיר קענען זיך שוין פון אַ צייט מיט יאָהרען! איך געדענק אייך, אַז איהר זענט נאָך געווען אָט אַזאַ ווערוויקעל (בעריל האָט באַוויזען מיט דער האַנד האַרט ביי דער ערד), איהר בעדאַרפט זיין אין מיינע יאָהרען, אפשר עלטער מיט אַ יאָהר אָדער צוויי, און איהר דאַרפט מיך געדענקען, וואָרום מיין זיידע און אייער פאָטער זענען געווען... שרעקט זיך נישט, ניט קיין קרובים, חאָס הייסט אַפילו יאָ שטיקליך שני שבשלישים זעהר ווייטע קנעפּלעך פון דער מאַמענס צד, נאָר גאַנץ נאָהענטע שכנים אין אַלטען בית המדרש, אַ שטאָדט אַקעגען אַ שטאָדט, אייער פאָטער אין מזרח-וואַנד און מיין זיידע אין שפּיגעל-באַנק, אַזוי אַז איהר פלעגט זיך שטעלען שמונה-עשרה, האָבען מיר אייך געזעהען פון אונטען; איך געדענק נאָך אַפילו אייער פאָטערס אַטלעסענע, גלאַנצענדיגע פלייצע מיט די ברייטע אַקסלען מיט דער גרויסער זילבערנער עטרה פונ'ם טלית, און מיין זיידע, רב נפתלי דער חיינער, איהר דאַרפט איהם געדענקען, פלעגט אָנרוקען דעם געלען טלית אי-בער'ן קאָפּ און מיך קנייפּען איך זאָל אַריינקוקען אין סדור אַריין, וואָרום איך האָב אַזוי געוואָלט דאַווענען מסתמא ווי איהר. איך האָב גאַנץ גוט געזע-הען — איך בין דאָך געשטאַנען פון אונטען — אַז בשעת שטילע שמונה-עשרה, האָט איהר נאָר געקוקט אַראָב אויף די שטיוועליך, וואָס האָבען ביי אייך געסקריפּעט, און ווי אַזוי האָב איך אייך למשל מקנא געווען אויף אייערע תמיד נייע שטיוועלעך, אַז מיינע זענען געווען תמיד אַלט, שטענדיג מיט לאַטעם, וואָרום איבער מיין קראַנקען פוס האָב איך קיין מאָל נישט געקאָנט האָבען קיין רעכטע שטיוועל, און איבער דעם דאָזיגען קראַנקען פוס האָב איך תמיד געהאַט צרות, אַ חוץ וואָס ס'איז מיר שווער געווען צו געהן פלעג מען נאָך פון מיר שטענדיג לאַכען און רופען מיך „קריוואַק"

און נאכקרימען זיך מיר ווי איך געה, און מעהר פון אלע טאקי איהר, רב שלום-בער; ס'זאל אייך צו קיין חרפה ניט זיין, מיט נאך אזעלכע נגידישע קינדער, פאנסקי צאפיקליך, ווי איהר...

— איך? טהוט זיך דער נגיד א חאפ און דערמאהנט, אז ס'איז אמת, מע פלעגט איהם טאקי נאכמאכען, ווי ער שפרינגט אויף איין פוס.

— דאס נאכמאכען אליין וואלט נאך געוועזן נישקשה, איהר פלעגט מיר ניט וועלען אריינגעהמען אין דער חברה, מיר טרייבען מיט שטעקענס און אנטרעטען מיר אויפ'ן קראנקען פוס, זיך שטעלען כלומר'שט אומגעהרען מיט'ן אפצאס אויף די פינגער, אזוי אז איך זאל פיהלען, איך זאל טאקי שרייען, פלעגי איך שרייען און איהר פלעגט לאכען, זיך האלטען ביי די זייטען...

— דאס טראכט איהר אויס שוין מסתמא פונים קאפ, רופט זיך אן צו איהם דער נגיד און ווערט רויט פאר בזיון, וואס ער פלעגט זיך אזוי רעכענען מיט א קאליקע, און ער דערמאנט זיך ווי אזוי ווילד געבאלעוועט ער איז געוועזן קינדווייז, געקאנט טהון וואס ער האט געוואלט.

— א סימן וועל איך אייך זאגען, איך האב דערצעהלט דעם זיידען, האט דער זיידע דערצעהלט אייער פאטער, האט אייער פאטער נישט געוואלט גלויבען און האט זיך צושריען אויף מיין זיידען, אז זיין זוהן איז א שטיל קינד און וועט זיך ניט אנהויבען מיט „קבצנישע קינדער“, איהר הערט, קבצנישע קינדער!.. פון דע[illegible]ט אן בין איך געוואהר געווארען ווער איך בין, אז איך בין א קבצניש קינד... האב איך אומיסטנע געפרעגט דעם זיידען, וואס דאס בעדייט, האט מיך דער זיידע קלאהר געמאכט, וואס הייסט א קבצניש קינד און וואס הייסט א נגידיש קינד, נאר איך האב נישט פארשטאנען פאר וואס מעג א נגידיש קינד אנטרעטען א קבצניש קינד אויפ'ן פוס און א קבצניש קינד בעדארף שווייגען? האב איך געפרעגט דעם זיידען, האט מיר דער זיידע געזאגט: דערפאר ווייל א נגיד איז ניט קיין קבצן און א קבצן איז ניט קיין נגיד, דאס הייסט א נגיד איז א נגיד און א קבצן איז א קבצן... האב איך דאס ניט אנגעהויבען צו פארשטעהן, און האב א קוק געטהון דעם זיידען אין די אויגען אריין, טאמער וועל איך עפיס פון די אויגען געוואהר ווערען א פשט צו די ווערטער, דאב איך אבער פון זיינע אויגען ניט ארויסגעזעהען גאר ניט! איך האב נאר ארויסגעזעהען ווי א טונקעלע חמארע אויף זיין פנים און קנייטשען אויפ'ן שטערען און ווייטער גאר ניט... און איך בעדארף זיך מודה זיין פאר אייך, ס'איז דאך שוין אנ'עבר'דיגע זאך, איך האב פון דעמאלט אן פיינט געקראגען אלע

נגידים מיט אלע גבירישע קינדער, און מעהר פון אלע האב איך פיינט גע־קראגען אייך...

— מיך? דער נגיד האט זיך אזש א חאפ געטהון פאר'ן הארצען.

— אייך, אייך, איהר זענט דאך דעמאלט געוועזען נאך גאר א יונגעל, האט קיין פאראיבעל ניט — א שנעק, מיר זענען ביידע הייסט דאס געוועזען דעמאלט נאך יונגע ווערעריקליך, און נאכדעם אפילו, אז מיר זענען אינ־טערגעוואקסען, געווארען ביידע בר־מצוה־יונגלעך, בחורים'ליך שוין, האט איהר זיך גאר אפגעקערעוועט פון מיר, זיך געמאכט גלייך ווי איהר קענט מיך ניט, מורא געהאט קוקען אויף מיר, טאמער זאג איך אייך א גוט שבת, וועט איהר מיר חלילה דארפען ענטפערען א גוט יאהר, האט איהר געזשאלע־וועט א פנים. עס האט אייך ניט געלוינט...

דער טעפליקער נגיד, שלום־בער טעפליקער פון טעפליק האט זיך אזש א רוק געטהון אויפ'ן ארט און א מאך געטהון מיט דער האנד ווי איינער רעדט: „מאלט אייך, ס'איז ניט אזוי די מעשה“... און ביי זיך האט ער זיך דערמאנט, אז ס'איז מעגליך, וואָרום זיין פאטער פלעגט איהם זאגען שטענדיג, אז ער איז ניט גלייך צו אנדערע יונגלעך...

— האט קיין פאראיבעל ניט, רב שלום־בער, א נארישקייט גע־דענקט זיך, אויף מיין ערשטער חתונה (איהר האט פריהער חתונה געהאט פאר מיר) האב איך אייך געשיקט א חתונה צעטיל, האט איהר אפילו ניט געענטפערט מיט קיין בריעף.

— כ'לעבען איך געדענק ניט...

— ווי קומט איהר געדענקען? למאי איהר געדענקט ניט דאס אויך מסתמא, אז איך בין, ניט היינט געדאכט, דאס ערשטע מאל געבליבען אני־אלמן, האב איך געשיקט מיין פעטער יאסין (דער זיידע איז שוין דעמאלט געוועזען א שוכן עפר), ער זאל אייך זאגען, אז איך בין געבליבען מיט צוויי קליינע קינדער ווי אויפ'ן וואסער, האט איהר איהם געענטפערט, אז איהר זענט א יונגער־מאן, וואס קאטארי מישט זיך ניט אין קהל'שע זאכען...

— איך האב אזוי געענטפערט? זעהט נאר צי אייער פעטער יאסי האט אייך ניט דערצעהלט מחילה קיין ליגען...

— עס קאן זיין, אפשר זענט איהר גערעכט... איך ווייס נאר, אז איהר האט מיר ניט געהאלפען ניט דעמאלט דאס ערשטע מאל און ניט דאס אנדערע מאל, אז איך בין, ניט היינט געדאכט, אפגעברענט געווארען, ארוים ווי די מאמע האט מיך געהאט, און אויך שפעטער אז מיר האבען

זיך בעגעגענט איין מאל אין הייסין אויף דער אכסניה אויב איהר געדענקט בשעת יריד, איהר זענט געקומען צופאהרען קויפען, דאכט זיך, אויב איך האב ניט קיין טעות, א פאר פערד, און אפשר א בהמה, און אפשר גאר פארקויפען קארן? —

דער נגיד רייבט זיך דעם שטערען, ווי א מענש וואס וויל זיך דערמאהנען א זאך, וואס ער געדענקט נישט, און ס'איז איהם א חדוש, וואס ער האט דאס שוין לאנג פארגעסען און יענער ניט, און עס שטעהט איהם ניט אן די מעשה וואס בעריל דער רויטער, וואס אין טעפליק וואלט ער גאר ניט האבען די זכיה מיט איהם צו רעדען צוויי איבעריגע ווערטער, זאל האבען א העזה איהם אויסזעצען דא די פעהלערען, דערמאהנען איהם אלטע חטאים! און סע שטעהט איהם ניט אן די מעשה, און ער וויל עפים אנהויבען רעדען, קומט אן העניך פון גראנאוו מיט א פלעשיל בראנפען, קוים וואס ער חאפט דעם אטהעם, אזוי איז ער געלאפען, מורא געהאט טאמער פאהרט עמיצער אן און מע פאקט איהם מיט'ן בראנפען, און אלע דריי פערברעכער זעצען זיך צו דער סעודה, נעמען פריהער צו קאפליך בראנפען, זענען מכבד אויך דעם עטאפ מיט א פאר גלעזלעך; דער עטאפ זאגט זיך ניט אב, נאר ער פערקרימט זיך, ווישט אב מיט דער פארייער סוויטע די גראבע וואנצעס און שיקט אב צו אלדע שווארצע יאהר גראנאוו מיט זיין שטארקען בראנפען.

— דווּשע הירקא, נעחיי יאמו סים טשערטיוו! *) מאכט לאווריע און טהוט א מאך מיט דער האנד ווי א מענש, וואס גיט זיך א נדר, אז מעהר זאל ער שוין אין מויל אריין ניט נעהמען קיין טראפען אפילו! — פון העסטוועגען, אז ס'איז געקומען נאך די פיש און מע האט זיך גענומען צו דער קאטשקע, האט מען איהם פארט איינגעבעטען ער זאל נעהמען א גלעזיל; עס האט זיי טאקי געקאסט אביסעל מיה, נאר מע האט ביי איהם געפועלט ער זאל דאס אויסטרינקען ביזן דנא, מחמת מע וויל איהם אנגיסען נאך א גלעזיל.

איבערגעביסען, האט זיך דער עולם צוגעלייגט אביסעלע אונטערען שאטען פונ'ם בארנבוים, נישט חלילה דרימלען, נאר גלאט אזוי קוקען ארויף אין בלויהען הימעל אריין, זעהען ווי קליינע חמארעס רוקען זיך אן, צוזייען זיך, ווערען צוגאנגען אזוי ווי רויך, און א מחנה ווארענעס וואס האבען זיך

*) צו ביטער, זיבען רוחות זאל איהם זיין!

אויסגעמושטירט אין צווי פאסען ווי א „ד“ שוועבען און שטעהען אויף איין ארט.

ליעגען מיט׳ן פנים ארויף און קוקען אין הימעל אריין נאכ׳ן עסען איז א טייערע סגולה אויף צו אנשלאפען ווערען. דער ערשטער האט דאס באוויזען דער עטאפ אליין, וואס האט זיך גלאט געלאזט הערען פון איהם א מורא׳דיגער חראפ, ווי פון אן׳איבערגעשראקען פערד, און תיכף נאך איהם האט זיך געלאזט הערען אן אקאמפאנימענט פון הענוך׳ס נעזולעכער, וואס האבען אויך געארבייט ניט שלעכט, חאטש ער האט זיך אלע מאל אליין אויפגעחאפט פון זיין חראפען און געבעלעבעטשעט מיט דער צונג ווי זיין שטייגער איז:

— איינגעמידט יעהר וואס בין געלאפען איך פיער ווערסט נוטע, אלין מורא געהאט טאמער חלילה פאהרט ער אן און פאקט מיך, דער פריסטאוו הייסט עס...

נאר דער טעפליקער נגיד שלום-בער טעפליקער פון טעפליק און בעריל דער רויטער זענען ניט געשלאפען. דער נגיד האט זיך שטארק פאר-אינטערעסירט צו וויסען, וואס פאר א בקשה האט צו איהם בעריל געהאט דערמאלט אין הייסין אויפ׳ן יריד. און בעריל דער רויטער האט איהם צוליעב געטהון און האט איהם דערצעהלט די מעשה, וואס מיר געבען זי איבער מיט זיין אייגענער שפראך, ווארט ביי ווארט.

קאפיטעל ז.

א נארישקייט געדענקט זיך.

— האט קיין פאראיבעל ניט, א נארישקייט געדענקט זיך — אזוי הויבט אן בעריל די מעשה מיט א לעבעדיגען טאן ווי זיין שטייגער, — געקומען בין איך קיין הייסין ניט אויפ׳ן יריד; מיינע אקסען האבען זיך נאך געהאַ-דעוועט און מיינע שיפען אויפ׳ן ים זענען נאך געווען ווייט. וואס זשע האב איך געטהון אין הייסין אויפ׳ן יריד, ווילט איהר וויסען? איך בין געקומען אנקוקען א חתן גאר פאר מיין מיידיל, די עלטערע הייסט עס פונים ער-שטען ווייב. כ׳האב מיך מישב געווען, פערשטעהט איהר מיך, דאס ערשטע קינד, א יתומה, חאטש אפילו א יונג קינד, נאר א שטיפמאמע פיקט, אין קאפ אריין, איך זאל זי חתונה מאכען, חאטש פרעגט זי, וואס וועט איהר ארויסקומען, אז איך וועל זי שוין חתונה מאכען? ווער וועט איהר העלפען קאַ-

כען און באַקען און צוזאָגען די קלײנע קינדער, און װעמען װעט זי שעלטען, טראָגען פֿאַר די צעפּ? נאָך גײע רעדה מיט אַ יודענע! בקצור ס'איז געבליבען חתונה מאַכען, נאָר ס'איז גרינג צוזאָגען: חתונה מאַכען! מיט װאָס? מיט די פֿינף פֿינגער? אין אונזער גראַד װי ניט װי, אויסקלײדען דאַרף מען, עס רעדט זיך אַזױ אױסקלײדען; מײנען מײנט מען אַ קלײדיל אַ סיצענס און אַ פּאָר שיך און זאָקען און העמדער חאָטש אַ האַלב טוץ, און פֿון בעט־געװאַנד שמועסט מען ניט, אַ פּאָר קישענס, אַנ'איבערבעט, אַ שטיקעל קאָלדרע! און װי אַזױ, איך בעט אײך, ניט מען ניט חאָטש אַזאַ הונדערטער נדן? און דאָ איז ניטאָ קײן הונדערט קאָפּיקעס אפילו, און װי אױף צו להכעיס זעצט ער מיר מיט בריעף, משה אַהרן דער שדכן, ימח שמו, איהר דאַרפֿט איהם קענען, אײן בריעף נאָכ'ן אַנדערען, אַז ס'איז פֿאַרהאַן אין הײסין, שװײבט ער מיר, אַנ'אַנטיקעל, אַ מציאה, אײנס בײ גאָט, דאָס אַנדערע בײ יענקעל דעם סטאָלער, אַ בחור'ל פֿון געמײנעם גראַד, נאָר אַ געראָטענער, מיט לערנען און מיט שרײבען און מיט שפּילען אויפ'ן פֿידעל, סע עקט זיך נאָר די װעלט מיט איהם! שרײב איך איהם אַװעק, משה אַהרן'ען הײסט עס, אַ בריװעל, אַז ערשטענס האַלט איך נאָך ניט בײ קײן שדוך, צװײטענס דאַרף איך װיסען װיפֿיעל װיל ער נדן, טאָמער איז דאָס ניט פֿאַר מײן בײטעל? און דריטענס לאָז קומען יענקעל דער סטאָלער פֿריהער אַקאָרשט אָנקוקען די כלה... קומט מיר אָן צוריק אַ בריעף פֿון איהם טאַקי, פֿון משה אַהרנ'ען הײסט דאָס, אַז דאָס, װאָס איך שרײב, אַז איך האַלט ניט בײ קײן שדוך — איז בלאָטע, װאָרום ער רעדט מיט דעם גאַנג אַז אַ מײדיל איז ניט קײן יונגעל — װאָס זאָגט איהר אויף זײן אומטהו? — און דאָס װאָס איך פֿרעג זיך נאָך מכח נדן, איז דאָס גלאַט, זאָגט ער, פֿון מיר אַ גרױס נאַרישקײט. מע רעדט דען פֿון אַנ'אָקם מע זאָל זיך, זאָגט ער, דאַרפֿען דינגען? אַזױ טאַקי שרײבט ער מיר. און מכוח אָנקוקען מײן טאָכטער איז, זאָגט ער, אַנ'איבעריגע זאַך גאָר. װאָרום ס'איז גלײך װי אָנגעקוקט. געװען עפּיס אײנער אַ הײסינער בײ מיר אין שטוב, קאָן ער זיך, זאָגט ער, גאָר פֿון איהר ניט אָבלויבען! בקצור בריעף אַהער בריעף אַהין — איך האָב גענומען די פּיס אויף די פּלײצים און האָב עולה רגל געװען, צו פֿוס הײסט דאָס קײן הײסין. געקומען קײן הײסין און דערזעהען דעם בחור, בין איך צו איהם צוגעזאָדען געװאָרען! װאָס זאָל איך אײך זאָגען, איך האָב נאָך אַזאַ מין אַנטיק ניט איך לעב, זינט איך שטעה אויף מײנע פּיס ניט געזעהען און ניט געהערט אפילו! מילא אַ פּנים — אַ פּרינץ; אַ קאָפּ — אַ מיניסטער; אַ מויל —

פערל; אַ האַנד — גאָלד! דאָס לערנט, דאָס רעדט, דאָס שרייבט און דאָס לייענט — אויסקושען דאַרף מען איהם איטליכס אבר! היינט שפּיעלט דאָס אויפ׳ן פֿידעל — אַ כפּרה, הערט איהר, אַלע שפּילערס מיט אַלע כלי-זמר פֿון דער וועלט! איך וויים גאָרניט, וואו ווערט אַזעלכס געבוירען? וואָס טויג אייך, ער האָט מיך געפּלעפט, דער שקאָץ, און איך האָב מיר געגעבען דאָס וואָרט, אַז ס׳זאָל זיך קעהרען די וועלט, איך מוז איהם נעמען פֿאַר אַ חתן! נאָר גיה נעם, אַז סע נעמט זיך ניט! נישטאָ מיט וואָס, האָטש לייג זיך און שטאַרב! איין הונדערטער איך זאָל האָטש האָבען, דאָס הייסט האָטש אויף איבער-דרעהען זיך, איהר פֿאַרשטעהט אַ מעשה? וואָרום דעם בחור אַליין האָט ניט אויסגעמאַכט גאָר גיט, געב איהם יאָ, געב איהם ניט; דער סטאָליר ימח שמו האָט זיך געשטעלט איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל, עס מעג קומען די בת מלכה אַליין, וועט ער איהם אָהן נדן נישט לאָזען געהן צו דער חופה, מע זאָל אויפלויפֿען. „רב משה אהרן, זאָג איך, וואָס שווייגט איהר“? וואָס — זאָגט ער — זאָל איך שרייען? גיט זיך עפּיס אַן עצה, זאָגט ער, וואָרום ס׳איז שלעכט. מיט דעם סטאָליר, זאָגט ער, וועט איהר גאָר ניט מאַכען, ס׳איז אַ ביטערער יונג, איך האָב איהם שוין, זאָגט ער, אַליין געוואָלט געבען נעכטען מיט׳ן העבעל איבער׳ן קאָפּ“! איהר הערט ווערטער? און דאָ דער חתן דרעהט זיך פֿאַר די אויגען, נעמט צו ביי מיר אַ שטיק חיות, איך פֿיהל אַז ממש איך עק זיך, איך גיה אויס, איך שטאַרב. אָט-אָט שטאַרב איך!... דערווייל איך טהו אַ קוק אויף דער אכסניה — רב שלום-בער טעפּליקער! גאָט אַליין, טראַכט איך מיר, האָט אייך געבראַכט! און איך בין נישט פֿויל אויף דער פֿעל און גיה צו צו אייך און שטעק אייך אָב אַ ברייטען שלום עליכם, אַ שטייגער ווי דאָ אַצינד; וואָס מיין איך? איך מיין, אַז מסתמא וועט איהר מיך אַ פֿרעגי טהון, וואָס טהו איך אין הייסין? וועל איך אייך זאָגען — אַ שדוך; וועט איהר זיך פֿרעגען וואָסער שדוך? וועל איך אייך זאָגען — מיט יענקיל דעם סטאָליר; וועט איהר פֿרעגען, וואָס געב איך נדן? וועל איך אייך זאָגען — אָט דאָס איז טאַקי דער גאַנצער אומגליק, וואָס דער סטאָליר הייסט זיך אַנידערלייגען אַ הונדערטער און איך האָב אַ פֿייג ניט קיין הונדערטער, וועט שוין זיין רעכט — איהר פֿאַרשטעהט צי ניין? ווי זשע איז אָבער דער דין, אַז איהר האָט מיך אפילו ניט אָנגע-הויבען צו פֿרעגען וואָס איך טהו אין הייסין? האָב איך מיך ניט געפֿילט און האָב אייך אַליין דערצעהלט, אַז איך בין געקומען נישט צוליעב דעם ירייד, נאָר מכח אַ שדוך, וואָס האָב איך געמיינט? איך האָב געמיינט ווי וועט איהר מיך ניט אַ פֿרעג טהון וואָסער שדוך? וועל איך אייך זאָגען מיט יענקיל

דעם כּטאַליר; ווערט איהר פֿרעגען וואָס געב איך נדן? וועל איך אײַך זאָגען — הערסט דו, אָט דאָס איז דאָך דער גאַנצער אומגליק!... צום סוף, ווער? וואָס? איהר הויבט אפילו ניט אָן צו פֿרעגען! בין איך מיך מישב און דערציעהל אײַך אַלײן. ווער דער שדוך איז, און לויב דעם בחור אין טאָג אַרײַן, ווי דער אמת איז. הקיצור, איך רעד און איהר שווײַגט! איך זעה אַרויס, אַז מײַנע ווערטער קריכען אײַך אַ פּנים ווינציג וואָס אין קאָפּ אַרײַן, ווי זאָגט מען, אין זײַן אויער אַרײַן, פֿונ'ם אַנדערן אַרויס, האָב איך מיך מישב געווען, וואָס וועל איך דאָ שפּיעלען פּאָליטיק? אַ מעהר לאָס איך שוין אָבזאָגען אַלסדינג, ווי זאָגט איהר, אַ צאָהן אַרויסרײַסען — מיט'ן וואָרצעל! אודאי האָט איהר מיר דעמאָלט אָבגעזאָגט ווי אַ טוידטען און נאָך גוט אָבגעבאָדען אויך!

— איך האָב אײַך אָבגעבאָדען? וואָס האָב איך אײַך דען געזאָגט?

— ווילט איהר איך זאָל אײַך זאָגען מיט אַ סימן? אַ נאַרישקײַט געדענקט זיך. איהר האָט מיך אַפילו געפֿרעגט, וואָס פֿאַר אַ מחותן בין איך מיט אײַך, וואָס איהר זאָלט זיך צוואַרפֿען אויף מיר מיט הונדערטערס?

— מסתמא האָט איהר מיר ניט געזאָגט, אויף וואָס איהר דאַרפֿט...

— נאָך אַ מין זאָגען! אַ סימן האָט איהר, איהר האָט מיר אפילו דעמאָלט אַ זאָג געטהון: למאי איהר וואָלט וועלען אַ שדוך טהון מיט ראָטשילדען?... און אַז איך האָב אײַך געזאָגט, אַז ער שפּיעלט אויפ'ן פֿידעל, דער חתן הייסט דאָס, האָט איהר מיך אַ פֿרעג געטהון — אַ נאַרישקײַט געדענקט זיך — „וואָס עפּיס אויפ'ן פֿידעל? פֿאַר וואָס ניט אויפ'ן טרומייט"?... מיר האָט זיך געעקט דאָס חיות, געפֿאַלען שטיקער פֿלייש, און איהר האָט געמאַכט חוזק, געזאָגט ווערטליך, אַ פּנים ס'איז אײַך געווען גוט אויפ'ן האַרצען?...

ניער טעפּליקער נגיד שלום־בער טעפּליקער פֿון טעפּליק, האָט אויסגעהערט די מעשה, געשוויצט און געשוויגען, ער זאָל געדענקען אַקוראַט ווי די מעשה איז געווען געדענקט ער ניט; נאָר געווען איז עפּיס אַ מעשה מיט אַ הונדערטער, דאָס ווייסט ער געוויס... און ער שעמט זיך פֿאַר זיך אַלײן, פֿאַר וואָס האָט ער דעמאָלט אָבגעזאָגט אַ געמיינעם יודען אין אַזאַ זאַך, וואָס פֿאַר איהם איז דאָס געווען אַ קלייניגקייט — ער האָט גענוג הונדערטערס, און פֿאַר יענעם וואָלט דאָס געווען כמוצא שלל רב, און די מעשה אַלײן פֿאַראינטערעסירט איהם שטאַרק און ער טהוט אַ פֿרעג ביי בעריל דעם רויטען:

— נו, און מיט'ן שדוך וואָס איז געוואָרען בײַ אײַך?

— גאָרנישט.

— וואָס הייסט גאָרנישט?

— ער האָט ניט געוואָלט, דער סטאָליר הייסט דאָס, האָטש גיב איהם אַ קרענק!

— און אייער טאָכטער? אייער מיידעל?

— מיין טאָכטער? אַז אָך און וועה איז מיר! זי ליגט שוין לאַנג אין דער ערד... איך אַליין האָב זי באַגראָבען... געטומען און באַגראָבען אַ קינד... דאָס הייסט, וואָס בין איך שולדיג? פֿון זיך האָב איך קיין געלד נישט געקאָנט מאַכען!... געוואַרט נאָך אַ יאָהר, נאָך צוויי, קיין יודישער מאָנאַסטיר איז ניט פֿאַרהאַן, און דאָ די שטיפֿמאַמע פּיקט — בקיצור איך האָב זי חתונה געמאַכט פֿאַר איין אַיינבינדער, אַניאָרעמאַן נעבעך, אַגאַנץ ערהרליכער אַפּילו, נאָר אַ קראַנקער, אַ טשאַכאָטניק, אָבגעמוטשעט זיך עטליכע יאָהר און אַוועקגע־שטאָרבען און איבערגעלאָזט מיר אַ ירושה דריי אייניקליך יתומים, וואָרים זי האָט זיך אָנגענומען פֿון איהם די טשאַכאָטקע און איז אין אַ יאָהר אַרום איהם נאָכגעשטאָרבען, זיי צו לייַנגערע יאָהר. איהר פֿאַרשטעהט אַ מעשה? — און אַצינד לא די איך האָב אַליין קיין עין הרע קינדער פֿון ביידע ווייבער, בעדאַרף איך האָבען אויף זיך נאָך דריי יתומים'לעך. דערפֿאַר זאָלט איהר אָבער אָנקוקען קינדער קיין עין הרע, איך ווייס ניט צי ס'איז פֿאַרהאַן אַזעלכע געראָטענע קינדער ביים גרעסטען נגיד, מע זאָל אויספֿאָהרען די גאַנצע וועלט! „זיידע, וואָהין פֿיהרט מען דיך“? — האָבען זיי נעבעך אַ פֿרעג געטהון ביי מיר בשעה דער המן האָט געהייסען מיך נעמען אין „חדר“ אַריין. „קיין הייסין, האָב איך זיי געזאָגט, אויף איין טאָג פֿאָהר איך אַ הינצוצו. איך וועל אייך ברענגען פֿון דאָרטען, זאָג איך, טשיקעלאַד“! מיינט איהר זיי האָבען ניט פֿערשטאַנען, אַז איך זאָג אַ ליגען? איהר האָט בעדאַרפֿט אָנקוקען ווי זיי האָבען זיך אַלע דריי אַרומגעשטעלט אַרום מיר, ווי די שעפֿעלעך, נישט גע־וויינט, ניין! נאָר טרעהרען זענען געשטאַנען ביי זיי אויף די אויגעלעך. איהר קאָנט פֿאַרשטעהן, וואָס דאָס איז פֿאַר קינדער, אַז המן איוואַנאָוויטש אַליין האָט אַרויסגענומען פֿון זיין אייגענע קעשענע אַ גילדען, און האָט זיי גע־שענקט, זיי זאָלען זיך קויפֿען קאָנפֿעקטען.

קאפיטעל ח.

שייך צו הענוך דעם בחור און צו זיין הוזנעזינד.

בעריל דער רויטער איז באַצייטענס אַנשוויגען געוואָרען, אויפֿגעשטאַנען פֿונים אָרט, זיך אויסגעגלייכט אַביסעל דעם קראַנקען פֿוס און איז צוגעגאַנגען צו הענוך'ן, האָט איהם מכבד געווען מיט אַ שנעל אין נאָז אַריין.

— הער נאָר דו, שמינדער בנעץ, האָסט זיך ניט אויסגעשלאָפען?

הענוך מיט דער בולמע האָט זיך פונ'ם שנעל, אויפגעכאַפּט, זיך אויסגעווישט די אויגען און דערזעהען דעם נגיד קוקט אויף איהם, האָט ער זיך געשווינד אויפגעהויבען פון דער ערד, אָנגעהויבען בעלעבעטשען מיט דער צונג ווי זיין שטייגער איז.

— בין נאָר ניט אָנגעהויבען שלאָפען, אַלץ געטראַכט האָב איך, טאָמער חלילה, ווי איך בין אַ יוד, מיין דוד-ליב מע זאָגט מיר מעהר פון אַכטצעהן אַלט, מיט די קינדער וואָס וועט זיין?

— אַביסעל אַ לשון, ברענען זאָל ער! מאַכט בעריל דער רויטער צום נגיד, אַ רוכטער שלים-מזל! איהר קאָנט פאַרשטעהן, אַז איך בין קעגען איהם דער נגיד; דאָס האָט ער מיר צו פערדאַנקען, וואָס זיין דוד ליב האָט איצט אַזאַ שטעלע און קאָן אויסהאַלטען קיין עין הרע אַזאַ געזינדעל פון אַכט פיקערס.

— נייען, קערט איהר מיינען, — פאַררוכט איהם הענוך מיט זיין איבערגעקערט לשון אויף דער לינקער זייט —, צוויי ברידער מיט אַ מאַמע איין אַלטע, און אַ מיידעל פון אַ יאָהר דרייצעהן דינט, און נאָך אַ ברודער'ל אַ קלענערס אין אַ קלייט בלומר'שט, און נאָך מיידליך צוויי קליינע, מיט איינעם אין תלמוד-תורה אַ יונגערער, היינט וואו בין איך?

— דו ביזט אין דער ערד! מאַכט צו איהם בעריל, ביזט געוועזען אַ בהמה און וועסט בלייבען אַ פערד! אַזוי ווי איהר קוקט איהם אָן אָט דעם פעטאַך — מאַכט בעריל צום נגיד — האָט ער אַ ברודער דוד-ליב, איז ער אַ מיניסטער אַקעגען איהם, דאָס הייסט איבריג קלוג איז ער אויך ניט, ער איז אַ מיטעלמעסיגער, דאָס הייסט ניט קיין גרויסער חכם און ניט קיין קליינער נאַר. איין מעלה האָט ער — ער איז אַנ'ערהרליכער, דאָס הייסט זיי זענען אַלע ערהרליכע חאַפּען נישט קיין ביינעל פונ'ם מאַרק. קומט צוגעהן צו מיר איין מאָל דוד-ליב און דערצעהלט מיר אַ גאַנצע מעשה: באשר אין הייסין האָט זיך אויסגעבויעט אַ צוקערנע, און זי געהער, די צוקערנע הייסט דאָס, צו רב זלמן ראַדעמישלער, און רב זלמן ראַדעמישלער איז אַ סאַדעגירער חסיד, און איך בין אַ סעדעגירער חסיד, און זיין פאָטער בעני טעלערלעקער, עליו השלום, איז געוועזען אַ סעדעגירער חסיד, בכן וויל ער, דוד-ליב הייסט דאָס, איך זאָל מיך זעהען מיט רב זלמן ראַדעמישלער און זאָל ביי איהם פועל'ן אפשר וועט ער איהם צונעמען, דוד-ליב'ן הייסט דאָס, קיין הייסין אויף דער צוקערנע, איהם געבען עפּיס אַ שטעלע. וואָס פאַר אַ שטעלע כרומה למשל קאָנסט דו, זאָג איך,

פֿאַרשרײַבן״ ? זאָגט ער צו מיר, וואָסער ס׳נײַט איז, זאָגט ער, אַבי אַ שטיקעלע״. „שטעהן זאָלסט דו, זאָג איך, אין געהאַקטע וואונדען, וואָס קאָנסט דו״ ? „וואָס איך קאָן, זאָגט ער, איך קאָן אַלפֿדינג: איך קאָן אי חשבונ׳ען, אי רעכענען, אי בוכהאַלטעריע, אי שרײַבען, אי פֿאַרשרײַבען״... וואו, זאָג איך, האָסטו דו דאָס אַלפֿדינג אויסגעלערנט זיך״ ? „פֿון זיך אַלײן״, מאַכט ער צו מיר און נעמט אַרויס אַ בויגען פּאַפּיר און גיט מיר, איך זאָל בעווײַזען רב זלמנ׳ען זײַן כּתב. בקיצור, וואָס טויג אײַך, ער האָט מיר אַזוי לאַנג דערקוטשעט, ביז איך האָב איהם אויסגעבטלט אַלע בײזע חלומות און האָב זיך אַוועקגעלאָזט קײן הײסין צו רב זלמן ראַדעמישלער, און דוקא ווי זאָגט ער, המן איזואַטאָוויטש, מיט די רגלים. געקומען קײן הײסין צו רב זלמנ׳ען — לאָזט מען מיך ניט אַרײַן. וואָס איז די מעשה ? זאָגט מען מיר: אויב איך בין געקומען גלאַט אַזוי, האָט רב זלמן קײן צײַט ניט, און איך דאַרף האָבען „פּאָדיעלו״, זאָל איך מיר מטריח זײַן אין קאַנטאָר אַרײַן. בין איך מיך מישב: פֿע, סע שטערט מיר ניט אָן די גאַנצע מעשה! וואָס איז דאָס פֿאַר אַ דבורים — ניטאָ קײן צײַט ? פּאָ־דיעלו ? קאַנטאָר ? בײַ אונז, סעדעגערער, גערעדען נישט אָן אַזעלכע שטיק! גערעט, זאָג איך, זאָגט רב זלמנ׳ען אַז איך, בעריל דער רויטער פֿון טעפּליק, בין געקומען צו איהם מכּוח זעהר אַ נויטיגען ענין און דוקא ניט פּאָ דיעלו און דוקא באַלד, ווארום איך האָב קײן צײַט ניט״! זאָגט מען מיר: רב זלמן דאַווענט, ער האַלט פֿון פֿאַרענט. אויב אַזוי, זאָג איך, איז עפּיס אַנדערש! דאַוונען פֿון פֿאַרינט דאַווען איך אויך, האָטש אַפֿילו אַז מען וויל שמועסען צוריק וואָס געהער זיך אָן אײנס מיט׳ן אַנדערען ? מע קאָן דאַוונען פֿון פֿאַרענט און אָבמאַכען בשעת מעשה טויזענד געשעפֿטען, נאָר ווי די מעשה איז — אַ נגיד איז ער דאָך, און פֿאַר אַ נגיד דאַרף מען האָבען דרך ארץ, אַ סימן ווען איך בין למשל אַ נגיד וואָלט פֿאַר מיר די גאַנצע וועלט געהאַט דרך ארץ... בקיצור, איך זעץ מיך אַוועק און וואַרט. איך וואַרט אַ שעה און צוויי און דרײַ און דוקא אין דרויסען בײַ דער טהיר — אַ מעשה אָהן אַ נעק. איך זעה מענשען געהען אויף און אָב, דער אַרײַן דער אַרויס. פֿון קיך דערהײַל טראָגט מיין סאַמאָוואַרען מיט כּל המינים גוטע זאַכען... קלעהר איך מיר: ע, דאָס טויג דאָך אויף כּפּרות! מע זאָל מיך אַזוי פֿיהרען אין באָד אַרײַן — דאָס שטערט מיר שוין ניט אָן, און בין מיך מישב, וואָס וועל איך וואַרטען אויף כּבוד, אַנ׳עפּען אויף די טהיר און אַרײַן גלײַך אין שטוב אַרײַן און „שלום עליכם רב זלמנ׳ו״ „עליכם שלום, פֿון וואַנען איז אַ ייִד״ ? „פֿון טעפּליק, זאָג איך, [illegible]

האט מיך ניט דערקענט? בעריל הייס איך, געווען אינאיינעם אמאל אין סאדעגירע". „סע קאן זיין, מאכט ער, נאר איך האב אייך ניט דערקענט און קען אייך איצטער אויך ניט, ס'איז ביי מיר, זאגט ער, ניט פאר אייך געדאכט שטארק געשלאגען די ראיה. געווען, זאגט ער, ביי מאנדעלשטאמען, מיר פארשריבען שווארצע ברילען און אנגעזאגט, איך זאל ניט לייענען גאר ניט און ניט שרייבען און היטען זיך פון דער שיין"... „ע, טראכט איך מיר, רב זלמן, איהר פארפרעדט מיר די ציינהן"... און רוף זיך אן צו איהם: „הערט זשע אוים, רב זלמן, די מעשה הערפון איז אזוי, בענין האט איהר דאך געקענט מסתמא?" מאכט ער צו מיר: „וואסער בענין?" „בענין טעלערלעקער", זאג איך פון טעפליק? „ניין, מאכט ער, איך הער דאס ערשטע מאל אזא נאמען טעלערלעקער". „וואס טויג מיר, זאג איך, רב זלמן, פוילע תנועות? איהר האט איהם גאנץ גוט געקענט, מיר האבען אינאיינעם, זאג איך, געטרונקען מיט איהם וויין אין סאדעגיר, און געטאנצט ביים רעבין אויפ'ן טיש און ניט איין מאל אפילו געקושט זיך, לאז ער זיין ווייט אבגעשיידט, ער איז שוין אויף דער אמת'ער וועלט, דא ניט לאנג געשטארבען אייך צו לייַנגערע יאהר". דערהערט די דאזיגע ווערטער געשטארבען, ווערט מיין רב זלמן גאר אנאנדער מענש — די נגידים האבען א פנים שטארק מורא פאר'ן טוידט! — און רופט זיך אן צו מיר: „וואס זשע ווילט איהר פון מיר?" „וואס זאג איך, זאל איך וועלען? איך וויל נאר מקיים זיין צוואת המת; דער דאזיגער בעני טעלערלעקער, עליו השלום, האט א פאר שעה פאר'ן טוידט צוגערופען מיך און נאך יודען און דערצעהלט א מעשה, אז ער איז געווען ביי אייך א פאר מאל אין הייסין, געוואלט מיט אייך עפיס איבערשמועסען, האט מען איהם ניט צוגעלאזט, און מחמת ער איז געווען א מענשיל, פערשטעהט איהר מיך, א שטילס, לאז ער מיר מוחל זיין, אהן חכמות, האט ער געזעהען מע לאזט ניט צו, האט ער פארקערעוועט דעם דישעל און מארש צוריק אהיים. אצונד, אז ער האלט ביי געהן אין אזא וויטער נסיעה, וואס צוריק קומט מען שוין ניט, געזעגענט ער זיך מיט איטליכען בעזונדער און לאזט גריסען פריהער דעם רבין און נאכדעם אייך און בעט, מע זאל אייך איבערגעבען, אז ער פארלאזט זיך אין גאנצען אויף אייך, אז איהר וועט מסתמא די אלמנה מיט די יתומים ניט פארלאזען". „וואס זשע קאן איך פון זייערט וועגען טהון?" מאכט ער און נעמט זיך צו דער קעשענע. טראכט איך מיר: א נדבה? צדקה תציל ממות? פע! „וויל איך אז איהר זאלט, זאג איך, צונעמען זיין עלטערען זוהן דוד ליב'ן, איהם געבען עפיס א שטעלע".

אַ נגיד, אַז ער דערהערט דאָס וואָרט, „שטעלע“, בעקומט ער דעם שלאַג. „ווי קומט צו מיר אַ שטעלע? וואו האָב איך היינט שטעלעס? פאַרנימען אַלע שטעלעס“! „דאָס וועט איהר, זאָג איך, דערצעהלען אַנ'אַנדערען און מיט מיר טאָרט איהר אַזאַ שפּראַך ניט רעדען און בענים יונגעל בעדאַרפט איהר צונעמען נאָר אָהן אַ שום תּירוץ. ער קאָן, זאָג איך, חשבונ'ען און רעכענען און בוכהאַלטעריע און פאַרשרייבען, און הייסט, זייט מוחל, געבען אַ ביסעל בראָנפען און עפּיס צובייסען, וואָרום איך האָב נאָך היינט אין מיין מויל נישט געהאַט“.

בקצור, וואָס זאָל איך אייך לאַנג מאַריך זיין — די סאַדעגערער זענען ביי זיך פראָסט, ער האָט מיר צוגעזאָגט, אַז ער נעהמט איהם צו, און איך האָב עולה תּגל געוועזען אַהיים און האָב צוגעשיקט צו איהם דוד ליב'ען, און ער האָט זיך דאָרט פריהער אַ ביסעל אָנגעוואַלגערט, וואָרום רב זלמן האָט איהם געזאָגט, אַז ער מוז איבעררעדען פריהער מיט'ן זון, מיט רב יוסילען, און רב יוסילע איז ניטאָ. נאָכדעם אַז ס'איז געקומען רב יוסילע איז ניט געוועזען רב זלמן. — וואָס טויג אייך מעשיות, מע האָט איהם צוגענומען און ער איז היינט דאָרטען נאָר אַ גאַנצער פלאָקענשיסער.

— אַ קאַסירער, פאַררעכט איהם העניך און גיט צו פאַרשטעהן אויף זיין לשון, וואָס בעדייט קאַסירער: ער פאַרנעהמט זיך מיט געלד הייסט דאָס, ער נעהמט צו געלד און אַרויס גיט ער געלד.

— אַ דאַנק דיר, וואָס דו האָסט זיי קל'אָר געמאַכט וואָס הייסט קאַסירער, אַ ניט וואָלטען זיי ניט געוואוסט, מאַכט צו איהם בעריל דער רויטער און נעהמט צום עטאַפּ און טהוט איהם אַ טאָרע ביי דער סויטע און וועקט איהם אויף.

— עי, לאַוורע, מיט'ן קאָפּ זאָלסט דו אָנלייגען, פאָראַ נאַ פּאָחמעליע!

און לאַוורע פאָלגט איהם, שטעהט אויף פּאַוואָלי פון דער ערד, פאַר־שטעלט זיך מיט דער האַנד און קוקט אין הימעל אַריין, וואו האַלט די זון, נעמט דעב שטעקען, צעהלט איבער די דריי אַרעסטאַנטען, און לאָזט זיך אין וועג אַריין.

קאפיטל ט.

דער נגיד שלאגט זיך על חטא.

די זון האָט שוין געהאַלטען וויט באַרג אַראָב אינ'ם שפּאַציר איבער'ן טיעפען בלויען הימעל, די היץ האָט אָנגעהויבען ווערען אַביסעל קלענער,

און דער עטאפּ האט געהאלטען ביי אריינציקומען קיין גראָדנאָ — דער ערשטער פונקט פון זייער נסיעה, און בכדי מען זאל קומען פארטיג אויפ'ן ארט, האבען זיך אלע דריי ארעסטאנטען אויפגעשטעלט אונטערן שטאָט טויער א ווייטלעך, געבען א ווינטמיהל מיט'ן פנים צו מזרח דאווענען מנחה, און לאָזען אויך די געשטאנען אנגעשפּארט אויפ'ן גרויסען שטעקען, וואס מיט'ן אייזערנעם שפּיץ פון אונטען, דאָס היטעל פארדוקט אביסעל צוריק און געקוקט, ווי די יודען שאָקלען זיך און שלאָגען זיך מיט די הענד אין הארצען. געשמאַ־קער פון אלע האט געדאווענט דער גנ'ד. שלום־בער טעפּליקער פון טעפּליק האט שוין לאנג מיט אזא כונה ניט געדאווענט ווי אצונד, ער האט זיך באמת געשלאָגען: אָשמנו, בגדנו, גזלנו, מיט'ן גאנצען הארצען, חרטה געהאט אויף דעם, וואס ער האט געזינדיגט פאר לייטען, געקאָנט העלפען אָרעמען יודען און ניט געהאָלפען, געקאָנט איהם גליקליך מאכען אפשר און האט דאס ניט געטהון. פאר וואָס? ווייסט ער אליין ניט! און ער האט גענומען פארטלייכען זיך צו אט דעם קבצן, בעריל דעם רויטען, און ס'איז איהם געוועזען ביזי בזיון פאר זיך אליין. אט דער דאָזיגער קבצן, וואס האט אליין קוים א טאג איבערצוקומען האט זיך ניט געפּוילט פון יענעמס וועגען נעהן צו פוס, אונטערפאלען צו א גביר, זיך מאכען מיט דער בלאָטע, אבי טהון א טובה אן אָרעמען יודען, און ער? שלום־בער טעפּליקער פון טעפּליק האט נישט געוואָלט הערען, ניט זעהען יענמ'ס צרות, קאלט ווי אייז, און עס האט איהם שטארק־שטארק פארדראָסען, וואס האט זיך אזוי געמאכט, און מעהר פון אלץ האט איהם פערדראָסען די מעשה מיט'ן שדוך אין הייסין אויפ'ן יריד... ער האט דערפיהלט, אז ער, שלום־בער, איז פאר בעריל דעם רויטען א גרויסער חיב, און אפשר האט ער א גרויסען חלק אין בעריל דעם רויטענס טאָכטערס טודט, וואָרום ווען ער הערט זיך דעמאָלט צו זיין בקשה, ווען ער לייגט צו האטש א לויט רחמנות, האט'ש איין טראָפּען ליעבשאפט צו אן אָרעמען יודען, בשעת יענעם ליגט דער חלק אויפ'ן האלז, וואָלט איצט אפשר יענעמס טאָכטער געלעבט און געווען א בשר גליקליך?.. און שלום־בער פיהלט זיך, אז ער זאל קאָנען פארעכטען האטש וויפיעל ס'ניט איז זיין פערברעכען, עפּיס ברייגען א קרבן, מיט וואָס ניט איז פארשמירען, באפּוצען, פארהיילען די דאָזיגע מכה, וואָלט איהם צו־געקומען א שטיק געזונד. נאר ער ווייסט נישט, ווי אזוי ער זאל דאָס טהון? און ער פארטיעפט זיך אינ'ם דאווענען און דאָס גאנצע לעבען זיינם שטעהט אויף פאר זיינע אויגען ווי פון א קבר און כמעט דאָס ערשטע מאל אויף זיין

לעבען טראַכט ער וועגען אַזעלכע זאַכען, כמעט דאָס ערשטע מאָל אויף זיין לעבען דערזעהט ער זיך ווי אין אַ שפּיעגעל, ער דערזעהט זיך דורך און דורך און ער פֿאַרשטעהט ניט, ווי אַזוי איז ער געווען ביז אַהער אַזוי בלינד? ווי אַזוי האָט ער געקאָנט מיינען אויף זיך, אַז ער איז אַן ערליכער יוד און אַ לייטישער מענש? ווי אַזוי האָט ער געקאָנט מיינען, אַז ער איז יוצא דערמיט, וואָס ער דאַוונט אַלע טאָג און וואָס ער רוקט אַריין אַמאָל אַ האַרטען דרייער אַ נדבה?..

און דער טעפּליקער נגיד שלום-בער טעפּליקער פֿון טעפּליק הויבט זיך אָן דערמאָהנען, ווי אַזוי ער האָט „געטהון צדקה“, זיך געדונגען פֿאַר איטליכען גראָשען, וואָס מע האָט ביי איהם געריסען ווי מיט צוואַנגען, און ער דערמאָהנט זיך, ווי אַזוי ער האָט אַריינגעגעבען אַמאָל אַ ספר תורה אין שול אַריין, געטהון דאָס פֿאַר זיין נשמה, מחמת ער האָט נישט קיין קינדער, האָט ניט קיין קדיש, געמאַכט אַ סיום התורה, ניט געזשאַלעוועט קיין לעקאַך און בראָנפֿען, געהוליעט אַ גאַנצע נאַכט, און אויף מאָרגען, אַז דער סופר רב שמשון איז געקומען צו איהם בעטען אַ גמילות חסד, האָט ער איהם אָבגעזאָגט ווי אַ טוידטען... וכדומה אַזעלכע „מעשים טובים“ הויבט ער אָן דערמאָהנען זיך אַצינד, און ער ווערט פֿאַרברענט פֿאַר בושה פֿאַר זיך און פֿאַר אַ סך אַזעלכע שענע יונגע נגידים ווי ער, וואָס זענען פֿאַרקאַכט אין זייער געלד, וואָס קענען זיך מיט דעם ניט צושיידען. און שלום-בער דערפֿיהלט, אַז זיין נשמה איז ביז אַהער געשלאָפֿען, אַז זיין האַרץ איז געלעגען ערגיץ אונטער אַ פּרעס, מיט אייז בעדעקט. קיין קאַפּ וואַרימקייט, קיין ברעקיל רחמנות! און עס ווילט זיך איהם עפּיס טהון אַצונד פֿון בעריילס וועגען, עפּיס אַזעלכעס, וואָס זאָל פֿאַררעכטען דעם גרויסען פֿעהלער, פֿאַרגעבען די גרויסע עבירה קעגען איהם, אָבוואַשען זיין שולד! נאָר ער ווייסט ניט, וואָס ער זאָל טהון און ווי אַזוי ער זאָל דאָס טהון, און ער לאָזט זיך אַראָב גאַניץ טיעף צו זיך אין האַרצען, אין דער נשמה אַריין, און פֿערשטעהט ניט בכלל, וואָס איז געווען ביז אַהער זיין לעבען אויף דער וועלט און וואָס האָט ער דאָ מתקן געווען? אָבגעלעבט זעקס און פֿופֿציג יאָהר, מעהר ווי דריי פֿערטיל פֿון זיין לעבען, געפֿיהרט אַ לאַנגע מלחמה, געקלויבען אַ גראָשען צו אַ גראָשען, נישט געגעבען יענעם, נישט פֿאַרגינען זיך אַליין, פֿון וועמענס וועגען וועט דאָך אַלסדינג זיין? וועמען וועט ער דאָס איבערלאָזען, אַז קיין קינדער האָט ער ניט, און די קרובים זענען איהם שונאים, זיי זאָלען קאָנען וואָלטען זיי איהם דערטרונקען אין אַ לעפֿעל וואַסער! און שלום-בער הויבט

אן אונטערפירען א חשבון צו אלץ, וואס ער האט געטהון און איבערקלערען, פאר וואס האט ער אזוי פיעל שונאים? פאר וואס האלט נישט פון איהם די וועלט? און עס שטעהען אויף פאר איהם זכרונות שוין לאנג פארגעסענע, און מחשבות וואס זענען געלעגען ביי איהם ביז אהער טיעף אויפ'ן דעק פון זיין נשמה, און עס ווערט איהם קאלעמוטנע אויפ'ן הארצען... און ער גיט זיך דאס ווארט אויף די עלטערע יאהרען חאטש פארבעסערען זיך און זיין נשמה חאפט זיך אויף, און זיין הארץ ווערט צוגאנגען, און אין זיינע אויגען ווערט ליכטיג — ער דערזעהט אזעלכס, וואס ער האט ביז אהער ניט געזעהען, און דערפיהלט אזעלכס, וואס ער האט ביז אהער ניט געפיהלט, ער פיהלט זיך ווי א נייגעבארענער, עפיס אזוי פריש און לעבעדיג ווי נאך קיין מאל ניט אין זיין לעבען.

אבגעדאווענט מנחה לאזען זיך אונזערע פארשוינען מיט'ן עטאפ ווייטער אין וועג אריין. בעריל שפרינגט אונטער מיט איין פוס, מאכט חוזק פון העניך'ן, און דער נגיד געהט פארטראכט, אלע מאל גיכער און גיכער. זיין קאפ איז איצט פול מיט מחשבות, זיין הארץ פול מיט געפיהלען: עפיס קלערט ער, עפיס טהוט ער, עפיס בויט ער.

— וואס לויפט איהר אזוי? מאכט צו איהם בעריל דער רויטער, איהר פליהט אזוי, אז איך קאן אייך מיט מיין קראנקען פוס ניט אניאגען.

ס'איז אייך שווער צו געהן, רב בעריל? אזוי מאכט צו איהם דער נגיד מיט אזא ווייכקייט, וואס ער האט דאס פון איהם נאך קיינמאל ניט געהערט: האלט זיך אן ביי מיר, נאט אייך מיין האנד, רב בעריל, אם ירצה השם, אז מיר וועלען קומען בשלום צוריק אהיים, זאלט איהר ביי מיר זיין, און דו אויך העניך, ווארום איך דארף אייך זעהר נויטיג האבען, איך דארף אייך עפיס זאגען.

בעריל האט ניט פארשטאנען וואס פאר א נויטיגע זאך בעדארף ער זיי זאגען? און פארוואס עפיס אין דערהיים דוקא? פאר וואס זאל ער עס ניט זאגען באלד? און בכלל וואס איז ער עפיס פלוצים געווארען אזוי ווייך און האפערדיג?..

פון העניך'ן שמועסט מען ניט; יענער האט גאר געעפענט דאס מויל, ניט פארשטאנען, וואס הייסט איהם דער נגיד קומען? ער האט זיך איינגעשטעלט און האט א זאג געטהון:

— **אויב נאר ער וועט רחמנות האבען דער אויבערשטער, חוד ליב מיינער וועט ארויס...**

— סאַי וסאַי מאַכט צו איהם דער נגיד, טאָמער אַפילו ניין — נעם איך איהם אויף זיך, דאָס הייסט אַייך נעם אויף זיך, אַלעמען נעם איך אויף זיך... האַלט זיך אָן אָן מיר. רב בעריל, סאיז אַייך שווער צו געהן...

*

* *

אַז דער עטאַפּ איז אַריינגעגאַנגען קיין גראַנאָוו, איז שוין די זון גע־וועןן אַ פּערנאַנגענע, איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ סימן, אַ גרויסען גילדענעם פּאַס אויפ'ן ברעג הימעל, און בעגעגענט האָט מען אונזערע פאַרשוינען מיט מוזיק — אַ גאַנצער קאָהר, וואָס איז געוועזן אויסגעמישט פון אַ קוואַקען פון זשאַבעס און פון אַ מעקען פון דער טשערעדע שאָף און ציגען, וואָס האָ־בען אויפגעהויבען אַ מוראדיגען שטויב — און דאָס איז געווען דאָס גליק, וואָס איבער די גראַנעווער ציגען האָבען די גראַנעווער יודען דורכגעלאָזט דעם עטאַפּ נישט בעמערקט אַפילו, ווען מען האָט דאָ דורכגעפיהרט פאַרביי גראַנאָוו! אַ ניט וואָלטען זיי די גראַנאָווער יודען דאָרט מקבל פנים געוועזן מיט'ן זעלבען כבוד און אַרויסגעבאַגלייט מיט דעם זעלבען פּאַראַד, ווי מען האָט זיי מקבל פנים געוועזן נאָכדעם אין מיחאַילאָווקע, אין מיטשולקע, און קראַסנאָפּילקע, אין זדאַקאָוויץ און אין די אַלע איבעריגע עטאַפּנע פונקטען, וואָס צווישען טעפּליק און צווישען הייסין.



ס'א ליגען

ס'אַ ליגען

(דיאלאָג אין גאליציען.)

איהר פֿאָהרט דאַכט מיר קײן קאָלאָמעאַ?

— פֿון װאַנען װײסט איהר אַז קײן קאָלאָמעאַ?

— איך האָב געהערט, איהר האָט גערעדט מיט'ן קאָנדוק־טאָר. איהר זענט טאַקי אַ קאָלאָמעאַר, צי איהר פֿאָהרט נור קײן קאָלאָמעאַ?

— טאַקי אַ קאָלאָמעאַר, װאָס איז דען?

— גאָרנים, גלאַט אַזױ, איך פֿרעג. עפּיס אַ היבשע שטאָדט קאָלאָמעאַ?

— װאָס איז שײך אַ היבשע שטאָדט? אַ שטאָדט װי אַלע שטעדט אין גאַליציע, אַ פֿײן שטעדטיל, װעהר אַ פֿײן שטעדטיל!...

— איך מײן צי ס'איז פֿאַרהאַן בײ אײך עפּיס פֿײנע מענשען, נגידים?

— פֿאַרהאַן אַלערלײ: פֿאַרהאַן נגידים, פֿאַרהאַן קבצנים. געװײנטליך מעהר קבצנים װי נגידים.

— דאָס אײגענע װאָס בײ אונז. אױף אײן נגיד קײן עין הרע טױזענד קבצנים. בײ אײך אין קאָלאָמעאַ דאַרף זײן אַ נגיד פֿינקעלשטײן?

— פֿאַרהאַן אַ נגיד פֿינקעלשטײן. װאָס איז? איהר קענט איהם?

— קענען קען איך איהם נים, נאָר איך האָב געהערט. הײסט ער נים רב שעיה?

— רב שעיה. װאָס איז דען?

— גאָרנישט, גלאַט אַזױ, איך פֿרעג. ער איז טאַקי אַזאַ גביר װי מען זאָגט, אָט דער רב שעיה?

— איך װײס? זײן געלד האָב איך נישט געצעהלט. װאָס פֿרעגט איהר זיך אַזױ נאָך? איהר דאַרפֿט דאָס װיסען אַקעגען קרעדיט?

— נײן, גלאַט אַזױ. ער האָט, זאָגט מען, אַ טאָכטער.

— ער האָט דריי טעכטער. אפשר מכח אַ שדוך? וויפיל האָט מען אייך געזאָגט גיט ער נדן דער טאָכטער?

— דאָ האַנדעלט זיך ניט וועגען נדן, פערשטעהט איהר מיך; מע שמועסט פון דער שטוב שמועסט מען, וואָס פאַר אַ שטוב איז ביי דעם רב שעיה פינ-קעלשטיין? וואָס פאַר אַ הויז הייסט דאָס?

— וואָס זאָל זיין פאַר אַ הויז? אַ הויז ווי אַלע הייזער. אַ יודישע שטוב, אַ פיינע שטוב, אַ חסידישע, זעהר אַ פיינע שטוב! מע זאָגט אפילו, אַז מכח יודישקייט איז ביי איהם די לעצטע צייט... נאָר ס'אַ ליגען!

— וואָס איז אַ ליגען?

— וואָס מען זאָל ניט זאָגען, איז אַ ליגען. קאָלאָמעאַ איז דאַרפט איהר וויסען אַ שטאָדט פון סאַמע ליגנערס.

— איז טאַקי מהאַי טעמאָ כדאַי צו וויסען, וואָס זאָגט מען למשל אויף זיין שטוב?

— מען זאָגט, אַז ס'איז שוין נישט דאָס וואָס אַמאָל. למשל אַמאָל פלעג מען דאָרטען פסח האַלטען שמורה... ער אַליין פלעג נאָר פאָהרען צוויי מאָל אין יאָהר צום רבין, און היינט... היינט איז שוין ניט דאָס...

— אָט דאָס איז גאָר?

— וואָס דען האָט איהר געוואָלט? מע זאָל שוין אַראָבוואַרפען באָרד און פאות און עסען חזיר בפרסיה?

— איהר זאָגט „מע זאָגט", האָב איך געמיינט מי יודע וואָס מע זאָגט! דער עיקר איז דאָך, אויב דער מענש אַליין איז אַ מענש, דאָס הייסט, איך מיין צי איז ער, אָט דער רב שעיה פינקעלשטיין, מיין איך, עפּיס אַ פיינער, אַ לייטישער מענש? אָט דאָס מיין איך.

— וואָס איז שייך אַ לייטישער מענש? אַ מענש ווי אַלע מענשען. אַ פיינער מענש. למאַי זאָל איך זאָגען? אַ גאַנץ פיינער מענש! מע שמועסט אפילו ביי אונז אַז ער איז אַ ביסעל... נאָר ס'אַ ליגען!

— וואָס איז אַ ליגען?

— אַלסדינג וואָס מע זאָגט אויף איהם איז אַ ליגען; קאָלאָמעאַ איז אַזאַ שטאָדט וואָס מע האָט ליעב רעדען איינם אויף דאָס אַנדערע; וויל איך ניט נאָכזאָגען, וואָרום דאָס הייסט שוין לשון הרע.

— ווי באַלד אַז איהר ווייסט אַז ס'אַ ליגען איז דאָך שוין אוים לשון הרע.

— מע זאָגט אַז ער איז... אַביסעל... אַ דרעהער.

— אַ דרעהער? יעדער יוד איז אַ דרעהער. אַ יוד דרעהט. איהר וועט דען נישט קיין דרייהער?

— אַ דרעהער צו אַ דרעהער איז נישט גלייך. אויף איהם זאָגט מען, פֿערשטעהט איהר מיך... נאָר ס'אַליגען!

— וואָס זשע אייגענטליך זאָגט מען אויף איהם?

— איך זאָג דאָך אייך אַז ס'אַליגען!

— וויל איך וויסען דעם ליגען, וואָס מע זאָגט.

— מע זאָגט, אַז ער האָט שוין דריי מאָל געשטעלט זיך, נאָר ס'אַליגען! איך וויים נור פֿון איין מאָל.

— אָט דאָס איז גאָר? וואו האָט איהר געזעהען אַ סוחר זאָל זיך נישט שטעלען? אַ סוחר, האַנדעלט אַזוי לאַנג ביז ער פֿאַרהאַנדעלט זיך; אַ סוחר, אַז ער שטאַרבט אַוועק נישט געשטעלטערהייד, איז אַ סימן אַז ער איז געשטאָרבען פֿאַר דער צייט. וואָס? ניט אַזוי?

— אַלץ הייסט ביי אייך געשטעלט? אויף איהם אַ זאָגט מען אַז ער האָט זיך מאוס אַוועקגעשטעלט, אַראָבגעלאָזט די ממתקים און אַרויסגעשטעלט דער וועלט אַ פֿייג. איהר פֿערשטעהט?

— נישט קיין נאַרישער מענש אַ פּנים. נו, און אויסער דעם גאָרניט!

— וואָס נאָך האָט איהר געוואָלט? ער זאָל קוילען מענשען? בעגעהן קרימינאַל? מע דערצעהלט אפילו ביי אונז אויף איהם יאָ עפּיס וועהר ניט קיין שענע מעשה... נאָר ס'אַליגען!

— דהיינו וואָס פֿאַר אַ מעשה?

— אַ מעשה מיט אַ פּריץ... אַ נעכטיגער טאָג!

— וואָס פֿאַר אַ מעשה מיט אַ פּריץ?...

— עפּיס אַ פּריץ דאָרטען... קוויטלעך ...וויים איך וואָס קאַלאָמעאַ קאָן אויסטראַכטען! ס'אַליגען! איך וויים, אַז ס'אַ ליגען!

— אַז איהר ווייסט, אַז ס'אַ ליגען, וועט דאָך עס איהם ניט שאַטען

— ער האָט, זאָגט מען, געהאַנדעלט מיט אַ פּריץ, וועהר אַ רייכען פּריץ, געוועזען ביים פּריץ אַ חשוב, אַ גרויסער חשוב. דערווייל איז דער פּריץ געשטאָרבען, האָט ער צוגעשטעלט אויף איהם אַ פּאָר קוויטלעך; איז געוואָרען אַ געוואַלד אין שטאָדט: פֿון וואַנען האָט זיך גענומען צו איהם קוויטלעך, אַז דער פּריץ האָט זינט ער לעבט ניט אונטערגעשריבען קיין פּאַפּיר... קאַלאָמעאַ, דאַרפֿט איהר וויסען, איז אַ [illegible], וואָס ניט אַכטונג...

— נו?

— נו, נו. האָט ער געהאַט אויף זיך אַ פּעקיל...

— אָט דאָס איז גאָר? יעדער יוד האָט אַ פּעקיל. איהר האָט אַמאָל גע-זעהען אַ יודען אָהן אַ פּעקיל?

— דער האָט אָבער אויף זיך געהאַט, זאָגט מען, דריי פּעקליך.

— דריי פּעקליך? דהיינו וואָס נאָך פאַר פּעקלעך האָט ער, זאָגט מען, געהאַט אויף זיך?

— מיט אַ מיהל האָט ער, זאָגט מען, געהאַט צו טהון, נאָר דאָס איז שוין געווים אַ ליגען.

— איז זי אָבגעבּרענט געוואָרען מן הסתם, האָט מען געזאָגט אויף איהם, אַז דאָס האָט ער אַליין געמאַכט בּורא מאורי האש, מחמת די מיהל איז שוין געוועזען אַנ'אַלטע, האָט ער זי גוט סעקורירט, בּכדי ער זאָל קאָנען שטע-לען נאָכדעם אַ נייע?

— פון וואַנען ווייסט איהר, אַז ס'איז אַזוי געוועזען די מעשה?

— ווייסען ווייס איך ניט, נאָר איך בּין מיך משער, אַז אַזוי האָט געמוזט זיין די מעשה.

— אַזוי, הייסט דאָס, שמועסט מען בּיי אונז אין קאָלאָמעאַ, נאָר ס'אַ לי-גען. איך קאָן אייך געהן שווערען, אַז ס'אַ ליגען!

עס אַרט מיך ניט ס'זאָל זיין אַנ'אמת. וואָס נאָך האָט ער געהאַט זאָגט איהר, פאַר אַ פּעקיל אויף זיך?

— איך זאָג? די שטאָדט זאָגט. נאָר דאָס איז שוין גלאַט אַ פּריטשעפּע, אַ בּלבּול, אַ ריינער בּלבּול.

— אַ בּלבּול? פאַלשע מינץ?

— נאָך ערגער.

— וואָס קאָן שוין זיין ערגער?

— אַ בּזיון צו דערצעהלען וואָס קאָלאָמעאַ קאָן אויסטראַכטען! פּוסטע מענשען... ליידיג-געהערס... און אפשר איז דאָס געוועזען אַנ'אָנגעשטעלטע זאַך מע זאָל קאָנען צאַפּען געלד? איהר ווייסט ניט? אַ קליין שטעדטיל און אַ נגיד האָט שונאים...

— ער האָט געהאַט צו טהון אודאי מיט אַ דיענסט?...

— פון וואַנען ווייסט איהר? מע האָט אייך שוין דערצעהלט?

— דערצעהלט האָט מען מיר נים, נאָר איך שטוים מיך שוין אָן. עס האָט איהם געקאָסט מסתמא אַ שענע פּאָר קרייצערס אַט דער דאָזיגער בלבול

— לאָמיר זיך ווינשען דאָס ביידע פֿערדיענען אַלע וואָך, איך בין אייך נישט קיין שונא, וואָס איהם האָט דאָס געקאָסט, חאָטש ער איז דרינען גאָט די נשמה שולדיג. אַ קליין שטעדטיל... אַ יוד אַ נגיד... עס געהט איהם גוט... מע פֿאַרגינט איהם נים... פּשוט מע פֿאַרגינט איהם נים...

— מעגליך. האָט ער עפּים פֿיינע קינדער, לייטישע? דריי טעכטער האָט איהר דאַכט זיך געזאָגט?

— דריי. צוויי אויסגעגעבענע און איינע אַ מיידעל. פֿיינע קינדער, זעהר פֿיינע קינדער... אויף די עלטערע זאָגט מען אפילו, אַז... נאָר ס'אַ ליגען!

— דהיינו וואָס זאָגט מען אויף זיי?

— איך זאָג דאָך אייך אַז ס'אַ ליגען.

— איך ווייס אַז ס'איז אַ ליגען. איך וויל אָבער וויסען דעם ליגען.

— אַז איהר וועט וועלען אויסהערען אַלע ליגענס, וואָס געהען ביי אונז אין קאָלאָמעאַ, וועט אייך נים קלעקען קיין דריי טעג מים דריי נעכט. אויף דער עלטערער, זאָגט מען, אַז זי געהט מים די אייגענע האָר, קאָן איך אייך עדות זאָגען אַז ס'איז ליגען, וואָרום זי איז גאָר נים אַזוי געבילדעט אַז זי זאָל טראָגען אייגענע האָר. און אויף דער צווייטער טאָכטער האָט מען גלאַט אויסגעטראַכט, אַז נאָך מיידעלווייז... נאָר וואָס קאָלאָמעאַ קאָן אויסטראַכטען! ס'אַ ליגען!

— כדאי צו הערען, וואָס מע קאָן ביי אייך אין קאָלאָמעאַ אויסטראַכטען?

— איך זאָג דאָך אייך, אַז קאָלאָמעאַ איז אַ שטאָדט פֿון סאַמע ליגנערס, און פֿון באַרעדערס, און פֿון לאַנגע צינגער. איהר ווייסט נישט, אין אַ קליין שטעדטיל אַז אַ מיידעל שפּאַצירט איינע אַליין ביי נאַכט איבער דער גאַס אין דער פֿינסטער מים אַ יונגען מאַן, ווערט שוין אַ טאַראַראַם: וואָס האָט אַ מיידעל אַרומצוגעהן אין קאָלאָמעאַ ביינאַכט איינע אַליין מים אַ פּראָוויזער?

— אָט דאָס איז גאָר?

— וואָס נאָך האָט איהר געוואָלט? זי זאָל מים איהם אַנטלויפֿען אין מיט'ן יום=כפור קיין טשערנאָוויץ, אַזוי ווי מע זאָגט די קלענערע האָט אָבגעטהון אַ שפּיצעל?

— וואָס פֿאַר אַ שפּיצעל האָט דען אָבגעטהון די קלענערע?

— נישט כדאי כלעבען גאר נאכדערצעהלען אלע שטותערייען, וואס געהען ארום ביי אונז אין קאלאמעא. איך האב פיינט נאכדערצעהלען א ליגען !...

— איהר האט שוין דערצעהלט אזוי פיעל „ליגענס“, דערצעהלט שוין דעם ליגען אויך.

— איך דערצעהל נישט מיינע ליגענס, רב יוד, איך דערצעהל יענעמס !... און איך פערשטעה גלאט ניט, וואס פרעגט איהר זיך אזוי שטארק נאך אויף איטליכען בעזונדער, ווי א פראקוראר ? איהר זענט דאכט מיר א יוד וואס האט ליעב נור אויסטאפען, אויספארשען, ארויסציהען ביי יענעם דאס דם התמצית פון די ביינער און אליין האט איהר מורא ארויסלאזען א ווארט... האט קיין פאראיבעל ניט וואס איך זאג אייך דעם ריינעם אמת, איהר זענט שיינט מיר א רוסישער יוד, און די רוסישע האבען אין זיך א מאיסע טבע, זיי האבען ליעב אריינקריכען יענעם מיט די שטיוועל אין הארצען אריין... די רוסישע זענען וויזט אויס נישט קיין קליינע בארעדערס... איבריגענס איז שוין באלד קאלאמעא... ציים זיך נעמען צו די זאכען... זייט זשע מוחל !

שמואליק

שמואליק.

שמואליק — דאָס איז נישט קיין אויסגעטראַכטער נאָמען, און דאָס וואָס איך וויל אייך דערצעהלען איז ניט קיין לעגענדע. שמואליק — דאָס איז אַ לעבעדיגער פּאַרשוין אין אונזער קאַנט און איך קען איהם! — אַ בחור'ל פון אַ יאָהר 17, אַ פּראָסטער יונגעל, אַ דאָרפסיונגעל, פון אַ באַהן-סטאַנציע. זיין פאָטער, נפתלי הייסט ער, און די גוים רופען איהם פּאַנטולע, איז אַ יוד וואָס זיצט ביי דער באַהן און פון דער באַהן לעבט ער, און מחמת ער וואָהנט דאָ שוין אַ יאָהר דרייסיג, נאָך פאַר איגנאַטיעווס גזרה, לכן הערט ער די מיניסטאָרען מיט אַלע זייערע „צירקולאַרען“ ווי המן דעם גרייגער, און דעם פּריסטאַוו מיט'ן אוריאַדניק שמועסט מען ניט. נישט איין פּריסטאַוו און נישט איין אוראַדניק האָבען זיך אין דער צייט געביטען, און יעדער פון זיי האָט זיך געהייסען ווייזען פּאַפּירען, שטאַרק חשק געהאַט אויסרויסערען דעם יודען פונ'ם דאָרף, עס האָט זיי אָבער געהאָלפען ווי דער פּאַראַיאָהריגער שניי. נפתלי פלעג זיי זאָגען גאַנץ עפענטליך נישט פערשטעלט: „איך האָב שוין איבער-געלעבט ניט איין פּריסטאַוו, ניט איין אוראַדניק; גיכער וועל איך אייך אויס-רויזערען פון דאַנען איידער איהר מיך...“ און ער האָט אַלע מאָל געטראָפען, ווארום אַלע מאָל האָט זיך אַרויסבעוויזען אַז סאַי דער פּריסטאַוו, סאַי דער אוראַדניק זענען ביידע געוועזען געכאַפּט אויף דער מעשה, ביידע געליטען פון איין חולאַת, פון ליעבע... און זייער ליעבע איז געוועזען אונגעהייער גרויס. זייער ליעבע האָט נישט געהאַט קיין ברעג, נישט געוואוסט קיין גרעניץ. און ליעב געהאַט האָבען זיי ביידע נאָר צוויי זאַכען: אַ קערבעל און אַ ביסעל בראָנפען. ס'איז שווער צו זאָגען, וואָס האָבען זיי ליעב געהאַט מעהר — אַ קערבעל, צי אַ ביסעל בראָנפען? איך האָב מורא, אַז אין דער הינזיכט זענען זיי געוועזען געגליכען צו אַ קליין קינד, בשעת מען פרעגט ביי איהם:

„ווערמען האסט דו בעסער ליעב — דעם טאטען צי דער מאמען ?..“ נאר לאָ־זען זיי אייך גערען אין דער ערד אריין ביידע, דער פריסטאוו מיט׳ן אוריאדניק,— מיר קערען זיך אום צוריק צו נפתלי׳ן און צו זיין זוהן שמואליק.

געבאָרען ערצויגען און אויסגעוואקסען צווישען גוים, רעדט שמואליק גויעש ווי א גוי, גערט ווי א גוי, לעבט ווי א גוי, טראכט ווי א גוי און איז אריינגעטהון אין די גויעשע אינטערעסען, איז קלאָהר אין דעם וואס איוואן וויל, וואס איוואן האט און וואס איוואנען פעהלט, פיהלט וואס איוואנען קוועטשט, ווייסט וואס איוואן קאן און וואס איוואן קאן נישט און וואס איוואן וואלט געקאָנט, ווען איוואן זאָל וועלען... און מחמת שמואליק איז פאָרט נפתלי׳ס זוהן נישט איוואנ׳ס, קאן שמואליק דאווענען, לייענען און שרייבען יודיש און רוסיש ; און מחמת שמואליק איז פאָרט נפתלי׳ס זוהן נישט אי־וואנ׳ס לייענט שמואליק אלע טאג וואס דאס בלאט שרייבט מכח דער מלחמה און מכח דעם שלום און מכח די סטרייקען מיט די בונטען מיט די מאני־פעסטען מיט די פאגראמען מיט די אלע איבעריגע שענע זאכען וואס טהוען זיך אפ ביי אונז אין דעם געבענשטען לאנד, און אלעס וואס שמואליק לייענט גיט ער איבער די גוים, ווארום לייענען נעבעך קאנען זיי נישט און וויסען וואס אויף דער וועלט טהוט זיך ווילען זיי, גערען אום וויסען און ווייסען נישט, ווייסען גאר נישט ניט, און אפילו דאס וואס זיי ווייסען, ווייסען זיי שטיקלעך און נאר פון איין זייט ווי קינדער קליינינקע, ווי מענשען ווילדע נאך.

— ווי סאָווסים ליודי טיאמניע, זאגט זיי שמואליק, ווי ניטשאהא ניע זנאיעטיע, — איהר זענט הייסט דאס מענשען פינסטערע, איהר ווייסט ניט גאר נישט ניט.

— טאָ פראוודא — ענטפערען איהם די גוים — מי סאָווסים ליודי טעמניע, מי ניטשאהא ניע זנאיעמא, — מיר זענען הייסט דאס מענשען פינ־סטערע, מיר ווייסען גאר נישט ניט.

און מחמת זיי זענען מענשען פינסטערע און ווייסען גאר נישט ניט ווילט זיך זיי וויסען גלייך מיט אלעמען, און זיי בעטען שמואליק׳ן ער זאל זיי לייענען און קלאָהר מאכען.

— טי נאם שמואליק, — זאגען זיי — ראזסקאזיוואי שטא פישוט וואשי אוטשאניע, שטא קאזשוט ליודי אומניע ? — דו זאלסט אונז הייסט דאס שמואליק דערצעהלען, וואס שרייבען די געלעהרענטע, וואס זאגען מענשען קלוגערע ?..

און שמואליק פילט זיך ניט, זעצט זיך אוועק גלייך מיט זיי אויף דער ערד און לייענט זיי וואס שרייבען די געלעהרענטע און ער דערצעהלט זיי וואס זאגען מענשען קלוגערע, און זיי הארכען שמואליק'ן און זיי קוקען איהם אין מויל אריין און זיי גלויבען איהם און נאר איהם אליין, נאר שמואליק'ן. און אז זיי הערען עפעס אזאך און פערשטעהען ניש, פרעגען זיי ביי שמואליק'ן. און אז מען דערצעהלט זיי עפיס א נייעס און זיי גלויבען נישט, געהען זיי צו שמואליק'ן. „דא שמוליקא", „דא שמוליקא" — אלע מאל צו שמואליק'ן.

און נישט נאר דא אין דעם דארף וואו עס זיצען שמואליק'ס על-טערען, נאר אומעדום, אין פינפצעהן דערפער ארום און ווייסט מען שמואליק'ן און וויעדער שמואליק'ן. גרויס איז דער נאמען פון שמואליק'ן!

* *

*

דער הערט אז אין די גרויסע שטעדט שלאגט מען יודען, זענען זיך צונויפגעקומען גוים פון אלע פינפצעהן דערפער צו שמואליק'ן, געבעטען ער זאל זיי לייענען דעם קייסערס „אוקאז" וואס מען זאגט אז ס'איז ארויס אז מען זאל שלאגען יודען דריי טאג דורכאנאנד. „געהט אהיים — האט זיי שמואליק געזאגט — ס'איז נישטא קיין שום „אוקאז" אויף שלאגען יו-דען"... אויסגעהערט שמואליק'ן זענען די גוים געבליעבען שטעהן פער-טראכט, זיך געקראצט די פאטיליצעס... „געהט אהיים — זאגט זיי נאך אמאל שמואליק — וואס קראצט איהר זיך?..." געשטאנען געשטאנען האבען זיך די גוים אויסגעקוועטשט, געזאגט שמואליק'ן, אז פאר זיך זאל ער קיין מורא נישט האבען... האט זיי שמואליק אויסגעהערט און געזאגט, אז פאר זיך האט ער קיין מורא נישט... האבען איהם די גוים געזאגט, אז אויך זיין פאטער זאל קיין מורא נישט האבען... דערויף האט זיי שמואליק געענטפערט, אז אויך זיין פאטער האט קיין מורא נישט... גרוים מיה האט געקאסט שמואליק'ן ארויסשלאגען זיי פונ'ם קאפ, אז ס'איז נישטא קיין שום „אוקאז" וואס מען זאל הארפען דריי טאג דורכאנאנד שלאגען יודען, און די גוים זענען זיך צונאנגען אהיים, און גיך געקומען נאך אמאל צו שמואליק'ן, אז שמואליק זאל זיי קלאר מאכען, וואס אויף דער וועלט טהוט זיך און וואס איז אזעלכס קאנסטיטוציע און וויפיעל ערד וועט מען זיי צושניידען? און שמואליק האט זיי קלאהר געמאכט וואס אויף דער וועלט טהוט זיך און וואס איז אזעלכס קאנסטיטוציע און וויפיעל ערד מען וועט זיי צושניידען... און שמואליק

האט נישט מורא שוין פאר א יודישען פאגראם נישט נאר ביי איהם אין דארף נאר אין אלע פינפצעהן דערפער ארום און ארום. שמואליק איז געווארענט, אז טאמער קומען אן פרעמדע גוים פון פרעמדע דערפער שלאגען יודען, וועט מען זיי דעם קאפ צושלאגען און פערטרייבען וואו דער שווארצער פעפער וואקסט. ווארום ווי קאן דאס מעגליך זיין א יודישער פאגראם אהן שמואליק'ן?..

און נישט נאר א יודישער פאגראם, אויך א „פריצישער" פאגראם קאן נישט זיין אהן שמואליק'ן. און ווען נישט שמואליק וואלטען די גוים שוין לאנג אנגעפאלען אויף די פריצים און געמאכט מיט זיי א רעכענונג... נאר שמואליק האלט זיי אויף און זאגט זיי, אז מיט ראבעווען מיט גולנ'ען, מיט צינדען און מיט אויסקוילען איז קיין שכל נישט. שמואליק הייסט זיי אפווארטען ביז וועסנעצייט, דעמאלט ווען די נאטור שטעהט אויף, דעמאלט ווען די ערד וואכט אויף,ווארפט אראפ פון זיך די ווייסע קאלדרע, בעט זיך מען זאל זי בעארבייטען, — דעמאלט לאזען די פריצים זיך מטריח זיין אליין די ערד בעארבייטען, אליין ארוים אין פעלד אריין, אליין גראבען, זייען, אקערען, שניידען, בונדען, פיהרען אין די שייערען, דרעשען, מאהלען זעמעל מעהל, קנעטען, באקען פוטערברויט,— אליין, אליין, אליין!.. און די גוים פאלגען שמואליק'ן, זיצען שטיל, זא־טשעפען קיינעם נישט. פלוצים קומט דער „עלטערער".

געקומען דער „עלטערער" געבראכט מיט זיך דעם מאניפעסט פונ'ם „זיבעצעהנטען", צונויפגעטריבען אלע גוים פון די פינפצעהן דער־פער און גענומען לייענען... דאס לייענען האבען די גוים אויסגעהערט און ס'איז געבליבען מען זאל שיקען רופען שמואליק'ן, און מען האט געבראכט צופיהרען שמואליק'ן, און מען האט איבערגעקעהרט א פאס א ליידיגע, און מען האט אוועקגעשטעלט דארט שמואליק'ן געבעטען ער זאל זיי לייענען, וואס שטעהט אין מאניפעסט, ווארום זיי ווילען נישט גלויבען קיינעם נישט, חוץ שמואליק'ן... גרוים איז דער נאמען פון שמואליק'ן!..

אודאי האט דאס פערדראסען שטארק דעם „עלטערען", און ס'איז אוועק א פאפיער אין סטאן און פון סטאן אין שטאדט אריין און גלייך נאכ־דעם האבען זיך בעוויזען זשאנדארמען אויף פערד מיט'ן „סטאנאווא" גע־פאדערט ביי די גוים אז זיי זאלען ארויסגעבען דעם יודען שמואליק'ן, אט דעם יודישען נאפאן... דערהערט, אז מען זוכט שמואליק'ן, האבען די גוים גענעבען צו וויסען שמואליק'ן, אז מען זוכט שמואליק'ן, און הא־

בען איבערגעטהון שמואליק'ן, און זענען צוזאמען מיט שמואליק'ן געגאנגען אהיים צו שמואליק'ן זוכען שמואליק'ן דעם יודישען גאפאן...

* * *

פון דעמאלט אן קומען אן אין סטאן אריין אלע מאנטאג און דאנערשטאג פעק פאפירען מען זאל זוכען און מען זאל חאפען און למען השם צראפּברענגען שמואליק'ן, אט דעם יודישען גאפאן. און די זשאנדארמען מיט די אגענטען מיט די קאזאקען זוכען, שמעקען, נישטערען, און די גוים צוזאמען מיט שמואליק'ן העלפען זוכען שמואליק'ן; דער גאנצער קאנט איז פול מיט שמואליק'ן; אלע זוכען שמואליק'ן, — און שמואליק איז נישטא!..

גרוים איז דער נאמען פון שמואליק'ן, פון דעם יודישען גאפאן!

די
ערב פסח'דיגע עמיגראציע.

די ערב־פּסח׳דיגע עמיגראַציע.

א מעשה פאר יודישע קינדער.

א.

ארויס פון גן־עדן.

אַנקען השם יתברך, געפּטר׳ט דעם פורים געזונטערהייט און מען קען שוין אָנהויבען אין זינען האָבען אַריינברענגען דעם פסח אין אַ גוטער שעה!

אַזוי האָט זיך אָנגערופען די מאַמע צו זיך אַליין אויף מאָרגען נאָך שושן פורים און אויסגעקוקט מיט די אויגען אַלע ווינקעלעך אין זאַל, אַרומגעגאַנגען און געזוכט אַנ׳אָרט, ווי אַ היהן בשעת זי דערפיהלט, אַז זי בעדאַרף זיך לייגען. אין עטליכע טעג אַרום איז בעשאַפען געוואָרען אַ ביסעל היי מיט צווי קלעצלעך און אויף די קלעצלעך אַ שפּאָגעל נײַ דײַשקעלע איבערגעדעקט מיט אַ גראָבער נור אַ ווײַסער ציכטיגער לײַנוואַנט און מיך האָט מען צוגערופען אינאיינעם מיט׳ן טאַטען און אָנגעזאָגט אַ מאָל דרײַסיג, איך זאָל זיך נור ניט דערוועגען גיט צוגעהן פון דער נאָהענט, ניט אַ קוק טהון פון דערווײַטען, ניט אַ שמעק טהון אפילו „אין יענעם ווינקעל אַרײַן“, און טאַקי באַלד נאָכדעם איז צוגעמאַכט געוואָרען די טהיר פון זאַל און אונז ביידע, מיך מיט׳ן טאַטען, האָט מען געבעטען מחילה מיר זאָלען זיך אָפּטראָגען פון דאַנען אין אַ גוטער שעה אין אַ מזל׳דיגער שעה און מעהר נישט אַרײַנטרעטען אין זאַל אַרײַן ביז פסח.

פון דער מינוט אָן האָט די זאַל בעקומען בײַ מיר אין די אויגען דוקא גאָר אַ בעזונדער חן, און עס האָט מיך אַהינצו געצויגען ווי אַ מאַגנעט, און איך האָב בעקומען אַ שטאַרקען חשק אַ קוק טהון אַהינצו אין „יענעם ווינקעל אַרײַן“ האָטש פון דערווײַטען. אַוועקגעשטעלט זיך פון יענער זײַט טהיר, בשעת מעשה געקײַעט דעם אָנבײַסען, ברויט מיט שמאַלץ, האָב איך אַרײַנגעקוקט און געשפּיגעלט זיך אין אונזער שעהנער, ליכטיגער זאַל מיט דער גוטער קאָנאַפּע פון פידעל־האָלץ, מיט׳ן האַלב קײַלעכדיגען טיש אויף

דרײַ לאַפּעס, מיט'ן האַלב קײַלעכדיגען שעהן געשניצטען שפּיגעל און מיט'ן גרויסאַרטיגען מזרח, וואָס דער טאַטע אַליין האָט איהם אויסגעמאָלט בשעת ער איז נאָך, זאָגט ער, געוועזן אַ חתן. וועה-וועה וואָס איז ניט געוועזן אויפ'ן דאָזיגען מזרח! בערען, און לײַבען, און ווילדע קעץ, און אָדלערס, און פויגלען, און שופרות, און מנורות, און אתרוגים, און שיסעלעך מיט מגן-דוד'לעך, און בלעטלעך, און קנעפּלעך, און רעדעלעך, און פּאַסיקלעך, און פּינטעלעך אָהן אַ'עק, אָהן אַ שעור! ס'איז געוועזן נישט צו גלויבען, אַז אַ מענשליכע האַנד זאָל דאָס אַלסדינג קענען אויסמאָלען, קוים קוים וואָס דאָס אויג קען חאַפּען! „אַ מושלם דער טאַטע מײַנער! — טראַכט איך מיר — אַ בריה! אַ מזיק!"

— פאַרחאַפּט זאָלסט דו ניט ווערען! מיט'ן גאַנצען חמץ בײַ דער טהיר, ברענען זאָלסט דו אויפ'ן פײַער!

אַזוי זאָגט די מאַמע, נעמט מיך אָן מיט צוויי דינע שאַרפע פינגער-ליך פון איהר רעכטע האַנד בײַ מײַן לינקען אויהער און פיהרט מיך צום טאַטען:

— נאַ, זעה, קוק האָטש אָן דעם קדיש דײַנעם! מיט'ן ברויט האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט קוקען אַהין וואו דער פּסח'דיגער באָרשטש!

דער טאַטע מאַכט כלומר'שט אַן ערנסט פּנים, שאָקעלט מיט'ן קאָפּ שטעלט אויף די ליפּען און קנאַקט מיט דער צונג:

— טץ—טץ—טץ! אַוועק דו ימח-שמו'ניק איינער!

און אַז די מאַמע קעהרט זיך אָפּ אין אַ זײַט, דערזעה איך אויפ'ן טאַטענס ליפּען אַ גרינג בעהאַלטען שמייכעלע; און קערט זיך אום צוריק די מאַמע, מאַכט ער ווידער אַן ערנסט פּנים. ער נעמט מיך פאַר אַ האַנד, זעצט מיך אַ נידער נעבען זיך אויף אַ בײַנקעל און זאָגט מיר אָן איך זאָל אַהינצו ניט קוקען — מען טאָר ניט!

— פון דער ווײַטען אויך ניט?

נאָר דער טאַטע הערט מיך שוין ניט. ער זיצט פאַרטיפט אין אַ ספר און לערנט שטילערהייד, און איך פאַרגנב'ע מיך פּאַוואָלינקע צו דער טהיר און קוק אַרײַן דורך אַ שפּעלטעל אַהין אין זאַל אַרײַן און זעה דאָרטען פון כל-טוב אַ גן-עדן: נײַע טעפּ אַ סך מיט מעקערטעס אויף דער ערד, און האַק-מעסער, אַ זאַלצבערטעל, ציבעלעס צוויי קרענצלעך הענגען אויף דער, וואַנט און בעשעהנגען די זאַל, — שוין פּסח'דיג די זאַל, פּסח'דיג, פּסח'דיג פּסח'דיג!..

ב.

פון האנד צו האנד.

— טאמער וואלט איהר זיך מטריח געווען פון דאנען מיט די ספרים אהין אין גרויסען אלקער אריין?

אזוי רופט זיך אן צו אונז די מאמע אנגעטהון אין ווייסען, מיט א ווייס סערוועטיל אויפ'ן קאפ און מיט א לאנגען שטעקען אין איין האנד און מיט א נייעם פלעדערוויש אין דער אנדערער האנד, פארייסט דעם קאפ ארויף און קוקט אויף דער סטעלי.

— סאסיל! וואו ביזט דו ערגיץ מיט דער בארשט? נו, ריהר זיך שוין, מויד! בעווייז זיך!

און סאסיל די מויד, אויך אי פארבינדענע מיט א ווייסער שמאטע, בעווייזט זיך מיט א נאסע בארשט און מיט א שעפעל ווייס לייהם, און ביידע זעהען אויס ווי לעבעדיגע מתים אין ווייסע תכריכים. און סאסיל מיט'ן נאסען בערשטעל פליאסקעט איבער דער סטעלע הין און צוריק: פליאק — פליאק און ביידע זענען זיי אין כעס, בייז ווי די בינען.

לאנג אבער שטעהן און קוקען אויף דער דאזיגער זעלטענער קא־מעדיע לאזט מען מיך ניט. פריהער הויבט מען מיר אן געבען אנצוהערעניש אז א יונגעל בעדארף ניט שטעהן בשעת מען שמירט די שטוב אויף פסח. נאכדעם הייבען זיי ביידע שוין אן א ביסעל הארבער:

— הער נאר, טאמער וואלסט דו געגאנגען אהין אין אלקער אריין?

און בשעת מעשה נעמט מיך אן די מאמע פאר א האנד און בע־ווייזט מיר וואוהין איך זאל געהן. איך בין אבער קיין בעלן ניט אוועק געהן. טרעט איך אב א ביסעל אויף א זייט און בעגעגען זיך מיט סאסילין, טהוט מיך סאסיל א שטויס אב פון זיך „אומעדום אבער פלאנטעט ער זיך אונטער די פיס!"

— געה שוין געה צו אלדע גוטע יאהר אהין צום טאטען! — זאגט מיר די מאמע און טהוט מיך א ווארף צו סאסלין און סאסיל חאפט מיך אונטער און טהוט מיך א שליידער צוריק צו דער מאמען: „אויף מיין לעבען האב איך אזא מין איינגעגעסען יונגעל ניט געזעהען!"

— סע נעמט איהם גאר קיין קויל ניט! זאגט די מאמע און דער־לאנגט מיר א מטוסאק פון אונטען און סאסיל חאפט מיך אונטער און פער־

28

ליאפּעט מיך מיט ווייסען לייהם און איך פאל אריין ווי א קיטשקע צום טאטען אין אלקער אריין און פערגעה זיך פון געוויין.

דער טאטע רייסט זיך אב פון די ספרים נעמט מיך איין מיט וואס ער קען, זעצט מיך אנידער זיך אויף די קניהעס און פארטיעפט זיך צוריק אין די ספרים.

ג.

פון די אלקערס אין דער שפּיושארניע.

— זייט-זשע מוחל בעל הבית!

די בעל הביתטע האט געזאגט, איהר זאלט מוחל זיין אריבער טראגען זיך פון דאנען אינ'ם אלקעריל אריין.

אזוי זאגט צום טאטען סאסיל די מויד און קומט אריין מיט'ן גאנצען קלאפּערצייג אויסגעשמידט ווי א רוח, און מיר טראגען זיך מחילה אריבער מיט די ספרים פונ'ם גרויסען אלקער אינ'ם קליינעם אלקעריל אריין. דאס קליינע אלקעריל איז גרויס ווי א פייג; דארטען שטעהט מעהר ניט ווי איין בעטעל שלאף איך און, ניט אויסגערעדט זאל זיין, סאסיל די מויד. סאסיל איז פערשטעהט איהר, טאקי אונזערע איין איינענע און ביי אונז איז זי שוין כמה וכמה יאהרען; איך בין נאך דעמאלט, זאגט זי, אויף דער וועלט ניט געוועזען; איך בין ביי איהר זאגט זי, אויף די הענד אויסגע-וואכסען. ווען ניט זי, וואלט איך שוין לאנג, זאגט זי, אנגעשפּארט מי יודע וואו; ווארום וואו ערגיץ איין אנשיקעניש, א משולחת, א שלאק פרעניות, איז דאס ביי מיר, זאגט זי, געוועזען; און פון אלע צרות האט זי מיך, זאגט זי, ארויסגעשלעפּט; און היינט דאנקט ער מיר, זאגט זי אב מיט שטיינער, נו? איז ער ניט ווערט קיין פּעטש?

אזוי לאזט אויס סאסיל און שענקט מיר א פּאר סטוסאקעס מיט א רייס ביי די האר פאר א צוגאב, און מערקווירדיג! — קיינער זאגט איהר ניט קיין ווארט. ניט די מאמע ניט דער טאטע נעמען זיך אן פאר מיר, וואס סאסיל חיל דאס טהוט זי מיט מיר, גלייך ווי איך בין סאסילס ניט זייערע.

אין קליינעם אלקעריל פערקלייב איך מיך אין א ווינקעלע, בעזעץ מיך אויף דער ערד און קוק אויפ'ן טאטען, ווי ער רייבט דעם שטערען, קייט די בארט און שאקעלט זיך און ציהט אויס יענעם שעהנעם לאנגען

„און יאָ — — — — —" נאָר אָט קומט אַריין סאָסיל מיט'ן קלאַפּערגעצייג און לאָזט אונז בעטען, מיר זאָלען זיך אַרויספּעקלען פון דאַנען ווייטער אַ ביסעלע.

— וואוהין נאָך? פרעגט זי דער טאַטע אַנ'איבערגעשראָקענער.

— איך ווייס וואוהין? — זאָגט סאָסי און שטעלט זיך אַוועק מיט'ן בערשטעל אין מיטען אַלקערל.

— אין קעמערל אַריין! אין דער שפּיזאַרנע אַריין — זאָגט די מאַמע און קומט אַריין מיט'ן לאַנגען שטעקען און מיט דעם נייעם פלעדערוויש, זעהט אויס ווי איין אָנגעוואָפּענטער שונא, וואָס פאַלט אָן אויפ'ן לאַנד מיט געוועהר אין די הענד.

— אין שפּיזאַרנע איז איצטער קאַלט ווי אין אַ פוסטקע — פּרובט זיך דער טאַטע אָבבעטען מיט גוטע ווערטער.

אַ ווילדע קעלט אויף איהם! — זאָגט די מאַמע.

— מען געפינט געפרוירענע אין דרויסען! — כאַפּט אונטער סאָסיל און הויבט אָן פליאַסקען מיט דער נאַסער באַרשט איבער די טרוקענע ווענד, און מיר מוזען זיך במחילה כבודנו אַריבערפּעקלען פונ'ם קליינעם אַלקערל אין קליינעם קעמערל אַריין און ביידע כאַפּען מיר דאָרט אַ רעכטען ציטער. מען קען ניט זאָגען אַז פאַר'ן טאַטען זאָל דאָ זיין גוט צו זיצען און אַריינקוקען אין אַ ספר: די שפּיזאַרנע איז אַ קליין ענג קעמערל און אַ פינסטערס, קוים וואָס צוויי מענשען קענען זיך דאָרטען אויסדרעהען, דערפאַר אָבער איז דאָס פאַר מיר אַ גאַנצער גן עדן. סטייטש עס איז דאָ פּאָלעצעס און מען קען אויף זיי קלעטערען. אמת, דער טאַטע לאָזט מיך ניט קלעטערן, ער זאָגט איך קען חלילה זיך הרג'נען, נאָר ווער הערט איהם? ער האָט זיך נאָר פאַרטיעפט אין זיינע ספרים בין איך שוין — אַהאַ — געווען אויף דער ערשטער פּאָלעצע, פון דער ערשטער אויף דער צווייטער און פון דער צווייטער אויף דער דריטער.

— קוקאַריקו! האָב איך אויסגעשריגען אויף אַ קול, געוואָלט בעוויזען דעם טאַטען מיין גרוים בריה'שאַפט און האָב אויפגעהויבען דעם קאָפּ און זיך דערלאַנגט אַ זעץ אין דער סטעליע, אַז די ציינער זענען מיר שיעור ניט אַרויסגעפאַלען פונ'ם מויל. האָט זיך דער טאַטע איבערגעשראָקען און געמאַכט אַ געוואַלד, איז געקומען צו לויפען פריהער סאָסיל און נאָכדעם די מאַמע, און ביידע האָבען מיר אַריינגעלייגט וויפיעל ס'איז אין מיר אַריין.

— אַ קינד זאָל האָבען אין זיך אַזעלכע קינדערשע תנועות! — טענה'ט די מאַמע.

— אַ קינד איז דאָס? אַ שד, ניט קיין קינד! — העלפט איהר אונטער סאָסיל, און איז אונז מודיע, אַז מען וועט אונז באַלד לאָזען בעטען מיר זאָלען זיך אַריבערטראָגען פון דאַנען מחילה זיין אין קיך אַריין, וואָרום אין שטוב איז שוין כמעט העכער האַלב פּסח'דיג.

ד.

דער שפּיזאַרנע אין קיך.

דאָרטען טרעף איך משה בער'ן מיט די גרויסע ברעמען זיצען מיט'ן טאַטען אויף דער מילכיגער באַנק. איצט לערנען זיי ניט; זיי רעדען זיך אויס איינס פאַר דאָס אַנדערע זייערע ביטערע הערצער. דער טאַטע קלאָגט זיך פאַר איהם אויפ'ן גלות פונ'ם ערב פּסח, וואָס מען טרייבט איהם אַרום שוין פון עטליכע טעג. „אַ מין נע ונד, אַ גלות, אַ מין עמיגראַציע פון איין אָרט אויפ'ן אַנדערען!" און משה בער זאָגט אַז דאָס איז נאָך בלאָטע, אידם איז, זאָגט ער, נאָך אַ סך ערגער.

— מיך — זאָגט ער — האָט מיינע נור דורכגעטריבען פון שטוב.

איך קוק אויף משה בער'ן מיט די גרויסע ברעמען און קען מיך בשום אופן ניט פאָרשטעלען, וואָס הייסט מען האָט איהם משה בער'ן, אַזאַ גרויסען יודען מיט אַזעלכע גרויסע ברעמען, גענומען און דורכגעטריבען? ביסלעכווייז גערען זיי אַריבער אויף זייערע שטענדיגע ענינים, מאָדנע דבורים. „רמב"ם", „כוזרי", „פילוסיפיא"; שפינאָזאַ", וכדומה, וואָס קריכען מיר ניט אין דער לינקער פּאה.

אַ סך מעהר אינטערעסאַנט איז די גרויע קאַטץ, וואָס זיצט אויפ'ן פּריפּעטשיק און וואַשט זיך. סאָסיל זאָגט, אַז אַ קאַטץ וואַשט זיך איז אַ סמן אויף געסט. פערשטעה איך ניט, פון וואַנען ווייסט די קאַטץ אַז ס'וועט זיין אַ גאַסט? איך געה צו צו דער קאַטץ און הויב זיך אָן מיט איהר אונטערשפּילען; פריהער פּרוב איך איהר אָנטרעטען מיט'ן פינגער אויף דער לאַפּקע; וויל זי ניט, נאָכדעם לערען איך זי — זאָל „דינען", שטעהען אויף די צוויי הינטערשטע פיסלעך; וויל זי אויך ניט. „סטאַי! סלוזשי!" — זאָג איך צו איהר — און שענק איהר אַלע מאָל אַ שנעל אין נעזעל אַריין, פערמאַכט זי די אויגען און דרעהט אוים דאָס קעפּיל, שטעלט אַרויס דאָס צינגעל און מאַכט אַ מאָדנע פּנים'ל, ווי איינער רעדט: „וואָס האָט זיך צו-געטשעפּעט צו מיר דאָס דאָזיגע בחור'ל? וואָס וויל ער האָבען פון מיין לעבען".

מיך פערדריסט די מעשה: „אַ קאַטץ זאָל זיין אזא מין עקשנטע!" און איך מוטשע זיך מיט איהר אזוי לאַנג ביז זי דערלאַנגט מיר אַ קרעל מיט איהרע שאַרפע נעגעל איבער דער האַנד און איך לאָז אַרויס אַ מוראדיגען קוויטש: „אוי מאַ-אַ-מע!" קומט צו לויפען די מאַמע מיט סאָמלין מיט אַ געפילדער און איך בעקום אַ רעכטען פסק פון זיי ביידע, איך זאָל דאָס אַנדערע מאָל וויסען ווי אַזוי צו שפּילען זיך מיט קעטץ (סך הכל איין קאַטץ — הייסט ביי זיי „קעטץ"!)

— גנעה נאָר וואַש זיך — רופט זיך אָן די מאַמע צום טאַטען — וועלען מיר אַראָבנעהמען אין קעלער אַריין „אָפּעסען"...

סאָסיל חאַפּט די קאָטשערע און נעמט זיך צום אויווען מיט די טעפּלעך, לייגט נישט קיין כבוד ניט אויף מיר, ניט אויפ'ן טאַטען און ניט אויף משה בער'ן, אדרבה משה בער'ן גיט זי אָנצוהערעניש, אַז זי פערשטעהט ניט וואָס ער דרעהט זיך אַרום ערב פסח? דאַכט זיך ס'איז גלייכער, זאָגט זי, זיצען ביי זיך אין דער היים און ניט אַרומדרעהען זיך אין אַזאַ צייט אין פרעמדע הייזער! משה בער שמייכעט זיך וועמען זי מיינט, געזעגענט זיך אָב, און מיר לאָזען זיך אַראָב אין קעלער אַריין „עסען"...

ה.

פון קיך אַראָפּ אין קעלער.

איך פערשטעה ניט וואָס קרימט זיך אַזוי דער טאַטע און וואָס קנייטשט ער מיט די פּלייצעס און בורטשעט אונטער דער נאָז: „נאַ דיר אַן עמיגראַציע!"... אַ שטייגער, וואָס פאַר אַן אומגליק איז דאָס אַז מען עסט איין מאָל אין קעלער? וואָס קען שאַדען דער ריח פון געזויערטע אוגערקעס, פערשטונקענע קרויט, מילכיגע קריגלעך? וואָס איז אַזוי ביטער, אַז מען נעמט צוויי איבערגעקעהרטע פעסלעך און מען לייגט איבער אַ לאָקשענברעט און אַליין זעצט מען זיך אויף אויף איבערגעקעהרטע פעסלעך און מען עסט? אדרבה, מיר דאַכט אַז אַזוי איז נאָך פיעל בעסער און אַ סך פריילעכער. מען קען זיך בשעת מעשה קאַטשען מיט'ן פעסיל איבער'ן גאַנצען קעלער. אי מען פאַלט? שטעהט מען אויף און מען קאַטשעט זיך נאָך אַמאָל. דער גאַנצער חסרון איז, וואָס סאָסיל גיט אַכטונג מען זאָל זיך ניט קאַטשען.

— ער האָט זיך שוין געפונען — זאָגט זי — אַ נייע שפּילעכעל, ער וויל זיך אַ האַנד אָדער אַ פוס אויסברעכען...

מײַנע שונאים זאָלען אַזוי לעבען ווי איך וויל זיך אויסברעכען אַ האַנד אָדער אַ פֿיס! איך ווייס ניט וואָס די סאָסיל וויל האָבען פֿון מײַנע יאָהרען און בײנער! שטענדיג רודפֿ'ט זי מיך און אַלסדינג לייגט זי אויס צום ערגסטען אויף מיר, — זאָגט זי אַז איך וועל בלײַבען אָהן אַ קאָפּ, ריהר איך זיך צו צו עפּיס אַ זאַך, — זאָגט זי אַז איך וויל דאָס צוברעכען. האַלט איך אַ קנעפּיל אין מויל, — מאַכט זי אַ גוואַלד: „דער שלים מזל וויל זיך ווארגען!" דערפֿאַר רעכען איך זיך מיט איהר אָב דעמאָלט ווען איך בין שלאָף. ווער איך עפּיס ניִשט מיט אַלעמען אַזוי לייגט זי אין די וועלט, מאַכט אַ געפּילדער.

— אַצינד נעם דאָס קינד און געה מיט איהם אַרויף, מען דאַרף אויסרייניקען דעם לעצטען חמץ פֿונ'ם קעלער אויך.

אַזוי זאָגט די מאַמע נאָכ'ן בענטשען, און איידער דער טאַטע פֿרעגט זי וואוהין מיר זאָלען געהן, פֿערחאַפּט זי אַליין און טהוט אַ זאָג:

— אויף אַ פּאָר שעה אויפ'ן בוידעם.

— וואָרום אין שטוב האָט מען נור וואָס אָבגעוואַשען די בריקען — חאַפּט אונטער סאָסיל — נור זעהט דעם שלים מזל זאָל דאַרט ניט אַראָבקאַטשען זיך פֿונ'ם בוידעם און ניט ברעכען זיך ריק און לענד.

— בײַס זיך אָב די צונג! זאָגט איהר די מאַמע און סאָסיל שטופּט מיך אונטער איך זאָל געהן אַביסעל גיכער.

— נו, קריך שוין קריך, שלים-מזל!

דער טאַטע נעהמט אונטער מיר און איך הער ווי ער בורטשעט אונטער דער נאָז: „אויפ'ן בוידעם גאָר! אַזאַ מין עמיגראַציע! — נ-נ-אַ!"

אַ מאָדנער מענש דער טאַטע מײַנער! מען זאָגט איהם אויפ'ן בוידעם, איז ער אויך ניט צופֿריעדען! איך ווייס? מיר דאַכט, איך וואָלט אַ בעלן געווען ס'זאָל זײַן אַלע וואָך ערב פּסח און מען זאָל אַלע וואָך דאַרפֿען קריכען אויפ'ן בוידעם. ערשטענס איז דאָס קריכען אַליין עפּיס אויך אַ שטיקעל עסק. אַ שטייגער אין מיטען וואָך איך זאָל זיך אויסציהען, וועט מען מיך דען לאָזען קריכען אויפ'ן בוידעם? און איצט שפּאַן איך אויף די טרעפּ ווי אַ מזיק. אונטען שפּאַנט מיר נאָך דער טאַטע און זאָגט מיר: „פּאַוואָלינקע! פּאַמעליכען!" וואָס מיר פּאַוואָלינקע! וואָס מיר פּאַמעליכען? איך פֿיהל אַז בײַ מיר וואַקסען אויסגעוואַקסען פֿליגלען, איך פֿליה, איך פֿליה!

—

ו.

פֿון קעלער אויף'ן בוידעם און א סוף.

וואָס ווייסט איהר וואָס ביי אונז אויפ'ן בוידעם טהוט זיך — אוצרות! גאַנצע אוצרות!

צובראָכענע גלעזליך פֿון לאָמפּען, שאַרבענעס פֿון טעפּ, אַלטע מלבושים וואָס איז שווער צו דערקענען צו איז דאָס ווייבער'ש צו מאַנסבילשע תחתונים. און פֿוטער אַ שטיקעל וואַלגערט זיך, וואָס אַז מען רירט זיך צו צו דעם ווערט דאָס צוקראָכען אַזוי ווי שניי, און בלעטער פֿון ספרים, צוריסענע, שמות און אַ דורכגעברענטער קוימען פֿון אַ סאַמאָוואַר, און פֿעדער־רען און אַ צוריסענע זיפּ, און איין אַלטער לולב ליגט אויסגעצויגען ווי אַ בעל הבית. הייַנט די לעזשנים! הייַנט די קראָקוועס! הייַנט דער דאַך! דער דאַך איז פֿון גאָלע שינדלען, און איך קען איהם דערלאַנגען מיט די הענד! אַ קלייניגקייט האַלטען דעם דאַך מיט די הענד!

דער טאַטע זעצט זיך אַוועק אויף אַ באַלקע, נעמט צונויף די שמות־בלעטלעך, לייגט צונויף אַ בלעטיל מיט אַ בלעטיל, קוקט אַריין אין זיי און פֿערטיעפֿט זיך דערווייל אין די שמות־בלעטלעך, און איך שטעל מיך אַוועק ביים קליינעם פֿענסטעריל וואָס אין דאַך און דערזעה פֿאַר זיך די גאַנצע שטאָדט, גאַנץ כתרילעווקע ווי אויף אַ טעלער! אַלע הייזער מיט אַלע דעכער, שוואַרצע גרויע רויטע און גרינע דעכער, און די מענשען וואָס געהען זעהען אויס קליינע מענשעלעך, און מיר דאַכט זיך אויס אַז קיין שענערעס און קיין בעסערעס פֿון אונזער שטאָדט קען שוין דאַכט זיך גאָר ניט זיין אויף דער וועלט. אויך צו אונז אין הויף אַריין חאַפּ איך אַ קוק, און דערזעה ווי ביי אונז און ביי אַלע איבעריגע שכנים וואַשט מען און מען רייבט און מען שאַבט און מען רייניגט און מען כשרט טיש אין בענק און מען טראָגט גרויסע טעפּ מיט הייס זודיג וואַסער, מיט ברענענדיגע פרעסלעך, מיט גליהענדע שטיינער, און אַ פֿאַרע זעצט אַרויף, אַ ווייסע פֿאַרע, די פֿאַרע קייקעלט זיך, קייקעלט זיך און ווערט צוגאַנגען אַזוי ווי רויך, און אין דרויסען שמעקט מיט וועסנע, ריטשקעס לויפֿען, ציגען מעקען, און עפּיס אַ יודעל מיט גרויסע אונטערגעבונדענע שטיוועל און מיט אַ ווייס פֿערדיל שלעפּט זיך אין דער בלאָטע. דאָס איז נעבעך עזריאל דער בעל עגלה. עזריאל שמייסט דאָס ווייסע פֿערדיל, דאָס פֿערדיל קוים וואָס עס שלעפּט די פֿיס פֿון דער בלאָטע. דאָס פֿיהרט מען אימיצען אַ וועגעלע מיט מצות. און איך דערמאָן מיך, אַז מיר האָבען שוין לאַנג מצות, שוין לאַנג פֿערשלאָסען אין שאַפֿע און פֿערהאַנגען

מיט אַ ווײַסען לײַלעך, און אײער אין שאַפֿע אַנגעגרײט אַ פֿולע מאַקערטע, און שמאַלץ פּסח׳דיגס אַ גאַנצער סלאָי, און ציבעלעס צוויי קרענץ הענגען אויפ׳ן וואַנט, און נאָך אַ סך גוטע זאַכען פֿונ׳ם ליבען זיסען יום-טוב, און איך דערמאָהן מיך אָן די נײַע מלבושים׳לעך וואָס מען האָט מיר צוגעזאָגט ברײַנגען אויף יום-טוב און דאָס האַרץ וואַקסט מיר, וואַקסט ווי אויף הייוועז.

— בעל הבית! — לאָזט זיך הערען אַן אויסגעצויגען קול פֿון אונטען — זײַט זיך מטריח אַראָב אין הויף אַרײַן איבערליפֿטער׳ן די ספ—רים.

דער טאַטע שטעהט אויף, שפּײַט אוים מיט כעס: „טפֿו זאָל דאָס ר[illegible]ען! נאַ דיר אַנ׳עמיגראַציע“.

איך הייב ניט אָן צו פֿערשטעהן דעם טאַטען, פֿאַר וואָס ער איז ניט צופֿריעדען? וואָס קען דען זײַן נאָך בעסער און ליעבער ווי שטעהן אין דרויסען און לופֿטערן ספרים? און איך רײַס מיך אָב פֿון פֿענסטערל און טהו מיך אַ לאָז צו דער טהיר פֿונ׳ם בוידעם און... טראַך — טאַראַראַם מיט׳ן קאָפּ אַראָב מיט די פֿים אַרויף איבער אַלע טרעפּ!

• •

•

וואָס ווײַטער איז געוועזן — געדענק איך ניט, איך ווייס נור, אַז פֿונ׳ם פֿאַל האָב איך צוגעקרענקט נאָכדעם אַ היבש שטיקעל צײַט; איך בין — זאָגט מען — געוועזן גאָר פֿאַרבײַ. און, ווי איהר זעהט, בין איך געבליבען געזונד און שטאַרק הלואי ווײַטער ניט ערגער, בלתי נור דער איינער שראַם וואָס בײַ מיר אויפ׳ן פּנים, און וואָס דער אָטהעם איז מיר געוואָרען פֿון דעמאָלט אָן קירצליך, און וואָס אַז איך רעד פֿינטעל איך מיט די אויגען עד היום הזה.

יעדער פאר אונז

יעדער פאַר אונז.

(אַ מאָנאָלאָג).

זאָגט איהר, אַז יודען האָט מען אומעדום פיינט, מען יאָגט זיי און מען טרייבט זיי און מען רודפ'ט זיי? און איך זאָג אייך, אדרבה פאַרקעהרט: פאַר אַ יודען שטעלט זיך יעדען איין, והא ראיה, אָט וועל איך אייך אויב איהר ווילט, דערצעהלען אַ מעשה מיט צוויי ברידער וועלען מיר האָרכען, וואָס וועט איהר נאָכדעם זאָגען.

— געוועזען זענען צוויי ברידער, איינער האָט געהייסען... וואָס איז אייך די נפקא מינה ווי אַזוי ער האָט געהייסען? לאָז זיך אייך דאַכטען, אַז איינער האָט געהייסען מאיר, און דער אַנדערער שניאור און געטראָפען האָט זיך עס ערגיץ אין זאמוט אָדער אין פוילען, אין וואָלין אָדער אין דער ליטא, און געוועזען איז דאָס תחלת בשעת עס האָט זיך נאָר וואָס אָנגעהויבען די רעוואָלוציע מיט די בהלות אויף דער וועלט, און געשמועסט האָט מען וועגען אַ פּאָגראָם, וועגען אַ גאַנץ געוויינטליכען יודישען פּאָגראָם וואָס האָט געזאָלט זיין אין ניכען... און חאָטש אונזערע צוויי ברידער האָבען אַ חוץ זייערע נפשות נישט געהאַט וואָס איינצושטעלען גאָר נישט, מחמת קיין הייזער מיט קיין קליייטען מיט קיין פאַרמעגען האָבען זיי נישט געהאַט, און אפילו קיין ווייב און קיין קינדער אויך נישט, פונדעסטוועגען האָבען זיי מורא געהאַט איינצושטעלען זייער לעבען, זענען זיי אויפגעשטאַנען אין אַ שענעם פרימאָרגען און האָבען זיך געלאָזט אין וועג אַריין, וואו די אויגען וועלען טראָגען, „בחפזון" הייסט עס, מיט גרויס איילעניש. אַי וואָס איז דאָס איילעניש? אַז מע רעדט פון אַ פּאָגראָם דאַרף מען שוין לויפען? איז דער תירוץ: מסתמא איז אין שטעדטיל שוין געוועזען פרעהליך, מחמת קאָזאַקען זענען שוין אַרומגעפאָהרען מיט די נאַגייקעס איבער אַלע גאַסען... וואָס האָבען צו טהון קאָזאַקען אין אַ שטילער

שטאָדט, אַ יודישער שטאָדט, פאַר צווייַ טויזענד מייַל פון מאַנדזשוריע?... הקצור לאָז זיך אייך דאכטען אַז ס'איז געווען אַ פּאָגראָם, און אונזערע צוויי גבורים, מאיר און שניאור זענען געפלויגען פייַל אויסען בויגען, און מחמת גרוים איילעניש אַ פּנים האָבען זיי פערגעסען מיטצונעהמען מיט זיך אין וועג אַרייַן צדה לדרך, אַנ'איבריג העמד, אַ מלבוש, אַ קאָפּענקישעלע, וכדומה אַזעלכע זאַכען וואָס אַ לעבעדיגער מענש בעדאַרף האָבען אין וועג אַרייַן, למשל ברויט. איך רעד שוין ניט פון אַנדערע שפּייַזען, דאַרע קישקע, געריכערטע צינגער, פידעלעך סערדעלן, — נייַן, איך שמועס פון אַ פּראָסט שטיקעל ברויט, „המוציא לחם מן הארץ“, וואָס אָהן דעם קאָן זיך נישט בעגעהן קיין שום בן אדם, ער זאָל לויפען אפילו אין עק וועלט אַרייַן. אַז עס קומט די צייַט, הערט איהר, ווען דער מאָגען הייבט אָן מאָנען מזונות, מעגט איהר זייַן דער גרעסטער חכם, דער ערשטער פילאָזאָף, וועט איהר זיך נישט אויסדרעהען ביז איהר וועט נישט אָנשטופען, איך בעט איבער אייַער כבוד די נאַרישע קישקע, אָט אַזוי האָט דער אייבערשטער באַשאַפען דאָס מענשעל, — אַ פאַרפאַלענע זאַך. וואָס זאָגט איהר, ניט אַזוי?

הכלל, וואו זשע האַלטען מיר? ביי די צוויי ברידער. זענען זיי געגאַנגען, מאיר און שניאור הייסט עס, אָהן אַ נשמה פון גאַנץ פריה אָן, געגאַנגען, געגאַנגען און אָבגעשטעלט זיך, איבערגעכאַפּט דעם אָטהעם און ווידער גענומען געהן, ווידער אָבגעשטעלט זיך און ווידער געשפּאַנט משוגע'נערווייַז, גלייַך ווי מע וואָלט זיי געיאָגט מי יודע וויפיל גזלנים, אָדער גלייַך ווי זיי וואָלטען מורא געהאַט פאַרשפּעטיגען אַ יריד, אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז... אַרום פאַרנאַכטליך איז דאָס געווען, האָט מען אָנגעהויבען געהן פּאַוואָלי! און אָבגעשטעלט זיך.

אָבגעשטעלט זיך, רופט זיך אָן דער עלטערער צום קלענערען:

— ווייסט וואָס איך וועל דיר זאָגען, משולם?

— דהיינו, וואָס, מאיר?

— דהיינו... איך בין נישט אַזוי מיעד פונ'ם געהען, ווי עס חלש'ט מיר דאָס האַרץ.

— און מיר אויך דאָס נעמליכע.

אַזוי האָבען זיך דורכגעשמועסט די צוויי ברידער און דערזעהען פון הערווייַטען... וואָס מיינט איהר האָבען זיי דערזעהען? אַודאי אַ טייַכעל אַ פליסענדיגס מיט קאַלט וואַסער לויטער ווי קרישטאָל? אָדער פרישע חלה, שמעקענדיגע נאָר וואָס פונ'ם אויווען? אָדער פיש הייסע געפרעגעלטע אין פוטער?

צו אפשר אַ ראָסטעל פליייש מיט קאַרטאָפעל פּאָדפּראַוועט מיט צוריבענעם קנאָבעל וואָס דער ריח זעצט גלייך אין נאָז אַריין? ווייס איך וואָס, עס הייבט זיך גאָר נישט אָן. זיי האָבען דערזעהען אין מיטען פעלד אויף דער הוילער ערד זיצען צוויי קאָזאַקען, פשוטע קאָזאַקען, אָט די וואָס מיט די לאַנגע פּיקעס און מיט קורצע בייטשליך, די נאַגייקעס מיין איך, און מיט די רויטע לאַמפּאַסען אויף די הויזען. געזעסען זענען די קאָזאַקען האַלב-ליגע-דיג אויף דער ערד, אָנגעשפּאַרט אויף די עלענבויגענס, די היטעלעך אויף אַ זייט, די פּאַטלעס רעכט פערקעמט און די גלאַנצענדיגע האָר פערקאַ-קאַטשעט אויף יענער זייט אויהער, און אין אויהער אַ זילבערען אוירינג-געל, דאָס פּנים רויט, שטאַרק פערברענט, די צייהן ווייס ווי מילך, און שטרויעלעך האָבען זיי געהאַלטען אין מויל, און די פערדליך ביי דער זייט שטעהען אַראָבגעלאָזט די קעפּ און שטשיפּען גראָז, און אַ קעסעלע אַנ׳אַיי-זערנעם הענגט אויף דריי פּיסליך איבער אַ פייערל און עס קאָכט זיך עפּיס אין קעסעל, וואָס — ווייסט מען נישט: צי פיש, צי פליייש, צי באָרשט, צי קאַשע, — שלעכט איז דאָס געוויס נישט, — דאָס פיהלט מען נאָך׳ן ריח. ס׳איז נור אַ שאלה, צו ס׳איז כשר...

— ווייסט דו וואָס איך וועל דיר זאָגען, שניאור?

— דהיינו וואָס, מאיר?

— דהיינו... וואָס האָבען מיר אַיינצושטעלען? לאָמיר בעסער צו געהן צו זיי, איידער זיי זאָלען צו געהן צו אונז.

— איך מיין אויך דאָס נעמליכע.

אַזוי האָבען זיך דורכגעשמועסט די צוויי ברידער און האָבען זיך איינגעשטעלט און זענען צוגעגאַנגען צו די קאָזאַקען, מחמת זיי זאָלען נישט געווען צו געהן מיט גוטען, וואָלטען זיי צוגעגאַנגען מיט בייזען, וואָרום ס׳איז גאָר אַ סברה אַז די קאָזאַקען, ווי באַלד זיי האָבען דערזעהען די צוויי יונגען, האָבען זיי זיך אויפגעזעצט פון דער ערד און האָבען אַ ווינק געטהון צו זיי און אַ זאָג געטהון אויף יוניש-יודיש:

— עי, איצקאַ! חיים „אַ קום אַהער".

אַ טאַטעלע, אַ מאַמעלע, אַ האַמענע-אוך.

און עס האָט זיך אָנגעהויבען צווישען ביידע פּאָר, צווישען די צוויי קאָזאַקען הייסט עס און צווישען די צוויי ברידער, אַ מין געשפּרעך, וואָס אַז מען זאָל זיין מיט אַבצועהן קעפּ קאָן מען דאָס ניט איבערגעבען! וואָס משטיינס-געזאָגט, אַז די צוויי יונגים האָט זיך געגליסט רעדען דוקא אויף יודיש און

האבען אזוי געקענט רעדען יודיש, ווי די צוויי ברידער האבען געקאנט יוניש; געוואוסט האבען די צוויי ברידער נאר איין ווארט „סקודעווע" (פון וואנען?) און פאר דעם ווארט האבען זיי מורא געהאט מעהר ווי פאר אלע אנדערע ווערטער, און ווי אויף צו להכעיס איז דאס ווארט „סקודעווע" געוועזן דאס ערשטע ווארט וואס זיי האבען דערהערט פון די קאזאקען. ס'פארשטעהט זיך אז ס'איז געווען פרחה נשמתם, געה דערצעהל דעם קאזאק א מעשה אז זיי לויפען פון א פאגראם! וואס ווייס א קאזאק פון פאגראם?.. האבען זיך אונ־זערע צוויי ברידער מישב געווען און האבען זיך געמאכט תמעוואטע, כלא ידע הייסט. עס גלייך זיי פערשטעהען נישט א ווארט רוסיש, און אנשטאט דעם זיי זאלען זאגען פון וואנען זיי געהען, האבען זיי אנגעוויזען מיט די הענד אויפ'ן אייזערען קעסעלי און אויפ'ן מאכל וואס האט זיך געקאכט, געשלונגען בשעת מעשה די שליי"ה, ווי איינער רעדט: „מיר זענען הונגריג, מיר ווילען עסען, און איהר דולט אונז א קאפ — סקודעווע!..." ווייזען וויזט אוים אז די קאזאקען האבען פערשטאנען, אז די יודען ווילען עסען, האבען זיי אבגע־לייגט דעם „סקודעווע" אויף אנאנדערס מאל און האבען זיך גענומען מקיים זיין די מצוה פון הכנסת-אורחים, נאר אויפ'ן יונישען שטייגער, דהיינו ווי אזוי? תחילת האבען זיי זיך געמאכט אביסעל לוסטיג איבער די יודישע קא־פאטעס מיט די געקרייזעלטע פאה'לעך, נאכדעם האט זיך זיי פארוואלט דוקא אז איינער זאל הייסען איצקא און דער אנדערער חיים, און מע זאל זיי מכבד זיין מיט קאשע, אנהאדעווען מיט חזיר, און מחמת אנהאדעווען א יודען מיט חזיר ווי איך איז ידוע, איז דאך א גרויסע מצוה, לכן איז געבליבען מע זאל זיך מיט די צוויי יודען איינטיילען אויף דערהאלב, דאס הייסט איינער האט גענומען אויף זיך איצקא'ן, דער אנדערער — חיים'ן און מע האט זיך אוועקגעזעצט מיט זיי אויף דער ערד און מע האט זיי אנגעגאסען א שי־סעלע מיט הייסע קאשע גאנץ פעטע, און געגעבען זיי אין די הענד אריין צוויי הילצערנע לעפעל און א קאמאנדעווע געטהון אויף יונישען שטייגער: „יעשטיע ושידי!" אויף אונזער לשון הייסט עס: „ברוכים היושבים, קומט עסען, עסען געזונד"... אזוי איז געוועזן דער פראסטער פשט; דער נוסח אבער פון די ווערטער „יעשטיע ושידי" איז געוועזן אזא מין נוסח, וואס מע האט בעדארפט דערפון פערשטעהען דאס דאזיגע: „ווילסט יא עסען ניט עסען — עסען וועסט דו שוין!" דערצו דארף מען ניט פערגעסען דאס אויך, אז די צוויי ברידער זענען געווען נעבעך טוידט — הונגעריג, ממש מיט יציאת־נשמה. דאס הייסט מען איז אויסגעגאנגען פאר הונגער!

108

און זיי זענען א מינוט געזעסען נישט צו רירהען מיט קיין אבר. חאטש דער ריח פון דער הייסער פעטער קאשע האט געזעצט אין נאז אריין, און דאס הארץ האט געצויגען ווי מיט צוואנגען... א פנים אז די קאזאקען האבען ארויסגעזעהען אז די יהודים זענען ניט פארטיג מיט'ן פסוק, פערשטאנען וואס דא קוועטשט זיי, האבען זיי א קאמאנדעווע געטהון שוין צום לעצטען מאל: „יעשטיע זשידי!" מיט א זא קול, אז עס האט זיך זיי אבגעריסען אין הארצען, און דער עלטערער האט א זאג געטהון צום קלענערען:

— ווייסט דו וואס איך וועל דיר זאגען, שניאור?

— דהיינו וואס, מאיר?

— דהיינו... מע מוז אנהויבען עסען... פקוח נפש.

און מע האט זיך גענומען ארבייטען מיט די לעפעל גאנץ ערנסט, געחאפט די הייסע קאשע ווי ערב־יום־טוב'דיגע לאקשען, געברידהט זיך די ליפען מיט דער צונג און געשלונגען ווי די גענז, נאר פערגעסען בשעת מעשה, אז זיי זענען אורחים און ס'איז ניט רעכט כשר...

איך האב מורא אז זיי האבען געפיהלט אין דער קאשע א טעם גן־עדן, ווארום זייער חאפען מיט זייער שלינגען איז געווען כמעט חוץ לדרך הטבע. אזוי אז די קאזאקען האבען זיך גע'חדוש'ט, אנגעהויבען זיך דורכשמועסען צווישען זיך אויף זייער לשון:

— וואס זאגסט דו, וואנויושא, אויף דיין חיים'ן, ווי ער חאפט דאס אביסעל?

— ניין, פאוולושא, האסט א טעות, חאפען חאפט דיין איצקא.

און די צוויי ברידער האבען זיך געמאכט כלא ידע און האבען געארבייט מיט די לעפעל אויף וואס די וועלט שטעהט.

וואניושא! זאג דיין חיים'ן ער זאל אזוי נישט חאפען, ווארום איך וועל איהם געבען א חאפ, וועט איהם אוועקחאפען דער רוח!

— אנו, פרוב זיך נאר, צורירהען פאוולושא, צו מיין חיים'ן מאך איך פון דיין איצקא'ן א פרעזשעניצע!

און נישט לאנג געטראכט האט פאוולושא ארויסגעריסען ביי וואַניושעס יודען דעם לעפעל און האט איהם דערלאנגט א רוק אין זייט אריין, אז ער האט זיך איבערגעקעהרט דריי מאל. האט דאס וואניושען געוועהנטליך זעהר פערדראסען, זאט ער זיך אויפגעחאפט און האט דערלאנגט פאוולושעס יודען גלייך אין די צעהן אריין אזוי אז פונקען זענען געפלויגען פון די אויגען... האט דאס פאוולושען געוועהנטליך געברענט, האט ער א זייע-

שטעקט וואַניושקעס יודען דריי פלאַם-פייערדיגע פעטש. איז וואַניושקע אויס־געשטאַנען מלא רציחה און האָט זיך אָנגערופען צו פּאַוולושאַ'ן: „דערפאַר וואָס דו שלאָגסט מיין יודען וועל איך דיין יודען מאַכען ברוין און בלוי!"

און וואַניושקע מיט פּאַוולושקע'ן האָבען זיך אָנגענומען די קריוודע פון זייערע יודען און האָבען זיי געהרג'ט געשלאָגען מכות רצח, אַזוי אַז דאָס ביסעל טרפה'ס איז זיי אויסגעפאַלען באָקאָם... אַ גליק וואָס די יודען האָבען זיך געשטויסען נעהמען די פיס אויף די פלייצעס און מאַכען פלטה...

ווי פון אַ בייזען חלום האָבען זיי זיך געלאָזט לויפען אָהן אַנ'אָטהעם, וואו די אויגען טראָגען, מורא געהאַט זיך אַרומקוקען צוריק, טאָמער יאָגט מען זיי...

געלאָפען-געלאָפען האָבען זיי זיך איינגעמידט, אָנגעהויבען געהן פּאַ־וואָלי און האָבען זיך אויף אַ ווייַלע אָבגעשטעלט און צוגעזעצט זיך. צוגע־זעצט זיך, האָבען זיי אָנגעהויבען אַביסעל קומען צו זיך און בעטראַכטען וואָס איז דאָ געוועזען; דריי מאָל אַ פסק: אי פּונים פאָגראָם אַנטלאָפען, אי הזיר געפרעסען, אי קלעפּ געכאַפּט... און מע האָט אָנגעהויבען זיך דורכשמו־עסען צווישען זיך מיט האַלבע ווערטער, ווי געוויינטליך:

— ווייסט דו, וואָס איך וועל דיר זאָגען שניאור?

— דהיינו וואָס, מאיר?

— דהיינו... אַ יוד איז דיר קיין קאַטאָוועס ניט. דאַכט זיך אַ קאָזאַק, און קאָן ניט ליידען אַז מע שלאָגט אַ יודען... אַלע נעהמען זיך אָן אונזער קריוודע. הערסט דו? איטליכער שטעלט זיך איין פאַר אַ יודען.



דער יונגסטער פון די מלכים

דער יונגסטער פון די מלכים

(א מעשה לכבוד פּב

א.

יוזעק!

א גליקליך קינד איז דער יוזעק! אלע האָבען איהם ליעב. איטליכער פּיטשעט איהם, גיט איהם נאָך, קושט איהם, האַלזט איהם.

וואָס איז די מעשה?

יוזעק!

איינע טאַטע-מאַמע בעדאַרפען אַזוי ניט באַלעווען קיין בן יחידל, ווי די צוויי שוועסטער שרה און רבקה באַלעווען דאָס קליינע ברידערל זייערס. יוזעק און יוזעק און יוזעק! יוזעק עס, יוזעק טרינק, יוזעק גיה שלאָפען, יוזעק נאַ דיר אַ צוקערקע, יוזעק מע נייט דיר אַ פּאָר נייע הייזלעך אויף יום-טוב, יוזעק מע וועט דיך שיקען ערב פּסח אין באָד אַריין, יוזעק וועסט פרעגען פסח דעם סדר — יוזעק און יוזעק, ס'איז שוין גמאָס און מאוס צו הערען! איהר נעמט אַ קינד, אַ ברילויאַנטען קינד, און מאַכט פון דעם אַ תל!

אַזוי זאָגען די שכנה'טעס וואָס זיצען מיט די שוועסטער אינאיינעם און אַליין רוקען זיי אונטער יוזעקען אַלע מאָל אַ צוקער-לעקיכיל, אַ שטיקעל שטרודעל, אַ געבראָטען לעבערל, אַביסעל איינגעמאַכטס.

גענומען האָט זיך עס פון רחמנות, פון דעם וואָס אַלע, די גאַנצע וועלט האָט אויף איהם געהאַט רחמנות — געבליבען אַ יתומל!

ב.

ס'איז געווען א יוד. האט ער געהייסען רפאל און איז געווען כל ימיו זיין ארעמאן און דערצו נאך א יאדעשלייווער מיט א מאדנע מוזיקאלישע ברוסט וואס פלעגט שפיעלען, דאס הייסט ביים ארייבציהען און ביים ארויס-לאזען דעם אטהעם פלעגט זיך הערען א מין געזאנג פון א פידעל וואס מע פידרט איבער איהר מיט א ניט קיין אנגעשמירטען סמישיק. און געווען איז דער רפאל א גאנץ ערהרליכער, נאר לאז ער מיר מוחל זיין א שלים-מזל'ניק, דאס הייסט מחמת ער איז געווען זעהר איין ערהרליכער איז ער געווען א שלים-מזל'ניק, אדער פארקעהרט, מחמת ער איז געווען א גרויסער שלים-מזל'ניק איז ער געווען אן ערהרליכער. אויף איהם האט מען געזאגט אין כאזעפעווקע, אז ווען רפאל זאל ניט זיין קיין שלים-מזל'ניק וואלט ער איצטער געהאט א סך געלד.

און ער האט דאס געהאט ביד, ווארום ער איז געווען כל ימיו „נאמן" ביי רב שמחה'לע וויינער אין פאדוואל, און א תוך זיין געהאלט האט ער געקאנט געהן שווערען א שבועה דאורייתא, אז ער האט ניט נתנה געווען קיין פרעמדע פרוטה.

רב שמחה'לע וויינער האט זיך, נישקשה, געקאנט פארלאזען אויף זיין נאמן. ער האט איהם טאקי דערפאר געהאלטען בכבוד, געצאהלט איהם אקוראט די זעקס קארבען א וואך, אמאל אונטער א יום-טוב געשענקט א צעהנ-קערביל'שטיק, פסח ארבע כוסות אומזיסט און פסח'דיגען בראנפען א פלעשיל — פון דעם שמועסט מען ניט. ווי דען? רב שמחה'לע וויינער איז א מענש וואס פערשטעהט דען ניט ווי מע בעדארף שעצען א מענשען? אי רפאל דער נאמן האט בעקומען ביי איהם אין „פאדוואל" פריהער א „רעמאטיז" און נאכדעם האט זיך איהם בעלעגט א קאטאר אויף דער לונג און עס האט איהם אנגעהויבען פייפען איטווייניג און שפיעלען און זינגען — ווער איז שולדיג? געזונד — דאס איז דאך א גאטס זאך. דער געזונדעסטער מענש קאן חלילה געהענדיג שטארבען. אונזערע חכמים האבען שוין לאנג געזאגט דערויף, אז... נאר איהר ווייסט דאך שוין מסתמא וואס אונזערע חכמים האבען דערויף געזאגט.

הקצור רפאל האט אזוי לאנג געפייפט, געשפיעלט און געזונגען, ביז ער האט זיך איין מאל חול-המועד פסח איז דאס געווען, אוועקגעלייגט, בעקומען 40 גראד היץ און איז שוין מעהר ניט אויפגעשטאנען.

ג.

רפאל איז געשטארבען און אי-אי-אי! וואס פאר א לויה ער האט געהאט! רב שמחה'לע האט איינגעלייגט די וועלט! ער האט איהם אליין ארויסגעטראגען אויף דער מטה פון שטוב, אליין געהאלפען טראגען מיט זיינע פלייצעס, אליין נאכגעגאנגען ביז'ן הייליגען ארט, אליין געזעהען מע זאל איהם געבען א שען ארט, אליין אכטונג געגעבען ווי מע גראבט די קרקע, אליין געגעבען דעם ערשטען קלאפ מיט דער לאפעטע און בשעת דאס קינד — יוזעק — האט געזאגט אינאיינעם מיט עוזר דעם שמש דעם ערשטען קדיש אויפ'ן פאטער'ס קבר, האט רב שמחה'לי געוויינט, סטייטש געוויינט!

— וואס ווייסט איהר! וואס ווייסט איהר! האט ער נאכדעם געזאגט איטלי-כען בעזונדער — ס'איז ביי מיר אזא היזק, אזא היזק, וואס איז גאר אין לשער!

און צו דער אלמנה האט ער געזאגט:

— וויין ניט, איך וועל דיך מיט דיינע יתומים מסתמא נישט פארלאזען, פריהער גאט, נאכדעם איך...

און רב שמחה'לע האט געהאלטען ווארט ווי ווייט ער האט געקאנט, דאס הייסט די ערשטע עטליכע וואכען האט ער געצאהלט דער אלמנה די זעלבע שכירות וואס רפאל פלעגט נעמען. אמת זי האט בעדארפט נאך דעם געהן אלע וואך און ניט איין מאל נאר עטליכע מאל, און דאס איז געווען פאר איהר עפיס ניט אזוי אנגענעהם; נאר איך בעט אייך, וואס האט איהר געוואלט? מע זאל איהר אבשיקען אהיים? דאכט זיך מע איז נענוג יוצא, אז מע צאהלט א מענשען שכירות נאכ'ן טוידט!

— איהר געהט צו מיר מאנען געלד — האט ער צו איהר אמאל א זאג געטהון — גלייך ווי עס קומט אייך טאקי, גלייך ווי איהר האט עפיס איינגעלייגט ביי מיר א חלק אין פאדוואל...

יענעם טאג האט די אלמנה מעהר געוויינט ווי בשעת רפאל איז געלעגען אויף דער ערד, און אז איהרע צוויי טעכטער, שרה און רבקה, זענען געווארען געוואהר דעם סוד וואס די מאמע וויינט, האבען זיי זיך בעשווארען זי זאל שוין מעהר אהינצו נישט געהן.

— וואס זשע וועלען מיר טהון?

— דאס וואס אלע טהוען: מיר וועלען געהן דיענען, מיר וועלען וואשען גרעט, מיר וועלען נייען אויף דער מאשין.

נייען אויף דער מאשין איז שוין איצט אין מאזעפעווקע א שטיקעל ענין. מע קאן שוין פארדיענען די צוויי גילדען א טאג, אבי מע זאל גאר וועלען

זיצען איבער דער מאשינ אזוינע זעכצען זיבעצען שעה אין מעת-לעת, און מיט ארבייט איז אויך קיין דאגה נישט, מע קריגט; אז ניט קיין קליידליך איז ליפען, אז ניט קיין ליפען איז העמדער, אז ניט קיין העמדער, איז נאז-טיכלעך אונטערהאקען. שלעכט איז נאר וואס מע דארף האבען א מאשינע, צוויי מאשינעס!

אמת, מע גיעט מאשינעס אויף אויסצאהלען. וואו זשע נעהמט מען די ערשטע עטליכע קערבלעך?

— געהט זיך דורך צו אייער נגיד — האבען די שכנים געגעבען אנעצה ־ער אלמנה — זאגט איהם אזוי און אזוי, זיי וועלען איהם אפארבייטען.

ד.

ס'איז גרינג צו זאגען: געה צום נגיד! נאר וואס טהוט ניט א יוד צוליעב פרנסה? די אלמנה איז דורכגעגאנגען צו רב שמחה'לע ווייגער, געטראפען איהם אין דער בעסטער צייט, סאמע נאכ'ן עסען. איהר ווייסט, אז איהר דארפט צ עמיצען אנקומען מיט א טובה, זאלט איהר טשאטעווען נאר נאכ'ן עסען. נאכ'ן עסען איז דער ערגסטער מענש ווייכער ווי פאר'ן עסען; פאר'ן עסען איז א מענש — א חיה.

— וואס ווילסט דו זאגען עפיס גוטס?

די אלמנה האט איהם אנידערגעלעגט א צעטיל, אזוי און אזוי — מא-שינעס.

רב שמחה'לע האט אויסגעהערט מיט קאפ די גאנצע צייט, געקאלופעט די ציינער, געוועזן רויט, אביסעל געשוויצט און עטוואס געדרימעלט דאס הייסט חלילה ניט געשלאפען, נאר געדרימעלט, געקוקט אויף איהר נאר מיט איין האלב אויג, בשעת מעשה געקלערט אביסעל וועגען געשעפט און אביסעל וועגען עניני המאגען. רב שמחה'לע איז אביסעל א פולער, אביסעל צו פעטליך, האבען איהם די דאקטוירים געהייסען עסען מעהר פלייש און וויניגער מעהל-שפייז, און רב שמחה'לע האט דוקא ליעב מעהלשפייז, ברויט, לאקשען קוגעליך וכדומה אזעלכע זאכען וואס ווערען געמאכט פון מעהל. ער ווייסט אז מע שאדט איהם, נאר אז ער זעהט דאס עסט ער, און אז ער עסט אפ האט ער חרטה...

— איז וואס זשע מאכסט דו הייסט דאס? — רופט ער זיך אן צו דער

אלמנה בשעת יענע ווערד אנשוויגען און ער הערט אויף צו דרימלען, קוקט אויף איהר מיט אנדערהאלבען אויגען.

— וואס זאל איך מאכען? — ענטפערט איהם די אלמנה — איהר הערט ראך שוין וואס איך מאך; אויף אלע שונאים! איז ווען איך האב איצט אויף א מאשינע, אויף צוויי מאשינעס, חאטש איין מאשינע...

— וואסער מאשינע? — מאכט ער צו איהר פארוואונדערט און קוקט אויף איהר שוין מיט ביידע אויגען.

— איך האב דאך אייך דערצעהלט, אז מיינע טעכטער ווילען זיך פאר־נעהמען מיט נייען, ווערען נייטורענס, נייען אויף דער מאשינע, איז ניטא קיין מאשינע, צוויי מאשינעס דארפען זיי האבען, מע גיט אויף אויסצאהלען.

— דאס איז א גוטע זאך, זעהר א גלייכע זאך נייטורענס, נייען, פארדינען מהיכתיתי, זעהר גלייך!

נאר תוך כדי דבור פליהט איהם דורך א מחשבה: „וואס איז די מעשה וואס ס'איז מיר אזוי אנגעפאלט דער מאגען? איך האב דאכט מיר היינט גאר אזוי פיעל ניט געגעסען!“ און איין אויג הייבט ביי איהם אן ווערען קלענער, נאר מחמת די אלמנה ווערד אנשוויגען, חאפט ער זיך אויף און רעדט ווייטער צו איהר:

— נו, זעהר פיין, נייען, מהכתיתי, פאר וואס ניט?

— האב איך אייך געוואלט בעטען, רב שמחהלי, איהר האט שוין אזוי פיעל געטהון פון אונזערטוועגען, טאמער וואלט געווען א סברה, אז...

רב שמחהלע דערהערט אז סע שמעקט מיט א בקשה, א גמילת חסד, געלד מסתמא, חאפט ער זיך אויף.

— אז וואס?

— אז איהר זאלט אויסלייהען דאס ערשטע געלד וואס מע בעדארף אויף די מאשינעס.

— וואסערע מאשינעס?

— אט די וואס איך זאג אייך, צוויי מאשינעס פון מיינע טעכטערס וועגען, חאטש איין מאשינע.

— ווי קומט צו מיר מאשינעס? וואס פאר א מחותן בין איך מיט מא־שינעס?

— געלד! — זאגט די אלמנה — מאשינעס וועלען זיי אליין קויפען, מע גיט מאשינעס אויף אויסצאהלען, למשל איך צאהל איין איצט א פיפציגער, און שפעטער מיט דריי חדשים א פינפאונצוואנציגער, און שפעטער...

— איך ווייס, איך ווייס, דו בעדארפסט מיר ניט דערצעהלען. איך קאן בעשטעהן זיי זאלען זיך בעגעהן אהן מאשינעס. נא דיר גאר מאשינעס!

— ווי אזוי זשע וועלען זיי נייען? מיט די הענד קאן מען אזוי פיעל ניט אננייען; אלע נייטורינס האבען היינט מאשינעס.

— ווילסט זיי מאכען פאר נייטורינס? אז אך און וועה די יאהר! דיין מאן זאל איצט אויפשטעהן און דערהערען, אז דו ווילסט מאכען פון דיינע קינדער נייטורינס, וואלט ער נאך אמאל געשטארבען. דו ווייסט? דיין רפאל איז געוועזען אנעהרליכער, א כשר'ער ייד. אזעלכע ווי רפאל איז נישטא! רפאל זאל הערען נייטורינס וואלט ער דאס ניט אויסגעהאלטען! ער וואלט זיך איך ווייס אליין ניט וואס!

רב שמחה'לע רעדט מיט הארץ, ער מיינט דאס ערנסט, און וואס ווייטער דערכערט זיך ביי איהם דאס קול.

— נייטורינס? העע! א שעהנע עובדא פאר א יודיש מיידעל! העע! מיר ווייכען, וואס הייסט א נייטורין! און נאך ביי יודען! העע! רפאל'ס טעכטער נייטורינ'ס! און וואו בין איך? דו ווייסט, אז דיין רפאל איז ביי מיר אויסגעוואקסען, איך האב איהם געמאכט פאר א מענשען, פריהער גאט נאכדעם איך. און ווער האט איהם תתונה געמאכט אז ניט איך? העע! ווילסט דו אז איך זאל דערלאזען אזעלכס? חס וחלילה! וואס בין איך עפיס? א שטיין? א ביין? א שייט האלץ? העע!

די אלמנה מיט דעם וואס זי איז געקומען מיט דעם איז זי אוועקגעגאנגען.

אוועקגעגאנגען און זיך געגעבען דאס הייליגע ווארט, געשווארען זיך מיט די הארבסטע שבועות; אניט זאל זי ניט דערלעבען איהרע קינדער מגדל זיין, אז מעהר זאל איהר פוס ניט זיין ביי רב שמחה'לען אין שטוב — בעסער געהן דיענען!

ה.

נאר ס'איז גרינג אויסצורעדען „געהן דיענען!" רפאל דעם נאמנ'ס ווייב. א בעל-הבית'טע גלייך מיט אלע מאזעפעווקער בעל-הבית'טעס וועט זיך שטעלען דיענען; שטעהן ביי א פרעמדען אויבען? זיצען ביי א פרעמדען טיש? איידער אזא לעבען איז שוין גלייכער שטארבען! און די אלמנה האט געבעטען אויף זיך דעם טוידט! און דאס מאל האט נאט, דער גרויסער אלמעכטיגער גאט, דער וואס איז אנ'אבי יתומים און א דיין אלמנות, דוקא דערבארעמט

זיך אויף דער אָרעמער אַלמנה און האָט זי ניט געלאָזט לאַנג אַרומדרעהען אויף דער וועלט, איהר צוגעשיקט אַ גרינגען טויט, אַ מין געשווילעכטס אַזעלכס אינעווייניג, געמוטשעט זיך און גוט, געמוטשעט זיך סך הכל אַ חדשים דריט־האַלבען און אַוועקגעשטאָרבען, און נהאַלט האָט זיך בעדאַרפט טרעפען אַזוי אַז כ'איז אין מאַזעפּוקע אין דער צייט אַהוץ קליינע קינדער קיינער נישט געשטאָרבען, האָט מען די אַלמנה בעהאַלטען ניט וויט פון איהר מאַן, כמעט אַ קבר נעבען אַ קבר — באַשערט געווען אַגליק! — און יוזעק האָט שוין פאַר איינם געזאָגט קדיש אי נאָכ'ן טאַטען אי נאָך דער מאַמע — און פון דעמאָלט אָן איז דאָס יוזעק געוואָרען אַזוי בעליעבט און טהייער ביי אַלע שכנים און ביי אַלע שכנות און ביי אַלע די וואָס האָבען איהם געהערט זאָגען קדיש אין בית המדרש שטעהענדיג אויף אַ באַנק און הערענדיג איהם קוויטשען אויף זיין קינדערש קולכעל „יתגדל ויתקדש...“ איטליכער, ווער עס האָט געזעהען דאָס דאָזיגע קליינע יונגעל מיט'ן קיילעכדיגען היטעלי מיט די שוואַרצע אויגעליך און מיט די רויטע בעקליך שטעהן אויף דער באַנק אין בית המדרש און געהערט איהם זינגען דעם „יתגדל ויתקדש“, איז געבליבען שטעהן אויגע־קאָוועט, געזיפצט און פערטיעפט אין געדאַנקען נישט קיין ליכטיגע, אין מחשבות נישט קיין פרעהליכע, וואָרום איטליכער מענש קאָן חלילה שטאַרבען, איט־ליכער מענש האָט קליינע קינדער, וואָס קאָנען חס ושלום בלייבען יתומים, מע זאָל בעהיט און בעוואָרענט ווערען! און מע רוקט אונטער דעם קליינעם יתומ'יל ווער אַ קאָפּיקע און ווער אַנ'עפּיל, אַביסעל פאַר רחמנות און אַביסעל פאַר „צדקה תציל ממות“...

דעם אמת דאַרף מען זאָגען, אַז יוזעק איז טאַקי געווען אַ געראָטען קינד מיט אַזאַ מין פּנימ'ל, וואָס סע בעט זיך: „האָב מיך ליעב“, אונדערצו האָט ער געהאַט אַ גוט קעפּעל און איז געווען אין דער מאַזעפּעווקער תלמוד תורה דאָס בעסטע יונגעל; נח דער מלמד האָט זיך גאָר ניט געקאָנט אָנלויבען פון איהם, און די גאַנצע שטאָדט האָט מיט איהם געקלונגען.

— עפּיס לויבט מען זעהר רפאל דעם נאמנ'ס זוהנדיל.

— יוזעק'ן? מע זאָגט ס'וועט עפּיס זיין גאָר איין חריפות אין דער וועלט!

— און וואו דאַרף זיך פערוואַלגערען אַזאַ איין אַנטיקעל? צווישען אָרעמע לייט אויפ'ן מיסט!

— תמיד אַזוי. ווער לעבט? דער אַלטער משה אהרון אָהן הענט און אָהן פיס, ווער שטאַרבט? רב שמואל'עס איידים אַ פרישער אַ געזונדער,

אַ טאַטע פון קינדער און אַ יונגערמאַן מיט געלד נעמט ער און שטאַרבט אַוועק!

— אידר זאָגט רב שמחה׳לעס איידעם? למאי פייסע דעם נגיד׳ס שנור?

— וואָס מאַכט זי?

— זי מאַכט! מע האָט שוין דריי מאָל אַראָפּגעבראַכט דעם פּראָפעסאָר פון יעהופּעץ.

— אַזוי? איך זאָל עס פערמאָגען וואָס ס׳וועט קאָסטען חאָטש האַלב, רבונו של עולם!

— ס׳איז אַוודאַי אַ וועלט!

— אַ וועלט מיט וועלטעליך!

אַזוי שמועסט מען זיך דורך אין מאַזעפּעווקע און מע קריטיקירט די אַרבייט פונ׳ם רבונו של עולם אויף וואָס די וועלט שטעהט: וועמען גאָט גיט יאָהרען און וועמען ניט! וועמען גאָט גיט געלד און וועמען קדחת! וועמען נאָט גיט געראָטענע קינדער און וועמען דער רוח ווייסט וואָס!.. קיינעם קומט ניט אויף די געדאַנקען זיך פערטראַכטען, פון וואַנען לעבען די דאָזיגע געראָטענע קינדער? וואָס עסען זיי? ווער קליידט זיי? צי פריהרען זיי ניט אוים אין די לאַנגע ווינטערנעכט אין די קאַלטע קעלערס? צי וואַקסען זיי ניט אויס קיין קאַליקעס, הייקערס, פאַרטיגע אָרעמע לייט, איבעריגע אומגליקליכע נפשות אויף דער וועלט?..

אַ גליק וואָס די שוועסטער שרה און רבקה האָבען זיך דערשלאָגען צו אַ מאַשינע, און דאָס האָבען זיי צו פערדאַנקען זייערע דריי שכנה׳טעס בתיה די רופא׳טע פעסע די שמש׳טע און סאָסע די טענדלערקע, וואָס זיצען מיט זיי אונטער איין דאַך. זיי האָבען זיך צונויפגעלייגט אַלע דריי און האָבען אויסגע-ליהען די ערשטע עטליכע קערבליך און דאָס איבעריגע אויף אויסצאָהלען און ס׳איז געוואָרען אַ מאַשינע, און וואָס איז דער חדוש? מען איז דאָך לעבעדיגע מענשען, וואָס דען זאָלען טהון צוויי מיידליך שוין דערוואַכסענע מיט אַ קליין יונגעל אַ יתומ׳ל אויף די הענד? אַ שלאַנג, זאָגט מען האָט אויך רחמנות אויף די קליינע שלייַנגעליך, ובפרט אַ מענש!

איין חסרון נאָר וואָס די מאַשינע קלאַפּט אין קאָפּ אַריין אַ גאַנץ טאָג מיט אַ גאַנצער נאַכט, וואָרום אַרבייט איז דאַנקען גאָט פאַראַן און ביידע שוועס-טער נייען אויף דער מאַשינע, מע בייט זיך מיט דער אַרבייט און מע „נעמט זיך איבער די הענט“, דאָס הייסט בשעת איין שוועסטער נייט אויף דער מאַ-שינע הייצט די אַנדערע אַיין דעם אויבען און פאַרקעהרט, בשעת איינע שטעלט

דעם װארמעס נײט די אנדערע אויף דער מאשינע, און די מאשינע הערט ניט אויף צו קלאפען און די שכנה׳טעס האלטען זיך ביים קאפ און הערען ניט אויף צו װארטשען שטילערהייד:

— נא דיר א גראגער!..

ו.

גאט איז אבער א גוטער גאט; ער שיקט צו די רפואה פאר דער מכה. די רפואה איז געװען יוזעק. אין יעדער שטוב מאכט זיך אז ס׳איז װיסט און פינסטער, די צייט איז שלעכט, די געשעפטען געהען ניט, ס׳איז ביטער אויפ׳ן הארצען, װערד געבאהרען א קליין װעװעריקעל און די גאנצע שטוב בײט זיך איבער. תחלת שרײט דאס קליינע װעװעריקל, קװיטשעט, רײסט זיך אויפ׳ן בײכעל, לאזט ניט שלאפען קײנעם, נאר אט איז דאס װעװעריקיל אביסעל אונטערגעװאכסען, עס הערט אויף צו שרײען, עס עפענט אויף די אייגעליך און סע קוקט, װי א זינדיגער מענש, — זעהט נור װי סע קוקט מיט אויגען, אנאו פיצעלע... אנאו ברעקעלע!״ און דאס װעװעריקיל עפענט אויף דאס מײלעכיל שטעלט ארויס דאס ציגגעל, און סע הויבט אן צו לאכען, און עס װערד ליכטיג אלעמען אין די אויגען, — זעהט נאר, זעהט, סע לאכט איך זאל אזוי זײן געזונד סע לאכט!... א גדולה, א שמחה, א פרייד אויף דער נשמה! די גאנצע שטוב איז פול מיט דעם, איטליכער טראגט זיך מיט דעם ארום, מע פארגעסט אן די צרות, דאס ביטערקײט פונ׳ם לעבען װערד פערצוקערט, ס׳איז נאר א חיות און געננוג!

דאס אײגענע איז געװען מיט אונזער יוזעקען. יוזעק איז געװען דאס ליבע װעװעריקיל, װאס אלע האבען איהם ליב געהאט און ארומגעטראגען זיך מיט איהם, און אז ס׳איז געקומען ערב פסח האט מען איהם אויסגעקליידט בגדי מלכות, אנגענומען א קאפאטקעלע מיט הײזעליך אויף שלײקעס, אויפגענייט א פאר שטיװעלעך און געקויפט א נײ היטעלע, צוגעזאגט איהם שענקען ניסליך און בעצייטענס איהם געמאכט א סקאװערעדע לאטקעס פון מצה מעהל, איהם קאליע געמאכט דעם מאגען און שיער ניט איבערגעפעקעלט איהם אויף יענער װעלט.

— װער בעט אייך איהר זאלט איהם האדעװען מיט דער שװארץ יאהר מײסט װאס? האבען די שװעסטער געשריגען אויף די שכנה׳טעס.

— שאַ, שאַ, קוק זי אָן אַביסעל! מע האָט געגעבען דעם קינד אַ לאַטקע מיט שמאַלץ, וואָס סע טהוט זיך דאָ!

אַזוי האָבען די שכנה'טעס פאַרענטפערט זיך און בתיה די רופאַ'טע האָט געטהאָן אַלסדינג וואָס זי האָט געקאָנט און האָט אָפגעראַטעוועט דאָס קינד, און ס'איז געקומען ערב פסח האָט מען יוזעק'ן מיטגעגעבען אַ העמד מיט דריי גראָשען און אָפגעשיקט איהם אין באָד אַריין, און אַז ער איז גע־קומען פון באָד, האָט מען איהם אָנגעטהון די נייע מלבושים'ליך, און ער האָט געשיינט ווי די זון

— אַ קייזערליך קינד! — האָבען זיי געזאָגט איינס צום אַנדערען.

— קיין עין הרע ניט, קיין בייז אויג זאָל איהם ניט שאַדען!

און יוזעק האָט גענומען דאָס סדור'ל און איז געגאַנגען אין שול אַריין דאַוונען, געזאָגט קדיש און געקומען אַהיים מיט אַ ברייטען גוט יום טוב און געטראָפען דעם טיש גרייט מיט מצות, מיט אַ פלעשיל ראָזינקעס וויין, מיט מרור, חרוסת, קאַרטאָפלים און זאַלץ וואַסער — אַלסדינג איז געווען, אַלץ וואָס מע בעדאַרף, נאָר איין זאַך האָט געפעהלט: ס'איז נישט געווען ווער ס'זאָל אָפּרעכטען דעם סדר.

נישט געווען קיין מלך!

ח.

אַלע דריי שכנה'טעס זענען געווען אַלמנות, דאָס הייסט צוויי זענען געווען אַלמנות און איינע אַ גרושה. קיין קינדער האָבען זיי אויך ניט געהאַט, דאָס הייסט זיי האָבען געהאַט קינדער, נאָר נישט ביי זיך, אין דער פרעמד זענען זיי געווען, צווייט און צושפרייט איבער דער גאַרער וועלט: ווער — אַ בעל־מלאכה, און ווער — אין אַ קלייט, און ווער פערוואָרפען אינ'ם ווייטען־ווייטען אַמעריקאַ. זייער מזל, אָדער זייער שלים־מזל האָט צונויפגעטריבען די דאָ־זיגע דריי ווייבער אין איין שטוב, ביי בתיה די רופאַ'טע, וואָס זי איז גע־ווען די בעל־הבית'טע און זי איז געווען צווישען זיי די נגידית.

געזעסען אַלע דריי אונטער איין דאַך, געשטאַנען ביי איין אויבען, גע־באַקען ברויט פון איין באַקדייזשע, געבענטשט חלה פון איין מולטער, האָט זיך יעדע פון זיי געהאַט איהר בעזונדערען טיש, וואָרום ס'איז שווער אַז דריי ווייבער זאָלען קאָנען הויזען, אויסקומען צווישען זיך. אויב איהר זעהט היינטמאָדישע ראַמען לעבען פריינדליך, קושען זיך בשעת מע קומט איינס

צו דאָס אַנדערע אויף אַ זשורפיקס זיצען אינאיינעם און קנאַקען ניסליך, זאָל איך קיין חדוש ניט זיין ס'איז נאָר דערפאַר וואָס מע זיצט ניט אונטער איין דאַך און מע שטעהט ניט ביי איין אויבען און מע באַקט ניט פון איין באַקדיזשע און מע רעשטשינעט ניט פון איין מולטער.

צווישען די 360 טעג, וואָס ס'איז פאַראַן אין יאָהר האָבען זיך אונזערע ווייבער אַמאָל 300 געקריגט; נאָר איך ווייס ניט וואָס ווערד ביי אייך אָנגערופען געקריגט? מע האָט חלילה איינס ביי דאָס אַנדערע ניט צוגענומען גאָרניט, חלילה נישט בעליידיגט, ניט אָנגערידהרט אין כבוד, נאָר גלאַט דריי כאַראַקטערען קענען זיך ניט אויסגלייכען. למשל פעסי די שמש'טע האָט ליעב פאַרשאַרען דאָס גאַנצע פייער אין אויבען און פאַרשטעלען מיט דער זאַסלינקע וואָס קומט איהר דערפאַר? האָט אָבער סאָסי די מעגדלערקע אַ טבע צו שטעלען אַלע אין דערפריה אַ קריגעל ציקאָריע אויפ'ן פריפעטשאָק. איז דאַכט מיר אויך ניט קיין עולה; זי וועט דאָך ניט קריכען מיט איהר קריגעל ציקאָריע צווישען די פליישיגע טעפליך! זאָגט אָבער פעסי די שמש'טע, אַז ס'איז ניט כדאי אַז איבער אַ קריגעל ציקאָריע זאָל כפרה ווערען די חלה אין אויבען. זאָגט סאָסי די מעגדלערקע: לאָזען איהרע שונאים זיין די כפרה! זאָגט איהר פעסי די שמש'טע, אַז זי האָט אַפנים היבשליך שונאים? זאָגט סאָסי די מעגדלערקע: ניט צו פאַרזינדיגען, איך האָב זיי גענוג, מע זאָל זיי געהעכט זייען און זאָלען שיטער אויפגעהן. זאָגט איהר פעסי די שמש'טע: פון ווען אָן זענט איהר דאָס געוואָרען אַזוי באַרעדעוודיג? זאָגט איהר סאָסי די מעגדלערקע: פון זינט איך האָב מיך באַוועצט אינ'ם דאָזיגען וויסטעניש, האָב איך בעקומען שונאים ווי די הינט! רופט זיך אָן בתיה די רופא'טע, די בעל-הבית'טע פון דער שטוב, וואָס שטעהט בשעת מעשה ביי דער זייט פערלייגט די פאַטשיילע אונטער די אויהרען מיט אַ קאַטשעלקע אין די הענט און קאַטשעט אַ בלאַט לאָקשען אויף שבת: „איך ווייס ניט וואָס איז אייך דאָ אַזוי וויסט? די סך דירה געלדען וואָס איהר צאָהלט זיך אָן? זאָגט צו איהר סאָסי די מעגדלערקע: „גוט איז אייך אַז איהר זענט אַ נגידית'טע און האָט קיין עין הרע אַ סך געלד! זאָגט צו איהר בתיה די רופא'טע: וואָס געהט אייך אָן צי אַ סך צי ניט קיין סך? ביי אייך האָב איך ניט צוגענומען גאָרניט? זאָגט צו איהר סאָסי די מעגדלערקע: וואָס האָט איהר ביי מיר צו נעהמען? דעם דלות? נעהמט אייך איהם! זאָגט איהר בתיה די רופאַטע: „האַלט זיך מיט איהם געזונדערהייד!..“ רופט זיך אָפּ פעסי די שמש'טע: „פון דלות איז קיינער ניט בעוואָהרענט! מע האָט שוין געזעהען פיינע ברידים מיט אייגענע

הייזער ליגען פון דעסטוועגע גוט אין דער ערד!.." „און באקען בייגעל"... העלפט איהר אונטער סאסי די טענדלערקע, ווערט בתיה די רופא'טע אין כעס און פאלט אן אויף סאסי די טענדלערקע, שטעלט זיך איין פאר איהר פעס: די שמש'טע, ווערט א גערודערייא צווישען אלע דריי ווייבער, א מישמאש, א צונויפגיסעניש פון ווערטער, רייד און משלים: „געזעהען אביסעל א מליץ יושר'טע!.." „געפעהלט אייך א השגה פון א יודענע!.." „געפעהלט אייך ניט ווערט איהר מיט מיר קיין שדוך ניט טהון..." „מע זוכט א שער רופט זיך אפ דאס אויבערשטע פון שטייסיל!.." „א משל קאבאק!.." „אויך מיר א נגידית'טע איבער א קאטשערע מיט א לאפעטע"... „לאז זיין שטיל פיסקאטע, ווארום סע קען פליהען א קאטשערע אין קאפ אריין"... „איך וויים ניט ווענען, איהר זענט בילכער..." „נא זשע דיר טאקי!.." „נא דיר!.." „נאט אייך ביידע!.."

איהר מיינט וואס איז דאס געווען? פעטש? חס וחלילה! — פייגען-פייגען פון צוויי צונויפגעדרעהטע פינגער, אינמיטען א דריטער, און גלייך אין נאז אריין.

—

ט.

האט קיין פאראיבעל ניט וואס איך וועל אייך זאגען: איך האב מורא, אז ווען חלילה מע שפאנט צונויף דריי היינטמאדישע דאמען און מע קוועטשט זיי צונויף אלע אינאיינעם אונטער איין דאך ווי מע האט צונויפגעקוועטשט אונזערע דריי ווייבער, בין איך אייך ניט ערב וואס דערפון וואלט ארויס; עס קאן זיין עס וואלט ניט ארוים גארניט, און עס קאן זיין אז עס וואלט געוועזען מאוס, נאך מאוס'ער ווי ביי מיינע דריי שכנה'טעס... איך מיין חלילה דערמיט קיינעם ניט בעליידיגען; נאר גלאט, מע רעדט רעדט מען.

איך קעהר מיך אום צוריק צו מיינע ווייבער נאך אלע מחלוקתין מיט די מאוס'ע „קאנפליקטען" וואס צווישען זיי פלעגט פארקומען, איז מען זיך קיין שונאים חם ושלום ניט געווען, ווארום וואס איינעגטליך האט מען געהאט איינס צו דאס אנדערע? חלילה אפגענומען פרנסה? אט האט מען זיך געקריגט און אט האט מען זיך איבערגעבעטען. און ווער שמועסט אז ס'איז געקומען פסח איז מען גאר געווארען שלום, אחדות, נפש אחת, ווארום אלע דריי האבען געבאקען מצות אין איין טאג, אלע האבען געשטעלט איין די שקעלע בארשט, אלע האבען געהאנדעלט איין מציאה א זעקיל קארטאפליעס און אלע האבען זיך געזעצט צום סדר ביי איין טיש, טאקי ביי דער בעל-הבית'טע,

בײַ בתיה די רופֿאשע, אינאײנעם מיט איהר געהויבען די שיסעל, איהר נאָכ־געזאָגט שטילערהײד וואָרט בײַ וואָרט די הגדה, וואָס בתיה האָט געלײענט אויף עברי־טײַטש פֿון אַ גראָבען סדור.

נאָר דאָס איז אָבער געווען אַמאָל, בשעת בתיה דער רופֿאשעס מאַן, ישׂראל דער רופֿא, האָט נאָך געלעבט, פֿלעגט ער אָפּרעכטען דעם סדר. נאָכ־דעם אַז ישׂראל דער רופֿא איז געשטאָרבען האָט אײנער פֿון די שכנה׳טעס זיהן, געפּראַוועט דעם סדר. איצט אַז אַלע האָבען זיך צופֿאָהרען דער אַהער און דער אַהין, און אין דער גאַנצער שטוב איז געבליבען אײן מאַנסביל יוזעק, איז געוואָרען צווישען די ווײַבער אַ רײד, אפשר וואָלט געווען אַ סברה, אַז יוזעק זאָל הײַנטיגס יאָהר אָפּריכטען דעם סדר? יוזעק איז אַ יונגעל וואָס לערענט שוין חומש, און עברי זאָגט ער ווי אַ וואַסער, פֿאַר וואָס זאָל ער ניט זײַן דער מאַנסביל, דער מלך?

— יוזעק, ווילסט זײַן אַ מלך?

— אַ מלך? פֿאַר וואָס ניט? ווער זאָגט זיך עס אָפּ פֿון מלוכה?

— אַז אַזוי און ווער איז צו דער מלוכה, אַז יוזעק איז דער מלך!—

אַזוי האָבען געזאָגט די דרײַ ווײַבער מיט די צווײ שוועסטער און האָבען איהם אויסגעבעטט זעהר אַ שײנע „עסע בעט“, אַרומגעלעגט מיט קישענס, און יוזעק אַז ער איז געקומען פֿון שול מיט׳ן ברײטען גוט יום טוב האָט ער זיך געזעצט [illegible] כסא מלכות, אין די נײַע יום־טוב׳דיגע בגדים׳ליך, ווי אַני־אמתדיגער מלך.

י.

זײַ זאַכען: געגעצען, לאַכען און וויינען — דאָס זענען פֿון די ענינים וועם מע נעמט זיך אָן אײנער פֿונ׳ם אַנדערען. — געגעצען, לאַכען און וויינען איז ניט בײַ אונז אין די הענד.

בײַם סדר וואָס מיר בעשרײַבען אַצונד, סאַמע צום רעכטען שפּיץ, בשעת דער יונגסטער פֿון די מלכים, יוזעק דער יתום, האָט נאָך דעם ברײטען „לפיכך“ מיט׳ן שײנעם „הלל“ אויפֿגעהויבען דעם צווײטען כוס און אָנגעהויבען זאָגען דעם הריני רוצה לקיים מצות כוס שני של אַרבע כוסות און געוואָלט צוטראָגען דאָס גלעזעל צום מויל, האָט זיך געלאָזט הערען צווישען די ווײַבער אַ יאָמערליך געוויין, ווי מע באַווײנט אַ טויטען.

ווי אַזוי דאָס האָט זיך געטראָפען ווער פון זיי האָט פריהער אָנגעהויבען וויינען, איז שווער צו וויסען. בשעת יוזעק האָט אָפּגעמאַכט דעם קדוש און אָנגעהויבען צו זינגען דעם עבדים היינו, האָט איינע פון די צוויי שוועסטער זיך דערמאָהנט, אַז פאַראַיאָהרען אין דער צייט זענען זיי אויך געזעסען ביים סדר; נאָר ס'איז געווען אַן אַנדער סדר. דער טאַטע האָט געלעבט, און די מאַמע האָט געלעבט, און זיי, די צוויי שוועסטער, האָט מען אויפגענייט אויף פּסח נייע קליידליך, זיך גאָר נישט גערעכט, אַז זיי וועלען איצטער בעדאַרפען זיצען ביי אַ פרעמדען טיש מיט פרעמדע ווייבער און יוזעק וועט זיי אָפּרעכטען דעם סדר... און ביי איינער פון די צוויי שוועסטער האָט אָנגעהויבען פינטלען אַנ'אויג, אונטערציטערן די אונטערשטע ליפּ, און אויף איהר קוקענדיג האָט זיך ביי דער אַנדערער שוועסטער אָנגעהויבען לאָזען אַ טרעהר נאָך אַ טרעהר, און אויף זיי קוקענדיג האָט זיך איינע פון די דריי שכנה'טעס דערמאַנט אויך אָן זייער אומגליק, אַז נטע דער שמש, איהר מאַן הייסט דאָס, האָט געלעבט איז איהר געווען גוט ווי די וועלט, דאָס הייסט גוט איז איהר קיינמאָל נישט געווען, נאָר בעסער ווי איצטער אַוודאי, אַז זי בעדאַרף זיין אַ פיד'שמש'טע, ווארום עוזר דער שמש וואָס איז פריהער געווען ביי נטע דעם שמש אַ פיד'שמש, איז היינט געהויבט געוואָרען, אַרויף נאָך איהר נטע'ס טויט, פון פיד'שמש אויף שמש, און זיין ווייב גנעסי איז געוואָרען אַזוי גרויס, טאַטעניו, אַז מע קאָן שוין גאָר צו איהר ניט צוטרעטען!..

אַזוי האָט זיך געטראַכט פעסי די שמש'טע און האָט געמאַכט בשעת מעשה אַזאַ קרום פנים, אַז סאָסי די טענדלערקע האָט בעדאַרפט זיין שטאַרקער פון אייזען, זי זאָל זיך איינהאַלטען פון טרעהרען. סאָסי האָט זיך דערמאָנט אָן טרויעריגע זאַכען, זיבען און זיבעציג ווייבער, וואָס רייסען פון די הענט, לאָזען נישט פאַרדינען אַ גראָשען, צובאַלעווען די קונה'טעס, מאַכען פון זיי אַ תל, אַ תל! היינט האָט זי זיך דערמאָנט אָן איהר עלטערע טאָכטער וואָס זי איז געשטאָרבען שוין לאַנג, נאָך קינדווייז, ראָסי האָט זי געהייסען; ווען ראָסי זאָל געווען ניט שטאַרבען וואָלט זי שוין איצטער געווען אַ מיידיל צו לייטען און אפשר אַ מאַמע פון קינדער. און אויך אָן איהר מאַן האָט זי דערמאַנט, ווי ער איז נעבעך אָפּגעקומען כל ימיו. געווען אַ פינסטערער קאַליקע, אַ לא יוצלח לשום מלאכה, אַ קראַנקער נעבעך — און סאָסי די טענדלערקע נאָכזאָגענדיג שטילערהייד בתיה דער רופא'טע די הגדה און צושאָקלענדיג זיך גלייך מיט איהר צום טאַקט באַוואַשט זי זיך מיט טרעהרען, און אפילו די פיר̄ואַגערין אַליין, בתיה די רופא'טע, הערט זיך אַליין ניט צו צו די ווערטער פון

דער הגדה וואס גיסען זיך ביי איהר אהן איהר וויסען, דערמאנט זיך אויך אן אידרע אייגענע צרות, און אידרע קינדער וואס זענען אוועק אין דעם ווייטען — ווייטען אמעריקא. זיי שרייבען אפילו פון דארטען גאנץ גוטע בריוולעך, אז זיי מאכען דארטען א גוט לעבען, היינו זיי ארבייטען זעהר א סך און זענען מענשען גלייך; צו בעווייזען ווי גוט זיי איז, האבען זיי איהר געשיקט זייערע פארטרעטען, וואס דארטען רופט מען דאס „פיקטשערס“ און זאגען איהר צו, אז אויב די געשעפטען, אדער ווי ער רופט דאס דארטען די „ביזנעס“ וועלען זיך א ביסעל פארבעסערען וועלען זיי איהר צושיקען עטליכע קערבליך אדער ווי מע רופט דאס דארטען „דאללערס“ מיט א שיפס קארטע און וועלען זי אריבערנעהמען אהינצו אין דעם גרויסען גליקליכען לאנד, וואו אלע מאכען א לעבען, וואו אלע מענשען זענען גלייך, א מענש מעג דארטען אויסציהען זיך אין מיטען גאס פון הונגער, וועט איהם קיינער ניט זאגען קרום געהסט דו... נאר אזוי לאנג קריינקען די שונאים ווי לאנג בתיה וועט ניט פאהרען אהינצו, זי האט דא אויך קינדער. אז ס'איז זיי געבעך ניט גוט, וואס זאל מען טהון? ס'איז א גאטס זאך, אלסדינג איז פון גאט!

אזוי טראכט זיך בתיה די רופא'טע און לייענט די „הגדה“ ווי א וואסער, און זי אליין בעמערקט גאר ניט ווי זי וויינט און גיסט מיט טרעהרען, ביז ס'איז געקומען צום צווייטען כוס פון די ארבע כוסות, אז דער יונגסטער פון די מלכים האט זיך אפגעשטעלט אפטרינקען א ביסעל וויין, האבען זיך אלע ווייבער אליין דערשראקען פאר זייער געוויין, און בתיה די רופא'טע איז אנגעפאלען אויף זיי מיט א געפילדער, זיך אויסגעווישט די אויגען מיט'ן פארטוך און אויסגעשנייצט די נאז.

— וואס האט איהר זיך צויאחמערט פלוצים אין מיטען דרינען? וואס איז היינט יום כפור? צי תשעה באב? געזעהען א ביסעל!

ערשט דעמאלט האבען זיך די ווייבער בערוהיגט, ווען איינע פון זיי האט אונטערגעטראגען דעם מלך א קווארט וואסער מיט א טאז אויף צו וואשען זיך, די אנדערע האט דערלאנגט די הייסע פיש פונ'ם אויבען, די דריטע האט צוגעטראגען דעם חריין. דער יונגסטער פון די מלכים האט געמאכט א ברכה על אכילת מצה, די ווייבער האבען געענטפערט אמן און די סעודה האט זיך אנגעהויבען שטיל, אהן ווערטער.